STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07660

GEZAMELTE SHRIFTEN

Chaim Zhitlowsky

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דר. ח. זשיטלאָווסקי

געזאמעלטע שריפטן

דריטער באַנד

היסטאָרישע אידעען-פאַרבינדונגען

פאַרלאַג ה. בזשאָזאַ
וואַרשע 1932

Copyright 1917
by
Dr. Ch. Zhitlowsky, N. Y.

All rights reserved

Printed in Poland

Dr. Ch. Żytłowski
PISMA t. III.
Wydawnictwo Ch. Brzoza
Warszawa 1932.

Druk. Rekord, W-wa Zamenhofa 18, tel. 537-36.

אינהאַלט:

1. דאָס פּראָגראַם און די ציעלען פון דער טאָגאַטשריפט „דאָס נייע לעבען“.

2. היסטאָרישע אידעען־פערבינדונגען.

3. די געשיכטס־פילאָסאָפיע און דער ענד־ציעל.

4. משה העסס — דער סאָציאַליסט, דער פילאָס[illegible] איד.
(צו דעם הונדערט־יעריקן [illegible] געבורטס־טאָג).

5. דר. מאַקס נאָרדוי און דער [illegible]

דאס פראָגראם און די ציעלען פון דער
מאנאטשריפט „דאס נייע לעבען"

דאָס פּראָגראַם און די ציעלען פון דער מאַנאַטשריפט „דאָס נייע לעבען"

דאָס אידישע פאָלק געפינט זיך איצטער אויף דעם צושיידונגס־פונקט פון צוויי וועגען. איינער פיהרט צו זיין פולער און גאַנצער וויעדערבעלעבונג, דער אַנדערער צו זיין פולען און גאַנצען פערשווינדען צווישען די אַרומיגע פעלקער.

אַזעלכע צייטען זענען תמיד די געפעהרליכסטע און וויכטיגסטע אין דעם לעבען פון אַ נאַציאָן, און די אידען זענען ניט דאָס איינציגע פאָלק, וואָס האָט געהאַט דורכצומאַכען אַזאַ קריזיס. אָבער קיין פאָלק אין דער וועלט האָט ניט געהאַט דורכצוקעמפּפען זיין געפעהרליכע צייט אונטער אַזעלכע [illegible]בטע אומשטענדען, ווי די, וואָס זענען אויסגעפאַלען אויף אונזער גורל. ווי ווילד עס האָבען ניט געברויזט די קרעפטען, וואָס האָבען זיך פערשוואָרען צו מאַכען אַ תל פון אַ פאָלק, האָבען זיי תמיד געפונען אַנטקעגען זיך אַ גאַנצע אומה, פערבונדען אין איינעם דורך אַ געמיינזאַם לעבען אויף איין שטיק לאַנד אין אַן אייגענער היים, פאַר וועמען יעדער איינער איז געווען אָנגעגרייט צו פערגיסען זיין לעצטען טראָפּפען בלוט. זיי האָבען געפונען אַנטקעגען זיך אַ גאַנצען לעבעדיגען פאָלקס־אָרגאַניזם, וואָס האָט נאָך ניט פערלאָרען זיין קאָפּ: זיינע דענקער און זיינע פיהרער. זיי, די דענקער און פיהרער, — די „אינטעליגענץ", — האָבען געקוקט אויג אין אויג דער סכנה, וואָס רוקט זיך אָן אויף דאָס לעבען פונ'ם פאָלק, און לויט זייער שכל, לויט זייערע קענטענעס און אידעאַלען, האָבען זיי געזוכט צו פיהרען זייערע ברידער אין יענעם וועג, וועלכען זיי האָבען געהאַלטען פאַר דעם ריכטיגען.

אין אַ גאַנץ אַנדער לאַגע געפינט זיך דאָס אידישע פאָלק. לאָ די, וואָס מיר זענען צוריסען אויף שטיקער און צוואָרפען אין פערשיעדענע מדינות, האָבען מיר נאָך אויסצושטעהן נאָך אַ גרעסערע צרה: אונז פעהלען די דענקער און פיהרער. אונזערע בעסטע און גרעסטע מענשען זענען שוין לאַנג אָבגעריסען פון אונז, און דער היסטאָרישער גורל פון אונזער פאָלק ליעגט דאָס רוב אין

די הענד פון מענשען, וואס זענען בשום אופן ניט אויסגעוואקסען ביז צו דער הויך פון יענע פראבלעמען, וואס די געשיכטע האט אוועקגעשטעלט פאר זיי. אין דער פערענטפערונג פון אונזער נאציאנאלער פראגע, פון דעם זיין אדער ניט זיין אויף דער וועלט ווי א פאלק, פעהלט אונז קודם כל דער קאמפאס, מיט וועמעס הילף מיר קענען אויסגעפינען דעם ריכטיגען וועג.

שווער איז די לאגע פון א פאלק, אהן פיהרער און דענקער, אוועקגעשטעלט פון דער געשיכטע אויף דעם ברעג פון דעם אבגרונד. און וואס קלארער מיר זעהען דאס איין, אלץ שארפער און ברענענדער ווערט אין אונז דער וואונש, זיינע בעסטע קינדער זאלען זיך צוריקקעהרען צו איהם; אין איינעם מיט איהם לעבען, דענקען און פיהלען; אין איינעם מיט איהם קעמפפען פאר א בעסערע צוקונפט, אדער ביז צום לעצטען טראפען אויסטרינקען דעם כוס פון סם־המות, אויב דער כוס קאן בשום אופן ניט פערמיעדען ווערען.

צום אונגליק איז פאראנען וועניג האפנונג, די אנטלאפענע זאלען אלע קומען צוריק. מיר קאנען זיין צופריעדען מיט דעם, וואס וועניגסטענס א טייל פון זיי, — און ניט דער ערגסטער, — האט זיך דערמאהנט אויף דעם גרויסען חוב, וואס ליעגט אויף איהם בנוגע צו זיין אייגען פאלק. ניט אויפהערענדיג צו רופען די אנטלאפענע, דארף מען דעריבער זעהן מיט אלע כחות, דאס פאלק זאל פון זיך גופא ארויסברענגען אן אינטעליגענץ, וואס זאל זיין מעהר צוגעבונדען צו איהם, איידער די עטליכע דורות געבילדעטע, וואס האבען עס אין גאנצען פערלאזען.

פערגעסען מיר ניט, אז דאס רוב אידישע אינטעליגענטען זענען אויטא־דידאקטען, מענשען, וואס האבען אליין זיך דערשלאגען צו בילדונג און וויסענשאפט: פון דער קלויז און פון ווארשטשטאט, פון דעם קרעמעל און פון דער גאס. דאס רוב אינטעליגענץ האט ניט די פרעמדע שול אבגעריסען פון אונז, דאס פרעמדע בוך האט עס געטהאן. און אויב עס וואלט זיך איינגעגעבען צו שאפען אן אייגען אידיש בוך, דאס הייסט, עפענען פאר אונזער פאלק אלע קוואלען פון וויסענשאפט און בילדונג אין אונזער אייגענער שפראך, וואלט מען געקאנט כמעט זיכער זיין, אז עס וואלט אין א קורצער צייט ארויסגעבראכט ווערען פון דעם פאלק גופא א נייע אידישע אינטעליגענץ, וואס וואלט געווען צונויפגעוואקסען מיט איהם שוין

דורך די שפּראַך אַליין, וועמען זי האָט צו פערדאַנקען איהר אויפקלעהרונג און בילדונג.

אָבער אויך דאָס איז נאָך לעת־עתה אַ האָפנונג, אַן אויפגאַבע, וואָס קאָן דורכגעפיהרט ווערען ערשט מיט דער צייט און מיט די פעראייניגטע קרעפטען פון די, וואָס זעהען איין איהר נויטיגקייט. לעת־עתה מוז יעדער איינער, וואָס איז איין גאַנצען איבערגעגעבען צו די אינטערעסען פון זיין פאָלק און וואָס האָט עפּעס אויפ׳ן הארצען צו זאָגען איהם, פיהלען אַ חוב, ארויסצוטרעטען צו איהם אין זיין שפּראַך גופא, דערקלערען איהם יענעם וועג, וועלכען ער, דער יחיד, האַלט פאר דעם ריכטיגען; אויף וועלבען, ער וואָלט וועלען, דאָס גאַנצע פאָלק זאָל אָנהויבען געהן מיט דער גאַנצער לעבענס־ענערגיע, וואָס איז נאָך ביי איהם פאַרהאַן.

דאָס ציעל פון אונזער נייע צייטשריפט — „דאָס נייע לעבען“ — איז — אָבצוצאָהלען אָט דעם חוב. מיר ווילען רופען דאָס אידישע פאָלק צו יענע ציעלען, וואָס מיר האַלטען פאר די בעסטע, און פאָרשלאָגען איהם יענע וועגען, וואָס מיר רעכענען פאר די ריכטיגסטע.

* * *

אַ לאַנג־יעהריגעס טראַכטען וועגען דעם היסטאָרישען גורל און די לאַגע פון אונזער פאָלק האָט אונז געפיהרט צו דעם געדאַנק, אַז זיין געשיכטע איז נאָך ניט צו ענד; אַז עס מוז אַליין איבערנעהמען איהר ווייטערפיהרונג; אַז עס מוז זיך דערשלאָגען צו אַ זעלבסטשטענדיגען נאַציאָנאַל־קולטורעלען לעבען און זעהן צו פערווירקליכען אין איהם די גרונד־פּרינציפּען פון יענעם נייעם לעבען, וואָס זענען ארויסגעבראַכט געוואָרען פון דער נייער צייט, און אויף וועלכע עס ארבייט נאָך עד היום אָהן אויפהער דער פּראָגרעסיווער געדאַנק פון דער געבילדעטער מענשהייט.

די גרונד־פּרינציפּען פון דעם נייעם לעבען קאָנען אויסגעדריקט ווערען אין איין כלל, דעם כלל פון דעם פרייען מענשען: יעדער איינצעלנער מענש מוז, אויף וויפיעל עס איז נאָר מעגליך, זיך בעפרייען אין זיין דענקען און טהאָן פון אלע קעיטען און צוימען, וועלכע דער בלינדער גלויבען און דער פיהר פון דעם לעבען ווי־

דר. ח. זשיטלאָווסקי

לעבן אָנטהאָן אויף איהם און פערצאַמען זיין שכל און ווילען.

דאָס איז אַ כלל וואָס קאָן ווערען אויסגעלערענט „על רגל אחת“ (אויף „איין פוס“), ווי דער כלל פון הלל הגדול: „מאי דסנא לך להברך לא תעביד“ („וואָס דיר איז ניט ליעב, זאָלסטו דעם אַנדערן ניט טהאָן“). און אויך וועגען איהם, ווי וועגען הלל׳ס כלל, קאָן מען זאָגען די אייגענע ווערטער: „ואידך פירושא הוא“ („דאָס אַנדערע איז אַ פירוש“). די גאַנצע פילאָסאָפישע וועלט און לעבענס־אַנשויאונג איז מעהר נישט ווי אַ פירוש אויף דעם דאָזיגען כלל. אָבער ווי שווער איז געפינען דעם ריכטיגען פירוש! אַ האַלבען יאָהרטויזענד אַרבייט די מענשהייט אויף איהם. זינט דער רעליגיעזער גלויבען און דער טראַדיציאָנעלער פיהר פון לעבען האָבען גענומען, אין דעם סוף פון דעם מיטעל אַלטער, אָבטרעטען זייער פּלאַץ פאַר די פאָדערונגען פון דעם נייעם געדאַנק, זוכט די מענשהייט דעם פירוש און האָט איהם נאָך עד היום ניט אויסגעפונען אויף קלאָר. אין דעם משך פון דעם האַלבען יאָהרטויזענד זענען פערשיעדענע ראַדיקאַלע דענקער דערגאַנגען אַ גאַנצען טוץ ראַדיקאַלע „איזמען“, וואָס האָבען געזאָלט געבען דעם בעסטען פירוש אויף דעם כלל־גדול פון דעם פרייען מענשעי

דער מענש איז געדריקט און געבונדען אין קעיטען, וואָס שטאַמען פון אייגענטהומס־רעכט. די פרייע מענשליכע לאָגיק האָט אַנגעזאָטעלט דעם פּרינציפּ פון קאַמפּף אַנטקעגען דעם „הייליגען“ „מיין און דיין“ און איז דערשפּרונגען אין גאַלאָפּ ביז צו זיין לעצטען לאָגישען ענד — דעם „ק אָ מ ו נ י ז ם“. דער פרייער מענש ליידעט פון דעם צוואַנג, וואָס אויף איהם לעגט אַרויף דאָס געזעץ און דער שטאַאט, און די פרייע מענשליכע לאָגיק, וואָס שרעקט זיך פאַר קיין זאַך ניט אין דער וועלט, האָט אויף דעם זעלבּיגען אופן תיכף אָנגעזאָטעלט דעם פּרינציפּ פון קאַמפּף אַנטקעגען שטאַאט און איז אין דעם זעלביגען גאַלאָפּ דערשפּרונגען צו זיין לאָגיש מעגליכען גרענעץ, — דעם „אַ נ אַ ר כ י ז ם“. דעם פרייען מענשען איז אָפּטמאָל ענג אין די נעצען פון דעם פאַמיליען־לעבען, און די פרייע ראַדיקאַלע לאָגיק האָט זיך שנעל פערגאַלאָפּירט ביז צו „פ ר י י ע ר ל י ע ב ע“ און דעם „ו ו אַ ר י ע ט ע ט ס ־ פּ ר י נ צ י פּ“. אָפּפער האָט זיך פערלאַנגט פון דעם פרייען מענשען אין דעם נאָ־

מען פֿון זיין נאַציאָן, און די פֿרייע לאָגיק האָט תיכף נעענטפֿערט דערויף מיט דעם שאַרפֿסטען היפּך פֿונ'ם נאַציאָנאַלען פּרינציפּ — דעם „ק אָ ס מ אָ פּ אָ ל י ט י ז ם". די מאָראַל האָט וועקסלען דערלאַנגט אויף דעם פֿרייען מענשען אין דעם נאָמען פֿון „ואהבת לרעך", און די פֿרייע לאָגיק האָט געזוכט פּטור ווערען פֿון זיי דורך די טהעאָריע פֿון דעם „ע ג אָ י ז ם". די רעליגיאָן האָט געהאַט אייביגע און פֿיעלפֿאַכע טענות צום מענשען, און די פֿרייע לאָגיק האָט זיי אין גאַנצען מבטל געווען דורך זיין „אַ ט ה ע א י ז ם". פֿער'חלום'ט איז געווען נאָך דער מענש, פֿון עולם הבא'ס געטרוימט, אויף די ערד מיט די מאַטעריעלע גיטער, מיט די גשמיות'דיגע הנאות האָט גר צו ווייניג געקוקט, — און די פֿרייע לאָגיק האָט אויך דאָ אָנגעשטעלט אַ פּרינציפּ און איז אויך דאָ דערשפּרונגען ביז צו אַן „איזם", וואָס האָט נאָך דערווייל ניט געפֿונען זיין נאָמען, וואָס ליגט אָבער אויף דעם גרונד פֿון כמעט יעדער ראַדיקאַלער וועלט־אַנשויאונג. „א י נ ד ו ס ט ר י אַ ל י ז ם" מעג מען איהם רופֿען, דעם גלויבען, אַז די הויפּט־אויפֿגאַבע פֿון דער מענשליכער געזעלשאַפֿט דאַרף זיין — „גיטער" צו שאַפֿען, וואָס מעהר „גיטער", כדי יעדער מענש זאָל זיך קאָנען באָדען אין עשירות און לוקסוס, אין בריוסעלער שפּיצען, שאַמפּאַניער און ביכער, סטאַטועןן, שטרויס־פֿעדערן און בילדער. און אויך אין די געדאַנקען ווי צו דערגרייכען אַט די אַלע „איזמען", האָט די פֿרייע מענשליכע לאָגיק ניט געמאַכט קיין לאַנגע חשבונות און איז בליץ־שנעל דערפֿלויגען צום לאָגיש ראַדיקאַלסטען סוף, דעם „ר ע ו ו אָ ל ו צ י אָ נ י ז ם". „די איצטיגע וועלט שטעהט מיט'ן קאָפּ אַראָפּ, מיט די פֿיס אַרויף. געהם, פֿרייער מענש, און טהו זי אַ קעהר מיט אַ מאָל, מיט די פֿיס אַראָב, מיט'ן קאָפּ אַרויף, און טאָמער וועסטו דאָס ניט ווֹעלען מיט גוטען, וועט דיין לעבען, וואָס ווערט על פּי הכרח אַלץ ערגער און ענגער, דיך צווינגען צו טהאָן זיך אַ הויב מיט אַ מאָל און איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל צורייסען די קעיטען, וואָס שמיעדען איין דיין שכל, דיין האַרץ און דיין ווילען." און ועל כולם איז אויף אַלע ראַדיקאַלע „איזמען" אויפֿגעבויט געוואָרען אַ פֿילאָסאָפֿישער דאַך, וועמעס ראַדיקאַלער פּרינציפּ איז געווען דער „מ אַ ט ע ר י אַ ל י ז ם".

ק אָ מ ו נ י ז ם, אַ נ אַ ר כ י ז ם, פֿ ר י י ע ל י ע ב ע, ק אָ ס מ אָ פּ אָ ל י ט י ז ם, ע ג אָ י ז ם, אַ ט ה ע א י ז ם,

אינדוסטריאליזם, רעוואלוציאניזם און מאטעריאליזם, — די גרונד־זיילען פון דעם ראדיקאלען געדאנק, — זיינען געווען דער פירוש אויף דעם כלל־גדול פון דעם פרייען מענשען. דענקער, וואס האבען געגלויבט נאר אין איינע פון זיי און פערווארפען די אנדערע אדער געהאלטען זיי אין ספק, האט מען בעשולדיגט אין „ניט גאנץ ראדיקאל", אין „ניט גענוג קאנסעקווענט". אוטאפיען האט מען געמאלען, וואו מען האט בעשיינפערלעך פארגעשטעלט דאס לעבען פון דעם ראדיקאל־פרייען מענשען אין דער ראדיקאל־פרייער געזעלשאפט.

אויב איך האב ניט קיין טעות, האט דער פראגרעסיוו־ראדיקאלער געדאנק שוין צום סוף פערציגער יאהרען פון דעם פאריגען יאהרהונדערט גענומען שפירען, אז, אנזאמלענדיג די פערשיעדענע „איזמען" און רייטענדיג אויף זיי, איז ער שוין לאנג אריבערגעשפרונגען די גרענעצען פון דעם מענשליכען ישוב און טראגט זיך ארום אין גאלאפ איבער די וויסטענעס פון דעם ריינעם דענקען, וועלכע נור זיין כח הדמיון האט געקאנט בעפעלקערן מיט לעבעדיגע מענשען. ער האט אבער געזעהן אויסצואווייכען פאלעמיק מיט דער אלטער וועלט, וועלכע האט אונ־ברחמנות, אין דעם נאמען פון דער „מענשליבער נאטור", געצופט און געריסען די אלע סאציאליסטישע און ראדיקאלע אוטאפיען. דער ראדיקאליזם האט געזוכט און געפונען אן אויסוועג אין דעם בלומרשט וויסענשאפטליכען געדאנק פון „אייזערנע געזעצען אין דער מענשליכער ענטוויקעלונג". „דער מענש, זיין נאטור, זיינע אידעאלען זענען א פראדוקט פון די עקאנאמישע אומשטענדען, אין וועלכע ער לעבט", האט גע'טענה'ט דער נייער, בלומרשט וויסענשאפטליכער געדאנק. „ער, זיין נאטור, זיינע אידעאלען בייטען זיך מיט די עקאנאמישע אומשטענדען פון צייט צו צייט. וואס פאר א ווערטה האט דעריבער די פראגע. צי דער אדער יענער „איזם" איז גוט אדער שלעכט, צי דעם מענשענ'ס נאטור לאזט איהם צו, אדער ער געהט איהר להיפך? אויב ער איז איינגעקריצט אין די שטאלערנע טאוולען פון דער עקאנאמישער ענטוויקעלונג, איז דאס א סימן, אז די מענשליכע טבע וועט שוין ממילא באלד שטימען צו איהם, און ער וועט ממילא שוין ווערען „גוט" פאר דער גאנצער געזעלשאפט".

עס איז ניט דא דער ארט צו דערקלערן, פאר וואס אויך אט

דעם בלומרשט וויסענשאַפטליכען געדאַנק מוז מען האַלטען פאַר אַ פערשלייערטע אוטאָפּיע, נאָך אַן ערגערע איידער די אַלטע. פאַר אונז איז וויכטיגער אָנצואווייזען אויף דעם פאַקט, אַז די אַלע דערמאָהנטע „איזמען" פונ׳ם ראַדיקאַלען געדאַנק האָבען שוין פון לאַנג אָן גענומען דורכמאַכען אַ קריזיס, אין וועלכען זיי האָבען, כמעט אַלע, פערלאָרען זייער פריהערע ברייטקייט און עקשנות. זיי לאָזען שוין ארונטער „פּראָצענטען", און אייניגע פון זיי זענען בלי שום ספק פון לאַנג אָן באַנקראָט. פאַר די, וואָס זענען בעקאַנט מיט דעם גאַנג פון דער איצטיגער וויסענשאַפט און פילאָסאָפיע, קאָן שוין גאָר קיין צווייפעל ניט זיין, אַז, צום ביישפּיעל, דער מאַטעריאַליזם און דער אַטהעאיזם האָבען פערלאָרען ביי זיי דעם גאַנצען קרעדיט. דער ריינער קאָמוניזם האָט שוין אַפילו ביי מ אַ ר ק ס ע ן (וואָס האָט אַ לאַנגע צייט געשטאַלצירט מיט דעם נאָמען קאָמוניסט) בעגנוגענט זיך מיט דעם אָבשאַפען פון פּריוואַט־אייגענטהום מעהר נישט, ווי אויף די מיטלען און די געצייג פון דער געזעלשאַפטליכער פּראָדוקציאָן. דער קאָסמאָפּאָליטיזם, די אָבשאַפונג פון נאַציאָנען, האָט שוין אין די זעכציגער יאָהרען אין דער צייט פון דער אינטערנאַציאָנאַלער ארבייטער אַסאָסיאַציאָן, אָנגענומען די געשטאַלט פון „א י נ ט ע ר נ אַ צ י אָ נ אַ ל י ז ם", וואָס דריקט אויס דעם אַלטען געדאַנק פון ישעיהו הנביא: „וגר זאב עם כבש", דער וואָלף און די שעפּס זאָלען לעבען אין איינעם אין פריעדען. ניט די פערשווינדונג פון פעלקער פערלאַנגט דער אינטערנאַציאָנאַליזם, נאָר זייער פערברידערונג, זייער אויסהעלפען איינער דעם אַנדערן אין זייער זעלבסטשטענדיגער, נאַציאָנאַל־פּראָגרעסיווער ענטוויקלונג. דער אינטערנאַציאָנאַליזם איז איצטער, — נאָך אַ קליינעם צוריקפאַל אין קאָסמאָפּאָליטיזם, — ווידער געקומען צו זיך און איז שוין דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז אויף דעם שטוטגאַרטער סאָציאַליסטישען קאָנגרעס האָט ער, דורך דעם מויל פון די בעסטע פערטרעטער פון דעם אַלוועלטליכען פּראָלעטאַריאַט, זיך איינגעשטעלט פאַר דעם פאַטערלאַנדס־פּרינציפּ, און האָט פערלאַנגט אַן אייגענע פרייע היים פאַר יעדעם אונטערדריקטע פאָלק. אַפילו דער אַנאַרכיזם, וואָס האָט אַ לאַנגע צייט געלעבט אָבגעזונדערט פון דער אַלגעמיינער ענטוויקלונג פון דעם פּראָגרעסיווען געדאַנק, האָט אויך אין דער לעצטער צייט אָנגעהויבען דורכלויכטערן זיינע גרונד־געדאַנקען, און

שווין הערט מען דאָ אָדער דאָרטען פון קלענערע אָדער גרעסערע הנחות, וואָס דער אָדער יענער אַנאַרכיסטישער דענקער איז געצוואונגען צו מאַכען דעם ווירקליכען לעבען. ביסלעכווייז הויבט מען אָן איינזעהן, אַז דער אמת ליעגט ניט אין די ענד־בעגריפען פון אַלע די היפכים, ווי פּריוואַט־אייגענטהום — קאָמוניזם, שטאַאַטליכקייט — אַנאַרכיזם, נאַציאָנאַליזם — קאָסמאָפּאָליטיזם, רעליגיאָן — אַטהעאיזם, און אַזוי ווייטער, נאָר ערגעץ וואו אין מיטע פּרינציפּען, וואָס פערביינדען אין איינעם, ווי דער אינטערנאַציאָנאַליזם, יענע טיילען פון אמת, וועלכע ליעגען פערבאָרגען אין ביידע היפכים.

און ניט נאָר בנוגע צו די „איסטישע" אידעאַלען גופא טראָגט אַריין דער נייער גערדאַנק טאָג־טעגליך שינוים; אויך אין דעם פּרט פון פערווירקליכען אידעאַלען אין לעבען שלאָגט זיך דורך דער סינטעטישער, היפכים־פערבינדענדער געדאַנק. אויך די בעגריפען „עוואָלוציאָן" (פּאַמעלעכע, אָהן רעש'דיגע ענטוויקלונג, אָהן אַ שום „ענדציעל") און „רעוואָלוציאָן" (דאָס גרינדליכע איבערקעהרען אַלץ אויף אַ מאָל לויט דעם מוסטער פון דעם אידעאַל) הויבען אָן צו פערלירען זייער פריהערע האַפּעהדיגע עקשנות. מען הויבט אָן וואָס מעהר און מעהר צו פערשטעהן, אַז ניט אַלע מאָל און ניט אומעדום קאָן די פערווירקליכונג פון דעם אידעאַל זיין „אַ שפּרונג פון נויטווענדיגקייט אין פרייהייט", ווי ענגעלס האָט זיך ערגעץ־וואו אויסגעדריקט; און אַז, פון דער אַנדער זייט, מוז די פערווירקליכונג ניט זיין אַ פּראָצעס, וואָס ציהט זיך אַלע מאָל און אומעדום, ווי פון פעך. אויך אין דעם פּרט פון עוואָלוציאָן־רעוואָלוציאָן בעמערקט דאָס טיעפערע דענקען, אַז די צוויי היפכים שטויסען זיך אָן אין לעבען אָן געוויסע גרענעצען, וועלכע נור דער ריין לאָגישער, פיילען־פלינקער געדאַנק האָט געקאָנט אַרויסלאָזען פון אויג; גרענעצען, וואָס די מעהר פאָרזיכטיגע וויסענשאַפט מוז איצטער אויסגעפינען אויף קלאָר, דורך קריטישע שטודיען פון דעם לעבען גופא. אָבער דאָס איז געוויס, אַז דער געדאַנק פון דעם אַלטען ראַדיקאַליזם: „וואָס ערגער, איז בעסער" מאַכט איצטער אומעדום שווער־וועגענדע הנחות צו זיין צד שכנגד, דעם רעיון פון „וואָס בעסער, איז בעסער". „קעמפּף פאַר יעדע, ווען אפילו קלענסטע, פערבעסערונג אין דיין לעבען. דאָס וועט שטאַרק מאַכען

דיין קראפט, פאַנאַנדערברענגען דיין בענקשאַפט צו נאָך און נאָך מעהר און אָנטרייבען דיין ווילען צו ווייטערען קאַמפף, ביז דיין אידעאַל וועט מקוים ווערען אין יענע גרענעצען, וועלכע דאָס לעבען וועט, לויט זיין נאַטור נאָך, קאָנען דערלאָזען“.

וואָס איז דער גרונד־פּרינציפּ פון די אַלע הנחות? וואָס איז דער אמת׳ער פּירוש אויף דעם כלל־גדול פון דעם פרייען מענש, וואָס זאָל אונז געבען אין די הענד אַ פּראָבירשטיין, צו שאַצען דעם ווערטה פון אַלע פאַרצייטיגע „איזמען“, כדי מיר זאָלען זיין אין דער לאַגע צו וויסען, אויף וויפיעל מיר קאָנען אָבטרעטען פון זיי? וועלכע וועלט־און לעבענס־אַנשויאונג קאָן אונז בעלייכטען אונזער איצטיגען נייעם וועג? — דאָס זענען די פראַגען, וואָס שטעהען פאַר יעדען געבילדעטען, ראַדיקאַל־פיהלענדען מענשען, און וואָס קאָנען נים זיין גלייכגילטיג אויך פאַר אונזער אידישער אינטעליגענץ.

* * *

מיר דוכט, אַז אויב וועלכע עס איז פילאָסאָפיע איז ביכולת צו בעפריעדיגען דעם איצטיגען ראַדיקאַלען געדאַנק, פערענטפערען זיינע טהעאָרעטישע ספיקות און אויסהעלפען איהם אין זיינע פּראַקטישע נויטען, איז דאָס דער ק ו ל ט ו ר ־ פ י ל אָ ס אָ פ י ־ ש ע ר א י ד ע אַ ל י ז ם, וועלכער ציהט שוין צו זיך צו, אין אַ סך פּרטים פון זיין פּראַקטישען טייל, אפילו אַזעלכע אָרטאָדאָקסיש־מאַרקסיסטישע דענקער, ווי ק אַ ר ל ק ו י ט ס ק י, וואָס האָט אָנגעהויבען איצטער צו רעדען מיט התלהבות וועגען „עטהישע“ און „רעוואָלוציאָנערען“ אידעאַליזם.

דער קולטור־פילאָסאָפישער אידעאַליזם געהט אַרויס פון דעם מענשען און זיין ק ו ל ט ו ר; דאָס הייסט, פון יענעם פּראָצעס, וואָס האָט דעם מענשען געמאַכט פאַר אַ מענשען; פון יענעם פּראָצעס, אין וועלכען ער האָט אַלע איינדריקע, וואָס ער האָט בעקומען פון דער נאַטור, איבערגעאַנדערשט און אויפגעבויט פון זיי זיינע וויסענשאַפטליכע און פילאָסאָפישע פּאַלאַצען, לויט די בע־וואוסטע און אונבעוואוסטע אידעאַלען, וואָס ליגען טיעף איינגע־וואָרצעלט אין זיין טבע. אַלץ, וואָס רינגעלט אַרום דעם מענשען: דאָס בילד פון דער נאַטור; די טהעאָריען וועגען איהר, וואָס דוכטען זיך איהם, אַז זיי זענען „אייזערנע נאַטור־געזעצען“, און וועלכע ער

שמיעדט איבער פון עפּאָכע צו עפּאָכע; זיינע רעליגיאָנען, זיינע געטער און זיינע „נאַטירליכע אונפעאַמיידליכקייטען“; זיין געזעלשאַפטליכעס לעבען און זיינע געזעלשאַפטליכע אידעאַלען; ז י י נ ע הימלען, ז י י נ ע שטערען און ז י י ן ערד, — דאָס אַלץ האָט ער בעשאַפען אין דעם פּראָצעס פון זיין קולטורעלע ענטוויקעלונג. אַן אַנדער בריאה איידער אַ מענש, וואָלט געהאַט אַן אַנדער הימעל איבער זיך, אַן אַנדער ערד אונטער איהרע פיס. דער ווילדער מענש האָט אַנדערש ג ע ז ע ה ן די נאַטור אַרום זיך, איידער דער קולטור־מענש. די ערד האָט זיך גענומען דרעהען אַרום דער זון ערשט יעמאָלט, ווען קאָפּערניק און זיינע תלמידים האָבען בעוויעזען, אַז דעם מענשענ׳ס שכל איז מחייב די סברא. זי וועט זיך צוריק אָוועקשטעלען אין צענטרום פון דער וועלט, אויב די אַסטראָנאָמיע פון די קומענדע דורות זאָל האָבען בעוויעזען אויף קלאָר, אַז די אַלטע פּטאָלאָמעאישע סברא (מיט נויטיגע שינוים) פּאַסט בעסער צום מענשליכען שכל, שטילט בעסער זיין הונגער נאָך אמת, איידער דאָס נייע סיסטעם פון קאָפּערניק. אַלץ בייט זיך אין דעם מענשענ׳ס קולטור־וועלט, הימעל און ערד בייטען זייערע ערטער. גילטיג פאַר דעם מענשען איז נאָר דער מענש און דער פּראָצעס פון זיין קולטורעלען בעשאַפען, פון זיינע יעדערצייטיגע אידעאַלען...

דער פּירוש אויף דעם פרייען מענשען, וואָס פליעסט אַרויס פון דעם קולטור־פילאָסאָפישען אידעאַליזם, בעשטעהט אין דעם גרונד־אידעאַל, אַז יעדער מענש זאָל בעקומען די מעגליכקייט אָנצופילען זיין לעבען און זיין נשמה מיט דער בעפריעדיגונג, וואָס ער וועט געפינען אין דער בעשאַפונג פון אַלץ בעסערע און בעסערע קולטור־ווערטהען אויף אַלע פעלדער פון דעם מענשענ׳ס קולטור; אדער, לכל הפּחות, ער זאָל קאָנען הנאה האָבען פון די קולטור־ווערטהען, וואָס אַנדערע האָבען בעשאַפען, בעוואוסט מיטצולעבען דאָס וואַקסען פון דער קולטור אין אַלע איהרע צווייגען; אינטערעסירען זיך מיט איהר נישט צוליעב אַ פולערען און פעטערען טאַפּלייזען פאַר זיך און זיין פאַמיליע, נאָר ריין צוליעב איהר גופא, צוליעב דעם טיעפערען אמת, וואָס זי ברענגט אַרוס, דעם העכערן יושר, וואָס זי פּיהוט אויס, דער ריינערער שעהנהייט, וואָס זי אנטפּלעקט און בעשאַפט.

אָט דאָס איז דער פונדאַמענטשטיין פון אַלע „איזמען“. זיי זענען

אַלע נאָר אויף אַזוי פיעל נויטיג, און זייערע גרענעצען געהען נאָר אַזוי ווייט, אויף וויפיעל און ווי ווייט זיי העלפען דעם פרייען מענשען פריי צו שאַפען און צו געניסען קולטור. אין די סאָציאַל־פּאָליטישע פראַגען פאַלען די גרענעצען פון די „איזמען", נאָך מיין מיינונג נאָך, צונויף מיט די גרונד־פּרינציפּען פון יענעם סאָציאַ־ליסטישען סיסטעם, וואָס איז די לעצטע יאָהרען אויסגעוואַקסען אין רוסלאַנד אונטער דעם נאָמען „ד ע ר ר ע ו ו אָ ל ו צ י אָ נ ע ר ע ר ס אָ צ י אַ ל י ז ם". בנוגע צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע דיקטירט דער שטאַנדפּונקט פון דעם פרייען קולטור־מענשען דעם איצט הער־שענדען אינטערנאַציאָנאַליזם, וואָס קעמפּפט ענערגיש ניט נאָר אַנטקעגען דעם נאַציאָנאַליזם, נאָר אויך אַנטקעגען דעם קאָסמאָפּאָ־ליטיזם.

דעם כלל־גדול פון דעם פרייען קולטור־מענשען זאָל דאָס אי־דישע פאָלק, אויף זיין נאַציאָנאַלער אַרט, פּערווירקליכען אין זיין נאַציאָנאַל־זעלבסטשטענדיגען לעבען און העלפען אַלע אַנדערע פעל־קער, זיי זאָלען דעם זעלביגען כלל־גדול פערווירקליכען אין זייער נאַציאָנאַלען לעבען, אויף זייער נאַציאָנאַלען שטייגער.

און דאָס אידישע פאָלק דאַרף אָנהויבען איבערבויען זיין אַלט לעבען אויף די יסודות פון דעם נייעם געדאַנק ניט ערשט יעמאָלט, ווען די סאָציאַלע רעוואָלוציאָן אָדער אַ ניי אויפגעשטאַנענער דר. הערצל וועט איהר פערשאַפען אַן אייגענע היים, נאָר שוין איצטער אין גלות גופא, אין יעדער צייט און אין יעדען לאַנד, אויף וויפיעל דאָס איז מעגליך, לויט זיינע כחות און לויט די אומשטענדען, אין וועלכע עס געפינט זיך. אַן אייגענע היים פאַר דאָס אידישע פאָלק איז אונזער אידעאַל. אָבער אויך דאָ וואָלט געווען אַ גרויסער טעות צו בויען אויף דעם פּעסימיסטישען רעוואָלוציאָניזם און צו גלויבען, אַז דאָס אידישע לעבען אין גלות מוז ווערען פון טאָג צו טאָג ערגער און ערגער, און אַז די ישועה וועט קומען מיט אַ מאָל דורך אַ בלינדען געשיכטליכען צוואַנג, וואָס וועט אונז אַריינטרייבען אין ארץ־ישראל, אָדער ערגעץ־וואו אין אַן אַנדער לאַנד, אָנגעגרייט פאַר אונז פון ששת ימי בראשית. דער היסטאָרישער פּראָצעס בכלל און דער פּראָצעס פון דער אידישער געשיכטע בפרט איז ניט אַן אונבע־וואוסט־נויטווענדיגער, — געטריעבען דורך אַן אייזערנעם „מוז", וואָס שטעהט הינטער דעם שכל, הינטער דעם ווילען, הינטער דעם

געפיהל, — נאָר א בעוואוסט־גויטיגער, בעשאפען פון לעבענס־נויטען און אידעאַלען, וואָס ליעגען אין דעם שכל, אין דעם ווילען, אין דעם געפיהל. דאָס אידעאַל מוז און וועט אויך אויף ווייטער בלייבען דער גלענצענדער שטערן, וואָס ציינט אונז אָן דאָס ציעל, אָבער דער וועג גופא איז דער טאָג־טעגליכער קאמפף פון דעם קול־טור־מענש פאר די בעפרייאונג פון אלע קייטען, וואָס שטערען איהם פריי צו שאפען קולטור און פריי צו גניסען זי.

„קעמפף פאר קולטור און בילדונג פון דיין פאָלק אין דיין שפּראך. זעה צו פערבעסערן דעם פּאָליטישען, עקאָנאָמישען, רעכט־ליכען, נאַציאָנאַלען מעמד פון אלע זיינע קינדער; פיהר אָן דעם קאמפף אומעדום, וואו עס זענען דאָ אידען. קעמפף אָהן מורא, טאָמער פערליערסטו חלילה די מלחמה: דער שכר פון דעם קאמפף איז דער קאמפף, וואָס שטארקט דיינע מוסקעלן, שארפט דיין ווילען און דערהויכט דיך צו דער מדרגה פון א בעוואוסטזיניגען פרייען קולטור־מענש, אָנשטאָט דער איצטיגער מדרגה פון א לאסט־פערד, וואָס ציהט יענעם קולטור־וואָגען, אין וועלכען די אומשטענדען שפּאַנען איהם איין".

אָט דאָס זענען בקיצור די וויכטיגסטע פּרינציפּען, פאר וועלכע „דאָס נייע לעבען" וועט זיך איינשטעלען: קולטור פילאָסאָפישער אידעאַליזם אין אלע פראגען פון וועלט־און לעבענס־אנשויאונג; רעוואָלוציאָנערער סאָציאליזם אין אלע פראגען פון דעם געזעל־שאפטליכען לעבען; אידיש נאַציאָנאַלע ווידערבעלעבונג אין גלות אויף די יסודות פון דעם פרייען קולטור־מענשען — אין אלע פראגען וואָס זענען נוגע דאָס אידישע פאָלק.

דערקלעהרען און בעווייזען די ריכטיגקייט פון די יסודות, אויף וועלכע עס איז אויפגעבויט אונזער פּראָגראַם; אויפווייזען די פעה־לערן און טעות'ען פון פּראָגראַמען און געדאַנקען, וואָס געהען להיפך צו זיי; בעלייכטען מיט זייער גרונד־רעיון די וויכטיגסטע פּאַסי־רונגען וואָס קומען פאָר אין דעם לעבען פון דער מענשהייט און אין דעם לעבען פון אונזער אייגענעם פאָלק, — דאָס וועט זיין די הויפּט־עובדא פון אונזער צייטשריפט. זי וועט ברענגען טהעאָרעטישע אַרטיקלען פון אלע צווייגען פון דער וויסענשאפט און דער קולטור, וואָס האָבען א שייכות צו די גרונד־פראגען. וואָס דארפען איצטער אינטערעסירען דעם פרייען קולטור־מענש בכלל און דעם אידען

בפרט. זי וועט האָבען שטענדיגע ליטעראַרישע כראָניקען וועגען דעם גאַנג פון דעם אַל־מענשליכען פּראָגרעס אין פילאָסאָפיע און וויסענשאַפט, וועגען דער ענטוויקעלונג פון דעם סאָציאַליזם און דער בעפרייאונגס־בעוועגונג (דערהויפּט וועגען דער רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג אין רוסלאַנד) און וועגען די וויכטיגסטע פּאַסירונגען אין דעם לעבען פון דעם אידישען פאָלק.

אויך די קונסט און די בעלעטריסטיק זאָלען ניט פערגעסען ווערען. די אַלטע אידישע קולטור האָט אַזוי פיעל געזינדיגט אַנט־קעגען דעם שר וואָס איז ממונה אויף שעהנקייט, אַז מיר וועלען מוזען ברענגען נאָך אַ סך קרבנות אויף זיין מזבח, ביז ער וועט אין גאַנצען איינשטילען זיין גרים־צאָרן. און איינשטילען וועט ער איהם נאָר יעמאָלט, ווען שעהנקייט וועט פון אונז דערהויבען ווערען צו דערזעלביגער מדרגה, אויף וועלכער עס שטעהען ביי אונז די צוויי אַנדערע זיילען פון דער מענשליכער קולטור: אמת און יושר. שעהנקייט דאַרף אויך פאַר אונז ווערען דער דריטער קולטור־זייל. אַזוי, אַז אויב איינער איז בעשעפטיגט מיט תורה אָדער מעשים טובים און ער יעהט פאַר זיך אַ שעהנעם בוים, אָדער אַ שעהן פעלד, און ער שטעלט זיך ניט אוועק מיט דעם אויסרוף: „מה נאה אילון זה! מה נאה ניר זה!" („ווי שעהן איז דער בוים! ווי שעהן איז דאָס פעלד!") זאָל ער וויסען זיין, אַז ער איז אַ „מתחיב בנפשו", אַז ער בע'גזל'ט זיין נשמה וועניגסטענס אויף אַ שליש פון איהר העכערען לעבען. אָבער, ווי טהייער עס זאָל אונז ניט זיין די קונסט און די ריינע שעהנקייט, וועלען מיר תמיד ארויסטרעטען אַנטקעגען יענע קינסטלער און יענע טהעאָריען פון קונסט און עסטהעטיק (הלכות שעהנקייט), וואָס מאַכען פון איהר אַן אָבגאָט, פאַר וועלכען זיי זענען מקריב אויך דעם אמת און דעם יושר. אַלע דריי זיילען פון דער העכערער מענשליכער קולטור דאַרפען אונז זיין גלייך הייליג, און נאָר אין זייער האַרמאָניע ליעגט דער גליק פון דער מענשליכער נשמה.

* * *

מיר קאָנען גאַנץ גוט די גרויסע מניעות, וואָס שטעהען אין אונזער וועג. ס'איז אונמעגליך, איין מענש זאָל פערטיג ווערען מיט דעם דורכפיהרען פון דעם גאַנצען פּראָגראַם. אָבער מיר זענען זיכער, אַז עס זענען שוין איצטער דאָ ביי אונז ליטעראַרישע און

זויסענשאַפטליכע קרעפטען, וואָס קענען אפשר ניט אין גאַנצען מסכים מיט אַלע פּרטים פון דעם קולטור־פילאָסאָפישען אידעאַליזם, דעם רעוואָלוציאָנערען סאָציאַליזם און דער טהעאָריע פון דער אי־דישער ווידערגעבורט, אָבער וואָס גיהען אין אַלע דריי וועגען אַ גרויסען מהלך אין איינעם מיט אונז און וואָס זענען איבערהויפּט דורכגענומען מיט דעם גייסט פון קריטיק ניט נאָר בנוגע צו די טראַדיציאָנען פון דער אַלטער וועלט, נאָר אויך בנוגע צו דעם אַלטען ראַדיקאַליזם. זיי וועלען מיר זעהן צוציהען צו אונזער אַרבייט. פאַר אַזעלכע דענקער און טהוער זאָל אונזער צייטשריפט, — אויב דאָס איז איהר בעשערט, — ווערען אַ זאַמעל־פּלאַץ פון קאַמפּף און בעשאַפונג. איינינע פון אַזעלכע דענקער, קינסטלער און טהוער האָבען אונז שוין צוגעזאָגט זייער מיטאַרבייט.

די צווייטע מניעה איז די שפּראַך, אָדער, ריכטיגער געזאָגט, דער בילדונגס־גראַד פון דאָס רוב לעזער, אויף וועלכע מיר קאָנען האָפען. די לפי ערך לאַנגע צייט, וואָס מיר האָבען אוועקגעגעבען אויף שרייבען און האַלטען פאָרלעזונגען אין אידיש, האָט פון אונז פערטריבען דעם לעצטען שמץ פון ספק בנוגע צו דער אידישער שפּראַך. עס איז פאַר אונז זיכער און קלאָר, אַז זי האָט אין זיך די קראַפט אויסצודריקען די טיעפסטע און פערוויקעלטעסטע גע־דאַנקען פון וויסענשאַפט און פילאָסאָפיע; אַז אין איהר, ווי אין יעדע אַנדערע קולטור־שפּראַך, קאָנען אַריבערגעטראָגען ווערען אַלע. אַפילו די שווערסטע, ווערק פון דער אַל־מענשליכער ליטעראַטור. זי איז שוין אויסגעוואַקסען פאַר אַ געבילדעטען פובליקום. די שאלה איז אָבער: ווי גרויס איז דאָס אידישע געבילדעטע פובליקום, וואָס וויל זיך „אַראָבלאָזען“ צו איהר און אויסהערען זי? כמעט אַלע פעלקער האָבען אין אָנהויב פון זייער קולטורעלען געבאָרען־ווערען אָדער זייער קולטורעלער ווידער־געבורט דורכגעמאַכט אַ צייט, ווען זייער אינטעליגענץ האָט זיך געשעהמט צו רעדען און צו לייענען אין דעם „פאָלקס־זשאַרגאָן“. אָבער ביי קיין פאָלק האָט ניט אַזוי אונפערשעהמט לאַנג געדויערט דער צושטאַנד, ווי עס דויערט דאָס אונפערשעהמטע שעהמען זיך פון דער אידישער אינטעליגענץ. מען וועט דעריבער מוזען רעכענען, אויב ניט אויף די גאַנץ ברייטע מאַסען, איז, לכל הפחות, אויף די אינטעליגענטערע שיכטען פון זיי. און דאָ איז די צרה, וואָס, אַ דאַנק דעם מאַנגעל פון גערע־

געלטע אידישע פאָלקס-בילדונג, פעהלט זיי כמעט דער אלף-בית פון העברען וויסען. אָבער, ערשטענס, וואַקסט איצטער אומעדום די נויט אין גוטע וויסענשאַפטליכע ליטעראַטור, פון וועלכער די בעסערע כחות פון פאָלק זאָלען קאָנען שעפּען אמת'ע און גאַנצע בילדונג. און, צווייטענס, וועלען מיר און אונזערע מיטאַרבייטער מסתמא זיין געצוואונגען, וועניגסטענס אין דער ערשטער צייט, אַריינצואַרבייטען אין די אַרטיקלען גופא יענע וויסענשאַפטליכע פּאַרקענטעניסען, וואָס זענען נויטיג, צו פערשטעהן דעם גאַנצען ענין.

גאַנץ אויסמיידען די מניעה און אויסמיידען זי אין אַלע אַרטיקלען וועט אפשר זיין לגמרי אונמעגליך. אָבער מיר האָפען, אז דאָס גופא וועט שטאַרקער מאַכען די נויט אין גוטע וויסענשאַפטליכע און פילאָסאָפישע ליטעראַטור, און דורך דעם אָנשפּאַנען די קרעפטען וואָס זענען שוין דאָ, און אַרויסרופען נייע, וואָס וועלען זעהן צו בעפריעדיגען זיי.

אויב אונזער צייטשריפט וועט שוין אין איהרע ערשטע שריט האָבען לכל הפחות די פעולה, וואָס זי וועט אַרויסרופען ביי דעם גרעסערען עולם א דאָרשט צו אמת וויסענשאַפטליכע און פילאָסאָפישע ליטעראַטור אין אידיש, וועלען מיר שוין מיט דעם אליין זיין צופריעדען. דער דאָרשט וועט און מוז געשטילט ווערען. דאָס אידישע בוך וועט און מוז בעשאַפען ווערען, און — אין איינעם מיט איהם, יענע אידישע אינטעליגענץ, וועמען עס וועט גאָר אויפ'ן זינען ניט אַרויפקומען, אז זי זאָל זיין א אי-ישע, ווייל זי וועט עס זיין מיט אַלע פיברען פון איהר נשמה.

ניו יאָרק, יוני 1908.

היסטאָרישע אידען-פערבינדונגען

היסטאָרישע אידעען-פערבינדונגען

ערשטער קאַפּיטעל:

אַ פילאָסאָפישער דיספּוט צווישען קאַרל מאַרקס און פערדינאַנד לאַססאַל.

אין דעם יאָהר 1862 איז פערדינאַנד לאַססאַל געווען צו גאַסט ביי קאַרל מאַרקס'ען אין לאָנדאָן און אין דער צייט איז צווישען זיי פאָרגעקומען אַ פילאָסאָפישער דיספּוט, ניט בצבור, נאָר פּריוואַט.

לאַססאַל און מאַרקס זיינען ביידע געווען תלמידים פון העגעל'ס חדר. ביידע האָבען געגלויבט זיכער און פעסט, אַז זיי האָבען אויסגעפונען דעם לעצטען פילאָסאָפישען אמת. ביידע האָבען געהאַלטען, אַז די אויפגאַבע פון דער פילאָסאָפיע איז צו פערשטעהן די וועלט אַזוי קלאָר און דייטליך, אַז מען זאָל קאָנען אויף יעדע שאלה וועגען יעדער ערשיינונג געבען אַ קלאָרע תשובה, פאַר וואָס די ערשיינונג מוז זיין אַזאַ, ווי זי איז און קאָן ניט זיין אַנדערס; פאַר וואָס די געזעצען פון דער וועלט מוזען על פּי נויטווענדיגקייט זיין דוקא די, און ניט קיין אַנדערע. ביידע האָבען זיך צוגערעכענט צו דעם לינקען ראַדיקאַלען פליגעל אין דער פילאָסאָפיע, וואָס האָט אַבסאָלוט געלייקענט די עקזיסטענץ פון אַ וועלבען עס איז אויסער־וועלטליכען גאָט.

דער סכסוך צווישען זיי איז געווען די גרויסע שטרייט־פראַגע צווישען אידעאַליזם און מאַטעריאַליזם. מאַרקס איז געווען אַ פעסט־איבערצייגטער מאַטעריאַליסט; לאַססאַל — אַ ניט וועניגער הייסער אַנהענגער פון העגעל'ס אידעאַליזם.

אָבער דער שטרייט צווישען אידעאַליזם און מאַטעריאַליזם האָט ביי זיי אין דעם פאַל בעקומען גאָר אַן אַנדער פאָרם. מען האָט זיך געהאַמפּערט ניט וועגען דעם אליין, וועמעס שיטה איז די ריכ־טיגע, די מאַטעריאַליסטישע אָדער די אידיאַליסטישע. מען האָט זיך נאָך מעהר געראַנגעלט וועגען דער פראַגע: וואָס מוז על פּי שכל נויטווענדיג פיהרען צום גלויבען אין גאָט — דער מאַטעריאַליזם אָדער דער אידעאַליזם? מאַרקס האָט געזוכט צו בעווייזען, אַז דער

אידעאַליזם מוז זיין צונויפגעבונדען מיט דעם געדאַנקען פון אַן אויסער־וועלטליכען גאָט, בעת דער מאַטעריאַליזם מוז איצטער פילאָסאָפיש געטראַכט ווערען ניט אַנדערש, סיידען אין פערבינדונג מיט אַטעאיזם. לאַססאַל האָט געוואָלט בעווייזען פונקט דעם היפך, אַז דער מאַטעריאַליזם פיהרט מיט אייזערנער לאָגישער נויט־ווענדיגקייט צו דעם געדאַנקען פון אַן אויסער־וועלטליכען גאָט, בעת דער העגעל׳שער אידעאַליזם איז אינוועניג לאָגיש פערבונדען מיט דעם טרייעסטען און שאַרפסטען אַטהעאיזם.

די פּרטים פון זייער אינטערעסאַנטען דיספּוט זיינען ליידער ניט פערבליבען פאַר אונז. דאָס ביסעלע, וואָס איך ווייס וועגען דעם ויכוח, פערדאַנק איך אַ מינדליכער ערצעהלונג פון הערן עדוארד בערנשטיין, וועמען מען האָט פון דעם גאַנצען דיספּוט אויך ניט אַ סך מעהר דערצעהלט, ווי דעם פאַקט, אַז „לאַססאַל און מאַרקס האָבען זיך אַרומגעוואָרפען מיט גאָט, ווי מיט אַ שפּיעל־באַל“.

ס׳איז גאָר קיין ספק ניט, אַז די אַרגומענטען, וואָס די צוויי גרעסטע גאונים פונ׳ם אידישען פאָלק אין דעם 19טען יאָהרהונדערט, די שאַרפע לאָגישע דענקער, די טיעף געלערנטע מענשען מיט אַ גרינדליכער פילאָסאָפישער בילדונג האָבען אַנגעווענדעט אין זייער ויכוח, זיינען געווען אמת׳ע פּעריל פון פילאָסאָפישער דיספּוטיר־קונסט, און ס׳איז געווים אַ גרויסער עגמת־נפש, וואָס די פּעריל זיינען געבליבען אונבעקאַנט פאַר דער וועלט.

פון דעסטוועגען מיין איך, אַז דער, וואָס איז בעקאַנט מיט די ווערק פון לאַססאַל און מאַרקס און איז מעהר אָדער ווייניגער פער־טרויט מיט דעם בוי פון זייערע געדאַנקען־סיסטעמען, קאָן, ווי־ניט־זוי, זיך מאַכען אַ פאָרשטעלונג לכל־הפּחות וועגען די גרונד־יסודות פון זייער פילאָסאָפישען דיספּוט. די אַקס, אַרום וועלכער ס׳האָט זיך געדרעהט דער גאַנצער סכסוך, האָט געמוזט זיין די פראַגע וועגען דעם מקור פון די נויטוועגדיגע אייביגע געזעצען אין דער נאַטור.

לאַססאַל האָט געקאָנט טענה׳ן: דו ביזט דאָך אויך מודה, אַז די אויפגאַבע פון פילאָסאָפיע איז אַרויסצוגעפינען אויף קלאָר די נויטווענדיגקייט פון אַלץ, וואָס פּאַסירט אויף דער וועלט; און די נויטווענדיגקייט מוז זיין אַזוי קלאָר און דורכזיכטיג, מען זאָל קאָנען אין יעדען מאָמענט אַריינקוקען אין איהר ביז צו איהר לעצטען גרונד. אָבער דער מאַטעריאַליזם, דער געדאַנק, אַז די גאַנצע וועלט

בעשטעהט פון מאַטעריע און אַז מעהר ווי מאַטעריע איז אין איהר ניטאָ, קאָן ניט דערפילען אַט די פאָדערונג פון דער פילאָסאָפיע. אפילו ווען די וויסענשאַפט זאָל אַלע פראָצעסען פון דער וועלט צו־פיהרען בעשטימט צו דער בעוועגונג פון מאַטעריעלע אַטאָמען; אפילו ווען זי זאָל קאָנען אַלץ דערקלעהרען דורך די צוציהונגס־קראַפט, וואָס מאַכט, די אַטאָמען זאָלען זיך צוציהען איינע צו די אַנדערע, בלייבט דאָך די גאַנצע וויסענשאַפט שטעהן ביי דער שאלה: וואו ליעגט דער „מוז“, אַז די אַטאָמען זאָלען זיך צוציהען? דער שכל איז גאָר ניט מחייב, אַז די מאַטעריעלע אַטאָמען זאָלען דוקא האָבען אין זיך אַ צוציהונגס־קראַפט. מען קאָן זיך גאַנץ גוט פאָרשטעלען, אַז אַנשטאָט דער צוציהונגס־ און דער אַבשטויסונגס־קראַפט, וואָס מיר בעמערקען איצטער אין די אַטאָמען, זאָל זייער טבע בעשטעהן אין איין איינציגער קראַפט — דער אַבשטויסונגס־קראַפט. און יעמאָלט וואָלט די גאַנצע וועלט־מאַטעריע צושטויבט געוואָרען און וואָלט זיך צופליהען איבער דעם אונענדליכען וועלטען־רוים. עס וואָלטען יעמאָלט לחלוטין ניט מעגליך געוועזן קיין וועלט־פאַסירונגען; פערשוואונדען וואָלטען געוואָרען אַלע געזעצען, וואָס הערשען אין דער נאַטור. איין איינציג געזעץ וואָלט אפשר געבלי־בען, — דאָס פליהען אָהן אַן אויפהער אין דעם אונענדליכען רוים. מעכאַנישע געזעצען, פיזישע, כעמישע, ביאָלאָגישע, פסיכאָלאָגישע, סאָציאַלע, און היסטאָרישע וואָלטען געוועזן אונמעגליך. הייסט עס, אַלע אַט די געזעצען, וואָס מיר געפינען אויס איצטער אין דער וועלט, הענגען אויף אַ צופעליגען בלינדען פאַקט, וואָס די אַטאָמען האָבען זיך איינע די אַנדערע צוגעצויגען, אַנשטאָט דעם, וואָס זיי האָבען זיך געקאָנט אַבשטויסען: דער אָנהויב פון דער מאַטעריאַ־ליסטישער פילאָסאָפיע איז דעריבער די לעהרע פון אַ בלינדען צו־פאַל, — אַ בלינדען צופאַל דערפאַר, וואָס דער שכל קאָן ניט איינ־זעהן די נויטווענדיגקייט, דעם אבסאָלוטען „מוז“ פון דעם פאַקט פאַר איצטער, און דעריבער האָט ער ניט די לאָגישע קראַפט אָבצו־לייקענען די מעגליכקייט, אַז מאָרגען וועט זיך דער פאַקט אומביי־טען אין זיין היפך. ווי מיר ווייסען ניט פון וואַנען ער שטאַמט, אַזוי ווייסען מיר ניט, וואָס עס האַלט איהם אויף און מיר זעהען ניט אין דער מאַטעריע אַ וואָסער עס איז גרונד, פאַר וואָס דער פאַקט דאַרף אַנהאַלטען אייביג.

און דאָס איז אַלץ גערעדט, אפילו ווען די וויסענשאַפט וואָלט צוריקגעפיהרט אַלץ אין דער וועלט אויף דאָס שפּיעל פון אטאָמען. אין דער אמת'ן אָבער האַלט זי נאָך גאָר ניט אזוי ווייט, און ביי אַ טיעפערע בעטראַכטונג מוז מען איינזעהן, אַז זי קאָן קיינמאָל ניט קומען צו אזא ציעל. די מאַטעריאַליסטישע וויסענשאַפט וועט צום ביישפּיעל, קיינמאָל ניט זיין ביכולת צו דערקלעהרען, ווי אזוי עס האָבען זיך פּלוצלינג בעוויזען פּסיכישע פּראָצעסען אין דער טויטער אונבעוואוסטער מאַטעריעלער נאַטור. אַלץ, וואָס זי וועט אין בעסטען פאַל קאָנען זאגען וועגען דעם ענין, איז, אַז ביי געוויסע אומשטענדען האָט זיך אין אַ בעשטימטער קאָמבינאַציע פון מאַטעריע אַנגעצונדען אַ פונק פון פּסיכישען לעבען. ווי קלאָר און דייטליך זי זאָל ניט בעשרייבען, אונטער וועלכע בעדינגונגען דאָס איז געשעהן, און וואָס פאַר אַ קאָמבינאַציע פון מאַטעריע עס איז נויטיג דערצו, וועט זי קיינמאָל ניט זיין ביכולת געבען אונז קלאָר צו פערשטעהן, פאַר וואָס די קאָמבינאַציע פון מאַטעריע האָט געמוזט אונטער אַזעלכע בעדינגונגען ארויסברענגען דוקא אזא מין ערשיינונג, ווי אַ פונק פון פּסיכישען לעבען. די גאַנצע פּסיכיק איז דעריבער ווידער מעהר ניט, ווי אַ רעזולטאַט פון אַ בלינדען צופאַל.

„עס האָט זיך געמאַכט“, אַז געוויסע פּיצלעך און ברעקלעך מאַטעריע האָבען אין זיך די קראַפט צו דענקען און פיהלען, בעת אַנדערע פּיצלעך און ברעקלעך זיינען לגמרי טויב און שטום. פאַר וואָס האָט זיך דאָס „געמאַכט“? מיר קאָנען זיך דאָך גאַנץ גוט פאָרשטעלען, די מאַטעריע זאָל אומעטום און אייביג בלייבען שטום און אונבעוואוסט ווי אַ שטיין, דעריבער זיינען אַלע געזעצען, וואָס הענגען אָב פון'ם פּסיכישען לעבען, די גאַנצע פּסיכאָלאָגיע, סאָציאָלאָגיע, קולטור־געשיכטע, און די פילאָסאָפיע אַליין מעהר ניט, ווי אַ פּראָדוקט פון אַ בלינדען צופאַל.

און ניט נאָר דאָס. וואָס פאַר אַן איינצעלנעם נאַטור־געזעץ איהר זאָלט ניט אָננעהמען, וועט איהר מוזען מודה זיין, אַז זיין לעצטער גרונד איז פון דעם מאַטעריאַליסטישען שטאַנדפּונקט אונפערשטענדליך. איך וואַרף אַ שטיין אין וואַנד מאַרקירענדיג אַ געוויסען ווינקעל. דער שטיין שפּרינגט אָב צוריק מיט דער זעלביגער קראַפט, וואָס איך האָב איהם געוואָרפען, נאָר ניט אין דער ריכטונג, אין וועלכער ער איז געפלויגען: האָב איך איהם געוואָרפען פון

רעכטס, פליהט ער צוריק לינקס, האָב איך איהם געוואָרפען לינקס, פליהט ער צוריק רעכטס. און אַז איך ציה אין געדאַנק אַ פּערפּענדיקוליאר צו דעם פּונקט, אָן וועלכען דער שטיין האָט זיך אנגעשטויסען, געפין איך, אַז דער אָנשטויס ווינקעל איז אַקוראַט גלייך צו דעם אָבשטויס־ווינקעל. פאַר וואָס מוז דאָס אַזוי זיין? און פאַר וואָס מוז דאָס אייביג בלייבען אַזוי? פאַר וואָס קאָן איך מיר ניט פאָרשטעלען, אַז די טבע פון דער קראַפט זאָל זיין אַזאַ, וואָס זאָל זיך אין גאַנצען אויסשעפּען, ווי נאָר דער שטיין טרעפט אַ ווידערשטאַנד? פאַר וואָס זאָל איהר טבע ניט זיין אַזאַ, אַז דער שטיין זאָל אויך אין אַט דעם פאַל, ווי אין דעם פאַל, ווען איך שליידער איהם נ י ט אונטער אַ ווינקעל, אָבשפּרינגען צוריק אין דער זעלביגער ליניע, אין וועלכער ער איז געקומען? פאַר וואָס מוז דער אָבשטויס ווינקעל זיין גלייך דעם אָנשטויס־ווינקעל?

וויפיעל מיר זאָלען ניט טראַכטען וועגען דער טבע פון דער מאַטעריע, וויפיעל מיר זאָלען ניט בודק זיין אין געדאַנק די טבע פון דעם אַטאָם, וועלען מיר קיינמאָל אין איהם ניט געפינען דעם גרונד, וואָס זאָל אונז מאַכען איינזעהן די אַבסאָלוטע נויטוועדיגקייט פון יענע געזעצען, וועלכע מיר געפינען אויס אין דער נאַטור.

דאָס הייסט, מיט אַנדערע ווערטער, אַז די מאַטעריעלע נאַטור אַליין קאָן אונז ניט דערקלעהרען דעם מקור פון די געזעצען וואָס זיינען אין איהר; אַז אין דער מאַטעריעלער וועלט קאָן ניט ליעגען דער גרונד פון דער געזעצמעסיגקייט. די געזעצמעסיגקייט איז אָבער אַ פאַקט וואָס קאָן ניט געלייקענט ווערען. הייסט עס, אַז פאַר זיין דערקלעהרונג מוזען מיר אָנקומען צו אַן אויסער־וועלטליכען, אויסער־מאַטעריעלען פּרינציפּ, וואָס גיעסט אריין געזעצמעסיגקייט אין דער מאַטעריע. אָבער אַן אויסער־וועלטליכער, אויסער־מאַטעריעלער פּרינציפּ, פון וועלכען עס פליעסט געזעצמעסיגקייט, הייסט אַ גאָט.

גאַנץ אַנדערש ווערט פערענטפערט די פראַגע וועגען דעם מקור פון געזעצמעסיגקייט אין דער נאַטור, ווען מען שטעלט זיך אויפ'ן שטאַנדפּונקט פון העגעל'ס אידעאַליזם. העגעל הויבט אָן צו בעגרינדען די וועלט אָהן אַ שום היפּאָטעזע, אָהן אַ שום סברה וועגען מאַטעריע אָדער גייסט, וועגען אַן „איך", וואָס טראַכט, און אַ וועלט, וועגען וועלכער „איך" טראַכט. ער זאָגט נאָר איין זאַך. אַלץ וואָס

מיר ווייסען אויף זיכער איז, אז עס איז עפּעס פאַראַן, אז עס איז דאָ א „זיין", — און דאָס קאָן ניט אָבגעלייקענט ווערען. קוים גיט מען דאָס אָבער צו, קוים פּערטיעפט מען זיך אין דעם, וואָס עס ליעגט אין געדאַנק פון זיין, אזוי ווערט קלאָר פאר דעם שכל, ווי אזוי דער געדאנק פון „זיין" מוז מגולגל ווערען פון זיך אליין, פון זיין אינ־ווענינגסטער דיאלעקטיק, אין אן אנדער געדאנק און יענער געדאנק נאָך אין אן אנדערען, און אזוי ווייטער. און ווען מען שטעלט צונויף אָט די אלע געדאנקען, וואָס קניטלען זיך ארויס איינער פון דעם אנדערען, זעהט מען איין, אז דער תוך פון דער וועלט איז ניט די מאַטעריע, נאָר דער געדאנק, די אידעע. מען זעהט אויך איין, פאר וואָס און ווי אזוי דער געדאַנק האָט געמוזט מגולגל ווערען אין א מגושם'דיגען מאַטעריעלען „זיין", פאר וואָס אין דעם מגושם'דיגען „זיין" האָבען זיך געמוזט בעווייזען אזעלכע געזעצען און ניט אנדע־רע; ווי אזוי דער געדאנק פון דער וועלט האָט זיך געמוזט ווידער ארויסרייסען פון דער מאַטעריעלער וועלט אין דער פאָרם פון א פּסיכישען בעוואוסטזיין — א געזעלשאַפטליכע און זיטליכע אָרד־נונג, א וועלט־געשיכטע פון דער מענשהייט, רעליגיאָן, קונסט און פילאָסאָפיע. נעהמען מיר אָן, אז די סובסטאַנץ פון דער וועלט איז די אידעע פון דער וועלט מיט אלע יענע גלגולים, וואָס ליעגען לאָגיש אין דער אידעע איינגעוויקעלט, יעמאָלט דאַרפען מיר ניט אָנקומען צו אן אויסער־וועלטליכען פּרינציפּ, וואָס זאָל אריינגיעסען געזעצמעסיגקייט אין דער וועלט — מיר דאַרפען ניט קיין גאָט. און ניט נאָר מיר דאַרפען איהם ניט, נאָר ער האָט דאָרטען גאָר קיין פּלאַץ ניט, ווייל עס ווערט בעוויזען, ווי אזוי די אידעע פון א גאָט איז ניט קיין וועלט־פּרינציפּ, נאָר א קליינינקע וועלט־ערשיינונג, א בעזונדער גלגול פון דער אידעע „זיין", וואָס האָט געקאָנט און גע־מוזט האָבען זיין עקזיסטענץ מעהר נישט ווי אין מענשליכע מוחות צו א בעשטימטער היסטאָרישער צייט.

אזוי האָט געקאָנט טענה'ן לאַססאַל. וואָס מאַרקס האָט גע־קאָנט דערויף ענטפערן, איז שוין ניט אזוי גרינג ווידער אויפצו־בויען. זיינע ארגומענטען זיינען געווים געווען ווייט פון יענעם מאַ־טעריאַליסטיש־פילאָזאָפישען געפּלאַפּעל, וועלכען מיר געפינען ביי ביכנער, פאָכט און מאָלעשאָט, און וואָס בעשטעהט אייגענטליך אין דער פּשוט'ער בעהויפּטונג, אז די וויסענשאַפט האָט „בעוויזען", אז

אַלץ איז מאַטעריע, און ווי באַלד אַ גאָט געהט להיפּך צו מאַטעריע, הייסט עס, אַז ער געהט להיפּך צו דער וויסענשאַפֿט און דעם מאַטע־ריאַליזם. ווי אַלע, באמת טיעפֿע אַטהעאיסטען, ווי אַ ברונאָ בויער, אַ לאַססאַל, אַ שאָפּענהויער, אַ מיינלענדער, האָט אויך מאַרקס גאַנץ גוט געוואוסט דעם חלוק צווישען אַ וויסענשאַפֿטליכען און אַ פֿילאָ־סאָפֿישען בעוויז. ווי אַזוי ביי איהם איז מאַטעריאַליזם געווען צו־נויפֿגעבונדען מיט אַטהעאיזם, קאָן מען איצטער ניט אויפֿווייזען אויף קלאָר, ווייל אַ סך שטעלען פֿון מאַרקס׳ פֿילאָסאָפֿיע זיינען אין ערגעץ ניט פֿערעפֿענטליכט געוואָרען. עס קאָן זיין, זיי ליעגען נאָך ערגעץ וואו פֿערבאָרגען אין בריעף און מאַנוסקריפּטען, עס קאָן זיין ער האָט דעם סוד גענומען מיט זיך אין קבר.

אָבער עס קאָן אויך געמאָלט זיין, אַז ער האָט אָנגעווענדעט אין זיין דיספּוט מיט לאַסאַל איינעם פֿון יענע געדאַנקען, וועלכע מיר געפֿינען אין ענגעלס׳עס פּאָלעמיק אַקעגען דיוהרינג, וואָס האָט אַ שטאַרקע שיכות צו אונזער דיספּוט.

מאַרקס האָט געקאָנט טענה׳ן: דיין געדאַנקענגאַנג, לאַססאַל, איז אפשר זעהר לאָגיש. אָבער גלויבסטו דען, אַז לאָגיק איז דער איינציגער בעוויז און איבערהויפּט אַ בעוויז פֿון דעם פֿילאָסאָפֿי־שען אמת? אויב עס וואָלט געווען אַזוי, וואָלטען כמעט אַלע פֿי־לאָסאָפֿישע סיסטעמען געווען אמת, ווייל זיי זיינען כמעט אַלע גע־ווען לאָגיש. אונזער רבי, העגעל, האָט אונז ביידען געלערנט קו־קען אויף די אינוועניגע לאָגיק פֿון סיסטעמען מיט אַ גאַנץ אַנדער בליק. ער האָט אונז בעוויזען, אַז די פֿילאָסאָפֿישע אמת׳ן זענען צו יעדער היסטאָרישער צייט פֿערשיידען; דאָס, וואָס איז אמת און לאָגיש אין איין געשיכטליכען פּעריאָד, הערט אויף צו זיין אמת און לאָגיש אין אַ אַנדער געשיכטליכער צייט. מיר בעטראַכטען ניט יעדען פֿילאָסאָפֿישען סיסטעם בעזונדער און מיר פֿאָרשען ניט, צי ער איז אמת, אָדער פֿאַלש, ווען ער איז ארויסגעריסען פֿון דעם גאַנצען היסטאָרישען המשך. פֿאַר אונז איז אַ פֿילאָסאָפֿישער סיס־טעם מעהר ניט ווי איין רינגעלע אין דער גאַנצער גרויסער קייט פֿון פֿילאָסאָפֿישע ענטוויקלונג. די פֿילאָסאָפֿיע איז פֿאַר אונז ניט איין איינציגער סיסטעם, נאָר אַן אין־זיך אָבגעשלאָסענע געשיכטע פֿון אַלע סיסטעמען אין איינעם.

דו ווייסט דעם גרונד־כלל, אַז אַן אָבגעשלאָסענע געשיכטע

מוז אויפווייזען דריי גרונד־פּעריאָדען פון איהר ענטוויקלונג. ער־שטענס, דעם טעזיס, אָדער די „זעצונג“, די אַוועקשטעלונג פון דעם גרונד־פּרינציפּ; צווייטענס, דעם אַנטי־טעז, אָדער די „געגענזע־צונג“, די אַנטקעגען שטעלונג פון אַן אַנדער פּרינציפּ, וואָס געהט להיפּך צו דעם פריהערדיגען, און דריטענס, דעם סינטעז, די „צו־נויפזעצונג“, די צונויפגיעסונג פוןביידע היפּכים. די פילאָסאָפיע איז שוין געקומען צו דער לעצטער שטופּע פון איהר ענטוויקלונג, צו איהר לעצטען סינטעז, צו דעם מאָמענט ווען זי שפּרייזט אַרי־בער זיך אַליין און ווערט אוים פילאָסאָפיע. לאָמיר בעטראַכטען די ענטוויקלונג פון דער גאַנצער פילאָסאָפיע, לאָמיר זעהן די לעצ־טע רעזולטאַטען, צו וועלכע זי איז געקומען, וועלען מיר וויסען דעם פילאָסאָפישען אמת, ווייל קיין אַנדערע רעזולטאַטען וועט זי שוין מעהר ניט אַרויסברענגען.

די פילאָסאָפיע פון גריכענלאַנד האָט אָנגעהויבען מיט אַ פּרי־מיטיווען, נאָך ניט קלאָרען מאַטעריאַליזם. דאָס איז געווען דער טעזיס. דער פּרימיטיווער מאַטעריאַליזם האָט אָבער ניט געקאָנט פאַרטיג ווערען מיט דעם פּראָבלעם, ווי אַזוי צו דערקלערען די שיכות צווישען מאַטעריע און דענקען. די נויט קלאָר צו ווערען וועגען דעם ענין האָט געפיהרט צו דער סברה, אַז עס איז דאָ אַ מין דענקענדע זאַך, אַ מין נשמה, וואָס איז פערשיידען פון דעם גוף; די סברה איז מגולגל געוואָרען אין אַ העכערע סברה, אַז די דענ־קענדע נשמה איז אונשטערבליך; פון דעם געדאַנק איז אויסגע־וואַקסען די נאָך העכערע סברה, אַז עס איז דאָ אַ העכסטער אונ־שטערבליכער גייסט, פון וועמען עס שטאַמען אַלע נשמות און אַלע געדאַנקען אין דער וועלט, — אַ איין איינציגער גאָט. דערמיט האָט די פילאָסאָפיע דערגרייכט די העכסטע שטופּע פון אידעאַליזם. דער אַלטער מאַטעריאַליזם איז דאָ איבערגעגאַנגען אין זיין היפּך, — דעם אידעאַליזם. אָבער וואָס ווייטער די פילאָסאָפיע האָט זיך גענומען ענטוויקלען, אַלץ מעהר האָט דער אידעאַליזם געמוזט צוריק מגולגל ווערען אין זיין געגענזאַץ, — אין דעם מאַטעריאַליזם. דער דיאַלעקטישער מאַטעריאַליזם איז דער לעצטער רעזולטאַט פון אַט דער ענטוויקלונג. ער איז אַ מאַטעריאַליזם וואָס איז מגולגל גע־וואָרען פון העגעל'ס אידעאַליזם; ער איז דער היפּך פון דעם היפּך. ווי יעדער לעצטער סינטעז, איז ער ניט פּשוט אַ צוריקקעהר צו דעם

אַלטען, נאָר ער נעהמט אין זיך אריין דעם גאנצען אוצר פון גע־דאנקען, וואס די צוויי טויזענד יעהריגע ענטוויקלונג פון פילאסאָ־פיע, נאַטור־וויסענשאפט און מענשליכע געשיכטע האָבען אָנגעזאַ־מעלט. פון דעם אידעאַליזם נעהמען מיר אריין זיין דיאַלעקטיק. מיט דעם האָט זיך די ענטוויקלונג פון דער פילאסאפיע געענדיגט, זי איז שוין מעהר ניט קיין בעזונדערער „פילאסאפישער" וויסענ־צווייג ווי אלע אַנדערע צווייגען פון דער וויסענשאפט: זי איז אַ איינפאכע וועלט־אנשויאונג, וואָס ווירקט און לעבט און גיעסט אריין איהר גייסט אין אלע אַנדערע וויסענשאפטען.*)

אין דער געשיכטע פון דער פילאָזאָפיע איז דער גלויבען אין גאָט, דער מאָנאָטהעאיזם, געוועזן מעהר ניט ווי אַ בעשטימטע פאָרם פון אידעאַליזם. דער אידעאליזם אינאיינעם מיט דעם מאָנאָטהע־איזם זענען געוועזן א נויטהווענדיגער גלגול פון פילאסאפישען גע־דאַנק צו אַ בעשטימטער צייט, אָבער דער גלגול האָט ווידער גע־מוזט מגולגל ווערען אין דער לעצטער פארם פון'ם פילאסאפישען געדאַנק, אין זיין לעצטען גלגול, — דעם אטהעאיסטישען מאַטע־ריאַליזם. די פראגע פון ...ר לאָגיק איז דאָ גאָר ניט אַזוי וויכטיג. העגעל האָט שוין לאַנג בעוויזען, אַז עס זענען דאָ אילוזיאָנען אין דער לאָגיק, אַזוי גוט ווי עס זיינען דאָ אילוזיאָנען אין די חושים. די פראגע איז, אויב אַ סינטעז, וואָס בינדט צונויף מאַטעריאַליזם מיט דעם גלויבען אין גאָט, קאָן נאָך שפּיעלען אַ ראָלע אין דער גע־

*) "די אנטיקע פילאָזאָפיע וואַר אורשפּרינגליך נאַטורוויכסי־גער מאַטעריאַליזמוס. אַלס זאָלכער וואַר זי אונפעהיג, מיט דעם פער־העלטניס דעס דענקענס צור מאַטעריע אינס ריינע צו קאָמען, די נאָטה־ווענדיגקייט אַבער, היראיבער קלאָר צו ווערדען, פיהרטע צור לעהרע פאָן איינער פאָם קערפער טרעננבארען זעעלע, דאַנן צו דער בעהויפּטונג דער אונשטערבליכקייט דיעזער זעעלע, ענדליך צום מאָנאָטהעאיזמוס. דער מאַ־טעריאַליזמוס וואורדע אַלזאָ נעגירט דורך דען אידעאַליזמוס. אבער אין דער וויטערן ענטוויקלונג דער פילאָזאָפיע וואורדע אויך דער אידעאַ־ליזמוס אונהאַלטבאַר און נעגירט דורך דען מאָדערנען מאַטעריאַליזמוס. דיזער, די נעגאַציאָן דער נעגאַציאָן, איז ניט די בלאָסע ווידער איינ־זעצונג דעס אלטען, זאָנדערן פיגט צו דען בלייבענדען גרונדלאגען דעס־זעלבען נאָך דען גאַנצען געדאַנקענאינהאַלט איינער צוויי... זענדיעהרי־

שיכטע. היות אָבער ווי די לעצטע פאַזע פון דער פילאָסאָפיע איז אַטהעאיסטישער מאַטעריאַליזם, הייסט עס, אַז דיין פערבינדונג פון מאַטעריאַליזם און גאָט האָט ניט קיין דירעקטע ווירקליכע ממשות.

דער פועל יוצא פון דעם דיספוט איז: לאַסאַל טענה'ט: אמת'ער אידעאַליזם איז נויטווענדיג פערבונדען מיט אַטהעאיזם. פון דער אַנדער זייט מוז עהרליכער און טיפער מאַטעריאַליזם פיהרען צו דער סברה פון אַן אויסערוועלטליכען גאָט. מאַרקס טענה'ט פונקט פערקעהרט: מאַטעריאַליזם קאָן מען ניט אָברייסען פון דעם אַטעאיזם און דעם אידעאַליזם ניט אָברייסען פון דעם גלויבען אין גאָט.

אין אונזער היינטיגער ארבייט איז עס ניט אונזער דאגה, ווער פון זיי האָט געטראָפען דעם אמת, אָבער דאָס מוז דאָך זיין יעדען קלאָר, אַזביידע אינאיינעם קאָנען זיי ניט זיין גערעכט. אויב לאַסאַל איז גערעכט, איז יעמאָלט די פערבינדונג פון מאַטעריאַליזם און אַטהעאיזם ניט קיין נויטווענדיגע אידעענפערבינדונג, נאָר עס דוכט זיך אויס, אַז זי איז אַ נויטווענדיגע; אויב מאַרקס איז גערעכט, איז יעמאָלט די פערבינדונג פון אידעאַליזם און אַטהעאיזם ניט קיין לאָגיש נויטווענדיגע, ווי לאַססאַל וויל, ווין אַפילו עס דוכט זיך אויס, אַז זי איז לאגיש נויטווענדיג.

אַלע אַזעלכע אידעענפערבינדונגען, וואָס עס דוכט זיך אויס, אַז זיי זענען לאָגיש נויטווענדיג, וואָס זענען אָבער אין דער אמת'ן, אָדער לאָגיש ניט נויטווענדיג, אָדער אפשר לאָגיש אין גאַנצען אונ-

---

גען ענטוויקלונג דער פילאָזאָפיע אונד נאַטור-וויסענשאַפט, זאָווי דיע-זער צווייטווזענדיעהריגער געשיכטע זעלבסט. עס איזט איבערהאַופּט קיינע פילאזאפיע מעהר, זאָנדערן איינע איינפאכע וועלטאנשויאונג, די זיך ביכט אין איינער אַפּאַרטען וויסענשאַפטסוויסענשאַפט, זאָנדערן אין דען ווירקליכען וויסענשאַפטען צו בעוואהרען אונד צו בעטהעטיגען האַט. דיע פילאזאפיע איזט היער אלזא „אויפגעהאָבען", דאַס הייסט זאָוואָהל איבערוואונדען אַלס „אויפבעוואַהרט"; איבערוואונדען, איהרער פאָרם, אויפבעוואַהרט, איהרעס ווירקליכען אינהאַלט נאַך" (פר. ענגעלס. דיוהרינגס אומוועלצונג 1894, ז. 141).

מעגליך, רופען מיר אָן היסטאָרישע אידעען־פערבינדונגען.

מיר וועלען אין דעם המשך פון אונזער ארבייט דערקלערען, פאַר וואָס מיר רופען זיי „היסטאָרישע“. מיר וועלען ברייינגען ביישפיעלען פון „היסטאָרישע“ אידעענפערבינדונגען אין דער געשיכטע פון דער מענשליכער געדאַנקען־וועלט און וועלען בעווייזען, אַז אויך אין אונזער הייינטיגער געדאַנקענוועלט, קאָן זיין, געפינען זיך ניט וועניג „היסטאָרישע“ אידעענפערבינדונגען, וואָס ווייזען אויס ווי לאָגיש־נויטווענדיגע.

מיר וועלען דערנאָך זעהען אויסצופאָרשען דעם מעכאַניזם, וואָס בעשאַפט „היסטאָרישע“ אידעענפערבינדונגען, כדי צו געפינען ריכטיגע מעטאָדען, ווי אָבצוהיטען זיך פון זיי, אויף וויפיעל דאָס איז מעגליך.

צווייטער קאַפּיטעל.

„לאָגיש“ און „היסטאָריש“. — ביישפּיעלען פון היסטאָרישע אידעען־פערבינדונגען.

דעם פשט פון דעם וואָרט „היסטאָריש“, וואָס איך געברויך דאָ אין מיין ארבייט, האָב איך אריבער גענומען פון דער העגעלשער שוהל אין דער פילאָסאָפיע. דאָרטען ווערט זעהר פיעל גערעדט וועגען „לאָגישע“ און „היסטאָרישע“ קאטעגאָריען. נעהמען מיר צ. ב. דאָס לעבען פון דער מענשליכער געזעלשאַפט און מיר בעטראַכטען עס אין איהר גאַנצער היסטאָרישער ענטוויקלונג, געפינען מיר, אַז זי האָט אין זיך אַ סך יסודות. איינינגע פון זיי זענען איינגעוואָרצעלט אין דער „לאָגיק“ גופא פון דער געזעלשאַפט אויף אַזאַ'ן אופן, אַז דער מענשליכער שכל איז ניט בכח זיך פאָרצושטעלען אַ וועלכע עס איז מענשליכע געזעלשאַפט אָהן זיי, צ. ב. ארבייט און אַ שפּראַך. אַנדערע ווידער האָבען געקאָנט זיין יסודות נאָר פאַר אַ בעשטימטער צייט און נאָר אין יענער צייט האָט זיך געקאָנט אויסדוכטען, אַז זיי זענען איינגעוואָרצעלט אין דער „לאָגיק“ גופא פון דער געזעלשאַפט, ווי צ. ב. די שקלאַפעריי און די אַבסאָלוטע איבערהערשאַפט פון אַ מאָנאַרך. ארבייט און שפּראַך קאָן מען דעריבער אָנרופען „לאָגישע“ קאטעגאָריען פון דער

מענשליכער געזעלשאפט; שקלאַפעריי און אבסאָלוטיזם זענען „היסטאָרישע“ קאַטעגאָריען.

ה ע ג ע ל, וואָס האָט אויסגעפאָרשט די „לאָגיק“ פון דער מענשליכער געזעלשאפט, האָט געוואָלט בעווייזען, אז „אַ קאָנסטיטוציאָנעלער קעניג“, „פריוואַט־אייגענטום“, „פאַמיליע“, „פאָליציי“, „פערברעכען און שטראָף“ און נאָך אַנדערע זענען „לאָגישע“ קאַטעגאָריען, ד. ה. אייביגע, נויטווענדיגע יסודות פון דעם געזעלשאפטליכען לעבען. אָבער זיינע תלמידים, די יונג־העגעליאַנער, וואס זענען נאָכגעגאנגען נאָך איהם אין זיין פילאסאפיע, אָבער ניט אין זיין פאָליטיק, האָבען אָנגעווענדעט זייער גאַנצען כח אויף צו בעווייזען, אַז פיעלע פון די קאַטעגאָריען, וואָס העגעל האָט גערעכענט פאר „לאָגישע“, זענען אין תוך אריין נאָר „היסטאָרישע“. ווייטער פון אַלעמען איז געגאַנגען ל אַ ס ס אַ ל, וואָס האָט אָנגעשריעבען אַ גאַנין בוך: „סיסטעם דער ערוואָרבענען רעכטע“, כדי אויסצופיהרען, אַז די קאַטעגאָריע „פריוואַט־אייגענטום“ איז ניט קיין לאָגישע, נאָר אַ היסטאָרישע. פון די יונג־העגעליאַנער אָן איז דער אויסדרוק: „לאָגישע און היסטאָרישע קאַטעגאָריען“ געװאָרען פאָפולער אין דער פילאסאפיע. און עד היום נאָך האָט אַ זין צו פרעגען, אויב, צ. ב., דער שטאַאט, די פאמיליע, די רעגיערונג, אָדער די רעליגיאָן זענען לאָגישע קאַטעגאָריען, וואָס זענען איינגעוואָרצעלט אין דער לאָגיק גופא פון דעם מענשליכען קולטורעלען לעבען, אָדער בלויז היסטאָרישע, וואָס ע ס ד ו כ ט ז י ך א ו י ס, אַז זיי זענען נויטווענדיגע און אייבינע נאָר צו אַ בעשטימטער, היסטאָרישער צייט.

ביז אַהער האָט מען דעם אויסדרוק „לאָגיש“ און „היסטאָריש“ אָנגעווענדעט נאָר אויף איינצעלנע געדאַנקען, אמת'ען און קאַטעגאָריען. מיר אָבער װענדען זיי אָן אויף די פ ע ר ב י נ ד ו נ ג פון געדאַנקען און אידעען. פאַראַן אַ סך אידעען־פערבינדונגען (צו זיי געהערען כמעט אלע געדאנקען־פערבינדונגען פון דער וויסענשאפט), וואָס דער שכל איז מחייב, אַז יעדערע פון זיי איז אַ „לאָגישע“, אַן אייביגע, אַ נויטווענדיגע, אַזאַ, וואָס איז איינגעוואָרצעלט אין דער לאָגיק גופא פון דעם ענין, וועגען וועלכען עס רעדט זיך. גלויב איך, צ. ב., אַז עס זענען ניטאָ קיין שדים אויף דער וועלט, מוז איך צו דערזעלביגער צייט גלויבען, אַז זיי קאָנען ניט ווירקען אויף דעם

מענשען. דאָס איז אַ קלאָרע לאָגישע אידעען־פערבינדונג, איין גע־דאַנקען איז דאָ ממילא איינגעשלאָסען אין דעם אַנדערען. אָדער: זאָג איך, צ. ב., אַז די מענשליכע ארבייט איז דער איינציגער קוואַל, פון וואַנען עס פליעסט דער גאַנצער ווערטה פון אלע סחורות אין דער געזעלשאַפט, קאָן איך אין דערזעלביגע צייט נ י ט זאָגען, אַז אַ טייל פון דעם געזעלשאַפטליכען ווערטה שטאַמט פון דעם קאַפּיטאַל. דאָס איז אויך אַ קלאָרע לאָגישע אידעען־פערבינדונג. איין גערדאַנקען שטויסט דאָ ממילא אָב דעם אַנדער גערדאַנקען.

ווי איז אָבער מיט דער גערדאַנקען־פערבינדונג פון מאַטעריאַליזם און אַטהעאיזם? פון אידעאַליזם און גלויבען אין גאָט? מוז דער גלויבען אין מאַטעריאַליזם ממילא איינשליסען אין זיך דעם גערדאַנק, אַז עס איז ניטאָ קיין גאָט אויף דער וועלט, ווי דאָס האָט געגלויבט קאַרל מאַרקס און דאָס רוב פון די מאַטעריאַליסטען? אָדער מוז אפשר, פערקעהרט, דער גערדאַנק פון מאַטעריאַליזם נאָר ממילא אָבשטויסען דעם גערדאַנק פון אַטהעאיזם, ווי דאָס האָט געגלויבט פערדינאַנד לאַסאַל? זענען דיביידע אידעען־פערבינדונגען לאָגישע אָדער היסטאָרישע? ביי אַ סך מענשען קומט אויס, אַז די אידעען־פערבינדונג פון מאַטעריאַליזם און אַטהעאיזם איז אַ ריין לאָגישע און קלאָרע. מיר האָבען אָבער אין דעם פאָריגען קאַפּיטעל זיך געפּלייסט צו בעווייזען, אַז דער ענין איז ניט אַזוי פּשוט, ווי עס דוכט זיך אויס. סיי די לאַסאַל'שע אידעען־פערבינדונג, סיי די מאַרקסישע קאָנען בעוויזען ווערען דורך לאָגישע אַרגומענטען. אָבער ביידע אידעען־פערבינדונגען קאָנען ניט זיין אין דער־זעלביגער צייט אמת און לאָגיש. עס מוז אין אונז דעריבער אַרויס־גערופען ווערען דער חשד, אפשר זענען זיי ביידע ניט לאָגישע, נאָר היסטאָרישע אידעען־פערבינדונגען.

אַזוינע אידעען־פערבינדונגען, וואָס ד ו כ ט ע ן ז י ך א ו י ס לאָגיש נויטווענדיג נאָר אין אַ בעשטימטער היסטאָרישער צייט, זענען פול און פיעל אין דער געשיכטע פון דעם מענשליכען דענקען. מיר ווילען איצטער ברייגען עטליכע ביישפּיעלען. ער־שטענס, כדי דער לעזער זאָל בעסער בעקאַנט ווערן מיט דעם ענין פון היסטאָרישע אידעען־פערבינדונגען, און, צווייטענס, כדי צו האָבען מאַטעריאַל אויף אויסצופאָרשען יענע פּראָצעסען, וואָס רופען זיי אַרויס אין לעבען.

א) איינע פון די עלטעסטע און וויכטיגסטע היסטאָרישע אידעען־פערבינדונגען איז געווען די פערבינדונג פון גלויבען אין גאָט און א מאָראַלישען לעבען. נאָר יענער קאָן זיין באמת א מאָראַלישער מענש, — אזוי האָט מען לאַנגע, לאַנגע צייטען נאָכאַנאַנד געגלויבט, — וואָס לייקענט ניט די עקזיסטענץ פון א גאָט. „אמר נבל בלבו: אין אלהים". דער שאַלקהאַפטיגער זאָגט אין זיין האַרצען: ס'איז נישטאָ קיין גאָט. און נאָר דער, וואָס זאָגט אזוינס אין זיין האַרצען, קאָן זיין אַ שאַלקהאַפטיגער. ערשט דער גרויסער סקעפּטיקער פּיערר ב ײ ל האָט אין דעם סוף פון דעם זיעבצעהנטען יאָהרהונדערט פאַנאַנדערגעבראָכען די פעסט צונויפגעשמידטע היסטאָרישע אידעען־פערבינדונג. אין זיין בעריהמטען „היסטאָרישען און קריטישען ווערטער־בוך", וואָס איז צום ערשטען מאָל ארויס אין ראָטערדאַם אין 1695—1697, האָט ער גרינדליך אַוועקגעשטעלט די פראַגע, צי קאָן אַן אַטהעאיסט לאָגישערהייד זיין א מאָראַליש־עהרליכער מענש, און האָט געענטפערט, אז יע. איצטער איז אונז זעהר לייכט איינצוזעהען, אז די פערבינדונג פון רעליגיעזען גלויבען און מאָראַל איז געווען ניט קיין לאָגיש־נויטווענדיגע.

אָבער נאָך אין פּיערר בייל'ס צייטען האָט די היסטאָרישע אידעען־פערבינדונג אויסגעזעהען, ווי אַ לאָגיש־נויטווענדיגע, און זיין ענטפער האָט ארויסגערופען אַ גאַנצע איבערקעהרעניש אין די יעמאָלדיגע מחות. ווי טיעף אונזער היסטאָרישע אידעען־פערבינדונג איז געווען איינגעוואָרצעלט אין דער געדאַנקען־וועלט פון יענער צייט, קאָן מען זעהן פון דעם פאַקט, אז אפילו אזאַ גרויסער און מוטהיגער דענקער, ווי נ ײ ו ט אָ ן, האָט, שוין נאָך דעם, ווי עס איז ארויס בייל'ס ווערטערבוך, אַלץ נאָך גע'טענה'ט, אז דער גלויבען אין גאָט איז אַ נויטווענדיגער פּרינציפּ פאַר דער מאָראַל.*)

און נאָך האָט די וועלט ניט געהאַט קיין צייט זיך אין גאַנצען צו בעפרייען פון דער פריהערדיגער היסטאָרישער געדאַנקען־פערבינדונג, ערשט אין איהר האָט זיך גענומען בילדען אַ נייע, פּונקט

*) אין זיין „אָפּטיק". די צווייטע אויפלאַגע פון איהר איז אַרויס אין 1717. וועגען ניוטאָן'ס געדאַנקען מכח דעם ענין רעדט וו י ל־ מ אַ ן, געשיכטע דעס אידעאַליזמוס, בד. 3, ז. 98.

דער היפּך פון פריהער. זשאַן מעסליע, וואָס איז געשטאָרבען אין 1733, האָט שוין געלערנט, אַז רעליגיאָן און מאָראַל זענען ניט נאָר ניט נויטוועדיג פערבונדען איינע מיט דער אַנדערער, נאָר אדרבא! זיי קאָנען ניט הויזען איינע מיט דער אנדערער. די מאָראַל שטויסט מיט נויטווענדיגקייט פון זיך אָב די רעליגיאָן*). און די נ י י ע היסטאָרישע אידעען־פערבינדונג האָט געפונען אַ סך אַנהענגער צווישען אַטהעאיסטען. שאָפּענהויער, צ. ב., אפשר דער טיעפסטער פון זיי, זעהט צו בעווייזען אין זיינע „פּאַרערגאַ“, אַז די אמת'ע זיטליכקייט שליסט אויס פון זיך דעם גלויבען פון אַ גאָט — אַ וועלט־בעשעפער**).

ב) אַ זעהר אינטערעסאַנטע היסטאָרישע אידעען־פערבינדונג האָט זיך אויסגעבילדעט אין מיטעלאַלטער, אין דער צייט, ווען אין דער יעמאָלדיגער געדאַנקען־וועלט האָט זיך פאַנאַנדערגעברענט דער קאמפּף פאַר און געגען דער וועלטליכער הערשאַפט פון דעם פּויפּסט. אין דעם הימעל פון דעם ריינעם פילאָסאָפישען געדאַנק האָט זיך יענער קאמפּף אָבגעשפּיעגעלט אין דער פאָרם פון אַ ריין פילאָזאָפישער פּלוגתא צווישען די „רעאַליסטען“ און די „נאָמינאַליסטען“.

די רעאַליסטען האָבען, אין איינעם מיט אַריסטאָטעלעס און אַלע זיינע תלמידים פון אַלע צייטען און פעלקער, געגלויבט, אַז די אַלגעמיינע בעגריפען, ווי צ. ב., דער בעגריף „מענש“ בכלל, „בוים“ בכלל, „שטיין“ בכלל, האָבען אַ מין רוחניות'דיגע ממשות, און אַז די רוחניות'דיגע ממשות (די „אידעע“) שטעקט אין יעדען איינצעלנעם מענשען, אין יעדען איינצעלנעם בוים, אין יעדען איינצעלנעם שטיין א. אַז. וו. דעריבער איז די גאַנצע וועלט פול מיט אַזעלכע

*) פערגלייך: דזשאַן מעסליע, „גלויבען און פערנונפט“, איבערזעצט פון ש. יאַנאָווסקי, לאָנדאָן, 1907, די קאַפּיטלעך: 104: „די רעליגיאָן האָט בעשמוצט און פערדאָרבען די מענשליכע זיטליכקייט וכו'“ און 108: „מאָראַל איז אונמעגליך צו פעראייניגען מיט רעליגיעזע מיינונגען“.

**) אין דעם זעלביגען אָרט דריקט ער אויס דעם געדאַנק, אַז אויך דער גלויבען אין „השארת הנפש“ (דעם לעבען פון דער נשמה נאָכ'ן טויט) קאָן לאָגיש ניט פעראייניגט ווערען מיט דעם גלויבען אין אַ גאָט.

רוחניות'דיגע „אידעען", וואָס שטעקען און הערשען אין אלע איינ־צעלנע זאַכען. און אקוראט אזוי ווי די רוחניות'דיגע אידעען הער־שען אין דער גשמיות'דיגער וועלט, אזוי מוז אויך דער פערטרעטער פון דער רוחניות'דיגער וועלט, דער פויפסט, געוועלטיגען אין אלע עולם'ישע ענינים.

די נאָמינאַליסטען, צוריק, האָבען גע'טענה'ט, אז די „אידעע" פון דעם „מענש", פון דעם „בוים" שטעקט גאָר ניט אין דעם מענ־שען און אין דעם בוים, נאָר איז מעהר נישט, ווי אַ פּראָדוקט פון אונזער מענשליכען שכל. פערגלייכענדיג אַ סך בוימער, האָט דער מענשליכער שכל אויסגעפונען סמנים, וואָס יעדער בוים האָט בשותפות מיט אלע אַנדערע בוימער, און האָט פון די סמנים אויפ־געבויט אַן אלגעמיינעם בעגריף: „בוים" בכלל, סתם „בוים". דער בעגריף איז מעהר נישט ווי אַ נ אָ מ ע ן, וואָס דער מענש גיט אַ גאַנצען קלאַס פון זאַכען. די מאַטעריעלע זאַכען זענען זיך בעזונ־דער אין דער וועלט, און דער רוחניות'דיגער בעגריף איז זיך בע־זונדער אין דעם שכל. און אקוראט ווי די רוחניות'דיגע וועלט איז אָבגעטיילט פון די גשמיות'דיגע זאַכען, אזוי דאַרף אויך די גייסטי־גע הערשאַפט פון דעם פויפסט זיין אָבגעזונדערט פון דער וועלטלי־כער הערשאפט פון דעם שטאַאט.

מיר גיבען דאָ איבער די היסטאָרישע אידעען־פערבינדונג אין איהר וויכטיגסטער, קורצער, און דעריבער, על פי נויט, עפּעס גראָ־בער פאָרם. אין דער ווירקליכקייט זענען די אידעען־פערבינדונגען פון רעאַליזם און וועלטליכע פּאַפּסט־הערשאַפט, פון נאָמינאַליזם און אַנטי־קירכליכע הערשאַפט, געוועזען אזוי פיין און לאָגיש־סאָליד אויסגעשפּונען, אַז די יעמאָלדיגע וועלט איז פאַנאַנדערגעשפּאָלטען געוואָרען אין צוויי לאַגערן, און דער וואָס האָט אין דער וויסענ־שאַפט פון דער לאָגיק זיך געהאַלטען פאַר דער שטה פון די רעאַליסטען, האָט אין דערזעלביגער צייט, על פי לאָגישע נויט־ווענדיגקייט, געגלויבט אין דער וועלטליכער הערשאַפט פון פויפסט. און דער, וואָס האָט געלייקענט די וועלטליכע הערשאַפט פון פויפסט, האָט אין דער זעלביגער צייט געמוזט, על פי לאָגישע נויט־ווענדיגקייט, צושטעהען צו די נאָמינאַליסטען אין דער וויסענ־שאַפט...

איצטער שטודירען מיר לאָגיק. פאַראַן צווישען אונז נאָמי־

נאַליסטען, פאַראַן רעאַליסטען (פערשטעהט זיך, ניט אין דער מי־טעלאַלטערליכער פאָרם), און קיינעם קומט נישט ארויף אויפ'ן זי־נען, צו פערבינדען זיינע געדאַנקען מיט דער פראַגע וועגען דער פּויפּסטליכער וועלט־הערשאַפט. די היסטאָרישע אידעען־פערבינ־דונג פון מיטעלאַלטער איז פאַנאַנדערגעפאַלען.*)

נ) רייך אין צאָהל און געדאַנקען זענען יענע היסטאָרישע אי־דעען־פערבינדונגען, וואָס זענען ארומגעוואַקסען ארום דער אידעע פון פּראָגרעס און ענטוויקלונג. מיר האָבען אין אונזער צייט אַ קלאָ־רען בעגריף פון דעם, וועלכער געדאַנק איז פּראָגרעסיוו און וועלכער איז רעאַקציאָנער. אין אונזער צייט, למשל, איז די אידעע, אַז ס'איז ניטאָ קיין פּר ער ווילען, אַ פּראָגרעסיווער געדאַנק. אָבער אין דער אראַבּישער פילאָסאָפיע, אין יענער צייט, ווען זי האָט זיך גענומען ארויסרייסען פון די ווינדעלעך, אין וועלכע די רעליגיאָן האָט געהאַלטען דעם מענשליכען שכל, ווען זי האָט זיך גענומען שטעלען אויף איהרע אייגענע פיס און קריטיש בעטראַכטען אַלע יסודות פון דער יעמאָלדיגער וועלט, האָט די פּראָגרעסיווסטע פי־לאָסאָפישע פּאַרטיי פון יענער צייט, די מ ו ט א ז י ל י ט ע ן („אל מעתזלה“ ביי דעם רמב"ם) אויפגעהויבען אַ קאַמפּף אנטגעגען דער אַלטער וועלט אין דעם נאָמען פון דעם פרייען ווילען. זייערע געגנער, די א ש א ר י א ט ע ן, וואָס האָבען זיך פילאָסאָפיש איינגעשטעלט פאַר דעם גרונד־געדאַנק פון דער מאָהאַמעדאַנישער רעליגיע, אַז ס'איז ניטאָ קיין בחירה חפשית, אַז אַלע מענשליכע האַנדלונגען זענען שוין פון אייביג אָן אויף אַ פריהער בעשטימט געוואָרען פון דעם געטליכען ווילען, האָבען זיך גענייגט אויף דער זייט פון ד ע ם אָ ק ר י ט ס מ א ט ע ר י א ל י ז ם. און אויף אַזאַ'ן אופן האָט דאָרטען דער מאַטעריאַליזם און די ניט־פריישאַפט פון ווילען געשפּיעלט אַ רעאַקציאָנערע ראָלע; דער אַנטי־מאַטע־ריאַליזם און די ווילען־פריישאַפט — אַ רעוואָלוציאָנערע. ביי די

---

*) זי לעבט נאָך איצטער מעהר נישט ווי ביי די נעאָ־סכאָלאַסטיקער, וואָס פּלויסען זיך איבערצובויען נאָך אַ נייעם מוסטער דעם אַלטען פילאָ־סאָפישען בנין פון דער קאַטוילישער קירכע. אָבער זיי שפּיעלען נאָך קיין ראָלע ניט אין דעם גייסטיגען לעבען פון דער צייט.

אשאריאיטען זעהען מיר דאָ ווידער אַן אינטערעסאַנטע אידעען־פערבינדונג פון מאַטעריאַליזם און גלויבען אין גאָט. אזא פערבינ־דונג איז מעגליך, ווי מיר האָבען בעוויזען אין דעם ערשטען קאַ־פיטעל. דיזעלביגע אידעען־פערבינדונג פון מאַטעריאַליזם און גלויבען אין גאָט געפינען מיר ביי דעם קירכען־פאַטער טערטוליאַן און ביי איינעם א וועלטליכען פילאָסאָף פון דעם 18טען יאהרהונ־דערט, דוקא א וויכטיגען, שאַרל באָננע (געשט. 1793), איי־נעם פון די, וואָס האָבען אוועקגעשטעלט די פסיכאָלאָגיע אויף אַ פיזיאָלאָגישען פונדאַמענט. אַלץ איז מאַטעריע, האָט געלערנט באָננע, און אַלע פּאַסירונגען אין דעם מענשליכען גייסט זענען אין גאַנצען בעדינגט דורך די בעוועגונגען אין די נערוועז. און אַט די מאַטעריאַליסטישע געדאַנקען זיינע האָט ער לאָגיש צונויפגעבונדען ניט נאָר מיט א גלויבען אין גאָט, נאָר אויך מיט דעם גלויבען אין תחית המתים....

איידער מיר געהען איבער צו אַנדערע ביישפּיעלען ווילען מיר נאָך בעמערקען, אַז די מוטאַזיליטען האָבען זיך אייגענטליך ניט נעדאַרפט אַזוי שרעקען פאַר דעם מאַטעריאַליזם. ווייל — מי לנו גדול מעפּיקור? וואָס דאַרף מען א בעסערען מאַטעריאַליסט, איי־דער עפּיקור? און ער האָט געגלויבט, אַז ניט נאָר די מענשליכע נשמות, — וואָס זענען אַזוינע קיילעכדיגע, פייערדיגע אַטאָמען, — האָבען א פרייען ווילען, נאָר יעדער מאַטעריעלער אַטאָם האָט זיין פרייען ווילען אין זיך... איז די פערבינדונג פון מאַטעריאַליזם און דעטערמיניזם (דאָס אָבלייקענען פון ווילען־פריישאַפט) אויך ניט מעהר ווי אַ היסטאָרישע אידעען־פערבינדונג?

ד) אין דער איצטיגער צייט, איינער זאָל ארויסטרעטען מיט דעם אַסטראָלאָגישען געדאַנק, אַז די שטערן און די מזלות האָבען אַ שליטה אויף דעם מענשליכען גורל, וועט מען איהם בעטראַכטען פאַר אַ רעאַקציאָנער און צונויפפּאָרען איהם מיט יענע, וואָס גלוי־בען אין נסים און מופתים. אבער אין דעם אָנהויב פון דער נייער צייט איז די אַסטראָלאָגיע געווען די רעוואָלוציאָנערסטע וויסענ־שאַפט, וואָס האָט געקעמפפט אַנטקעגען נסים און מופתים. מען קאָן זי אָנרופען דעם מאַרקסיזם פון יענער צייט. זי איז געווען דורכגענומען פון דעם געדאַנק, אַז אַלץ, וואָס פּאַסירט אונ־

טער דער זון, פּאַסירט נאָך אייביגע אונמערענדערליכע געזעצען, וואָס זענען בעשטימט דורך דעם אייביגען גלאַף פון די שטערען און די גלגלים. און אלץ, וואָס האָט געהאט אַן אָנהויב, מוז האָבען אַ סוף. דעריבער האָבען זיי געוואָלט ביי די שטערען דערגעהן אויך דעם סוף פון דער קריסטליכער רעליגיע...

ה) מיר זענען איצטער געוועהנט צו בעטראַכטען אַלע געזעלשאַפטליכע אינסטיטוציעס (שקלאַפעריי, אייגענטהום, פאַמיליע) ווי אַ רעזולטאַט פון אַ נאַטירליכער געזעצמעסיגער ענטוויקלונג, ניט ווי אַ פּראָדוקט פון אַ פרייען אָבמאַך צווישען מענשען. דער געדאַנק פון נאַטירליכער ענטשטעהונג איז פּראָגרעסיוו, די אידעע פון אַ פרייען אָבמאַך — רעאַקציאָנער. אין גריכענלאַנד איז אָבער די מעשה געווען פונקט פערקעהרט. די וואָס זענען געשטאַנען פאַר שקלאַפעריי, האָבען געלערנט, אַז זי איז ווי אַלץ אין דער געזעלשאַפט, ארויסגערופען געוואָרען אין לעבען דורך נאַטירליכע געזעצען („פיזאַי“). די וואָס האָבען געקעמפפט אַנטגעגען שקלאַפעריי האָבען געגלויבט און געלערנט, אַז זי איז, ווי דער גאַנצער סדר פון דער געזעלשאַפט, מעהר ניט ווי אַ פּראָדוקט פון אַ הסכם, פון אַן אָבמאַך צווישען מענש און מענש („טעזאַי“). ביי אונז איז „פיזאַי“ רעוואָלוציאָנער און „טעזאַי“ רעאַקציאָנער.

ו) אין דער ענטוויקלונג פון דעם איצטיגען פרייען געדאַנק האָט אַ גרויסע ראָלע געשפּיעלט די ש ט ה פ ו ן ד אָ פּ ע ל ט ע ן א מ ת. דער פילאָזאָפישער אמת און דער רעליגיעזער אמת זענען סותר איינער דעם אַנדערן, און פון דעסטוועגען זענען ביידע גלייך אמת. אין דער איצטיגער צייט וואָלט אַזאַ שטה געווען רעאַקציאָנער, ווייל זי וואָלט אַרומגערינגעלט די רעליגיאָן מיט אַ פעסטונג, וואָס זאָל אויסהאַלטען דעם אָנפאַל פון דעם פרייען געדאַנק. אין יענער צייט אָבער האָט דער „דאָפּעלטער אמת“ געשפּיעלט אַ רעוואָלוציאָנערע ראָלע, ווייל ער האָט בעפרייט דעם פילאָסאָפישען געדאַנק פון אַלע טענות ותביעות פון דער רעליגיאָן. דער פילאָסאָפישער אמת, אַז די וועלט איז אייביג, אַז עס איז ניטאָ קיין השארת הנפש, ניטאָ קיין תחית המתים, ניטאָ קיין נסים ונפלאות ריהרט ניט אָן דעם רעליגיעזען אמת, אַז די וועלט איז בעשאַפען, אַז די נשמה לעבט אייביג, אַז זי וועט זיך צוריקקעהרען

אין דעם מענשליכען גוף, אַז גאָט האָט בעוויעזען מופתים און וואונ־דער. און ווייל די פילאָזאָפיע קאָן ניט אָנריהרען דעם אמת פון דער רעליגיאָן, דעריבער זאָל די רעליגיאָן זיך ניט אריינמישען אין דעם גאַנג פון דער פרייער פאָרשונג.

ז) מיר האָבען אויבען געזאָגט, אַז די אידעענפערבינדונג: „עס זענען ניטאָ קיין שדים, דעריבער קאָנען זיי ניט ווירקען אויף דעם מענשען“ איז אַ קלאָרע און לאָגיש נויטווענדיגע. מוז אָבער איינער, וואָס גלויבט אַז שדים קאָנען ניט ווירקען אויף מענשען, אַלע מאָל גלויבען, אַז קיין שדים זענען ניטאָ? אין פלוג, מוז ער. אין דער ווירקליכקייט אָבער האָט דער געדאַנק: „שדים זענען דאָ, אָבער זיי קאָנען נ י ט ווירקען אויף דעם מענשען“ דורכגעפיהרט איינע פון די וויכטיגסטע רעוואָלוציעס אין דער געשיכטע פון דעם מענשליכען פרייען געדאַנק. איינער פון די שרעקליכסטע קאַפּיט־לאַך אין דער געשיכטע פון דעם מענשליכען דענקען איז דער קאַ־פּיטעל וועגען דעם גלויבען אין שדים און אין רוחות. וויפיעל אונ־שולדיגע קרבנות זענען פערברענט געוואָרען פון דער אינקוויזיציע אויף דעם חשד, אַז זיי האָבען געהאַט וועלכע עס איז מחזקות מיט דעם טייוועל! און וויפיעל ראיות האָבען די געלערנטע פון דער אינקוויזיציע צונויפגעקליבען, כדי צו בעווייזען קלאָהר ווי דער טאָג, אַז דער טייוועל שטעהט אין פערבינדונג מיט געוויסע מענ־שען, דערהויפּט מיט פרויען. אַ גאַנצע „וויסענשאַפט“, די „דעמאָ־נאָלאָגיע“, איז אויסגעבילדעט געוואָרען, וועלכע האָט געשעפּט איהר מאַטעריאַל פון די הייליגע ספרים, פון די פילאָסאָפישע חקירות, פון די פאָלקס־מעשות און פון יענע עדות, וואָס זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרען ביי די העקסען־פּראָצעסען. און אָט די גאַנ־צע שדים־און־בייזע־רוחות־וועלט האָט פון קיינעם ניט בעקומען אזא שטאַרקען קלאַפּ, ווי פון דעם האָלענדער דענקער ב אַ ל ט אַ ז אַ ר ב ע ק ק ע ר (געשטאָרבען 1698). אין זיין שריפט: „די פער־כשופ׳טע וועלט“, וואָס איז אַרויס אין דעם יאָהר 1690 און איז באַלד אַריבער געטראָגען געוואָרען אין אַלע וויכטיגע שפּראַכען פון דער געבילדעטער וועלט, בעווייזט בעקקער, אַז, אַזוי ווי די רוחניות־דיגע וועלט קאָן ניט האָבען, ווי ד ע ק אַ ר ט האָט געלערנט, קיין שום שייכות צו דער מאַטעריעלער, איז דעריבער ממילא דערפון גע־

דרונגען, אַז שדים און רוחות קאָנען ניט ווירקען אויף אַ מענשען. אַלע פאַקטען, וועלכע די אינקוויזיציע האָט צונויפגעקליבען, בעווייזען נאָר איין זאַך, אַז זי האָט געהאַט צו טהאָן מיט נערוועזע און גייסטיג קראַנקע מענשען, וועלכע מען מוז היילען. אויף אַזאַ אופן האָט דער געדאַנק, אַז שדים זענען דאָ, צונויפגעבונדען מיט דעקאַרטס געדאַנק, אַז אַ רוחניות קאָן ניט ווירקען אויף גשמיות, אַריין געבראַכט די גרעסטע פּראָגרעסיווסטע איבערקעהרעניש אין די מחות פון דער געבילדעטער וועלט.

נאָר גענוג ביישפּיעלען פון די אַמאָליגע צייטען! מיר דוכט, דער לעזער קאָן איינזעהן פון זיי, וואָס אַזוינס זענען היסטאָרישע אידעען־פערבינדונגען און וואָס פאַר אַ ראָלע זיי האָבען געמוזט שפּיעלען אַמאָל. וואָס טהוט זיך אָבער מיט אונזער איצטיגער גייסטיגער וועלט? האָבען מיר אויך דאָ אידעען־פערבינדונגען, וואָס דוכטען אויס, זיי זענען לאָגישע, אָבער באמת זענען זיי מעהר נישט, ווי היסטאָרישע? איך וויל דאָ אויסרעכענען, אָהן אַ בעזונדער סדר, אַ גאַנצען צעטעל פון געדאַנקען־פערבינדונגען, וואָס דאָס רוב פון די מאָדערנע ראַדיקאַלע דענקער מיינט, אַז זייער אמת איז אַקוראַט אַזוי קלאָר בעווייזען, ווי דער אמת פון צוויי מאָל צוויי איז פיער.

א) דער וואָס איז אַ מאַטעריאַליסט, מוז לייקענען די עקזיסטענץ פון אַ גאָט. (וועגען דעם האָבען מיר שוין גערעדט).

ב) דער וואָס איז אַ מאַטעריאַליסט, מוז לייקענען דעם פרייען ווילען. (דאָס האָבען מיר שוין אויך אָנגעריהרט).

ג) דער וואָס גלויבט אין דער היפּאָטעזע פון ענטוויקלונג, קאָן ניט גלויבען אין גאָט.

ד) דער וואָס קעמפּפט פאַר דעם פּראָגרעס פון דער מענשהייט, מוז זיין אַ קאָסמאָפּאָליט און לייקענען, אַז נאַציאָנען זענען דאָ און אַז זיי מוזען קעמפּפען פאַר זייער קיום אויף דער וועלט.

ה) דער וואָס איז אַ סאָציאַליסט, מוז אין דער זעלביגער צייט זיין אַ מאַרקסיסט.

ו) דער וואָס איז אַ מאַרקסיסט אין דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע, מוז אין דער זעלביגער צייט זיין אַ מאַרקסיסט אין דער געשיכטספילאָזאָפיע און אין אַלע אנדערע צווייגען פון דער גייסטיגער קולטור־וועלט.

ז) דער וואָס וויל אָבשאַפען קאַפּיטאַליזם, מוז גלויבען אין דער ארבייט־ווערטה־טעאָריע, וואָס זאָגט, אַז דער קאַפּיטאַל קאָן בשום אופן ניט בעשאַפען קיין ווערטה.

ה) דער וואָס קעמפּפט פאַר אַ בעסערע צוקונפט פון דער מענשהייט אויף דער וועלט, מוז אויך קעמפּפען אנטקעגען רעליגיאָן, אין וועלכער פאָרם זי זאָל ניט אַרויסטרעטען.

ט) דער וואָס האַלט, אַז דער מענש שטאַמט אָב פון אַ נידע־ריגערער חיה, און גלויבט מיט ד א ר ו ו י נ ע ן, אַז די העכערע ברואים שטאַמען פון די נידריגערע, מוז אויך גלויבען, אַז דאָס איז געשעהען, אַ דאַנק דעם קאַמפּף פאַר עקזיסטענץ, דעם נאַטירליכען און סעקסועלען אָבקלייב און דער פערערבליכקייט פון יענע סמנים, וואָס די איינצעלנע בריאה האָט געוואונען אין לעבען.

י) אויב די נאַטירליכע ענטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט געהט דורך קאָנצענטראַציע פון קאַפּיטאַל אין ווייניגע הענד און פּראָלעטאַריזאַציע פון די גרויסע מאַסען, איז יעמאָלט מעגליך, דער סאָציאַליזם זאָל מקוים ווערען, און עס האָט אַ זין, צו קעמפּפען פאַר אָן ענדציעל. אויב אָבער דער וועג, וועלכען מ א ר ק ס האָט אָנגעגעבען, איז ניט ריכטיג, אויב די מיטעלקלאַסען פערשווינדען ניט פון דער געזעלשאַפט, האָט יעמאָלט קיין זין ניט צו קעמפּפען פאַר אַ סאָציאַליסטישען ענדציעל.

יא) דער וואָס איז אַ סאָציאַליסט, מוז לייקענען אין דער שטה פון מאַלטהוס, אַז די מענשהייט פערמעהרט זיך שנעלער, איידער די מיטלען צו בעפריעדיגען איהרע בעדערפנישען.

יב) דער וואָס איז אַ סאָציאַליסט, מוז לייקענען אין דער שטה פון פעסימיזם, וואָס זאָגט, אַז דאָס לעבען ברייננט דעם מענשען מעהר ליידען, איידער פרייד. און דער וואָס איז אַ פעסימיסט, האָט ניט וואָס צו טהאָן מיט דעם סאָציאַליזם.

יג) דער וואָס שטעהט פאַר גלייכבערעכטיגונג פון פרויען, מוז אין דערזעלביגער צייט גלויבען, אַז אין דעם ענין פון פעהיג־קייטען איז די פרוי אין קיין פּרט ניט נידעריגער פאַר דעם מאַן.

יד) דער וואָס איז אַ סאָציאַליסט, אָן אַנאַרכיסט אָדער גלאַט אַ פּראָגרעסיווער מענש, מוז גלויבען, אַז דאָס העכסטע פאַר דעם מענשען אויף דער וועלט, איז ה נ א ה ה אָ ב ע ן, און תענוג איז דאָס העכסטע ציעל, וואָס צו איהם דאַרף שטרעבען דער מענש.

טו) דער וואָס שטעהט פאַר דער דערהאַלטונג פון דעם אידי־שען פאָלק, דאַרף אויך שטעהן פאַר די דערהאַלטונג פון דער אי־דישער רעליגיע. אַ איד, וואָס גלויבט אין קריסטוס, קאָן ניט זיין קיין נאַציאָנאַלער איד: ס'איז אַ זאַך, וואָס געהט להיפּך צו דעם שׂכל.

טז) דער וואָס איז אַ ציוניסט, מוז קעמפּפען, העברעאיש זאָל זיין די נאַציאָנאַלע שפּראַך פון'ם אידישען פאָלק.

און נאָך, און נאָך, און נאָך, — ס'איז ניט אויסצורעכענען אויף איין מאָל אַלע יענע אידעען־פערבינדונגען, וואָס אונטער זייער שליטה שטעהט דער מאָדערנער אידישער און אַלגעמיין מענשלי־בער געדאַנק. זענען זיי אַלע לאָגיש נויטווענדיג? פאַר אַ סך מענשען ווערט איצטער וואָס אַ טאָג אַלץ קלאָהרער, אַז צ. ב. סאָ־ציאַליזם און קאָסמאָפּאָליטיזם, סאָציאַליזם און קאמפּף אנטקעגען רעליגיע זענען ניט קיין לאָגיש־נויטווענדיגע אידעען־פערבינדונגען, נאָר היסטאָרישע. אָבער אויך אויף אַלע איבעריגע פון דעם צעטעל און נאָך אויף אַ סך, וואָס זענען דאָ ניט אויסגערעכענט, וואַרפען מיר ארויף דעם זעלביגען חשד. מיר ווען זיך איצטער ניט פער־נעהמען מיט דעם פאַנאַנדערקלייבען פון יעדער אידעען־פערבינדונג בעזונדער. לאָמיר בעסער איבערגעהן צו יענע פּראָצעסען, וואָס בעשאַפען היסטאָרישע אידעען־פערבינדונגען. און איידער מיר טהון דאָס, האָב איך נאָך צו דעם לעזער אַ קליינע בקשה.

איך האָב בעמערקט אין לעבען, אַז דער אידישער לעזער איז דאָס רוב נאָך ניט געוועהנט צו אַ ריין אָביעקטיווען שטודירען פון געדאַנקען, אין וועלכע ער גלויבט ניט. ממה נפשך, טראַכט ער, זענען זיי פאַלש, איז וואָס זאָל איך מיר אינטערעסירען מיט זיי? ביי אַ פילאָסאָפישער חקירה איז איהם שווער אריין צו טראַכטען זיך אין די ארגומענטען, אויב ער האַלט, אַז זיי קאָנען ניט זיין אמת. איהם אינטערעסירט ניט די פראַגע: ווי אַזוי איז יענער געקומען צו אַזעלכע געדאַנקען? קודם כל זוכט ער, צו פערענטפערען: „וואָס האַלט איך פון יענע געדאַנקען?“

דער וואָס וויל אָבער אויספאָרשען היסטאָרישע אידעען־פער־בינדונגען, מוז זיך אויפהויבען אויף אַ ריין־אָביעקטיווען שטאַנד־פּונקט, פאַר וועלכען אַלע אמת'ען, וואָס אין זיי האָבען מענשען געגלויבט, אָדער גלויבען נאָך עד היום, האָבען אַלע גלייכע שאַנסען

צו זיין אמת אָדער פאַלש. דעריבער בעט איך דעם לעזער, וואָס וויל אויך ווייטער געהן מיט מיר אין וועג, ער זאָל קיינמאָל ניט ארויסלאָזען אָט דעם שטאַנדפּונקט פון זינען.

דער וואָס וויל ג ע פ י נ ע ן דעם אמת, מוז איהם זוכען, און דער וואָס וויל ז ו כ ע ן דעם אמת, מוז איהם — ווענינגסטענס אויף א ווײַלע — פ ע ר ל י ע ר ע ן...

דריטער קאַפּיטעל.

ווי בעגריפען קייטלען זיך.

אין דעם צווייטען קאַפּיטעל פון אונזער ארבייט האָבען מיר געבראַכט א בײַשפּיעל פון א היסטאָרישער אידעען־פערבינדונג פון דעם סוף מיטעלאַלטער, וואו א געוויסע טעאָריע אין דער ריין־לאָגישער וויסענשאַפט האָט זיך פערבונדען מיט א ריין־פּראַקטישער פּאָליטישער פראַגע: די טעאָריע פון „רעאַליזם" און „נאָמינאַליזם" אין דער לאָגיק מיט דער פראַגע וועגען דער וועלט־הערשאַפט פון דעם פּויפּסט.

מען האָט געקאָנט מיינען, אז נאָר דעם מיטעלאַלטערליכען דענקער האָט געקאָנט אריין פאַלען אזא המצאה אין זינען. צו ווייט איז ריינע לאָגיק פון דעם פּראַקטישען לעבען, ערנסטע מענשען זאָלען באמת וועלען צונויפפּלאָנטערן פּאָליטישע נויטבעדערפניסען פון דער צייט מיט דער אייביגער שאלה: איז די „אידעע" מעהר נישט, ווי א „נאָמען", בעשאַפען פון אונזער שכל, אָדער זי האָט א וועלכע ס'איז רעאַליטעט אין דער דרויסענדיגער וועלט? סײַדען אין מיטעלאַלטער, ווען דער מענשליכער געדאַנק האָט זיך געריסען אין הימעל און ווענינ געטראַכט וועגען דער זינדיגער ערד, האָט געקאָנט אזוינס פּאַסירען. אזוי קאָן מען מיינען.

אין דער אמת'ן אָבער איז דער מיטעלאַלטער דערינען ניט שולדיג. אויך אין דעם נײַנצעהנטען יאָהרהונדערט איז פון זעהר ערנסטע, פּראַקטישע און טיעף דענקענדע קעפּ, וועמעס גייסט איז מיט אלע נערוועןן געוועזען צוגעבונדען צו די לעבענס־נויטען פון זייער צייט, אויסגעארבייט געוואָרען אן אידעען־פערבינדונג, וואו פּראַקטיש־פּאָליטישע פּראָבלעמען האָבען זיך צונויפגעגאָסען מיט

פראגען פון דער ריינער לאָגיק, כמעט אויף דעם זעלביגען שטייגער, ווי דאָס איז געשעהען אין מיטעלאלטער. מיר מיינען דאָ די אידעען־פערבינדונג, וועלכע מ א ר ק ס און ע נ ג ע ל ס האָבען אויפגעבויט צווישען די אינטערעסען פון דעם פראָלעטאריאט און דער ה ע ג ע ל ' שער דיאלעקטיק. דער וואָס שטעהט אויף דעם שטאנד־פונקט פון דעם פראָלעטאריאט, — אזוי זאָגט איצטער אָט די געדאנקען־פערבינדונג,—דארף על פי לאָגישע נויטווענדיגקייט זיך אין דער פילאָסאָפיע האלטען פאר דער דיאלעקטישער לאָגיק, וואָס לערנט, אז אלץ אין דער נאטור געפינט זיך אין בעוועגונג און אז יעדע בעוועגונג שטאמט פון אן אינווענינסטען „ווידער־שפרוך“ און אז יעדע בעוועגונג לויפט דורך די דריי סטאדיעס פון דער בעריהמטער העגעל'שער „טריאדע“: זעצונג (טהעזיס), געגענזאטץ (אנטי־טהעזיס), צונויפזעמצונג (סינטהעזיס).

איך בעדארף ניט צו זאָגען מיינע לעזער, אז אויך אָט די געדאנקען־פערבינדונג בין איך שטארק חושד אין דעם, אז זי איז ניט קיין לאָגיש־נויטווענדיגע, נאָר א היסטאָרישע, ד. ה. אזא וואָס דוכט זיך, זי איז לאָגיש נויטווענדיג נאָר אין א בעשטימטער היסטאָרישער צייט, ביי א בעשטימטער גרופע פון מענשען.

ווי מיר האָבען שוין בעמערקט אין דעם סוף פון דעם פאָריגען קאפיטעל, וועלען מיר זיך איצט ניט אָבשטעלען אויף דעם פאנאנדערקלייבען פון איינצעלנע היסטארישע אידעען־בעהעפטונגען. מיר געהען איבער צו יענע פראָצעסען, צו יענע קרעפט, וואָס האָבען זיי בעשאפען, און די נאָר וואָס דערמאָהנטע אידעען־פערבינדונג האָב איך געבראכט מעהר נישט ווי צוליעב דעם, דער לעזער זאָל האָבען פאר די אויגען א וועלכען עס איז ביישפיעל, בעת מיר רעדען וועגען די אונז אינטערעסירענדע פראָצעסען.

דענקט מען וועגען דעם ביישפיעל פון „פראָלעטאריאט“ און „דיאלעקטיק“, פרעגט מען זיך קודם כל: ווי קומט דאָס „פראָלעטאריאט“ צו דער „דיאלעקטיק“? וואָס פאר א מחותנים זענען דיביידע בעגריפען איינער מיט דעם אנדערען? און די פראגע געהט איבער אין אן אלגעמיינערע פראגע: ווי אזוי ווערען איבערהויפט בעגריפען, וואָס זענען ווייט איינער פון דעם אנדערן כמעט ווי הימעל און ערד, אזעלכע נאָהענטע מחותנים צווישען זיך?

יעם פראָצעס, ווי אזוי עס קאָנען פערבונדען ווערען צוויי בע־

גריפען, וואָס זענען ווייט .,יינע פון די אנדערע, האָט צום ערשטען מאָל טיעף אויסגעפאָרשט שאָפּענהויער אין זיין הויפּט־ווערק: „די וועלט אַלס ווילע אונד פאָרשטעלונג". ער געהט אַרוים פון דעם געדאנק, וועלכען אַ סך לאָגיקער האָבען שוין גע־וואוסט פאַר איהם, אַז יעדען בעגריף קאָן מען פאָרשטעלען ווי אַ קרייז, אַ ספּערע, אַ רינג, וואָס קאָן:

א) אָדער אריין אין גאַנצען אין אַ גרעסערען קרייז אָדער רינג, ווי צום ביישפּיעל, דער בעגריף „מענש", וואָס געהט אין גאַנ־צען אריין אין דעם קרייז „לעבעדיגע וועזען";

ב) אדער אריין נעהמען אין זיך אין גאַנצען אַ קלענערען רינג אָדער קרייז, ווי צ. ב., דער בעגריף „מענש", וואָס נעהמט אין זיך אריין אין גאַנצען דעם בעגריף „אַמעריקאַנער";

ג) אָדער צונויפקעיטלען זיך מיט אַן אַנדער רינג, ד. ה. אריין נעהמען אין זיך נאָר אַ טייל פון דעם אַנדער רינג און לאָזען דעם אַנדער רינג אריין נעהמען נאָר אַ טייל פון זיך. צ. ב. די בעגריפען: „אידען" און „אַמעריקאַנער". אַ טייל אמעריקאַנער זענען אידען און אַ טייל אידען זענען אמעריקאַנער.*)

שאָפּענהויער שטעלט זיך אָב בפּרטיות אויף דער דריטער אַרט פון ספערען־פערבינדונגען און בעווייזט, ווי אַזוי אַ ניט גאָר פאָר־זיכטיגער געברויך פון בעגריפען־פערקעיטלונג קאָן פיהרען צו די גרעבסטע טעות'ן אין געדאַנקען, און עס זאָל אויסדוכטען, אַז אַלץ איז פיין־לאָגיש און גלאַטיג. די הויפּט סכנה ליעגט אין דעם, וואָס דער פערשטאַנד געהט איבער פון איין בעגריף צו דעם אַנדערן, פערגעסענדיג, אָדער ניט וויסענדיג, אַז די בעגריפען זענען נאָר אין אַ קליינעם טייל שייך איינער צו דעם אַנדערן.

אָט אין אַזאַ מין איבערגעהן פון בעגריף צו בעגריף זעהען מיר איינע פון יענע קרעפטע, וואָס בעשאַפען היסטאָרישע אידעען פער־בינדונגען. דעריבער וועט דער לעזער קיין פעראיבעל ניט האָבען, ווען מיר ווילען דאָ ברייגנען כמעט אַלע ביישפּיעלען, וועלכע שאָ־פּענהויער פיהרט אָן צו דערקלעהרען זיין געדאַנק. אייגענטליך

*) פערגלייך די רוסישע איבערזעצונג פון שאָפּענהויער'ס „וועלט אַלס ווילע", זייטע 52 און ווייטער. די צוויי אַנדערע אַרטען פון בעי־גריף־שיכות'ען זענען פאַר אונז ניט אינטערעסאַנט.

זיינען אַלע ביישפּיעלען נאָר איין ביישפּיעל, ווי אזוי דער בע־גריף: „ארום־פאָהרען" (רייזען) קאָן דורך פערשיידענע אופנים פערבונדען ווערען סיי מיט דעם בעגריף „גוט" (ארום־פאָהרען איז גוט), סיי מיט דעם בעגריף „שלעכט" (ארום־פאָהרען איז שלעכט). יעדען בעגריף, וואס שפּיעלט דערביי א ראָלע, רינגעלט ער ארום אין א קרייז און מאכט פון אלע בעגריפען איין טאבעלע אזוי, אז מען זעהט פאר די אויגען בעשיינפערליך דעם גאנצען נעץ פון בע־גריפען און בעגריפען־קעיטעלעך, וואס זענען אָנגעהאנגען אן דעם צענטראַל־בעגריף: „ארום־פאָהרען" און וואָס פערלויפען זיך רעכטס אין דער בעגריף־ספערע: „שלעכט" און לינקס — אין דער בעגריף־ספערע: „גוט". מיר רייסען דא פאנאנדער דעם גאנצען נעץ און גיעבען דאָ די בעגריף־קעיטלעך בעזונדער, איינס נאָך דעם אנדערן.

א ר ו ם ־ פ אָ ה ר ע ן — אויסגעבען געלד — פערליערען זיין איינענם — ארויסרופען אָרעמקייט — ש ל ע כ ט.

א ר ו ם ־ פ אָ ה ר ע ן — לאָזען זיך אין געפאהר — ארויסוויי־זען העלדישקייט — פערדיענען אכטונג — ווערען אן אויטאָריטעט — געווינען דעם צוטרוי פון דער געזעלשאפט — ווערען א קאנדי־דאט אויף א קהל'שע שטעל — רייך ווערען — ניצליך זיין — ג ו ט.

א ר ו ם ־ פ אָ ה ר ע ן — פערמעהרען זיין ערפאהרונג — בע־קאנט ווערען מיט פיעלע אנגענעהמע זאכען — פערמעהרען זיינע בעדערפניש — פאנאנדערברענגען זיינע ליידענשאפטען — צו־שטערען די זעעלענרוה — ש ל ע כ ט.

א ר ו ם ־ פ אָ ה ר ע ן — פערמעהרען זיין ערפאהרונג — פער־מעהרען זיינע קענטעניס — בערייכערען די וויסענשאפט — ארויסרופען ליעבע צו איהר — אָברוקען אויפ'ן צווייטען פּלאַן די ווייסטע בעדערפעניסען — געווינען זעעלענרוה — ג ו ט.

א ר ו ם ־ פ אָ ה ר ע ן — לאָזען זיך אינ'ם אונגעוויסע — רי־זיקירען — זיך אריין לאָזען אין געפאהר — שטעלען דאָס לעבען אין קאָן — ש ל ע כ ט.

א ר ו ם ־ פ אָ ה ר ע ן — ערהאַלען די געזונדהייט — לעבעדי־גער מאכען די ענערגיע — שטארקער מאכען די ארבייטס־פעהיג־קייט — ענערגישער נעהמען זיך פאר זיינע געלד־געשעפטען — האָבען מעהר פּרנסה — רייך ווערען — ניצליך זיין — ג ו ט.

די בעגריפען־פערקעיטעלונג, וועלכע שאָפּענהויער האָט דאָ
אויסגעאַרבייט, איז געמאַכט געוואָרען אין דעם גייסט און מיט די
אידעאַלען פון אַן עהרליכען „יוסטען בעל־הבית“. וואָלט אַן אַנדער־
מענש זי געמאַכט, אין אַן אַנדער גייסט און מיט אַנדערע אידעאַלען
אין קאָפּ, וואָלט ער אויסגעקליבען גאַנץ אַנדערע רינגעלעך פאַר
זיינע פערקעיטעלונגען, פאַר דאָס צונויפבינדען פון דעם געדאַנקען־
רינג: „אַרום־פאָהרען“ מיט די געדאַנקען־רינגען: „גוט“ און
„שלעכט“. אָבער אויך שאָפּענהויער האָט געוויס ניט אויסגעשעפּט
אַלע מעגליכע פערבינדונגען, וואָס קאָנען געמאַכט ווערען מיט דעם
בעגריף: „אַרום־פאָהרען“. ער האָט אַן איהם אָנגעקעיטעלט נאָר
זעקס בעגריפען: „אויסגעבען געלד“, „לאָזען זיך אין געפאַהר“,
„פערמעהרען זיין ערפאַהרונג“, „לאָזען זיך אינ׳ס אונגעוויסע“,
„פאַנאַנדער־טרייבען דעם אומעט“, „ערהאַלען די געזונדהייט“,
וואָס האָבען געגעבען דעם אָנהויב צו זיעבען קעיטלעך. געוויס קאָ־
נען נאָך אַנדערע רינגען צוגעקעיטעלט ווערען צו דעם זעלביגען בע־
גריף אזוי, אז די צאָהל פון די בעגריפען, וואס זענען אריינגעגאַנ־
גען אין די פערקעיטעלונגען, וואָלט נאָך העכער געשטיגען און עס
וואָלטען אַרויסגעקומען נאָך וואונדערליכערע פערבינדונגען, אײ־
דער: „אַרום־פאָהרען“ און „ווערען אַ קאַנדידאַט אויף אַ קהל׳שע
שטעל“ אָדער „אַרויסרופען ליעבע צו דער וויסענשאַפט“. דאָס
בעווייזט ווי פּלאַסטיש עס איז אונזער בעגריפען־מאַטעריאַל, ווי
לייכט ער לאָזט זיך בויגען און קנעטען און ווי לייכט ס׳איז דורך אַ
פּלפּול „צונויפפיהרען אַ וואַנד מיט אַ וואַנד“, אויב מען פערשטעהט
נאָר, ווי אויסצוזוכען די פּאַסענדע רינגעלעך, וואָס זאָלען צונויף־
שטעלען די פערבינדונגס־קעיט.

די ראָלע פון פּלפּול אָדער בעגריפען־פערקעיטעלונג איז אזוי
גרויס כמעט אין אַלע היסטאָרישע אידעען־פערבינדונגען, אז איך
וואָלט וועלען דער לעזער זאָל ווערען גאַנץ נאָהענט פערטרויט מיט
איהר. בעגריפען־פערבינדונגען שפּיעלען איבערהויפּט אַ צו גרויסע
ראָלע אין דעם טהעאָרעטישען שאַפען פון דער מענשהייט. מען קאָן
זאָגען, אז דער גרעסטער טייל פון דער הענעל׳שער דיאַלע־
לעקטיק פערדאַנקט זיין עקזיסטענץ דעם פאַקט, וואָס הענעל האָט
זיך צופיעל פערלאָזען אויף דעם „נאַטירליכען איבערגאַנג פון איין
בעגריף אין זיין געגענזאַץ“, און האָט ניט בעמערקט, אז אָט דער

נאַטירליכער איבערגאַנג איז אַ משוט'ער פּלפּול, אַ בעגריפֿען־פֿער־קניפּונג אויף דעם זעלביגען שטייגער, ווי דאָס האָט שאָפּענהויער געמאַכט מיט דעם בעגריף: „ארום־פֿאָהרען". גאָר אין אָנהויב פֿון זיין בערימטער „לאָגיק" ווערט אויפֿגעבויט די בעגריפֿען־פֿער־קניפּונג צווישען „זיין" און „גאָר נישט", וועלכע מיר קאָנען אריין ברענגען אין אזא פֿאָרמעל:

זיין — זיין בכלל — סתם זיין — ניט קיין בעשטימטער זיין — ניט קיין זיין פֿון קיין זאַך ניט — קיין זאַך ניט — גאָר נישט — ניט זיין.

וואָלט העגעל קלאָהר געזעהען, אז אַן דעם בעגריף „זיין" קאָן אָנגעהענגט ווערען ניט נאָר דער בעגריף: „זיין בכלל", נאָר אויך דער בעגריף: „זיין בפּרט", ניט נאָר דער „סתם זיין", נאָר אויך דער „בעשטימטער זיין", וואָלטען מיר אפשר געהאַט גאָר אַן אַנדערע העגעלשע פֿילאָזאָפֿיע:

זיין — זיין בפּרט — בעשטימטער זיין — דער זיין פֿון „אָט דער" זאַך — די איינצעל־זאַך — אַן אינדיווידיאום — ניט קיין כלל־בעגריף — ניט קיין אידעע — אויס אידעאַליזם!

עס פֿערשטעהט זיך, אז איך וויל דערמיט ניט זאָגען, אז די גאַנצע העגעלשע פֿילאָסאָפֿיע און די דיאַלעקטיק הענגען אויף דעם ערשטען בעגריפֿען־קניטל פֿון די ערשטע בלעטלעך פֿון העגעל'ס „לאָגיק" און אז ווי נאָר מיר שניידען איבער דאָס ערשטע קניטעלע, אזוי פֿאַלט פֿאַנאַנדער די גאַנצע נעץ. מיר ווייסען גאַנץ גוט, אז די העגעל'שע דיאַלעקטיק האָט אַ סך פֿעהלערען און אז זיי שטאַמען פֿון אַ סך קוואַלען און — נאָך מעהר — אז זי האָט ניט נאָר פֿעה־לערען, נאָר אויך אַ סך מעלות אין זיך. מיר זאָגען נאָר, אז אַ גרוי־סער טהייל פֿון די פֿעהלערען שטאַמט פֿון העגעל'ס צופֿיעל פֿער־טרויען אויף דעם מענשליכען שכל און איבערהויפּט אויף די פֿער־בינדונגען פֿון בעגריפֿען. איהם איז ניט קלאָר געווען זייער פּלאַסטישע, בויגיגע, קניטעלדיגע נאַטור, וואָס דערלאָזט, מען זאָל זיי קירעווען וואוהין מען וויל, אָנגעטריעבען פֿון אונבעוואוסטע נטיות און אינטערעסען.

איך וויל דאָ ברענגען נאָך אַ פּאָר ביישפּיעלען פֿון בעגריפֿען־פֿערקניטעלונגען, וואָס איך האָב אליין צוניפֿגעשטעלט און וואָס האָבען שוין אַ נעהענטערע שייכות צו דער פֿראַגע וועגען היסטאָרי־

שע אידעען־פערבינדונגען. איך נעהם דאָ די בעגריפען: „נאציאָנאַליזם“, „גלויבען אין גאט“, „פּראָלעטאריער“, „דער קליינער בעל מלאכה“, „פּאָליטישער טערראָר“ און פערקעיטעל יעדען פון זיי מיט דעם בעגריף: „דערנעהענטערען“ אָדער „דערווייטערען די סאָציאַלע רעוואָלוציע“. אויך פּרקעיטעל איך דעם בעגריף: „סאָציאַליזם“ מיט די בעגריפען: „פּראָגרעס“ און „שטיל־שטאַנד“. דער לעזער וועט אַלע בעגריפען־קעיטען לייכט פערשטעהן אָהן אַ פירוש, אויב ער וועט ניט איבערגעהן פון איין בעגריף צום אַנדערן, ביז ער וועט ניט איינזעהן זיין נאָהענטע לאָגישע קרובה'שאַפט צו זיינע שכנים.

נאַציאָנאַליזם — ליעבע צו דעם אייגענעם פאָלק — פאַנאַנדערשיידען צווישען אייגענע און פרעמדע — פערבינדונג פון אַלע אייגענע — פערבינדונג פון פּראָלעטאַריאַט און בורזשואַזיע — פערטונקלען דאָס קלאַסענבעוואוסטזיין פון'ם פּראָלעטאַריאַט — דערווייטערן די סאָציאַלע רעוואָלוציע. אָדער אויך:

נאַציאָנאַליזם — קאַמפף געגען פרעמדע — קאַמפף געגען דאָס פרעמדע פּראָלעטאַריאַט — צושפּאַלטונג פון דעם פּראָלעטאַרישען קלאַס — פערטונקעלונג א. ז. וו. ווי פריהער.

נאַציאָנאַליזם — שטרעבען זיך צו בעפרייען פון פרעמדע — שטרעבען צו זעלבסטשטענדיגקייט — בעפרייען פון נאַציאָנאַלען פרעמדען יאָך — מבטל זיין די סאָלידאַריטעט צווישען דעם נאַציאָנאַל־אונטערדריקטען פּראָלעטאַריאַט און דער נאַציאָנאַל־אונטער יאָכטער בורזשואַזיע — פערשאַרפען דעם קלאַסען קאַמפף — ענטוויקלען דאָס קלאַסענבעוואוסטזיין פון'ם פּראָלעטאַריאַט — דערנעהענטערען די סאציאלע רעוואלוציע.

גלויבען אין גאָט — גלויבען אין העכערע נערעכטיגקייט — גלויבען אין דעם נצחון פון יושר און אמת איבער עולות און שקר — גלויבען, אַז דער סאָציאַליזם מוז זיעגען — פערשטאַרקערען די רעוואָלוציאָנערע ענערגיע — דערנעהענטערען די סאָציאַלע רעוואָלוציע.

גלויבען אין גאָט — האָפענונג אויף איבערנאַטירליכע הילף — אָבשוואַכען פערזענליכע ענערגיע — דערווייטערען די סאָציאַלע רעוואָלוציע.

גלויבען אין גאָט — גלויבען אין יענע וועלט — האָפענונג אויף עולם הבא — גלייכגילטיגקייט צו עולם־הזה —

גלייכגילטיגקייט צו עקספּלואַטאַציע — אָבשוואַכען די רעוואָלוציאָנערע ענערגיע — **דערוויטערען** די סאָציאַלע רעוואָלוציע.

גלויבען אין גאָט — וועלען דיענען איהם — טהאָן מעשים טובים — קעמפּפען אַנטקעגען שלעכטס — פאַנאַטיש האַסען די בעזע — זיך מוסר נפש זיין אין קאַמפּף מיט זיי — פערשטאַרקען די רעוואָלוציאָנערע ענערגיע — **דערנעהנטערען** די סאָציאַלע רעוואָלוציע.

פּראָלעטאַריאַט — ארבייטען ביי אַ פרעמדען — ניט האָבען קיין אייגענע בעל־הבית'ישקייט אין דער פּראָדוקציע — ניט האָבען קיין דאגות וועגען די אויסגעאַרבייטעטע סחורות — ניט האָבען קיין עגאָאיסטישע אינטערעסען — זיין אַן אַלטרואיסט — דאגה'ן וועגען טובת הכלל — וועלען פערווירקליכען דעם סאָציאַליזם — זיין די בעסטע אַרמעע פאר דער סאָציאַלער רעוואָלוציע.

פּראָלעטאַריאַט — ניט האָבען קיין דאגות פון אַן אייגענער פּראָדוקטיווער בעל־הבית'ישקייט — ניט האָבען קיין בעשטענדיגע אינטערעסען אין דעם פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס — זיין אונבעשטענדיג — (היינט קויטסקי, מאָרגען בערנשטיין) — זיין אונצופערלעסיג — זיין די אונצופערלעסיגסטע אַרמעע פאר דער סאָציאַלער רעוואָלוציע.

פּראָלעטאַריאַט — ניט האָבען קיין אייגענע בעל־הבית'ישקייט אין דער פּראָדוקציע — ניט זיין פערוואָהרענט מיט'ן טעגליכען ברויט — דאגה'ן וועגען דעם טעגליכען ברויט — געהן נאָך דעם, וואָס גיט די טעגליכע חיונה — זיין אויס נאַטור אַן אָפּפּאָרטוניסט — זיין די אונצופערלעסיגסטע אַרמעע פאר דער סאָציאַלער רעוואָלוציע.

דער קליינע'ר בעל מלאכה — קליינע פּרנסה — שטרעבען צו פערמעהרען די פּראָדוקציע — פערמעהרען דאָס מאַטעריאַל און די געצייג — אונמעגליכקייט צו בעאַרביטען זיי מיט די אייגענע הענד — נויטווענדיגקייט צו דינגען ארבייטער — בעקומען חשק צו עקספּלואַטאַציע פון פרעמדער ארבייט — זיין **פּיינדזעליג** צו דעם סאָציאַליזם.

דער קליינער בעל מלאכה — נויטווענדיגקייט צו ארבייטען מיט די אייגענע הענד — שעצען און הויך האַלטען די ארבייט — זיין פיינדזעליג צו די עקספּלואַטאַטאָרען — פער־

טהיידיגען די אינטערעסען פון דער ארבייט — שעצען די מאשינערי, וואָס מאַכט לייכטער די ארבייט — שעצען די קאָאָפּעראַציאָן, וואס מאַכט פארטהיילהאפטער די ארבייט — פיינט האָבען די קאָנקורענץ — זיין **פריינדליך** צו דעם סאָציאליזם.

סאָציאליזם — בעפרייען זיך פון דאגת חיונה — בעפרייען גייסטיגע ענערגיע — אָנווענדען זי אויף דעם קאמפף מיט דער נאַטור — שטודירען זי — שטייגערן די גייסטיגע ענטוויקל[illegible] — **פּראָגרעס**.

סאָציאליזם — בעפרייען זיך פון דאגת חיונה — זיין זאָרגלאָז — זיין קאמפפלאָז — זיין אָבגעלאָזט — זיין פויל — אָבשוואכען די ענערגיע — אָבשוואכען די גייסטיגע ענערגיע — **שטילשטאנד**.

טעררּאָר — העלדישער קאמפף פון א קליינער גרופּע — אכטונג פאר די העלדען — פערזאָנען קולט — פעראכטונג צו די מאסען — ניט בעשעפטיגען זיך מיט זיי — לאָזען זיי אין אונוויסענהייט — ניט פערטרייבען זייער איבערגעבענקייט צו דעם הערשענדען סדר פון לעבען — ניט הויבען זייער רעוואלוציאָנערע ענערגיע — **אָבהאַלטען** די סאָציאלע רעוואָלוציע.

טעררּאָר — העלדישער קאמפף פון א קליינער גרופּע — העלדען קולט — אכטונג פאר דאָס אקטיווע אריינמישען זיך פון איינצעלנע אין לעבען — איבערשעצען די ראָלע פון דעם איינצעלנעם אין דער געשיכטע — ניט אכטען דעם נאַטירליכען גאַנג פון די פּאַסירונגען — ניט וויסען די געזעצען פון דעם ווירקליכען לעבען — זיין א שפּיעלכעל אין די הענד פון א בלינדער, אונבעקאנטער מאכט — ניט קאָנען בעהערשען די בלינדע מאכט — פאלען אין קאמפּף אנטגעגען איהר — איבערלאָזען דעם זיעג צו דער הערשענדער אָרדנונג — ארויסרופען אין די מאסען א מורא פאר איהר — אָבשוואכען די רעוואָלוציאָנערע ענערגיע — **דערווייטערען** די סאָציאלע רעוואָלוציע.

טעררּאָר — העלדישער קאמפף פון א קליינער גרופּע — אכטונג פאר העלדען אין די הערצער פון די מאסען — דאס שטרעבען פון די מאסען נאָכטהאָן די העלדען — דאָס שטרעבען פון די מאסען נאָכטהאָן זייער מסירת נפש — דאָס אויפוואכען פון דער

רעוואָלוציאָנערער ענערגיע ביי די מאַסען — דערנעהענטערען די סאָציאַלע רעוואָלוציע.

טעררער — העלדישער קאַמפּף פון א קליינער גרופּע — דאָס אַקטיווע אריינמישען זיך אין דעם נאַטירליכען גאַנג פון די פּאַסירונגען — איבערצייגט זיין, אז דער נאַטירליכער גאַנג קאָן פערענדערט ווערען — דאָס שטרעבען צו וויסען, ווי צו פערענדערען דעם נאַטירליכען גאַנג — דאָס שטרעבען צו שטודירען דעם נאַטירליכען גאַנג — שטודירען איהם — ארויסרופען ביי די מאַסען דעם דאָרשט צו פערענדערן איהם — שטייגערן די רעוואָלוציאָנערע ענערגיע פון די מאַסען — דערנעהענטערען די סאָציאַלע רעוואָלוציע.

פון דעם ביישפּיעל מיט דעם „טעררער" קאָן דער לעזער זעהן, ווי פּלאַסטיש־בויגיג די בעגריפען זענען און ווי רייך עס קאָן געמאַכט ווערען דער שפּיעל מיט די בעגריפען־פערקעטעלונגען. אין אלע אונזערע קעיטעלעך האָבען מיר אַנגעווענדעט נאָר איין ערשטען איבערגאַנגס־רינג: דעם „העלדישען קאַמפּף פון א קליינער גרופּע", און מיר האָבען אונז געפלייסט, אז דער לעצטער איבערגאַנגס־רינג זאָל שטענדיג זיין דער גראַד פון דער רעוואָלוציאָנערער ענערגיע. און אויך ביי די בעדינגונגען האָבען מיר געוויס ניט אויסגעשעפּט אלע וועגען, וואָס פערבינדען — פּאָזיטיוו אָדער נעגאַטיוו — „טעררער" מיט „סאָציאַלע רעוואָלוציע". אבער דער בעגריף: „העלדען קאַמפּף פון א קליינער גרופּע" איז ניט דער איינציגער רינג, וואָס קאָן אנגעהאַנגען ווערען אָן דעם בעגריף „טעררער". נאָך א סך אַנדערע רינגען לאָזען זיך לייכט פערבינדען מיט איהם: „מאָרד", „געוואַלט־טהאַט", „קאָנספּיראַציאָן" (וואָס קאָן פיהרען צו דעם בעגריף „פעררעטה"), „אָנשרעקען די רעגיערונג", „אָנשרעקען די געזעלשאַפט" און אזוי ווייטער, און אזוי ווייטער. און אויך דער לעצטער איבערגאַנגס־רינג קאָן אויסדערוועהלט ווערען אָן אַנדערער, איידער דער מעמד פון דער רעוואָלוציאָנערער ענערגיע אזוי, אז די צאָהל פון מעגליכע פערבינדונגען צווישען „טעררער" און „סאָציאַלע רעוואָלוציע" זאָל אויסוואַקסען כפל כפלים. די זעלביגע מעשה איז אבער אויך מיט אַלע אַנדערע בעגריפען. וואָס ווייטער זיי שטעהען אָב איינער פון דעם אַנדערען, אַלץ מעהר בעגריפען־קעיטלאַך קאָן מען

אויסטראַכטען, ווי צו פערבינדען זיי, און זעהען מיר איין, ווי אזוי דער בעגריף „ארום־פאָהרען" קאָן ווערען דורך צווישען־רינגעלעך, א נאָהענטער מחותן מיט דעם בעגריף: „ווערען א קאנדידאַט אויף א קהל'שע שטעל", וועט שוין אונז אויך ניט וואונדערען, ווי אזוי דער פּראָלעטאַריאַט קאָן ווערען א מחותן מיט דער העגעל'שער דיאַלעקטיק. אויף פערשיידענע וועגען, דורך פערשיידענע רינגעלעך, קאָן מען איבערגעהן פון איהם צו איהר. איך וויל דאָ נאָר אָנפיהרען איינעם פון יענע וועגען, וועלכע דער רוסישער דענקער א. באָגדאַנאָוו, איינער פון די טהעאָרעטיקער פון די מאַרקסיסטישע „באָלשעוויקעם" אין רוסלאנד, האָט אויסגעפונען אין זיין ארטיקעל: „צו דער כאַראַקטעריסטיק פון דעם פּראָלעטאַריאַט'ס פילאָסאָפיע" 3).

דענקט איהר זיך אריין טיעפער אין דעם זיעבענטען קאַפּיטעל פון זיין ארבייט, אזוי געפינט איהר דאָרטען א בעגריפען־קעיטעל פון זעהר אַ פשוט'ער אַרבייט, וואָס קאָן פאָרגעשטעלט ווערען, לויט דער שאָפּענהויער'שער מעטהאָדע, אויף אזא'ן אופן:

פּ ר אָ ל ע ט אַ ר י אַ ט — מאַשינען פּראָלעטאַריאַט — מאַשינען אינדוסטריע — מאַשינען בעוועגונג — בעוועגונג אָהן אן אנהויב, אָהן א סוף — וועלט בעוועגונג — ד י אַ ל ע ק ט י ק...

אגב אורחא וויל איך בעמערקען, אז דער פּראָצעס פון בעגריפען־פערקעיטעלונג ערקלערט אונז אויך יענע „קונצען", וועלכע די יונג־העגעליאַנער פלעגען בעווייזען, בעת זיי פלעגען ארויסברענגען, אז יעדער היסטארישער פּראָצעס לויפט דורך די דריי פאַזען פון טעזיס, אַנטי־טעזיס און סינטעזיס. געוויס, קאָן די העגעל'שע טריאַדע (וואָס בעשטעהט פון די דריי פאַזען) ניט דערקלערט ווערען דורך בעגריפען־שפּיעלעריי אַליין. אָבער א גרויסען חלק האָט די פלאַסטישקייט פון דעם בעגריפען־מאַטעריאַל גאַנץ זיכער געהאַט אין דעם אויפבויען פון הונדערטער טריאַדעס, מיט וועלכע די העגעל'שע שוהלע האָט בעגליקט דעם מענשליכען געדאַנק. דער קונץ איז דאָ א פשוט'ער. אויף דעם זעלביגען וועג, אויף וועלכען איך פערבינד אזעלכע ווייט ליעגענדע בעגריפען, ווי „פּראָלעטאַריאַט"

3) ק' כאַראַקטעריסטיקע פילאָסאָפיאי פּראָלעטאַריאַטאַ, „ראַדוגאַ" נומער 4, זשענעווע, 1908. זייטע 88—112.

און „דיאַליקטיק“, קאָן איך אויך פערבינדען יעדען בעגריף מיט זיין געגענזאַץ, און דערנאָך דעם געגענזאַץ מיט א בעגריף, וואָס זאָל האָבען אין זיך סימנים פון דער טעזע און דער אַנטי־טעזע. פון וואָס מעהר מאָמענטען עס בעשטעהט אַ וועלכער עס איז געשיכטליכער פּראָצעס, אַלץ לייכטער איז אויסצוקלייבען פון זיי דוקא די, וואָס לאָזען זיך אריין קוועטשען, ווי רינגען, אין די פּאַסענדע בעגריפען־קעיטלעך.

די פּלאַסטישקייט פון די בעגריפען און די רייכע מעגליכקייט פון זייער פערקעיטעלונג איז א קראַפט, וואָס בעשאַפט, וואָס ברענגט ארויס היסטאָרישע אידעען־פערבינדונגען, אָבער זי איז נאָר איינע פון אזעלכע קרעפטע. אין דער פאָרטזעצונג פון אונזער ארבייט וועלען מיר בעקאַנט ווערען מיט נאָך אַנדערע גייסטיגע פּראָצעסען, וואָס שפּילען א ראָלע אין דעם ענין, וועלכע מיר האַלטען אין אויספאָרשען. דערווייִלע וויל איך נאָך אַמאָל בעטען דעם לעזער צו גע־דענקען, אז מיר האָבען דאָ ניט צו טהאָן מיט דעם „אמת“, אָדער דעם „שקר“ פון א וועלכער עס איז אידעען־פערבינדונג. מיר אונ־טערזוכען די געזעצען פון זייער בעהעפטונג מיט דער זעלביגער אָביעקטיוויטעט, מיט וועלכער דער כעמיקער, צ. ב., אונטערזוכט די בעהעפטונגס־געזעצען פון די פערשיידענע מאַטעריעלע שטאָפען. פאר איהם זיינען אלע שטאָפען גלייכע מיוחסים: שפּיגינאָר ניט וועניגער ווי צוקער־אַנדעל.

דר. ח. זשיטלאָווסקי

פיערטער קאַפּיטעל:

דאָס איבערהופּען פון מיטעל־רינגען, די צונויפשמיעדונג פון ענד־רינגען און די ניט־בערעכטיגטע איבערקערהונג.

א בעקאַנטער אידישער ראַדיקאַל פון׳ם אַלטען חדר האָט מיר אין א פּערזענליכען געשפּרעך ארויסגעזאָגט דעם געדאַנק, אז אונזער ארבייט וועגען די היסטאָרישע אידעען־פערבינדונגען האָט א דירעקט שעדליכע טענדענץ. איבערהויפּט דער דריטער קאַפּיטעל, וואו עס ווערט בעוויעזען, ווי אזוי מען קאָן מטהר זיין א שרץ אָדער מטמא מאַכען א מלאך דורך דעם פּראָצעס פון בעגריפען־פערקעי־טעלונג. דער ניט גאָר געבילדעטער לעזער קאָן אין גאַנצען מטושטש ווערען. ער מוז אויפהערען צו גלויבען אין אלץ וואס מען זאָגט איהם, אפילו ווען דאָס וואס ער הערט, לעגט זיך איהם אויפ׳ן שכל. ער מוז תמיד זיין אין ספק, טאָמער וועט מען אין א ווייל ארום, מיט דער זעלביגער לאָגיק אומדרעהען דעם פעלץ און בעווייזען דעם היפּך פון פריהער.

איך מוז מודה זיין, אז אזא סכנה איז באמת פאַראַן, און אז די דאָזיגע, דירעקט שעדליכע טענדענץ ליעגט בפירוש אין אונזער ארבייט. מיר ווילען טאַקי ברענגען די מאַסען פון די אידישע לעזער צו אזא מדרגה, אז זיי זאָלען אויפהערען צו גלויבען אויפ׳ס וואָרט אָדער אפילו אויפ׳ן אויבערפלעכליכען שכל ניט נאָר אין די אויטאָריטעטען פון דער אַלטער רעליגיאָן, נאָר אויך אין די נייע רבי׳אים, ווי מען זאָל זיי ניט רופען, קראָפּאָטקין אָדער קאַרל מאַרקס. דער בעסטער מיטעל צו בעפרייען זיך פון גלויבען אין גדולים און אין דעם אויבערפלעכליכען שכל איז — נאָך מיין מיינונג — דער שטודיום פון היסטאָרישע אידעען־פערבינדונגען און דערהויפּט — די בעקאַנטשאַפט מיט יענע פּראָצעסען, וואס רופען זיי ארויס אין לעבען.

די בעגריפען־פערקעיטלונג, מיט וועלכער מיר זיינען בעקאַנט געוואָרען אין דעם דריטען קאַפּיטעל, איז נאָר איין פּראָצעס אזא, אמת דער וויכטיגסטער. ער איז דער פונדאַמענט, אויף וועלכען עס ווערען אויפגעבויט נאָך אנדערע פּראָצעסען. איינער פון זיי איז

— דאָס איבערהופּען פון די מיטעל־רינגען און די צוזאַמענשמיעדען פון די ענד־רינגען.

מיר וועלען ברינגען א ביישפּיעל:

ביי דער בורזשואזיע פון דעם נייענצעהנטען יאהרהונדערט האָט זיך אויסגעארבייט א היסטאָרישע אידעען־פערבינדונג פון „סאָציאליזם" און „שטילשטאַנד". אין דעם דריטען קאַפּיטעל האָבען מיר געפּרופט בעווייזען א בעגריפען־קעיטעל, וואס פיהרט צו אַזאַ פערבינדונג: דער סאָציאַליזם בעפרייט פון דאגת־חיונה, ער מאַכט דעריבער דעם מענשען זאָרגלאָז און ממילא קאַמפּף־לאָז. דורך דעם ווערט ער אָבגעלאָזט, ווערט ביסלעכוויז אַלץ מעהר און מעהר פויל. פון פוילקייט ווערט אָבגעשוואַכט זיין ענערגיע בכלל, און ממילא אויך די גייסטיגע ענערגיע, דער הויפּט־טרייבער פון דער געשיכטליכער ענטוויקלונג. סוף כל סוף מוז אריינטרעטען דער שטילשטאַנד.

וואָלט דאָס גאַנצע בעגריפען־קעיטעל מיט אַלע זיינע מיטעל־רינגען (דאגת חיונה, זאָרגלאָזיגקייט, קאַמפּף־לאָזיגקייט א. אז. וו.) תמיד געשטאַנען פאר די גייסטיגע אויגען פון דעם בורזשוא, בעת ער טראַכט וועגען סאָציאליזם און שטילשטאַנד, וואָלט ער אפשר פריהער אָדער שפּעטער איינגעזעהען, אז דער איבערגאַנג פון איין געדאַנקען־רינג צו דעם אנדערן איז דאָ ניט אומעדום א לאָגיש־גויטוועגדיגער. דער סאציאליזם בעפרייט פון דאגת חיונה. איז אָבער די דאגת חיונה די איינציגע דאגה, וואָס דער מענש האָט? אז מען בעפרייט זיך פון איהר, הייסט עס דען, אז מען בעפרייט זיך פון אַלע זאָרגען? און וואו זיינען די זאָרגען פון ליעבע? און די זאָרגען פון כבוד? פון וועלען שפּיעלען א ראָלע, פון וועלען עפּעס אויפטהאָן? איך רעד שוין ניט פון די העכערע דאגות, וואס שטאַמען פון דעם אידעאלישען מקור פון דער מענשליכער נאַטור. זיינען אפילו די ניעדעריגערע, ניט ריין עקאָנאָמישע דאגות, ניט גענוג אויפצומונטערען די ענערגיע פון דעם מענשען? אַזעלכע שאלות וואָלטען געמוזט פריהער אָדער שפּעטער פּאַנאַנדעררייסען דאָס בעגריפען־קעיטעל, און די היסטאָרישע אידעען־פערבינדונג פון „סאָציאליזם" און „שטילשטאַנד" וואָלט אפשר ניט געקאָנט שלאָגען טיעפע וואָרצלען אין די מאַסען פון דער

בורזשואזיע. די צרה מיט די בעגריפען־קעיטלעך איז אָבער, וואָס זיי שטעהען ניט תמיד מיט אַלע זייערע מיטעל־רינגען אין דעם העלען שיין פון דעם בעוואוסטזיין. האָט זיך אַזאַ בעגריפען־קעיטעל שוין איין מאָל „געלעגט אויפ׳ן שכל“, זעהט דער שכל וואָס גיכער מקצר צו זיין דעם ענין. ער ווארפט ארוים די מיטעל־רינגען, די בריקען, וואס האָבען געפיהרט פון דעם בעגריף „סאָציאַליזם“ צו דעם בעגריף „שטילשטאַנד“, און שמידט צונויף די צוויי ענד־רינגען אַזוי, אז פון זיי ווערט כמעט ווי איין דאָפּעל־רינג: „דער סאציאַליזם — דער שטילשטאַנד“. און תמיד ווען דער בורזשואַ האָט אין געדאַנקען דעם בעגריף סאָציאַליזם, ליעגט שוין אין איהם ממילא איינגעוויקעלט דער געדאַנק, אז ער, דער סאָציאַליזם, איז די סבה פון שטילשטאַנד.

דער שכל ווארפט ארוים די מיטעל־רינגען פון א בעגריפען־קעיטעל און שמיעדט צונויף זיינע ענד־רינגען ניט חלילה פון בייזקייט, ווען אפילו מען מוז צוגעבען, אז דער „גוטער“ אָדער דער „שלעכטער“ ווילען, די קלאסען־אינטערעסען און די איבעריגע אינטערעסען פון דעם מענשען שפּיעלען דערביי ניט קיין קליינע ראָלע. דער שכל קירצט אָב דעם פּראָצעס פון בעגריפען־פערבינדונגען, ווייל אין איהם, ווי אין דער גאנצער נאַטור, ליעגט די טבע פון „שפּאָרעוודיגקייט“, פון עקאָנאָמיזירען די קרעפטען. איז ער איין מאָל פארטיג געוואָרען מיט אַן ענין, וויל ער מעהר ניט אויסגעבען קיין ענערגיע אויף שטענדיג בעלייכטען אַזעלכע פּראָצעסען, וואָס ער מיינט, זיי זיינען שוין פאר איהם קלאָהר. דער גרויסער און טיעפער דענקער פון דער לעצטער צייט א ו ו ע נ א ר י ו ס (און נאָך פאר איהם ל א צ א ר ו ס) האָבען אין זייערע ארבייטען בעלויכטען אָט די עובדא פון דעם מענשליכען שכל. אין זיין יוגענד־ארבייט פון דעם יאָהר 1876: „די פילאָסאָפיע — א דענקען וועגען דער וועלט לויט דעם פּרינציפּ פון דער קלענסטער קראַפט־מאָס“ האָט אווענאַריוס צונויפגעפיהרט די מדה פון שפּאָרעוודיגקייט אין דעם מענשליכען שכל מיט דער זעלבינער עובדא אין דער נאַטור, בעת זי מאַכט צ. ב., אז יעדע בעוועגונג זאָל געהן אין דער ליניע פון דעם קלענסטען ווידערשטאַנד.

אגב אורחא וויל איך בעמערקען, אז ווען די איינגערע פילאָסאָ־ען מאַכען איצטער אַזאַ וועזען פון דעם „פּרינציפּ פון דער קלענ־

סטער קראַפֿט־מאָס" און ווילען אַלץ דערקלעהרען, סײַ אין דער נאַטור, סײַ אין דעם לעבען פֿון דעם מענשליכען גייסט, מיט דער הילף פֿון דעם דאָזיגען פּרינציפּ, פֿערגעסען זיי נאָר איין קלייניג־קייט: אַז דער „עקאָנאָמיזם" איז נאָר א י י ן מדה פֿון דעם וועלטליכען פּראָצעס. נאַטור און גייסט זיינען ניט נאָר קמצנים, קאַרג אויף אויסברענגען קראַפֿט, נאָר אויך ותרנים, גרויסע אויס־ברענגערס און פֿערשווענדערס. די נאַטור שיט אויס פֿון פֿולען הויפֿען מיליאָנען און מיליאַרדען זריעות און גאַנצע לעבעדיגע אָר־גאַניזמען, וואָס געהען לאבוד, וואָס עסען איינע די אַנדערע אויף, און זי האַלט אין אַ שטענדיגען, גאָר ניט עקאָנאָמישען אַרונטער־רייסען פֿון אַלטע און ווידער אויפֿבויען פֿון נייע בנינים אין אַלע פֿעלדער פֿון דעם וועלטליכען זיין: אין דעם בוי פֿון דעם הימעל אַזוי גוט ווי אין דעם בוי פֿון דער ערד, אין דער „טויטער" נאַטור אַזוי גוט ווי אין דער לעבעדיגער. און אויך דער „גייסט" האָט אַ ברייטע, פֿולע און אָפֿענע האַנד. אפשר נאָך מעהר גייסטעס קראַפֿט איידער אין דעם גאַנצען, אונז בעקאַנטען, וועלטען־בוי איז פֿערשווענדעט געוואָרען אויף דער מענשליכער געשיכטע, אויף וויסענשאַפֿט און פֿילאָסאָפֿיע, רעליגיאָן און קונסט, אויף דער גאַנ־צער מענשליכער קולטור איבערהויפּט. ווער עס וויל דעריבער פֿער־שטעהן סײַ נאַטור, סײַ גייסט, דאַרף געדענקען, אַז ער האָט דאַ צו טהאָן ניט נאָר מיט אַ שפּאָרעוודיגער בעל־הבית'טע, נאָר אויך מיט אַ לוסט־וויליגער אויסברענגערין.

ווי די מעשה איז, אָבער אין דעם אַריבערהופּען פֿון מיטעל־רינגען און אין דעם צונויפֿשמידען פֿון ענד־רינגען אין אַ וועלכען עס איז בעגריפֿען־קעיטעל, בעמערקען מיר די מדה פֿון דעם מענש־ליכען שכל — די שפּאָרעוודיגקייט מיט דער גייסטיגער ענערגיע, דאָס ניט־לאַנג־אָבשטעלען־זיך אויף דעם אַלטען, שוין אויסדער־פֿאָרשטען ענין, כדי צו געווינען צייט און קראַפֿט פֿאַר אַלץ נייע און נייע אַרבייט. ס'איז זעלטען צו געפֿינען אַ היסטאָרישע אידעען־פֿערבינדונג, און ניט נאָר אַ היסטאָרישע, נאָר אויך אַ לאָגישע, וואו דער פּראָצעס פֿון אַריבערהופּען און צונויפֿשמידען זאָל ניט האָבען געשפּיעלט זיין ראָלע. די צונויפֿשמעלצונג פֿון „גאָט" און „גייסט" אין דער אידעען־פֿערבינדונג פֿון מאַטעריאַליזם און אַטהעאיזם, פֿון „רעליגיאָן" און „מאָראַל", פֿון „רעליגיאָן" און „פֿרייען ווילען", פֿון

„שדים" און „טהאָן אל־דאָס־בייז", פון „נאַציאָנאַליזם" און „רעאַקציע", פון „סאָציאַליזם" און „מאַרקסיזם", פון „אידישע נאַציאָנאַליטעט" און „אידישע רעליגיאָן" און אזוי ווייטער, און אזוי ווייטער, איז געווען מעגליך נאָר א דאַנק דעם אריבערהופּען פון יענע מיטעל־בעגריפען, וואָס האָבען צונויפגעבונדען די צוויי ענדען פון דעם בעגריפען־קעיטעל. מיר וועלען שפּעטער, אין דעם המשך פון אונזער ארבייט האָבען די געלעגענהייט צו בעווייזען, ווי אזוי היסטאָרישע אידעען־פערבינדונגען פון אונזער צייט מוזען אויפ'ן שטעל פאַנאַנדערפאַלען, ווי נאָר איהר שמיעדט ווידער פאַנאַנדער די צוויי ענד־בעגריפען און איהר שטעלט צווישען זיי אריין יענע מיטעל־גליעדער, וואָס האָבען זיי פערבונדען. עס ווייזט זיך דערביי ארויס, אז די מיטעל־גליעדער האָבען געקאָנט זיין אמת נאָר פּאָר זייער צייט, אז איצטער האָט זיך זייער אמת איז גאַנצען אויסגעוועבט; אָבער די פערבינדונג, וואָס זיי האָבען ארויסגערופען אין לעבען, בעשטעהט נאָך עד היום. און וויפיעל אזעלכע צונויפגעשמאָלצענע בעגריפען טראָגען מיר ארום אין דעם אוצר פון אונזער בעוואוסטזיין, וועמעס מיטעל־גליעדער זיינען שוין לאַנג צופוילט און צופאַלען! ס'איז איינע פון די בכבוד'סטע און וויכטיגסטע אויפגאַבען פון א פּראָגרעסיווער קריטיק פון אלע אונזערע מיינונגען און „אמת'ן" — אויסצוגעפינען אַט די צונויפגעשמאָלצענע בעגריפען, וואָס לעבען נאָך אויף דעם אלטען קרעדיט און וואָס זיינען באמת שוין לאַנג באַנקראָט, און ארויסוואַרפען זיי, ווי אלטע אייזען, פון דעם אוצר פון אונזער קולטור. אָבער דערצו מוז מען פריהער גוט בעקאַנט זיין מיט אלע יענע פּראָצעסען, וואָס בעשאַפען היסטאָרישע אידעען־פערבינדונגען.

דאָס איבערהופּען און צונויפשמעלצען פון בעגריפען־רינגען ברענגט מיט זיך גופא נאָך א קראַמפּט, וואָס רופט ארויס היסטאָרישע אידעען־פערבינדונגען. איך רוף זי „ד י נ י ט־ב ע ר ע כ ט י ג ט ע א י ב ע ר ק ע ה ר ו נ ג".

ווערען צוויי ענד־בעגריפען פערשמאָלצען אזוי, אז דער אנהויב־בעגריף קאָן ניט עקזיסטירען אָהן דעם ענד־בעגריף, קעהרט דער מענשליכער שכל איבער די צונויפגעשמאָלצענע רינגען און איהם הויבט זיך אָן צו דוכטען, אז אויך דער ענד־בעגריף קאָן ניט עקזיסטירען אָהן דעם אנהויב־בעגריף.

אַ פּאָר ביישפּיעלען וועלען אונז דאָס דערקלערען.

די רעליגיאָן האָט כמעט אומעדום, אחוץ איינינע אויסנאָהמען, געהאַלטען די לעהרע פון דעם פרייען ווילען פאַר איינעם פון איהרע נויטיגסטע גרונד־שטיינער. אין דעם בעגריפען־קעיטעל, וואָס האָט געפיהרט צו דעם צונויפשמידען פון „רעליגיאָן" און „פרייען ווילען" האָט זעהר אַ וויכטיגע ראָלע געשפּיעלט דער געדאַנק פון שכר ועונש, פון שטראָף און בעלוינונג פאַר בעגאַנגענע זינד, ווייל שטראָפען קאָן מען נאָר דעם, וואָס איז פעראַנטוואָרטליך פאַר זיינע מעשים, און פעראַנטוואָרטליך קאָן זיין נאָר דער, וואָס האָט אַ פרייען ווילען. קוים אָבער זיינען „רעליגיאָן" און „פרייער ווילען" צונויפגעוואַקסען געוואָרען אין איין דאָפּעל־בעגריף, אַזוי האָט דער מענשליכער שכל איבערגעקעהרט דעם דאָפּעל־בעגריף, האָט אין סך מוחות דעם „פרייען ווילען" געמאַכט פאַר'ן אָנהויב, די „רעליגיאָן" פאַר'ן סוף און אויסגעבויט די היסטאָרישע אידעען־פערבינדונג, אַז ווער עס גלויבט אין פרייען ווילען, מוז סוף־כל־סוף לאָגיש אָנהויבען גלויבען אין אַ רעליגיאָן און אין אַ גאָט. אַזאַ איבערקעהרונג איז אָבער לאָגיש ניט בערעכטיגט. אויב איך קאָן נאָך איינזעהן, פאַר וואָס איינער, וואָס גלויבט אין גאָט, אין שטראָף און בעלוינונג, מוז אויך גלויבען אין אַ פרייען ווילען, קאָן אָבער בשום אופן ניט קלאָר געמאַכט ווערען, פאַר וואָס איינער, וואָס גלויבט אין אַ פרייען ווילען, מוז לאָגישערהייט גלויבען אין שכר ועונש און אַ גאָט. לאָז זיין, יעדע רעליגיאָן פיהרט צום פרייען ווילען, מוז דאָך אָבער ניט יעדער גלויבען אין פרייען ווילען פיהרען צו רעליגיאָן. דער אָנהויב־בעגריף: „רעליגיאָן" נויטיגט זיך אפשר אין דעם ענד־בעגריף: „פרייער ווילען", אָבער דער ענד־בעגריף: „פרייער ווילען" נויטיגט זיך לגמרי ניט אין דעם אָנהויב־בעגריף: „רעליגיאָן".

די „רעליגיאָן" איז פון אוראַלטע צייטען געווען פערבונדען מיט „מאָראַל". ס'איז דאָ אַ סברא, אַז די מאָראַל האָט געשפּיעלט זעהר אַ וויכטיגע ראָלע אין דעם גאַנצען בעשאַפען פון דער געטער־וועלט. דער מענש האָט איינגעזעהן, אַז ניט אַלע פערברעכען און עולות, וואָס אַ מענש בעגעהט אַנטקעגען אַ מענשען, קאָנען בעשטראָפט ווערען פון דער מענשליכער האַנד. אַ טהייל פערברעכען ווערען געטהאָן אין פערבאָרגענהייט און קיין מענשליך אויג זעהט זיי ניט. אַ גרויסער סכום עולות זיינען אַזעלכע, וואָס געהען גאָר ניט

להיפּך צו דעם הערשענדען שטראָף־קאָדעקס, און די האַנד פון דעם ריכטער קאָן ניט האָבען קיין שליטה אויף דעם מנובל. די שטראָף־פונקציאָן פאַר פערבאָרגענע פערברעכען און געזעצליכע עולות האָט דעריבער שוין די פּרימיטיווע, נאָך גאָר רויהע מענשהייט אין דעם געפיהל פון יושר אַרויפגעלעגט אָדער אויף בעזונדערע געטער אָדער בכלל אויף דער גאָטהייט. ממילא איז אויסגעוואַקסען די אידעען־פערבינדונג, אַז ווער עס גלויבט אין דעם אַלץ־זעהענדען, אַלץ־ווּיסענדען און אַלמעכטיגען גאָט, מוז אין דערזעלביגער צייט זיין מאָראַליש, ד. ה. אָבזאָגען זיך פון ניט־מאָראַלישע מעשים. איז אָבער דער אָנהויב־בעגריף „רעליגיאָן" צונויפגעשמאָלצען געוואָרען מיט דעם סוף־בעגריף „מאָראַל", אַזוי האָט מען, דורך איבערקעהרונג אויפגעבויט די היסטאָרישע אידעען־פערבינדונג, אַז נאָר דער קאָן זיין מאָראַליש, וואָס איז רעליגיעז און גלויבט אין גאָט. אָבער אויך די איבערקעהרונג איז ניט קיין בערעכטיגטע. דערזעלביגער געפיהל פון יושר, וואָס האָט דיקטירט דעם מענשען אַרויפצולעגען אויף דער גאָטהייט די שטראָף־פונקציאָן פאַר ניט מאָראַלישע מעשים, קאָן איהם אָבהאַלטען פון צו בעגעהן זיי. לאָז זיין, אַז יעדע רעליגיאָן פיהרט צו מאָראַליטעט, מוז דאָך ניט יעדע מאָראַליטעט פיהרען צו אַ גלויבען אין גאָט.

איך וואָלט געקאָנט ברענגען נאָך אַ סך ביישפּיעלען פון דער אַלטער וועלט. איך מוז אָבער בעמערקען, אַז אין דעם אויסטייטשען פון אַלטע היסטאָרישע אידעען־פערבינדונגען מוז מען זיין זעהר פאָרזיכטיג. זיי פערלאַנגען ספּעציעלע היסטאָרישע אויספאָרשונגען. די געשיכטע פון די היסטאָרישע אידעען־פערבינדונגען, וואָס שווימלען אויף אַלע פעלדער פון דעם מענשליכען געדאַנק, איז אָבער אַ וויסענס־צווייג, וואָס האָט נאָך גאָר ניט גענומען אַרויס־שפּראָצען, ווייל מען האָט ביז אַהער נאָך גאָר ניט אָנגעהויבען צו טראַכטען וועגען דעם, אין העכסטען גראַד וויכטיגען ענין. מיר וועלען דעריבער זיך ווענדען צו אַ ביישפּיעל שוין גאָר פון דער לעצטער צייט.

קאַרל מאַרקס האָט מיט אַ וואונדערבאַרער לאָגיק אויפגעבויט זיין טהעאָרעטישען בנין אויף אַזאַ'ן אופן, אַז אַלע הויפּט־ליניען פון זיין מאַיעסטעטישען געביי לויפען זיך צונויף אין איין קרוין — דעם סאָציאַליזם. ביי די מאַרקסיסטען האָט זיך דעריבער, אַ דאַנק

דעם פּראָצעס פון איבערהופּען פון מיטעל־רינגען, אויסגעשמיעדט אַ צווילינג־בעגריף: „מאַרקסיזם־סאָציאַליזם“. זיי קעהרען איהם אָבער אום און מיינען, אַז אַקוראַט אַזוי גוט ווי דער מאַרקסיזם פיהרט צום סאָציאַליזם, מוז דער סאָציאַליזם פיהרען צום מאַרקסיזם. פערשיידענע, פערפלאָנטערטע בעגריפען־קעיטעלעך האָט מען דערנאָך אויפגעשטעלט, כדי צו בעווייזען די אונמעגליכקייט פון אַ וויסענשאַפטליכען סאָציאַליזם אָהן מאַרקסיזם. אויף אַ סאָציאַליסט, וואָס איז ניט קיין מאַרקסיסט, האָט מען געקוקט ווי אויף איינעם וואָס קאָן ניט לאָגיש דענקען, אָדער ביי וועמען דער סאָציאַליזם איז רחמנא לצלן אביסעל געכאַפּט אין דער מעשה. „אויך“־סאָציאַליסט און „דאָך“־סאָציאַליסט האָט מען איהם גערופען. אין דער אמת'ן אָבער איז שוין „מאַרקסיזם־סאָציאַליזם“ ניט מעהר ווי אַ היסטאָרישע אידעען־פערבינדונג. אין דער איצטיגער צייט האָבען מיר שוין אַ היבשע צאָהל דענקער, וואָס נעהמען אָן אַלע גרונדלאַגען פון דעם מאַרקסיזם, זעצען אָבער אַרויף אויף זיי אַן אַנדער קרוין — אַ פערבעסערטע, צווייטע אויפלאַגע פון דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט, און מיינען, אַז לאָגיש קאָן דאָס גאָר אַנדערס ניט זיין. ווער רעדט שוין פון דער היסטאָרישער אידעען־פערבינדונג: „סאָציאַליזם־מאַרקסיזם“! פאַר וואָס מוז איינער, וואָס וויל אָבשאַפען פּריוואַט־אייגענטהום אויף די מיטלען און געצייג פון דער פּראָדוקציאָן דוקא גלויבען, אַז די גאַנצע וועלט בעשטעהט פון מאַטעריע און אַז די געשיכטע פון דער מענשהייט איז ניט מעהר ווי די געשיכטע פון קלאַסען־קעמפפען, וואָס ווערען אַנגעטריבען דורך דער ענטוויקלונג פון די פּראָדוקטיוו־קרעפטען? נאָכ'ן געזונדען שכל נאָך קאָן מען פון סאָציאַליזם בשום אופן ניט קומען צום מאַרקסיזם. די היסטאָרישע אידעען־פערבינדונג: „סאָציאַליזם־מאַרקסיזם“ איז אין תוך אַריין מעהר ניט, ווי אַ ניט־בערעכטיגטע איבערקעהרונג פון דער היסטאָריש מעהר בערעכטיגטער פערבינדונג: „מאַרקסיזם־סאָציאַליזם“. וואָלטען ניט געהערשט די פּראָצעסען פון היסטאָרישע אידעען־פערבינדונגען, וואָלטען די מאַרקסיסטען געוויס לכתחילה איינגעזעהן, אַז ווען אפילו יעדער מאַרקסיסט מוז זיין אַ סאָציאַליסט (זאָל זיין אַזוי!), מוז דאָך ניט יעדער סאָציאַליסט זיין אַ מאַרקסיסט. זיי וואָלטען דאָס אַקוראַט אַזוי קלאָר געקאָנט פערשטעהן, ווי עס איז לייכט איינצוזעהן דעם געדאַנק, אַז ווען אפילו

יעדער עפּעל־בוים מוז זיין אַ בוים, מוז פאָרט ניט יעדער בוים זיין אַן עפּעל־בוים.. דאָס איבערהופּען, צונויפשמעלצען און ניט בערעכטיגטע איבערקעהרען פון בעגריפען־רייגען האָבען פערבלענדט זייער שכל.

פון דעם דאָזיגען קאפּיטעל האָט דער לעזער אויך געקאָנט זעהן, אַז היסטאָרישע אידעען־פערבינדונגען קאָנען אָבשטאַמען פון אַנדערע היסטאָרישע אידעען־פערבינדונגען, ווען אפילו ניט גאָר אויף אַ כשר'ען אופן. זיי זיינען אַ פאָלק, וואָס קינדעלט און פרובירט זיך גאָר אויף אַ געהויבענעם שטיינער. און ווער וויים, וויפיעל „הייליגע אמת'ן" מיר טראָגען אַרום מיט זיך, וואָס זיינען אין תוך אריין אפשר ניט מעהר ווי ממזרים פון היסטאָרישע אידעען־פערבינדונגען!

פינפטער קאַפּיטעל:

די פּאָלעמישע אידעען־פערבינדונגען.

אין דעם פריהערגען קאפּיטעל זיינען מיר געבליבען שטעהן ביי דעם פּראָצעס פון ניט־בערעכטיגטע איבערקעהרונגען פון צונויפגעשמאָלצענע ענד־רייגען. ווערט אַן אַנהויב בעגריף צונויפגעשמאָלצען מיט אַ סוף בעגריף, ווי צ. ב., די אידעע פון „מאַרקסיזם" מיט דער אידעע פון „סאָציאַליזם", קאָן דער דאָפּעל־בעגריף איבערגעקעהרט ווערען און מיר בעקומען אַ היסטאָרישע אידעען־פערבינדונג, וואָס געהט אַרויס פון דעם „סאָציאַליזם" און מיינט אַז ער מוז „לאָגיש נויטווענדיג" פיהרען צו דעם „מאַרקסיזם".

גאַנץ נאָהענט צו אַזאַ מין פּראָצעס, אָבער אין תוך אריין פאָרטפערשיידען פון איהם, איז דער פּראָצעס, וואָס איך רוף איהם אָן: „די קאַמפּף־פערבינדונגען", אָדער „די פּאָלעמישע פערבינדונגען".

די געשיכטע פון דעם מענשליכען געדאַנק אויף אַלע פעלדער פון דער קולטור איז די געשיכטע פון גייסטעס־קעמפּפען צווישען קלאַסען, פּאַרטייען, רעליגיעזע סעקטען, פילאָסאָפישע „שוהלען", וויסענשאַפטליכע ריכטונגען און אַזוי ווייטער, — אַן אייביגער קאַמפּף צווישען ליכט און פינסטערניס, דעם יצר־טוב און דעם יצר־

הרע. און יעדער צד מיינט, פערשטעהט זיך, אַז ער איז דער פער־טרעטער פון ליכט און דעם יצר־טוב, און זיין צד שכנגד איז דער פערטרעטער פון פינסטערנים און דעם יצר־הרע.

יעדער צד אַרבייט אויס זיין וועלט־אַנשויאונג ניט נאָר לויט זיינע אייגענע בעדערפניסען, נאָר אויך האָבענדיג אין זינען די וועלט־אַנשויאונגען פון דעם געגנער, די בעשטימטע אידעען־פער־בינדונגען, מיט וועלכע דער געגנער קעמפפט פאַר זיין פּאָזיציע. אין קאַמפּף קומט אָפטמאָל אויס אָנצונעהמען די היסטאָרישע אידעען־פערבינדונג פון דעם געגנער און אָבצולייקענען ניט די פ ע ר ב י נ ד ו נ ג פון די אידעען, נאָר די פערבונדענע אידעען גופא. די אידעען בלייבען אין זייער פערבינדונג. מען נעהמט אָבער אָן זייער סטרא אחרא, דעם „לינקען זייט“ פון זיי ביידען.

זאָגט, צום ביישפּיעל, דער יצר־טוב, אַז ווער עס איז אַ מאַרק־סיסט מוז זיין אַ סאָציאַליסט און (דורך ניט בערעכטיגטע איבער־קעהרונג) אַז ווער עס איז אַ סאָציאַליסט מוז זיין אַ מאַרקסיסט, קומט דער יצר־הרע און לייקענט ניט די ניט־בערעכטיגטע צונויפשמעל־צונג פון סאָציאַליזם און מאַרקסיזם. ער גלויבט אויך, אַז די צונויפ־שמעלצונג איז אַ ריכטיגע. מעהר נישט ער לייקענט ביידע בעגרי־פען: דעם סאָציאַליזם אין איינעם מיט דעם מאַרקסיזם און זאָגט: דער סאָציאַליזם איז פאַלש און ממילא איז פאַלש דער מאַרקסיזם, אָדער: דער מאַרקסיזם איז פאַלש און ממילא איז פאַלש דער סאָ־ציאַליזם. און אויב דער יצר־הרע איז איבערציינגט, אַז מען קאָן לייכט צוקלאַפּען דעם מאַרקסיזם, וועט ער שוין ניט אָנווענדען קיין בעזונדערע מיה צו קעמפּפען דירעקט אַנטקעגען דעם סאָציאַ־ליזם. וויפיעל „וויסענשאַפטליכע“ ווערק אַנטקעגען דעם סאָציאַליזם זיינען געשריעבען געוואָרען אין דער לעצטער צייט, וואָס זייער גאַנצע אַרגומענטאַציע קאָן איבערגעגעבען ווערען, אויף אַזאַ אופן: ווי קאָן דער סאָציאַליזם האָבען אַ וועלכע עס איז ממשות, אַז די רענעסאַנס־פּעריאָדע און די רעפאָרמאַציע לאָזען זיך ניט דערקלעה־רען עקאָנאָמיש. דער מאַרקסיסטישער יצר־טוב, דערהערט אַזאַ מין אַרגומענטאַציע, פאַלט איהם ניט איין צו פּראָטעסטירען אַנט־קעגען אַזאַ לעכערליכע אידעען־פערבינדונג, ווייל דאָס איז אויך ז י י ן אידעען־פערבינדונג. ער לויפט דעריבער נאָך אַמאָל צו דער געשיכטע, מאַטערט זי און פּייניגט זי, ביז זי איז איהם מודה אַלץ,

וואָס איהם גלוסט זיך נאָר צו האָבען פון איה״ה, און דערנאָך לויפט ער מיט אַ טריאומף צוריק צו דעם געגנער און בעווייזט איהם, אַז דער סאָציאַליזם האָט יע אַ ממשות (און נאָך וואָס פאַר אַ ממשות!), ווײלע — די רענעסאַנס־פעריאָדע און די רעפאָרמאַציע, ניט נאָר זיי לאָזען זיך דערקלעהרען עקאָנאָמיש, מען קאָן זיי אַנדערש, ווי עקאָנאָמיש גאָר ניט דערקלעהרען. און ער מיינט בתמימות, אַז ער האָט מיט זיינע וויסענשאַפטליכע אונטערזוכונגען ניט נאָר בעפעסטיגט די פּאָזיציע פון דעם מאַרקסיזם אין דער וויסענשאַפט, נאָר אויך געטהאָן אַ גרויסע וויסענשאַפטליכע טובה דעם סאָציאַליזם.ביידע געגנער שטעהען אין דעם פאַל אויף דעם באָדען פון איין און דערזעלביגער היסטאָרישער אידעען־פערבינדונג. און אויב מען זאָל פרעגען דעם יצר־הרע: איז מאַרקסיזם און סאָציאַליזם לאָגיש נויטווענדיג צונויפגעשמאָלצען אין איינעם? וועט ער אייך ענטפערן: געוויס! און וועט שטעהן פאַר זיין ענטפער, שטאָהל און אייזען, מיט דעם זעלביגען פייער ווי די מאַרקסיסטען אליין.

אַזאַ היסטאָרישע אידעען־פערבינדונג, וואָס לייקענט, אַן ערך, אָב דעם סאָציאַליזם, ווייל די רענעסאַנס־פעריאָדע לאָזט זיך ניט דערקלעהרען מאַרקסיסטיש, רוף איך אַ פּ אָ ל ע מ י ש ע אידעען־פערבינדונג, ווייל זי איז אויסגעוואַקסען אויס דער פּאָלעמיק מיט דעם געגנער, אויף דעם באָדען פון זיינע היסטאָרישע אידעען־פערבינדונגען.

נאָך אַ ביישפּיעל.

עס איז לייכט צו פערשטעהן, ווי אַזוי עס האָט זיך אויסגעאַרבייט די אידעען־פערבינדונג פון סאָציאַליזם און אָ פּ ט י מ י ז ם, די לעהרע אַז מען קאָן בעשאַפען אַ גליקליך לעבען פאַר דער מענשהייט. דער סאָציאַליזם האָט פון אָנהויב אָן דערקלעהרט, אַז ער האָט אויסגעפונען די סבה כל הסבות, די ענד־אורזאַך פון אַלע מענשליכע ליידען אין דער געזעלשאַפט און אַז מיט דעם אָבשאַפען פון יענער גרונד־אורזאַך מוז זיך אָנהויבען אַ גן־עדן־לעבען אויף דער וועלט. עס זיינען דאָ געגנער פונ׳ם סאָציאַליזם, וואָס לייקענען ניט, אַז א ו י ב אַ גליקליך לעבען וואָלט געווען אַ מעגליכע זאַך, איז דער סאָציאַליזם דער בעסטער מיטעל דערצו. זיי זיינען אָבער פּ ע ס י מ י ס ט ע ן, זיי לייקענען, אַז גליק איז אַ מעגליכע זאַך פאַר דער מענשהייט און דעריבער קעמפּפען זיי־

אנטקעגען דעם סאָציאַליזם. אַזוי שרייבט, צ. ב., נ י ט צ ש ע ערגעץ וואו אין זיינע בריעף, אַז דער הויפּט־פעהלער פון לאַסאַל און די סאָציאַליסטען בכלל איז, וואָס זיי יאָגען זיך נאָך נאָך אַ כימערע, נאָך אַ לכתחילה אונמעגליכע זאַך, נאָך מענשליכען גליק. די פערבינדונג פון פעסימיזם און קאַמפּף אַנטקעגען סאָציאַליזם איז אַ פּאָלעמישע פערבינדונג, אויסגעוואַקסען אין דעם קאַמפּף אַנטקעגען „סאָציאַליזם־אָפּטימיזם“. דער „סאָציאַליזם־אָפּטימיזם“ איז אויך אַ היסטאָרישע אידעען־פערבינדונג, וואָס האַלט נאָך איצ־טער אָן כמעט אין אַלע סאָציאַליסטישע מוחות. זי איז אָבער אין דער וויסענשאַפט שוין פאַנאַנדערגעריסען געוואָרען דורך דעם זעהר אינטערעסאַנטען אידישען דענקער פּ. מ אַ י נ ל ע נ ד ע ר, וואָס האָט פעראייניגט אין זיין סיסטעם אַטהעאיזם, פּעסימיזם און סאָציאַליזם. דער ניטשע׳אַנישער געדאַנקען־שטראָם, וואָס איז אין דער לעצטער צייט אַריינגעדרונגען אין די סאָציאַליסטישע געדאַנקען־וועלט וועט געוויס פיהרען דערצו, אַז דער דאָפּעל־בעגריף: „סאָציאַליזם־אָפּטימיזם“ זאָל ווידער פאַנאַנדערגעשמידט ווערען.

ביי דער געלעגענהייט וויל איך עפּעס בעמערקען, אויף וואָס אַ סך לעזער האָבען זיך מסתמא שוין פריהער אָנגעשטויסען, אַז היסטאָרישע אידעען־פערבינדונגען מוזען לאו דוקא בעשטעהן פון פ אַ ל ש ע ענד־בעגריפען, אָדער האָבען לכל־הפחות איין פאַלשען ענד־בעגריף אין זיך. זיי קאָנען בעשטעהן פון צוויי ענד־בעגריפען, וואָס יעדער בעגריף איז זיך אָן אמת פאַר זיך, זייער לאָגישע פער־בינדונג אָבער איז נישט מעהר ווי אַ כלומרשט לאָגישע. עס איז צ. ב. אָן אמת, אַז די עלעקטריציטעט זאַמעלט זיך אָן אין די שפּי־צען. עס איז אויך אמת, אַז אַ מענש לעבט, לעבט און שטאַרבט. ־וער עס וואָלט אָבער צונויפבינדען, דורך דעם פּראָצעס פון בעגרי־ פען־פערקניפּונג, די צוויי אמת׳ן אין איין דאָפּעל־בעגריף, וואָלט ־געוויס בעשאַפען ניט מעהר, ווי אַ היסטאָרישע אידעען־פערבינדונג. אַזוי קאָן זיך דער סאָציאַליזם זיין אָן אמת פאַר זיך און דער אָפּטי־מיזם ווידער קאָן פאַר זיך זיין אַ ריכטיגער געדאַנק. זייער צונויפ־שמעלצונג אָבער אין איין דאָפּעל־בעגריף איז ניט קיין לאָגיש אַב־סאָלוט נויטווענדיגע, נאָר אַ ריין היסטאָרישע. אַזוי איז אויך די פערבינדונג צ. ב. פון סאָציאַליזם און מעהרווערטה־טהעאָריע אַ

היסטאָרישע. ד. ה. כלומרשט לאָגישע צונויפבינדונג פון צוויי בע־גריפען, וואָס זיינען אפשר ביידע אמת, יעדע פאַר זיך. ווענען דעם פונקט וועלען מיר נאָך רעדען באריכות.

נאָך א פּאָר ביישפּיעלען פון פּאַלעמישע אידעען־פערבינדונגען.

דאַרווין׳ס טהעאָריע, אז די העכערע ברואים האבען זיך ענטוויקעלט פון די ניעדריגערע, איז געווען פערבונדען ביי איהם מיט דער סעלעקציאָנס־טהעאָריע, מיט דעם געדאַנק, אז די ענטוויקעלונג איז געשעהן א דאַנק דעם נאַטירליכען און סעקסועלען אָבקלייב פון יענע ברואים, וואָס זענען געווען בעסער צוגעפּאסט צו זייער סביבה, צו די בעדינגונגען פון זייער לעבען. אין דער לעצטער צייט האָבען אָבער א סך פאָרשער אוועקגעשטעלט א גרויסען פראַגע־צייכען צו דער גאַנצער סעלעקציאָנס־טהעאָריע. ביי איינינע פון זיי האָט זיך דעריבער אויסגעבילדעט א פּאָלעמישע אידעען־פערבינדונג: „אנטי־אָבקלייב־טהעאָריע״ — „אנטי־דאַר־וויניזם״. ערשט נאָר אין דער לעצטער צייט האָט א רוסיש־אידי־שער פאָרשער, ס. טשולאָק (אין דעם „ביאָלאָגישען צענטראַל־בלאַט״ פון יאַנואַר 1908 און אין דעם „רוסקאָיע באָגאַטסטוואָ״ פאַר 1910) גליקליך פאַנאַנדערגעשמיעדט דעם דאָפּעל־בעגריף „דאַרוויניזם״ — „אָבקלייב־טהעאָריע״ און האָט בעוויעזען, אז מען האָט א רעכט צו רופען זיך דאַרוויניסט און ניט גלויבען אין דער גאַנצער סעלעקציאָנס־טהעאָריע. דערמיט האָט ער אָבגעגראָ־בען דעם באָדען פון דער נאַר־וואָס דערמאָהנטער פּאָלעמישער אידעען־פערבינדונג.

די ענטוויקעלונגס־לעהרע ווערט אָפט פערבונדען מיט דעם אַטהעאיזם. דאָס איז אויך א פּאָלעמישע אידעען־פערבינדונג, וואָס איז אויפגעבויט געוואָרען להיפך צו דער היסטאָרישער אי־דעען־פערבינדונג פון די בעגריפען: „גאָט״ — „וועלט־בעשאַ־פער״. אין אמת׳ען איז אָבער לחלוטין גאָר ניט נויטיג צו דענקען זיך גאָט דוקא ווי א בעל־מלאכה, וואָס האָט אין זעקס טעג צונויפ־געשוסטערט א וועלט. די וועלט קאָן שטאַמען פון גאָט ווי א בוים שטאַמט פון א קערענדעל, ווי א שפּעטערער געדאַנק פון א פריהער־דיגען, ווי א „צומצום״, א צונויפפרעסונג, פון א ליכט־קוואַל. דע־ריבער האָט אויך די פּאָלעמישע פערבינדונג פון ענטוויקעלונג און אַטהעאיזם פערלאָרען איהר גאַנצען לאָגישען ווערט.

בעת דער סאָציאַליזם איז נאָר וואָס ארויסגעטראָטען אין ענגלאַנד און האָט בעוויעזען, אַז דורך אַ ריכטיגע געזעלשאַפטליכע רעגולירונג פון דעם מענשליכען ארבייטס־פּראָצעס קאָן מען געבען אַלע מענשען די מעגליכקייט צו בעפריעדיגען זייערע בעדערפּעניסען, איז אויפגעשטאַנען מאַלטהוס און האָט אָבגעפרעגט דעם סאָציאַליזם דורך אַ נאַציאָנאַל־עקאָנאָמישע אונטערזוכונג, וואו ער האָט זיך געפליסט צו בעווייזען, אַז די בעפעלקערונג מוז שטענדיג אָנוואַקסען אַ סך שנעלער איידער די מיטלען צו בעפריעדיגען איהרע בעדערפעניסען. אויף אַזאַ׳ן אופן איז אויסגעוואַקסען אַ היסטאָרישע אידעען־פערבינדונג: „מאַלטוזיאַניזם“ — „אַנטי־סאָציאַליזם“ און איהר אויף צו להכעיס האָבען די סאָציאַליסטען ארויסגעבראַכט אַ פּאָלעמישע פערבינדונג פון „סאָציאַליזם“— „אַנטי־מאַלטהוזיאַניזם“. נאָך עד היום האַלט דאָס רוב סאָציאַליסטען פאַר אַ הייליגען חוב צו קעמפּפען אַנטקעגען די גרונד־געדאַנקען פון מאַלטהוס. אָבער אויך די היסטאָרישע און פּאָלעמישע אידעען־פערבינדונג האָט שוין אָבגעלעבט איהר וועלטעל. ס׳איז נים שווער צו בעווייזען, אַז מען קאָן זיין אַ מ א ל ט ה ו ז י א נ ע ר און אין דער זעלבינער צייט אַ טרייער סאָציאַליסט.

זעקסטער קאַפּיטעל

דער ראַדיקאַליזם און די קאָנסעקווענץ־מאַכעריי.

ביז אַהער האָבען מיר געהאַט צו טהאָן מיט די קרעפטען, וואָס דופען ארום היסטאָרישע אידעען־פערבינדונגען און וואָס זענען במעט אין גאַנצען אויסגעוואַקסען אויף דעם באָדען פון בעגריפען־פערקניטלונגען. מיר האָבען נאָך נים אויסגעשעפּט אַלע אַזעלכע קרעפטען און מיר זאָגען זיך איצטער אָב פון דער אויפגאַבע, אויסצושעפּען זיי אין גאַנצען. אַ פּולע פון די נאָך געבליעבענע זענען ווייניג אויסגעפאָרשט, אַ פולע זענען מעהר נישט ווי וואַריאַציעס פון די שוין בעקאַנטע און וועלען נים אריינברענגען אין די מוחות קיין איין איינציגע פּ ר י נ צ י פּ י ע ל ע נייעס. אויסשטודירען זיי איז דער פּלאַץ אין נאָר אַ ספּעציעלען ווערק וועגען אונזער ענין. אונזערע פּאָרלויפיגע סקיצען, דער ערשטער פערזוך פון אַזאַ מין

אַרבייט, קאָנען אָבער ניט האָבען די פּרעטענזיע אויסצופאָרשען דעם ענין אין גאַנצען, אין אַלע זיינע פערצווייגונגען. זעלבסט־פערשטענדליך זענען נאָך דאָ אַ סך פערצווייגונגען און גאַנצע צווייגען, וואָס זענען נאָך גאָר ניט אַריינגעטראָטען אין דעם העלען שיין פון דער אונטערזוכונג און וועלען זיך בעווייזען ערשט יעמאָלט, ווען מען וועט נאָך טיעפער אַריינדרינגען אין יענע פּסיכישע פּראָצעסען, וואָס אינטערעסירען אונז.

אָבער נאָך אויף אַ פּאָר פּראָצעסען מוזען מיר זיך אָבשטעלען, ווייל זייער ראָלע איז אַזוי גרויס אין דעם אויפבויען פון איינצעלנע „אמת׳ען" און גאַנצע וועלט־אַנשויאונגען, וואָס זענען צו אַלע צייטען און אומעטום געווען פול מיט היסטאָרישע אידעען־פערבינדונגען. מיר רעדען דאָ וועגען דעם ראַדיקאַליזם און דעם „קאָנסעקווענטען" דענקען.

ראַדיקאַל איז דער טייטש וואָרצעלהאַפט און מיינט אַזאַ געדאַנק אָדער האַנדלונג, וואָס שטעלט זיך ניט אָב ביי דעם אויבען־אויף פון דער זאַך, ביי איהרע בלעטער, צווייגען אָדער אַפילו דעם גאַנצען שטאַם, נאָר לאָזט זיך אַראָב טיעפער ביז צו יענע וואָרצלען איהרע, וואָס ליעגען טיעף בעגראָבען אין דער ערד. ראַדיקאַל זיין הייסט דעריבער ניט בלייבען שטעהן אויפ׳ן מיטען וועג: דער־רעדען דעם אמת ביז צו דעם לעצטען, לאָגיש נויטווענדיגען וואָרט, דערטהאָן די אַרבייט ביז צו איהר לעצטען סוף. דאָס איז אַ גרויסע מעלה און אָפטמאָל אַ העלדישקייט, אַן אומדערשראָקענקייט פאַר יענע רעזולטאַטען, וואָס ווייזען זיך אַרויס, ווען דער אמת וויקעלט פאַנאַנדער אַלץ, וואָס אין איהם ליעגט פערבאָרגען, ווען די אַרבייט מוז סוף כל סוף אויסוואָרצלען פון לעבען אַלץ וואָס איינעם איז געווען ליעב און טהייער. „ווער „אַ" זאָגט, מוז אויך „בע" זאָגען!"

דער ראַדיקאַליזם איז איינע פון יענע מצוות, וואָס אויף זיי פּאַסט באמת די גזירה: „יהרג ואל יעבור", בעסער דער טויט, איידער אָבזאָגען זיך פון איהר. זייט איהר געקומען צו דעם אַבסאָלוט זיכערען רעזולטאַט, אַז די זון שטעהט און די ערד דרעהט זיך, מוזט איהר ממילא צוגעבען, אַז אַלע מיינונגען וואָס גיעהען להיפך צו דעם דאָזיגען אמת, זענען פאַלש, און ממילא מוזט איהר אויך צוגעבען די קאָנסעקווענץ, אַז די מיינונגען פון דער תורה וועגען דעם ענין זענען פאַלש, אויב איהר זייט זיכער, אַז די תורה

האָט געמיינט אַסטראָנאָמישע ערשיינונגען דאָרטען, וואו זי האָט דייטליך געזעהן (?) גערעדט וועגען אַסטראָנאָמישע ערשיינונגען. און בעהאַלטען אַט דעם אמת טאָרט איהר ניט, ווי געפעהרליך עס זאָל ניט זיין ארויסצוזאָגען איהם. דזשיאָרדאַנאָ ברונאָ, וואָס האָט זיך אין רוים געלאָזט פערברענען פון דער אינקוויזיציע פאַר דעם קאָפערניקאַנישען אמת, וועט דעריבער אין אַלע אייביגקייטען בלייבען ביי די מענשען דער ליעבסטער העלד פון דעם פרייען, ד. ה. זעלבסטשטענדיגען, אומדערשראָקענעם, קאָנסעקווענטען מענשליכען געדאַנק. דערפאַר שיטען זיך אויך אַזוי פיעל פערדיענטע שטעכווערטלעך אויף די „פשרה־מאַכערס", אויף די וואָס האַלטען פון דעם כלל: „דער מיטען איז אַ גילדענער שליטען". דער שטאָלץ פון דעם מענשליכען כאַראַקטער דריקט זיך אויס אין יענעם „ענטוועדער־אָדער", וואָס קעהרט זיך אָב פון דעם גילדערנעם שליטען, וועלכער בלייבט שטעקען אין מיטען; אין יענעם „אָדער גאָר — אָדער גאָר ניט", וואָס רעכענט דעם האַלבען אמת און די האַלבע טובה פאַר אַ סך ערגער, עהדער גאָר נישט געוואוסט, עהדער גאָר נישט געטהאָן. וואָס דו ווייסט, זאָג ארויס גאַנץ מיט אַלע קאָנסעקווענצען פון דיין אמת, וואָס זענען דיר שוין קלאָר געוואָרען.

אָבער דוקא דערפאַר, ווייל דער ראַדיקאַליזם און דער קאָנסעקווענטער דענקען איז אַזאַ חשוב'ע מעלה אין דער טהעאָריע און אין דער פּראַקטיק, מוז מען זיך נעהנטער צוקוקען צו איהם, נעהנטער אויספאָרשען די בעדינגונגען פון זיין ריכטיגען אָנווענדען. וואָס וויכטיגער זיין ווירקונג איז, אַלץ שעדליכער קאָן זיין זיין פאַלשער געברויך.

פאַראַן צוויי מינים ראַדיקאַליזם: איינער — דער אמת'ער, דער תמימות'דיגער, אָהן זייטיגע חשבונות און פניות, אַ ריינער (און אויך אַ קאַלטער!) ווי דער נאָר וואָס געפאַלענער שנעע אויף דעם אייביגען אייז פון דעם באַרג חרמון. זיין ציעל איז דער אמת און נאָר דער אמת: אויספאָרשען דעם אמת פון אַ זאַך א ז ו י ו ו י ז י א י ז, מיט אַ „לא תוסיפון" און אַ „לא תגרעון", ניט פערמינערט פון איהר קיין זאַך און ניט צוגעלעגט צו איהר קיין זאַך. הייליג נאָכגעהן נאָך איהר אין דער ווירקליכקייט, געהן מיט איהר פאָראויס, אויף וויפיעל זי געהט פאָראויס, אומקעהרען זיך מיט איהר צוריק, אויב זי אַליין טהוט פלוצלונג אַ קעהר צוריק,

וענדען זיך מיט איהר רעכטס און לינקס, אויב זי אליין בייט אלע וויילע איהר פלאץ, ווי א טייכעל, וואס שלענגעלט זיך אין א פליין, און וואוהין דער אמת זאל ניט פיהרען, צו וואס ער זאל ניט ברענגען, שטענדיג בלייבען איהם געטריי. אזא ראדיקאליזם קימערט זיך ניט לכתחילה וועגען די רעזולטאטען פון דער פארשונג, ער זארגט נאר וועגען דעם כשר׳ען וועג. ער איז זיכער, אז אויב דער וועג איז ריכטיג, אויב עס זענען אויסגעמיעדען געווארען אלע פעהלערען, וואס קאנען פעלשען די אונטערזוכונג, וועט שוין דער רעזולטאט, אין וואס ער זאל ניט בעשטעהן, זיין ממילא א ריכטיגער און זיינע נויטווענדיגע קאנסעקווענצען וועט מען מוזען אננעהמען.

פארהאן אבער אן אנדער מין ראדיקאליזם, שוין ניט דער תמימות׳דיגער, נאר דער וואס חן׳ט זיך מיט זיך גופא; וואס קוקט ניט אזוי אויף דעם כשר׳ען וועג פון אמת־זוכען, נאר אויף דעם אבהיטען פון די שוין געפונענע ראדיקאלע אמת׳ען; דער וואס קוקט ניט אזוי אויף די ווירקליכקייט ווי זי איז, ווי אויף דעם, אז זי, די ווירקליכקייט, וועלכע מיר דארפען אויספארשען, זאל זיך ניט אבשטעלען אין מיטען, זאל זיין דורכאויס ראדיקאל; וואס זעהט דעם סמן פון אמת ניט אין דעם ראדיקאל־עהרליכען פראצעס פון זוכען און פארשען, נאר אין דעם ראדיקאל־עקסטרעמען ענטפער.

עס קעמפפען צוויי עקסטרעמע פארטייען. איינע טענה׳ט: צוויי מאל צוויי איז דריי. די אנדערע בעווייזט מיט אותות ומופתים, אז צוויי מאל צוויי איז פינף קומט דער „פשרה־מאן“, אנגעפיהרען אין דעם גילדערנעם שליטען, און זוכט צו מאכען שלום צווישען די צוהיצטע צדדים. אין וויפיעל האמפערט איהר זיך? אין צוויי! טהיילט דעם אונטערשייד אויף דער העלפט. לאז איינער איינס אראבלאזען, לאז דער אנדערער איינס צוגעבען, און צואיינט זיך אויף דעם געדאנק, אז צוויי מאל צוויי איז פיער.

צוויי מאל צוויי איז טאקע פיער, אבער דער פשרה־מאן פערשוועכט דעם אמת, ווייל ער זאגט איהם ארויס ניט צוליעב איהם אליין, נאר צוליעב דעם פוילען שלום. וואלטען די צדדים גע־טענה׳ט, איינער: „צוויי מאל צוויי איז זיעבצעהן“, דער אנדערער: „צוויי מאל צוויי איז צוויי און צוואנציג“, וואלט ער פארגעשלאגען די פשרה: „נייענצעהן און א האלב“.

עקעלהאַפט איז דער פשרה־מאַכער, אָבער ניט פיעל חן׳עווער־דיגער איז יענער ראַדיקאַל, וואָס וויל ניט נעהמען דעם אמת אָהן שום תנאים, וואָס שטעלט איהם קודם כל דעם בעדינג, ער זאָל ניט ליעגען אין מיטען, ער זאָל דוקא צונויפפאַלען מיט איינעם פון די צוויי עקסטרעמען, ווייל, אַז ניט, קאָן חלילה נערעכט בלייבען דער ווייך־ביינינער פשרה־מאַכער מיט זיין אויסגעקאָמפּראָמיסטען שלום פון צוויי מאָל צוויי איז פיער.

ס׳פערשטעהט זיך, אַז דאָרטען, וואו דער אמת׳ער ענטפער וואַרפט זיך אַזוי פשוט אין די אויגען, ווי אין אונזער ביישפיעל, וועט דער ראַדיקאַל ניט מאַכען אַזאַ טעות. אָבער אין אַזאַ פאַל זענען דאָך אויך ניטאָ קיין מחלוקת און אויך ניטאָ קיין פשרה־מאַכערס. ראַדיקאַליזם און פשרה־מאַכעריי טרעטען ארויס אויפ׳ן שלאַכט־פעלד ערשט יעמאָלט, ווען די פּראָבלעמען ווערען פער־פּלאָנטערט, ווען עס איז אַזוי שווער אויסצוגעפינען דעם אמת, אָדער אַזוי שווער זיך אויסצואיינען מיט איהם, און איינצוזעהן זיין אונפערמיידליכקייט.

כמעט אין אַלע אַזעלכע פעלען מאַכט דער געוועהנליכער ראַ־דיקאַליזם דעם פעהלער, וואָס ער פּרובט אָב דעם אמת ניט נאָך זיין אינעווענינסטען וואָג און ווערטה, נאָר לויט דעם, צי ער איז אַן עקסטרעמער אמת אָדער ניט, צי ער ליעגט אין מיטען אָדער ניט. געטריעבען פון דעם ראַדיקאַליזם צוליעב ראַדיקאַליזם, שפּרייזט ער אַריבער דעם אמת גופא, אויב ער געפינט איהם אין דער מיטען. פון דיזם גאַנצען נעץ מעגליכע אידעען־פערבינדונגען קלייבט ער אויס אַזעלכע בעגריפען־קעיטען, וואָס פיהרען צו דעם מעגליכען עקסטרעם פון אַ וועלכען עס איז געדאַנק, און אין דעם גופא, וואָס ער האָט דערגרייכט דעם עקסטרעם, זעהט ער דעם בעוויז, אַז דער רעזולטאַט פון זיין דענקען איז אַ לאָגיש־נויטווענדיגער, אַ לאָגיש־קאָנסעקווענטער.

מיט דעם אמת׳ען ראַדיקאַליזם האָט ער בשותפות נאָר די איינגענשאַפט צו זיין מוטהיג, צו דערפאָרשען ביז׳ן סוף. אָבער זיין פאָרשען איז מעהר אַ חשבונ׳ען אין מוח, אַ טראָגען זיך מיט דעם אימפּעט פון דעם ריין לאָגישען דענקען, וואָס ציהט אַ גלייכע ליניע פון איין פונקט צו דעם אַנדערן און וויכט ניט אָב פון דעם שנור ניט רעכטס און ניט לינקס.

כמעט ביי אַלע אידעען־פערבינדונגען פון אַזאַ „קאָנסעקווענטען" ראַדיקאַליזם ליגט אויף'ן גרונד אַזאַ מין חשבון: אויב איין לעפעל זאַלץ מאַכט די זופּ געשמאַק, ווערט זי פון צוויי לעפעל זאַלץ אין צווייען געשמאַקער, פון דריי — אין דרייען, און דער אידעאַל פון זופּ איז היילע זאַלץ. אויב זאַלץ איז גוט אין זופּ, איז עס גוט אין שאַמפּאַניער און אין איינגעמאַכטס און צו וויינטרויבען. און דער וואָס שטעלט זיך אָב אויף איין לעפעל זאַלץ, איז אַ „קאָמפּראָמיסלער", און דער וואָס וויל ניט קיין זאַלץ אין שאַמפּאַניער און צו וויינטרויבען, קאָן ניט דענקען קאָנסעקווענט.

דעם בולט'סטען ביישפּיעל פון אַזאַ מין ראַדיקאַליזם קאָן מען געפינען ביי אַ סך אַנאַרכיסטען, ביי ועמען די ראָלע פון דעם זאַלץ שפּיעלט דער בעגריף פון פרייהייט. אויב פרייהייט איז אַ גוטע זאַך, איז וואָס מעהר פרייהייט, אַלץ בעסער, און דער אידעאַל איז פאָלשטענדיגע, פאָלקאָמענע פרייהייט ביז צו דעם מעגליכען עקסטרעם. און אויב פרייהייט איז גוט אין פּאָליטישע ענינים, איז זי גוט אויך אויף אַלע אַנדערע פעלדער פון דעם מענשליכען לעבען. פאָלשטענדיגסטע, פאָלקאָמענסטע פרייהייט אין אַלע פּרטים, איבעראַל און אומעדום איז דעריבער דער אידעאַל, צו וועלכען מען מוז שטרעבען.

ס'איז ניט דאָ דער פּלאַץ, אויסצוגעפינען, אויב דער אַנאַרכיזם, אָדער אַלע אַנדערע עקסטרעמע „איזמען", וואָס בעגעהען זיך מיט זייערע פּרינציפּען אויף דעם זעלבינען שטייגער, ווי דער אַנאַרכיסט מיט זיין פרייהייטס־בעגריף, זענען אמת אָדער ניט. דאָ איז נאָר וויכטיג קלאָר איינצוזעהן, אַז דער ראַדיקאַליזם איז ניט קיין סמן פון אמת, אַז דער אמת האָט זיך ניט מחייב געווען אָנצוזאַמלען זיך, ווי די עלעקטריציטעט, דוקא אין די שפּיצען, און אַז דעריבער זענען אַלע אידעען־פערבינדונגען, וואָס זענען אויפגעבויט געוואָרען מיט דער הילף פון דעם ראַדיקאַל־לאָגישען אימפּעט, נאָה כלומר'שט לאָגישע אידעען־פערבינדונגען, דאָס הייסט, היסטאָרישע.

דער אמת'ער ראַדיקאַליזם וועט קיינמאָל ניט צושטעהן צו אַ געדאַנק, אונטערשטיצען אַ פאָדערונג, אויסוועהלען אַ קאַמפּפס־מיטעל בלויז דערפאַר, ווייל דער געדאַנק געהט ווייטער עהדער אַלע אַנדערע, די פאָדערונג פערלאַנגט מעהר עהדער אַלע אַנדערע,

דאָס מיטעל איז שטאַרקער עהדער אַלע אַנדערע. האָט ער אָבער אויסגעפונען, אַז אין דעם ענין איז די ווייטגעהענדסטע מיינונג — די ריכטיגסטע, אין דער פאָדערונג דער גרעסטער פערלאַנג — דער גערעכטסטער, אין דעם פאַל דער שטאַרקסטער מיטעל — דער בעסטער, וועט ער, פערשטעהט זיך, שטעהן שטאַל און אייזען פאַר זיי און ניט צולאָזען אין אַלע די פּרטים קיין קאָמפּראָמיסען. דאָס וועט איהם אָבער בשום אופן ניט בינדען, ער זאָל אין אַן אַנדער ענין, אין אַן אַנדער פאָדערונג, אין אַן אַנדער פאַל, אויסגעפינען, אַז דער „גילדערנער שליטען" איז גערעכט, און ער וועט זיך ניט שעהמען אריינצוזעצען זיך אין איהם. ער קאָן זיין אַ רעוואָלוציאָנער און אפילו אַ טעראָריסט פאַר איין פאָלק צו איין צייט און צו דערזעלביגער צייט אַ פריעדליכער קולטור־טרעגער פאַר אַן אַנדער פאָלק אונטער אַנדערע אומשטענדען. ער קאָן אין איין וויסענשאַפטליכער פראַגע, וואָס לאָזט זיך בעסער פאַר אַלץ פערענטפערן דורך אַ מעכאַנישען מאַטעריאַליזם, זיך איינשטעלען מיט זיין גאַנצער קראַפט פאַר דעם מאַטעריאַליזם און ניט צולאָזען קיין ניט בעגרינדעטע שווינדעל־היפּאָטעזען, וואָס ווילען „דער־קלעהרען" דעם פאַל אידעאַליסטיש. און אין דערזעלביגער צייט וועט ער אין אַן אַנדער פראַגע, וואָס לאָזט ניט צו קיין מאַטעריאַ־ליסטישע פערענטפערונג, מיט דער זעלביגער ענערגיע קעמפּפען אַנטקעגען דעם מאַטריאַליסטישען שווינדעל.

„דואַליסט" און „עקלעקטיקער" זידעלט מען איהם דערפאַר, אָבער צווישען איהם און דעם „דואַליסט" און דעם „עקלעקטיקער" איז דיזעלביגע נפקא מינא, וואָס צווישען דעם, וואָס האַלט אַז צוויי מאָל צוויי איז פיער, ווייל דער חשבון איז אַזוי, און דעם, וואָס שטעהט צו צו דעם געדאַנק, ווייל „פיער" איז אַ פּשרה צווישען „דריי" און „פינף".

די פּראָבלעמען פון „דואַליזם" און „מאָניזם", פון „ראַדיקאַ־ליזם" און דעם „גילדערנעם מיטען" האָבען אַ זעלבסטשטענדיגע בעדייטונג פאַר אַלע צווייגען פון דעם מענשליכען דענקען. נאָך אַ מאָל דורכקוקען זיי און אויסרייניגען זיי פון היסטאָרישע אידעען־פערבינדונגען ווערט פון טאָג צו טאָג אַלץ מעהר און מעהר נויט־ווענדיג. אָבער דאָס קאָן ניט אריינגעהן אין די גרענעצען פון אַן ארבייט, וואָס האָט צו טהאָן מיט די היסטאָרישע אידעען־פערבינ־

רונגען גופא. דאָ האָבען מיר צו רעכענען זיך מיט זיי נאָר אויף אַזוי פיעל, אויף וויפיעל זיי זענען אַליין די סבה פון היסטאָרישע אידעען־פערבינדונגען.

און דאָס זענען זיי. מיר וועלען דאָס בעווייזען מיט אַ פּאָר ביישפּיעלען.

גלויבט מען, אַז דער גייסטיגער פּרינציפּ, די „אידעע“, איז אינוועניג אין די מאַטעריעלע זאַכען פון דער וועלט און בעהערשט זיי, איז מען נוטה צו גלויבען, אַז אומעדום מוז דער גייסטיגער פּרינציפּ זיין אין די וועלטליכע ענינים און בעהערשען זיי. דער פערטרעטער פון דעם גייסטיגען פּרינציפּ אין דעם לעבען פון דער קריסטליכער געזעלשאַפט איז אָבער געוועזען אין מיטעלאַלטער די קאַטוילישע קירכע און דער פּויפּסט. עס האָט זיך דעריבער יע־מאָלט אויסגעדוכט „לאָגיש־קאָנסעקווענט“, אַז דער פּויפּסט מוז זיך אריינמישען אין וועלטליכע ענינים און בעהערשען זיי. אַז זאָלץ איז גוט אין זופּ, איז עס גוט אויך אין שאַמפּאַניער. אויף אַזאַ אופן ווערט אויסגעבילדעט די היסטאָרישע אידעען־פערבינ־דונג: „רעאַליזם“—„פּויפּסט־הערשאַפט“.

צוריק, קעמפּפט מען אנטקעגען די וועלטליכע הערשאַפט פון דעם פּויפּסט, איז יעמאָלט בויט מען אַ פּאָלעמישע אידעען־פער־בינדונג, דעם היפך פון דער פריהערדיגער. מען קומט צו דעם דאָפּעל־בעגריף: „נאָמינאַליזם“—„אנטי־פּויפּסט־הערשאַפט“ און עס דוכט זיך „לאָגיש־קאָנסעקווענט“, אַז ווער עס לייקענט די אריינמישונג פון דעם פּויפּסט און זיין הערשאַפט אין די עולמ׳ישע ענינים, מוז אויך לייקענען דעם אינוועניג־זיין און די הערשאַפט פון דער „אידעע“ אין די מאַטעריעלע זאַכען פון דער וועלט. אַז זאַלץ טויג ניט אין שאַמפּאַניער, טויג עס אויך ניט אין די זופּ.

אויב מיר זענען זיכער, אַז דער מאַרקסיזם, ד. ה. די מעטאָדע פון דעם עקאָנאָמישען מאַטעריאַליזם, האָט אויסגעפונען דעם אמת אין דעם אַנאַליז פון ריין עקאָנאָמישע פּאַסירונגען, איז, אויף דעם זעלביגען שטייגער, מעהר נישט ווי „לאָגיש־קאָנסעקווענט“, מיר זאָלען זיין זיכער, אַז דיזעלבינע מעטהאָדע וועט אונז אויסגעפינען דעם אמת אויך אין רעליגיאָן, פילאָסאָפיע און קונסט־וויסענשאַפט. עקאָנאָמיק אין עקאָנאָמיק, עקאָנאָמיק אין פּאָליטיק, עקאָנאָמיק אין פּאָעזיע, — זאָלץ צו ווײַנטרויבען און אין איינגעמאַכטס.

גיב איך צו, אַז פרויען זאָלען אין עפענטליכען לעבען האָבען די זעלביגע רעכט ווי די מאַנסביל, דוכט זיך מיר אויס, איך דאַרף זיין „קאָנסעקוועגט" און גלויבען, אַז זיי האָבען אויך דיזעלביגע פעהיגקייטען, ווי די מאַנסביל. און צוריק, לייקען איך, אַז זיי האָבען דיזעלביגע פעהיגקייטען, מוז איך זיין „קאָנסעקוועגט" און לייקענען, זיי זאָלען האָבען דיזעלביגע רעכט.

אין פלוג קען אויסדוכטען, אַז אין דער אידעען־פערבינדונג פון „פרויען־רעכט" און „גלייכע פעהיגקייטען" שפּיעלט די קאָנ־סעקווענץ־מאַכעריי קיין שום ראָלע ניט. זי, די אידעען־פערבינ־דונג, איז פּשוט א פּראָדוקט פון א פאַלשער הנחה, אַז רעכט ווערען געגעבען צוליעב געוויסע פעהיגקייטען. די וואָס האָבען גלייכע פעהיגקייטען, בעקומען דערפאַר גלייכע רעכט, און די וואָס האָבען ווייניגער פעהיגקייטען, האָבען ווייניגער רעכט. פרויען האָבען ווייניגער פעהיגקייטען, עהדער מיר, ובכן דאַרפען זיי האָבען ווע־ניגער רעכט... אָבער טראַכט מען זיך אריין טיעפער, זעהט מען, אַז אין דער פאַלשער הנחה איז ניט איינגעשלאָסען דער אונטער־שייד פון מענער און פרויען. אויב געוויסע רעכט ווערען געגעבען פאַר געוויסע פעהיגקייטען, ווערען אויך בעשאַפען געוויסע מע־טהאָדען, ווי אויסצופּרובען די פעהיגקייטען און ווי צו בעשטעטיגען, אַז די בעשטימטע פערזאָן האָט זיי. די פערזאָנען, ביי וועמען עס פעהלען די געפאָדערטע פעהיגקייטען, ווערען פאַק־טיש ממילא אויסגעשלאָסען פון יענע רעכט. לאָז זיין, אַז די פרויען זענען בשום אופן ניט ביכולת צו זיין פּראָפעסאָרען פון מאַטעמאַטיק, וועלען זיי ניט קאָנען אויסהאַלטען די נויטיגע פּרובען, ניט קאָנען בעפריעדיגען די נויטיגע פאָדערונגען און ממילא אויף אייביג בלייבען אויסגעשלאָסען פון דער מאַטעמאַטישער פּראָפעסור. ווי איז אָבער, אַז קאָנואַלעוודסקאַיאַ האַלטעט אויס אַלע נויטיגע פּרובען און בעפריעדיגט יע אַלע פאָדערונגען, ווערט זי טאַקע א פּראָפעסאָר פון מאַטעמאַטיק. די פראַגע פון פעהיגקייטען איז א פראַגע פון פאַקט, ניט א פראַגע פון רעכט. על פּי לאָגיק האָבען די פעהיגקייטען פון דער פרוי לחלוטין גאָר נישט צו טהאָן מיט דער פראַגע פון גלייכע רעכט. דאָס האָט נאָר די קאָנסעקווענץ־מאַכעריי געדרשנ'ט א „גזירה שוה" פון „גלייכ־הייט" דאָ און „גלייכהייט" דאָרטען און אויף דעם סמך אויס־

געשמידט אַ דאָפּעל־בעגריף פון „גלייכע פעהיגקייטען“—„גלייכע רעכט“. ערשט ווען דער דאָפּעל־בעגריף וועט ווידער פאַנאַנדער־געשמידט ווערען, וועט מען קאָנען ריין־אָביעקטיוו און וויסענ־שאַפטליך אַריינטהאָן זיך אין דעם פרויען־פּראָבלעם און אויסגע־פינען, צי די פעהיגקייטען פון דער פרוי זענען גלייך צו אונזערע אָדער פערשיידען פון אונזערע, צי זיי שטעהען העכער אָדער ניעד־עריגער, אָדער אפשר, ווי מיר דוכט זיך דערווייל, זענען זיי פון גלייכען ווערט מיט אונזערע, אָבער פון אַ פערשיידענעם מין.

נאָך מעהר ווי פון דער קאָנסעקוועניץ־מאַכעריי, ווערען היס־טאָרישע אידעען־פערבינדונגען בעשאַפען פון דעם ראַדיקאַליזם, דעם בעשטרעבען צו דערגעהן אין געדאַנקען ביז צו דעם מעגליכען עקסטרעם.

וואָס טרייבט דעם מענשליכען גייסט צו ראַדיקאַליזם? פאַר וואָס ווערט ער געצוואונגען צו דעם עקסטרעמען ענטפער?

איינע פון די קרעפטען, וואָס טרייבען איהם דערצו, איז די אינערציע פון דעם געדאַנקען, זיין טבע צו בעוועגען זיך אָהן איין אויפהער אין איין־און־דערזעלביגער ליניע.

טויזענדער קליינע ביישפּעלען פון לעבען קאָנען אונז אילו־סטרירען די אינערציע פון דעם מענשליכען גייסט. לייענט איהר צ. ב. אַ ליעד פון אַ געוויסען פערז־מאָס, לאָמיר זאָגען, יהואש׳ס יאַמבישען שיר:

ס׳איז־ד אַ — א־הוי—כער־ווים—טער־באַרג
אַ קל(אַ)—לה־ליעגט—אויף־איהם א. אז. וו.

און איהר געהט דערנאָך איבער צו דער פּראָזאאישער צייטונגס־נאָטיץ אַז „דער סטרייק אין פילאַדעלפיאַ איז שוין צו ענד. די ארבייטער האָבען“ וועט איהר בעמערקען, אַז איהר לייענט דאָס וואָרט „האָבען“ ניט מיט דעם שלאַג אויף דעם ערשטען וואָרט־טייל „האָ“, נאָר מיט דעם שלאָג אויף דעם לעצטען וואָרט־טייל: „בען“, ווי עס קומט אויס נאָך׳ן יאַמבישען מאָס. די פּראָזא האָט זיך אונ־בעוואוסט איינגעאָרדנעט אין דעם יאַמבישען ריטם, ביז עס האָט זיך געלאָזען, ביז דאָס וואָרט „האָבען“ האָט זיך ניט אוועקגעשטעלט ווי אַ מניעה אין וועג. ערשט יעמאָלט ווערט אייך קלאָר, אַז אייער גייסט האָט אויך די פּראָזא געוואָלט, על פּי אינערציע, לייענען ווי אַ שיר, כל זמן עס לאָזט זיך געהן אין איין־

און־דערזועלבינער ליניע וועט דער גייסט ניט אראב־געהן פון איהר, ביז ער וועט זיך ניט אנשטויסען אן א וועלכען עס איז ווידער־שטאנד. דערפון שטאמט זיין הרגל צו שיטען זאלץ אין איינגע־מאכטס און שאמפאניער, וויבאלד ער האט עס גע־זאטען אין דער זופ, און צו גלויבען אין דעם כלל: „וואס מעהר — אלץ מעהר“. אין די פשוט'ע פראקטישע פראגען פון'ם לעבען שטויסט ער זיך אלע ווייל אן אויף מניעות און קעהרט זיך אלע ווייל אב פון דער גלייכער ליניע. אין דעם אבסטראקטען דענקען אבער, וואו דער וועג איז פריי, וואו דער פראצעס פון בעגריפען — פערקניפּונ־גען קאן אייך פיהרען וואוהין איהר ווילט, קאן דער אימפעט, די אינערציע, תמיד אויסקלייבען אזעלכע בעגריפען־קעטעלעך, וואס זאלען געבען די מעגליכקייט דעם מענשליכען גייסט צו טראגען זיך אלץ ווייטער אין איין־און־דערזעלבינער ריכטונג. דער איינגע־וועהנטער טעמפא פון'ם דענקען איז איינע פון די וויכטיגסטע קרעפטען, וואס טרייבען צו קאנסעקווענץ־מאכעריי און ראדיקא־ליזם און וואס בעשאפען היסטארישע אידעען־פערבינדונגען.

ס'איז אבער דא נאך א וויכטיגערע קראפט, וואס טרייבט צו דעם זעלבינען ראדיקאליזם. דאס איז דער שטרעבען צו ג ע וו י ס־ ה י י ט, צו דעם ו ד א י. דער מענשליכער גייסט איז פון דער היים ניט קיין ריינער טהעארעטיקער. ער איז אויסגעוואקסען פון פראקטישע נויטען און די פראקטישע נויטען זענען די שוהל, אין וועלכער ער האט בעקומען זיין ערשטע ערציעהונג. פאר דער פראק־טישער טהעטיגקייט מוז איך אבער האבען גאנץ פעסטע און זיכערע הנהות. אויב איך וועל תמיד שוואנקען צווישען „אפשר יא“ און „אפשר ניין“, קאן איך ניט מאכען קיין איינציגען פראקטישען שריט. וויל איך געהן איבער'ן אייז, מוז איך פריהער וויסען, צי ער וועט אויסהאלטען מיין לאסט, אדער ער וועט ברעכען אונטער איהר. געהן אויף א ספק, הייסט געהן אויף סכנות. דעריבער איז דער מענשליכער גייסט בטבע ניט קיין סקעפטיקער, נאר פערקעהרט א גלויבינער: ער האט פשוט קיין צייט ניט לאנג צו שאקלען זיך צווישען דעם „אפשר יא“ און „אפשר ניין“, ביז די פארזיכטיגע, שטרענג פינקטליכע אויספארשונג וועט אויסגעפינען דעם אמת. „אהין אדער אהער און — מאך דאס בקיצור!“ איז דער אונבע־וואוסטער „אוקאז“, וועלכער דער בעל־הבית, די פראקטישע נויט,

לאָזט אַרויס פאַר דעם טהעאָרעטישען דענקען. דער ראַדיקאַליזם, דער עקסטרעמער ענטפער איז דאָס בעסטע מיטעל אויסצופיהרען דעם אוקאַז.

לאָמיר נעהמען דעם גלויבען אין שדים און רוחות. אין מיטעלאַלטער איז דאָס געווען קודם־כל אַ פ ר אַ ק ט י ש ע פראַגע: זענען אַט די אַלע ערשיינונגען פון דבוק (בעזעסענהייט), משוגעת א. ז. וו. אַ פּראָדוקט פון אַ איבערנאַטירליכער שדים־און־רוחות־וועלט, אָדער ניט? אויב יאָ, מוז מיט זיי קעמפּפען די הייליגע מאַכט פון דער רעליגיאָן; אויב ניט, געהערען זיי צו דעם רופא. באַלטהאַזאַר בעקער האָט גע'טענה'ט, אַז שדים און בייזע רוחות זענען אפשר דאָ, נאָר זיי קאָנען ניט ווירקען אויף דעם מענשען. עס קאָן זיין, בעקער איז גערעכט, עס קאָן זיין, ער האָט אַ טעות. גלויב איך, אַז ס'איז דאָ אַ שדים־און־רוחות־וועלט, קאָן ביי מיר, אפילו נאָך ב ע ק ע ר ' ן, אַלץ בלייבען אַ ספק: אפשר קאָן זי ווירקען אויף דעם מענשען און אפשר ניט. דער ראַדיקאַל־עקסטרעמער ענטפער אָבער, אַז ס'איז נ י ט אָ קיין שדים־און־רוחות־וועלט, בעפרייט מיך לגמרי פון דעם ספק; ער גיט מיר דאָ דעם ודאי, אַז די דבוק־ערשיינונגען שטאַמען ניט פון איהר. אָבער ווי קאָן איך זיין ז י כ ע ר, אַז עס איז ניטאָ קיין שדים־און־רוחות־וועלט? אויב עס איז דאָ רוחניות אין דער וועלט, קאָן איך נאָך זיין אין ספק: אפשר איז נאָך דאָ אַ שדים־און־רוחות־וועלט, און אפשר ניט. איז אָבער גאָר ניטאָ קיין רוחניות, איז אַלץ אין דער וועלט מאַטעריע, יעמאָלט האָב איך דעם ודאי, אַז אַ שדים־און־רוחות־וועלט קאָן בשום אופן ניט געמאָלט זיין. דער ראַדיקאַליזם וועט מיך דעריבער ווייטער טרייבען צו דעם מאַטעריאַליזם. אָבער ווי קאָן איך זיין זיכער, אַז ס'איז דאָ נאָר אַ מאַטעריעלע וועלט? איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט, קאָן זיין, ער האָט אפשר בעשאַפען נעבען דער מאַטעריעלער וועלט אויך אַ רוחניות'דינגע. איז אָבער גאָר קיין גאָט ניטאָ, יעמאָלט איז די מאַטעריעלע וועלט, אין וועלכער דאָס רוב מענשען צווייפלען ניט, בודאי די איינציגע עקזיסטירענדע וועלט, און ממילא קאָן שוין אויך ניט געמאָלט זיין, עס זאָלען עקזיסטירען שדים און רוחות, און ממילא איז שוין אויסגעשלאָסען זייער ווירקונג אויף די מענשען. אויף אַזאַ'ן אופן בעפרייט דער עקסטרעם ראַדיקאַלער מאַטעריאַליסטישער אַטעאיזם אונזער גייסט

פון יעדען ספק בנוגע צו דער שדים־און־רוחות־וועלט. און עס איז דעריבען קיין חידוש ניט, וואָס דער גייסט, איין מאָל אַנגעהויבען צו לייקענען שדים, טראָגט זיך שוין מיט דעם ראַדיקאַלען אימפעט ביז צום אַבלייקענען די עקזיסטענץ פון גאָט.

אייגענטליך האָט דער ראַדיקאַליזם, וואָס זוכט אויסצוגעפינען אַזאַ פונקט, אויף וועלכען עס זאָלען ממילא פערשווינדען אַלע ספקות, זיך ניט געדאַרפט אָבשטעלען אין דער שדים־פראַגע אויף דעם אַטעאיזם. פאַר איהם איז געלעגען נאָך אַ העכערער פונקט עהדער דאָס לייקענען גאָט: ווי קאָן איך אַבסאָלוט זיכער זיין, אַז ס'איז ניטאָ קיין גאָט? ווען איך לייקען אין גאַנצען אָב די דרויסענדיגע וועלט, ווען איך נעהם אָן דעם ס אָ ל י פ ס י ז ם. איז אַ חוץ מיינע פאָרשטעלונגען, שפּירונגען און געדאַנקען, פאַראַן אַ דרויסענדיגע וועלט, וואָס הענגט ניט אָב פון מיר, קאָן יעמאָלט זיין אַ ספק: אפשר איז דאָ אַ גאָט, וואָס האָט זי בעשאַפען, אפשר ניט. איז אָבער די גאַנצע דרויסענדיגע וועלט מעהר נישט ווי אַ פּראָדוקט פון מיין פאַנטאַזיע, יעמאָלט איז אויך גאָט (און ממילא אויך שדים) ניט מעהר ווי אַ פּראָדוקט פון מיין פאַנטאַזיע און זיי קאָנען דעריבער קיין ברעקעל ממשות ניט האָבען. ביז צו דעם סאָליפסיזם, ביז צו דעם אָבלייקענען די דרויסענדיגע וועלט איז אָבער ניט דערפלויגען יענער ראַדיקאַלער געדאַנקען־שטראָם, וואָס איז אויסגעוואַקסען פון דער פּראַקטישער נויט, אָבצולייקענען די ווירקונג פון שדים אויף מענשען. ער איז ניט דערפלויגען, ניט ווייל איהם איז דער טהעאָרעטישער אָטהעם אויסגעגאַנגען, נאָר ווייל דער סאָליפסיזם, מיט וועמען די טהעאָריע קאָן נאָך עד היום ניט אין גאַנצען פאַרטיג ווערען, גראָבט אונטער יעדע מעגליכקייט פון פּראַקטישען לעבען, פון שטעלען זיך וועלכע עס איז ציעלען, וואָס ליעגען אין דרויסען פון מיר. ער האָט דעריבער קיין ברעקעל ווערט ניט פאַר דער פּראַקסיס און דעריבער איז דער מענשליכער גייסט אין איהם ניט פעראינטערעסירט. דער ראַדיקאַל־עקסטרע־מער געדאַנק פליהט אין איין־און־דערזעלבינער ליניע ווי וויים ער קאָן, אָבער אויך נאָר אויף ווי פיעל דאָס געהט ניט להיפך צו יענער פּראַקטישער נויט, וואָס האָט איהם געהייסען פליהען.

דעם זעלבינען ראַדיקאַליזם, דעם שטרעבען צו דערגרייכען אַזאַ פונקט, וואו די ספקות זאָלען פערשווינדען, בעמערקען מיר

אויף אין דער היסטאָרישער אידעען־פערבינדונג פון ענטוויקעלונגס־לעהרע און אַטעאיזם. איז פאַראַן אַ גאָט, קאָן נאָך זיין אַ ספק; אפשר האָט ער בעשאַפען די וועלט, אפשר איז די וועלט אַ געטליכער ענטוויקעלונגס־פּראָצעס. איז אָבער קיין גאָט ניטאָ, יעמאָלט איז די וועלט אודאי ניט קיין פּראָדוקט פון אַ בעשאַפונגס־אַקט און עס בלייבט איבער נאָר די היפּאָטעזע פון אַ נאַטירליכער ענטוויקעלונג. דעם, וואָס גלויבט אין ענטוויקעלונג, לוינט דעריבער זיך בעסער צו האַלטען פאַר דעם ראַדיקאַלען אַטעאיזם.

דאָס איינענע איז אויך מיט דער פערבינדונג פון קאָסמאָפּאָליטיזם און פּראָגרעס. ביז אָהער איז נאַציאָנאַליזם געווען אַ רעאַקציאָנערע מאַכט. אמת, ער מוז עס ניט זיין, אָבער ער קאָן עס זיין. הייסט עס, אַז מיט דעם נאַציאָנאַליזם קאָן מען נאָך אַליין זיין אין ספק, צי ער קאָן זיין פּראָגרעסיוו, צי ער מוז זיין רעאַקציאָנער. שטעל איך מיך אָבער אויף דעם ראַדיקאַלען שטאַנדפּונקט, אַז עס זענען גאָר קיין נאַציאָנען ניטאָ, אָדער, אַז עס זאָלען גאָר קיין נאַציאָנען ניט זיין, פערשווינדעט ממילא אויך די מעגליכקייט פון יענע רעאַקציאָנערע ערשיינונגען, וואָס שטאַמען פון דעם נאַציאָנאַליזם.

גלויב איך אין מאַלטהוס'עס לעהרע, אַז די מיטלען צו בעפריעדיגען די מענשליכע בעדערפניסען וואַקסען אָן אַ סך לאַנגזאַמער עהדער די בעפעלקערונג, עפענען זיך פאַר מיר, דעם סאָציאַליסט, אַ סך ספקות: ערשטענס, טאָמער האָט שוין די בעפעלקערונג אריבערגעוואַקסען דעם מאָס פון מיטלען, וועלכע מיר קאָנען ארויסברענגען פאַר איהר, און דעריבער וועלען קיינע סאָציאַלע רעפאָרמען און רעוואָלוציעס ניט קאָנען אָבשאַפען די מאַטעריעלע נויט פון די מאַסען. צווייטענס, אויב אפילו די בעפעלקערונג האָט דערוויילע נאָך ניט דערגרייכט דעם מאַקסימום, וואָס די געזעלשאַפט קאָן דערנעהרען, איז יעמאָלט אַ שאלה, אפשר וועט גראָד דער סאָציאַליזם, וואָס שאַפט אָב די קאָנקורענץ אין דעם קאַמפף פאַר עקזיסטענץ, העלפען, אַז דער מאַקסימום זאָל אָנגעיאָגט ווערען זעהר אין אַ קורצער צייט און מיר וועלען ווייטער שטעהן פאַר דעם אָבגרונד פון דחקות און עלענד. שטעל איך מיך אָבער אַוועק אויף דעם ראַדיקאַלען שטאַנדפּונקט פון לגמרי אָב־

לייקענען די מאַלטהוס'שע טהעאָריע, וועט איך מיט א מאָל בעפרייט פון אַט די אַלע ספקות.

איך וויל דאָ ברענגען מעהר נישט ווי נאָך איין בייספּיעל פון א היסטאָרישער אידעען־פערבינדונג, וואו דער ראַדיקאַליזם שפּיעלט א ראָלע, ניט אַזוי צוליעב נאָך מעהר מסביר זיין דעם ענין, וועלכען איך רעכען שוין פאַר גענוג בעלויכטען, נאָר וויל די פערבינדונג גופא איז זעהר א וויכטיגע און איז שטאַרק פערשפּרייט. איך מיין דאָ דעם „אני־מאמין", אַז ווער עס איז א סאָציאַליסט, אַפילו ניט קיין „וויסענשאַפטליכער", מוז גלויבען, אַז אַלע ווערטהען שטאַמען פון דער אַרבייט און אַז ממילא קאָן דער קאַפּיטאַל ניט שאַפען קיין ווערטה.

די פערבינדונג פון סאָציאַליזם און אַרבייט־ווערטה־טהעאָריע איז קודם כל א „פּאָלעמישע". זי איז דער היפך פון א פריהערדיגער אידעען־פערבינדונג, וועלכע די בורזשואַזיע האָט בעשאַפען. וויבאַלד א טהייל פון דעם ווערטה שטאַמט פון דעם קאַפּיטאַל, האָט גע'טענה'ט די בורזשואַזיע, איז דעריבער דער קאַפּיטאַל א נויטוועגדיגער פאַקטאָר אין דער פּראָדוקציע, און דעריבער קומט די קאַפּיטאַליסטען, על פי יושר, א חלק פון די געשאַפענע פּראָדוקטען.

ווי לאָגיש עס ווייזט ניט אויס אויפ'ן ערשטען בליק אַט די אידעען־פערבינדונג פון דער בורזשואַזיע, איז זי, א ביסעל טיעפער אַנאַליזירט, ניט מעהר ווי א היסטאָרישע. זי איז אויפגעבויט דורך די קראַפט פון צונויפשמעלצען די ענד־רינגען און אַריבערהופען די מיטעל־רינגען. שטעלט מען אריין די אַרויסגעלאָזענע מיטעל־רינגען, בעקומט די אידעען־פערבינדונג אַזאַ פאָרם:

היות ווי א קוואַל, פון וועלכען עס פליסט ווערטה, איז א נויטיגער פאַקטאָר אין פּראָדוקציע; און היות ווי א טהייל פון דעם ווערטה שטאַמט פון דעם קאַפּיטאַל; דעריבער איז דער קאַפּיטאַל א נויטיגער פאַקטאָר אין דער פּראָדוקציע.

היות, ווידער, ווי די פּראָדוקטען דאַרפען געהערען צו דעם, וואָס בעשאַפט זיי; און היות א טהייל פון די פּראָדוקטען ווערט בעשאַפען פון דעם קאַפּיטאַל, מוז דעריבער א טהייל פון די פּראָדוקטען געהערען צו דעם קאַפּיטאַל.

היות, ווידער, ווי דער קאַפּיטאַל מוז געהערען ניט צו דעם

פאָלק, נאָר צו די קאַפּיטאַליסטען, דעריבער, מוז דער טהייל פון די פּראָדוקטען, וואָס ווערט בעשאַפען פון דעם קאַפּיטאַל, געהערען ניט דעם פאָלק, נאָר די קאַפּיטאַליסטען.

דער געדאַנק, אַז דער קאַפּיטאַל איז אַ ווערטה־שאַפענדער פאַקטאָר אין דער פּראָדוקציע, קאָן דעריבער נאָר יעמאָלט פיהרען צו דעם געדאַנק, אַז אַ טהייל פון די פּראָדוקטען דאַרף געהערען די קאַפּיטאַליסטען, ווען מען שטעלט אַריין די מיטעל־רינגען: אַז יעדער קוואַל, פון וועלכען עס פליסט ווערטה, איז אַ נויטיגער פאַקטאָר אין דער פּראָדוקציע, און ער טאָר ניט אָבגעשאַפט ווערען; אַז פּראָדוקטען דאַרפען געהערען צו דעם, ווער עס בעשאַפט זיי, און אַז דער קאַפּיטאַל דאַרף געהערען צו איינצעלנע קאַפּיטאַ־ליסטען. ווי איז אָבער אַז מיר לייקענען די דריי מיטעל־רינגען? ווי איז, אַז מיר זאָגען, ניט י ע ד ע ר קוואַל, פון וועלכען עס פליסט ווערטה און וואָס בערייכערט די געזעלשאַפט, איז אַ נויטיגער פאַקטאָר אין דער פּראָדוקציע? מלחמה און רויב איז, פאַר דער געזעלשאַפט, וואָס בעשעפטיגט זיך מיט זיי, בלי ספק אַ ווערטה־ברענגענדער פאַקטאָר. הייסט עס דען, אַז אָהן מלחמה און רויב קאָן די פּראָדוקציע ניט אויסקומען? הייסט עס דען, אַז מלחמה און רויב טאָר מען ניט אָבשאַפען? ווי איז, אַז מיר לייקענען, אַז פּראָדוקטען דאַרפען געהערען צו דעם, ווער עס בעשאַפט זיי? ווי איז, אַז מיר זאָגען: די פּראָדוקטען דאַרפען געהערען צו דעם, ווער עס נויטיגט זיך אין זיי, אָדער צו דעם, ווער עס כאַפּט זיי אין יד אַריין? ווי איז, ווייטער, אַז מיר לייקענען, אַז דער קאַפּיטאַל מוז געהערען צו איינצעלנע קאַפּיטאַליסטען? דוקא דערפאַר ווייל דער קאַפּיטאַל שאַפט ווערטה, דוקא דערפאַר, ווייל דער קאַפּיטאַל איז אַ נויטיגער פאַקטאָר אין דער פּראָדוקציע, איז אפשר דאָס פאָלק פעראינטערעסירט, ער זאָל ניט זיין קיין פּריוואַטע אייגענ־טהום פון פּריוואַטע מענשען, נאָר ער זאָל געהערען דעם גאַנצען פאָלק און שטעהן אונטער דער השגחה פון דעם גאַנצען פאָלק.

אַ מאָל, אין מיטעל־אַלטער, איז דער קריעג געווען אַ פּריוואַט־אונטערנעהמונג. דער „ריטער" האָט געדונגען סאָלדאַטען, ווי דער פאַבריקאַנט דינגט „הענד", און אַלץ, וואָס זיינע „הענד" פלעגען אָנרויבען אין קריעג, פלעגט געהערען איהם. אַצטער איז דער „ריטער" ניט אָבגעשאַפט געוואָרען אין גאַנצען. ער איז

מגולגל געוואָרען אין אַ „גענעראַל“. אָבער ניט ער דינגט די „הענד“, די סאָלדאַטען, נאָר די געזעלשאַפט גיט איהם זיי, און וואָס ער רויבט אָן אין קריעג, געהערט ניט איהם, נאָר דער גאַנצער געזעלשאַפט. ער בעקומט נאָר געהאַלט און מעדאַלען. פאַר וואָס זאָל דער אינדוסטריעלער קריעג מיט דער נאַטור ניט אָרגאַניזירט זיין אויף דעם זעלביגען אופן? לאָז דער קאַפּיטאַל געהערען דער גאַנצער געזעלשאַפט, לאָז מען ראקעפעלער'ן און קארנגיע'ן מאַכען פאַר גענעראַלען אין דער אינדוסטריע, לאָז מען זיי געבען „הענד“, לאָז מען זיי צאָהלען געהאַלט און בעהענגען זייער ברוסט מיט רויטע בענדער און מעדאַלען, אָבער לאָזען אַלע דאָלערס, אַלע ווערטהען, וואָס זיי געווינען אין דעם קאַמפּף מיט דער נאַטור, געהערען ניט זיי, נאָר דער גאַנצער געזעלשאַפט.

איך האָף, אַז דער לעזער פערשטעהט, אַז אונזער מיין איז ניט אויפצובויען אַ נייע סאָציאַליסטישע אוטאָפּיע אויף די גרונדזיילען, אַז דער קאַפּיטאַל בעשאַפט ווערטה און אַז דער אונטערנעהמער איז אַקוראַט אַזוי נויטיג אין דער פּראָדוקציע, ווי די גענעראַל אין אַ קריעג. איך וויל מעהר נישט בעווייזען, אַז אַ פ י ל ו ווען מען שטעלט זיך אויף דעם שטאַנדפּונקט פון דער בורזשואַזיע, אַז אַ טהייל ווערטה שטאַמט פון דעם קאַפּיטאַל און אַז דער קאַפּיטאַליסט איז אַ נויטיגע זאַך אין דער אינדוסטריע, קאָן מען נאָך אויך ניט קומען צו דער בערעכטיגונג פון דעם איצטיגען פּריוואַטקאַפּיטאַליסטישען סיסטעם. די בורזשואַזע אידעען־פערבינדונג פון ווערטה־טהעאָריע און אַנטי־סאָציאַליזם איז ניט קיין לאָגישע, נאָר אַ היסטאָרישע.

ממילא איז אויך די פּאָלעמישע, סאָציאַליסטישע אידעען־פערבינדונג פון אַרבייט—ווערטה־טהעאָריע און סאָציאַליזם, אין דער געשטאַלט, ווי זי הערשט אין דאָס רוב סאָציאַליסטישע קעפּ, אויך ניט קיין לאָגיש־נויטווענדיגע, נאָר אַ היסטאָרישע אידעען־פערבינדונג. אַ טהייל פון דעם ווערטה קאָן גאַנץ גוט שטאַמען פון דעם קאַפּיטאַל, און דאָס פּאָלק קאָן גאַנץ גוט נעהמען און פערגעזעלשאַפטען יענעם קוואַל, פון וועלכען עס שטאַמט ווערטה. דעם סאָציאַליסט טרייבט אָבער צו דער היסטאָרישער אידעען־פערבינדונג, אַ חוץ די פּאָלעמיק מיט דער בורזשואַזיע, אַ חוץ דעם שטרעבען צו יענקען איהר „אויף צו להכעיס“, אויך נאָך דער ראַדי־

קאַפּיטאַליזם, דאָס שטרעבען צו דעם ודאי. גיב איך צו, אַז קאַפּיטאַל בעשאַפֿט ווערטה, קאָן יעמאָלט נאָך זיין אַ ספק, צי איהם קומט אַ חלק פון די בעשאַפענע ווערטהען, צי ניט; עס קאָן נאָך זיין אַ שאלה, צי דער אונטערנעהמער איז אַ נויטווענדיגער פאַקטאָר אין דער פּראָדוקציע, צי ניט; צי קאַפּיטאַל מוז זיין פּריוואַט־קאַפּיטאַל, אָדער ער קאָן אויך זיין געזעלשאַפטליך. זאָג איך אָבער, אַז קאַפּיטאַל שאַפט ניט קיין ווערטה, אַז יעדער ווערטה שטאַמט פון דער אַרבייט און נאָר פון דער אַרבייט, ווער איך מיט אַ מאָל פּטור פון די אַלע שאלות און ספקות. דערפאַר איז יעדער סאָציאַליסט נוטה צו דער אַרבייט־ווערטה־טהעאָריע. ער וועט תמיד אויסקלייבען אַזעלכע געדאַנקען, אָדער אַליין אויפבויען טהעאָריען, וואָס בעווייזען די ריכטיגקייט פון דער אַרבייט־ווערטה־טהעאָריע און וואָס פערבינדען זי אויף דעם אָדער אויף אַן אַנדער אופן מיט דעם סאָציאַליזם. סוף כל סוף מוז זיך איהם אויסדוכטען, אַז ווער עס איז אַ סאָציאַליסט, מוז גלויבען אין די אַרבייט־ווערטה־טהעאָריע, און אַז די אַרבייט־ווערטה־טהעאָריע איז איינער פון די נויטווענדיגסטע זיילען פון דעם סאָציאַליזם.

איך מוז דאָ בעמערקען, אַז די היסטאָרישע אידעען־פערבינדונג פון אַרבייט־ווערטה־טהעאָריע און סאָציאַליזם, וואָס איך האָב נאָר וואָס צוגליעדערט, איז ניט די, וועלכע מאַרקס האָט אויפגעבויט אין זיין סיסטעם. דאָס איז אַן אידעען־פערבינדונג, וואָס האָט אין דער טהעאָריע געהערשט ביז מאַרקס'ען, איבערהויפּט ביי די ענגלישע תלמידים פון ריקאַרדאָ און ראָבערט אָועןֿ. אדרבה, מאַרקס איז איינער פון יענע דענקער, וואָס האָט צוריסען די דאָזיגע אידעען־פערבינדונג, ווייל זי איז אין גאַנצען אויפגעבויט אויף דעם שטאַנדפּונקט פון רעכט און יושר: דער קאַפּיטאַל בעשאַפט גאָר נישט, עס איז דעריבער קיין יושר ניט, וואָס ער בעקומט עפּעס. דאָס איז געווען דער גרונד־געדאַנק פון יענעם סאָציאַליזם. און נאָך עד היום פערשטעהט אַ גרויסער טהייל פון די וואולגאַרע מאַרקסיסטען די אידעען־פערבינדונג אין דעם זעלבינען „אוטאָפּיסטישען" זין. מאַרקס האָט אָבער געוואָלט פערבינדען זיין מעהר־ווערטה־טהעאָריע מיט דעם סאָציאַליזם ניט דורך עטהיק, נאָר דורך געשיכטס־פילאָסאָפיע. אַ דאַנק די פּראָצעסען, וואָס בעשאַפען מעהר־ווערטה, און אַ דאַנק יענע פּראָצעסען, וואָס

קומען ארויס פון דעם מעהר־ווערטה, קומען פּאַר, האָט ער געזאָגט, געוויסע אַנדערע פּראָצעסען אין דעם געזעלשאַפטליכען לעבען וואָס פיהרען אין דער ווירקליכקייט, ניט אין דער לאָגישער פּאָדערונג צו אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע און צום סאָציאַליזם. דאָס איז שוין גאָר אַן אַנדער שטאַנדפּונקט, וואָס האָט לחלוטין ניט צו טהאָן מיט יושר און עולות, און מיט דער נאַר וואָס אַנאַליזירטער אידעען־פערבינדונג.

אויפדעקען די היסטאָרישע אידעען־פערבינדונגען, וועלכע מאַרקס האָט אויפגעבויט, וואָלט שוין אונז דירעקט אַרויסגעפיהרט אויף'ן פעלד פון מאַרקס־קריטיק, וואָס מיר זוכען אויסצומיידען אין אונזער היינטיגער אַרבייט. לאָזען דעריבער די מאַרקסיסטען לעבען אין דעם גוטען גלויבען, אַז ביי מאַרקס איז אַלץ כשר וישר; לאָזען זיי אָבער אונז צוגעבען, אַז וועניגסטענס, ביי די ניט־מאַרקסיסטען איז די גאַנצע גייסטיגע וועלט פול און פיעל מיט היסטאָרישע אידעען־פערבינדונגען, וואָס דוכטען זיך אויס לאָגיש־נויטווענדיג; און אַז צו די קרעפטען, וואָס רופען אַרויס אַזאַ'ן אילוזיע, געהערען יענע פּראָצעסען, וועלכע מיר האָבען בעשריעבען ביז אַהער: די בעגריפען־פערקעיטלונג, די צונויפשמעלצונג פון ענד־בעגריפען און דאָס אַריבערהופּען פון מיטעל־רינגען, די ניט בערעכטיגטע איבערקעהרונג און דער פּאָלעמישער „להכעיס", דער ראַדיקאַליזם און די קאָנסעקווענץ־מאַכעריי. לאָזען זיי נאָך אַ מאָל דורכקוקען דעם מאַרקסיזם פון דעם שטאַנדפּונקט פון היסטאָרישע אידעען־פערבינדונגען, כדי מיט בעפריעדיגונג צו פערזיכערען זיך, אַז דאָרטען קאָן מען קיין שמץ ניט געפינען פון יענע פּראָצעסען, וואָס האָבען אונז בעשעפטיגט ביז אַהער. פריהער אָדער שפּעטער וועלען מיר, פון אונזער זייט, זיך אויך נעהמען פאַר אַזאַ דורכ־מוסטערונגס־אַרבייט און דערנאָך וועלען מיר ביידע פערגלייכען די רעזולטאַטען, צו וועלכע מיר זענען געקומען...

דערווייל בלייבט אונז נאָך צו בעלייכטען די ראָלע פון דער ריין פאָרמאַלער לאָגיק אין דעם בעשאַפונגס־פּראָצעס פון היסטאָרישע אידעען־פערבינדונגען און דערנאָך וועלען מיר איבערגעהן צו דער פראַגע, ווי אַזוי קאָן מען פּטור ווערען פון זיי, אָדער וועניגסטענס אָבשוואַכען זייער מאַכט.

זיעבעטער קאַפּיטעל

די פערבלענדענים פון דער פאָרמאַלער לאָגיק.

ניט נאָר פּשוט'ע בשר־ודם'ס, נאָר אויך גרויסע געלערנטע און שאַרפע דענקער האָבען אַ מאָל געגלויבט, אַז אַלץ, וואָס איז לאָגיש ריכטיג, מוז זיין פאַקטיש אמת. עס האָט געקאָסט ניט ווייניג מיה דעם מענשליכען געדאַנק, ביז ער האָט אויסגעפונען, אַז ניט אַלץ, וואָס איז לאָגיש ריכטיג, מוז זיין פאַקטיש אמת. און צוריק, דאָס האָט ער שוין פון לאַנג אָן געוואוסט, אַז ניט אַלע אמת'ען מוזען שטעהן אין אַ נאָהענטער סמיכות הפּרשה איינער צו דעם אַנדערען, ד. ה. זיין לאָגיש ריכטיג.

בוי איך דעם אַלט־בעקאַנטען סיללאָגיזם:

1. היות ווי אַלע מענשען זענען שטערבליך
2. און היות ווי ראובן איז אַ מענש,
3. איז דעריבער ממילא געדרונגען, אַז ראובן איז שטערבליך,

האָב איך דאָ פאַר מיר דריי פאַקטישע אמת'ען, וואָס שטעהען אין דערזעלביגער צייט אין אַ לאָגיש־ריכטיגער סמיכת־הפּרשה.

זאָג איך אָבער:

היות ווי די זון פערגעהט אין מערב זייט
און היות ווי צו פוטער־פלעצלעך דאַרף מען זיך ניט וואַשען
איז ממילא כינין אַ סגולה צו קרחת, —

פיהלט יעדערער, אַז ווען אפילוביידע „היות'ען" זענען פאַקטיש אמת, און דער „ממילא" (דער שלום) איז אויך אַ פאַקטיש אמת'ער, און אַלע דריי זענען א ו י ס ע ר ל י ך אַריינגעקוועטשט אין אַ לאָגישער פאָרם, פון דעסטוועגען געהען זיי אינערליך להיפּך צו דער לאָגישער פאָרם פון דענקען און האָבען קיין ברעקעל לאָגישע שייכות ניט איינער מיט דעם אַנדערן.

כמעט אַלע פעלקער האָבען אין זייער שפּראַך וויציגע ווערט־לעך, וואָס בעשפּאָטען אַזאַ'ן אַרט לאָגישען דענקען. דער איד זאָגט אין אַזאַ פאַל: „גראָם־שטראָם — מאַך מיר אַ לעטניק", אָדער: „אַזוי ווי אַ טאָרבע פלעקער איז שפּיציג, אַזוי איז אַ לעבעל ברויט קיילעכדיג". דער רוסט זאָגט: „ו' אָגאָראָדיע בוזינאַ, אַ וו' קיעווע דיאַדיאַ, יאַ זאַ טאָ טעביאַ ליובליו, טשטאָ או טעביאַ פּיערסטען". („די בוזינע וואַקסט אין גאָרטען, און אין קיעוו

וואָהנט דער פֿעטער, ליעבען ליעב איך דיך דערפֿאַר, וואָס דו האָסט א פֿינגער־רינג"). אָבער פֿון דעסטוועגען מוז מען געדענקען, אז ניט אַלץ, וואָס זעהט אויס ווי „גראַם־שטראַם", איז לאָגיש ניט מעהר ווי „מאַך מיר אַ ליעטניק".

זאָג איך: „היות ווי צו אַ בעשטימטער צייט זענען די שטערען מאדים, שבתאי און נוגה געשטאַנען אין אַ בעשטימטען אָרט אין הימעל, אין אַ בעשטימטען מהלך איינער פֿון דעם אַנדערען; און היות ווי צו יענער בעשטימטער צייט איז געבוירען געוואָרען אַלעקסאַנדער מוקדן — איז דעריבער ממילא געדרונגען, אַז גריעכענלאַנד האָט געמוזט פֿערליערען איהר פֿרייהייט", איז דאָס פֿאַר אונז ניט מעהר ווי אַ „גראַם־שטראַם" פֿון דריי אמת'ען, אָבער אין אַלעקסאַנדער מוקדן'ס צייטען איז דאָס געווען אַ צווינגענדער לאָגישער „ממילא". עס האָט אויסגעדריקט דעם אַסטראָלאָגישען אמת, אַז אַלעקסאַנדער מוקדן'ס נצחון איבער גריעכענלאַנד איז שוין געווען לכתחילה בעשטימט פֿון די אייביגע געזעצען אין דעם לויף פֿון די שטערען און אַז דאָס האָט מען געקאָנט לייענען אין זיי אין דעם מאָמענט פֿון אַלעקסאַנדער'ס געבורט.

אויך פֿאַר דער היינטיגער צייט קאָן מען אויפֿשטעלען, למשל, אַזא גראַם־שטראַם: „היות ווי די כעמישע וויסענשאַפֿט האָט זיך שטאַרק ענטוויקעלט אין נייאנצעהנטען יאָהרהונדערט; און היות ווי די מקחים אויף אינדיגאָ־בלאָה זענען שטאַרק געפֿאַלען, — איז דעריבער ממילא געדרונגען, אַז די ראַפּס־פֿלאַנץ שטאַרבט אויס אין אייראָפּאַ". אויפֿ'ן ערשטען בליק איז דאָס אויך מעהר נישט, ווי אַ צונויפֿשטעלונג פֿון דריי זעהר ווייט אָבשטעהענדע פֿאַקטישע אמת'ען, וואָס האָבען לחלוטין ניט קיין ברעקעל לאָגישע שייכות איינער מיט דעם אַנדערען: אַ קולטור־היסטאָרישער פֿאַקט, אַ נאַציאָנאַל־עקאָנאָמישער און אַ באָטאַנישער. דערמאָהנט מען זיך אָבער, אַז די פֿאַרב אינדיגאָ־בלאָה פֿלעגט מען מאַכען נאָר פֿון דער ראַפּס־פֿלאַנץ; אַז די כעמיע האָט אויסגעפֿונען ווי צו מאַכען קינסטליכע אינדיגאָ; אַז דעריבער זענען די מקחים אויף דער פֿאַרב געפֿאַלען און אַז דערפֿאַר הערען די פּויערים אויף צו בעזייען די פֿעלדער מיט ראַפּס, ווערט שוין ממילא קלאָר, פֿאַר וואָס די ראַפּס־פֿלאַנץ הויבט אָן אויסצושטאַרבען אין אייראָפּאַ. שטעל איך אריין אין אָט דעם „גראַם־שטראַם" אַלע אויסגעלאָזענע

מיטעל־גליעדער, זעה איך אויס׳ן שטעל איין, אַז ער האָט ניט נאָר די אויסערליכע פאָרם פון אַ לאָגישען שלוס, נאָר אויך זיין אינוועניגסטע פאָרם, וואָס מאַכט, אַז פון איינינע „היות׳ען" מוז ארויסשפרינגען אַ לאָגיש ריכטיגער „ממילא".

נאָך וויכטיגער איז איינצוזעהן, אַז ניט אַלע, וואָס איז אויפגעבויט נאָך דער לאָגיש־ריכטיגער פאָרם, ד. ה., וואָס האָט אינוועניג אין זיך אַ לאָגישע ריכטיגע סמיכות הפרשה, מוז אין דער זעלביגער צייט זיין פאַקטיש אמת.

אָט דעם פאַקט מוז מען זיך קלאָר מאַכען, כדי צו פערשטעהן די ראָלע פון דער פאָרמאַלער לאָגיק אין דעם בעשאַפונגס־פּראָצעס פון היסטאָרישע אידעען־פערבינדונגען.

קודם כל מוז מען איינזעהן, אַז אַ לאָגיש אַבסאָלוט ריכטיגער שלוס קאָן בעשטעהן פון אַבסאָלוט פאַלשע פאַקטישע היות׳ען. דער „ממילא" איז יעמאָלט לאָגיש ריכטיג, אָבער פאַקטיש פאַלש. דער קלאָרסטער ביישפּיעל דערצו איז, ווען איך זאָג:

היות ווי יעדער דריי־עק איז אַ פיער־עק
און היות ווי יעדער פיער־עק איז אַ קרייז,
איז ממילא יעדער דריי־עק אַ קרייז.

דער שלוס איז דאָ אַזוי לאָגיש צווינגענד ווי נאָר מעגליך, אָבער די לאָגישע ריכטיגקייט קאָן דאָ ניט פערפּארבען, ניט פערבלענדען די פאַקטישע פאַלשקייט פון די צוויי היות׳ען און דעם ממילא: זייער פאַלשקייט וואַרפט זיך שוין צו שטאַרק אין די אויגען. ביי די היסטאָרישע אידעען־פערבינדונגען האָט מען אָבער צו טהאָן מיט אַזעלכע עלעמענטען, וואָס וואַרפען זיך ניט אַזוי בולט אין די אויגען און די לאָגישע ריכטיגקייט זייערע פערפּארבט און פערבלענדט זייער פאַקטישע פאַלשקייט און מאַכט שטאַרקער די בעהעפטונגס־קראַפט פון דער היסטאָרישער אידעען־פערבינדונג. ווען דער אַנהענגער פון אריסטאָטעלעס האָט גע׳טענה׳ט: היות ווי אַלע, וואָס שטאַמט פון דער נאַטור, איז גוט; און היות ווי שקלאַווערי שטאַמט פון דער נאַטור, איז ממילא שקלאַווערי גוט, — האָט ער דאָ אויפגעבויט אַ לאָגיש ריכטיגען סיללאָגיזם פון היות׳ען, וואָס זענען כמעט אַזוי פאַלש, ווי די געדאַנקען, אַז יעדער דריי־עק איז אַ פיער־עק און יעדער פיער־עק איז אַ קרייז. אָבער דער פעטישיזם פון דער לאָגישער ריכטיגקייט האָט בעגאָסען די אידעען־

פערבינדונג פון נאַטור־געזעצע און שקלאַווערייַ מיט אַ בעזונדער־גלאַנץ און האָט זי פערפעסטיגט אין בעוואוסטזיין. יענע היסטאָרישע אידעען־פערבינדונג איז געווען אַ לאָגיש ריכטיגער אָבער פאַקטיש פאַלשער שלוס פון פאַקטיש פאַלשע היות'ען.

ווייטער!

עס איז יעדען קלאָר, אַז פון צוויי לאָגיש ריכטיגע, פאַקטיש אמת'ע היות'ען מוז אַרויסגעדרונגען ווערען אַ לאָגיש ריכטיגער, פאַקטיש אמת'ער ממילא. זענען אַלע מענשען שטערבליך און איז ראובן אַ מענש, איז ממילא ראובן שטערבליך. אָבער דאָס זעהט ניט יעדער אויפ'ן שטעל, אַז דערזעלביגער לאָגיש ריכטיגער און פאַקטיש אמת'ער שלוס קאָן זיין אַ פועל־יוצא פון אין גאַנצען פאַלשע היות'ען אָדער נאָר פון איין פאַלשען היות אָדער פון היות'ען, וואו אמת און שקר זענען צונויפגעמישט אין איינעם.

ווען איך זאָג: „אַלע איידעלע, הומאַנע מענשען האָבען געמוזט ענדיגען טראַגיש זייער לעבען; דער מיניסטער פאָן פּלעווע איז געווען אַן איידעלער, הומאַנער מענש; ממילא האָט ער געמוזט טראַגיש ענדיגען זיין לעבען" — איז דאָ פון צוויי פאַלשע היות'ען געצויגען געוואָרען אַ ריכטיגער, אמת'ער שלוס.

אָדער, ווען איך זאָג: „אַלע מענשען זענען שטערבליך; אַ בער איז אַ מענש; ממילא איז אַ בער שטערבליך", דרינג איך דאָ אַרויס אַן אמת'ען שלוס פון אַן אמת'ען ערשטען היות און אַ פאַלשען צווייטען היות.

און ווען איך זאָג: „דאָס רוב עהרליכע מענשען לייקענען אָב דעם רעליגיעזען גלויבען; סאָציאַליסטען זענען דאָס רוב עהרליכע מענשען; ממילא לייקענען דאָס רוב סאָציאַליסטען דעם רעליגיעזען גלויבען", האָב איך דאָ ווידער אַ פאַקטיש אמת'ען שלוס פון אַ פאַלשען ערשטען היות און אַן אמת'ען צווייטען היות.

און ווען איך זאָג ווייטער: „ערשטער היות: די זון און די לבנה דרעהען זיך אַרום דער ערד נאָך בעשטימטע געזעצען. צווייטער היות: אַ לקוי חמה קומט, ווען די לבנה שטעלט זיך צווישען ערד און זון. ממילא איז אַ לקוי חמה אַ נאַטירליכע זאַך און קאָן לכתחילה אויסגערעכענט ווערען", — האָבען מיר דאָ אַ לאָגיש־ריכטיגען סילאָגיזם, וואו דער שלוס איז לגמרי אמת, דער צווייטער היות איז אויך אמת און דער ערשטער היות איז אַ געמיש פון אמת

און שקר, ווײַלע נאָר די לבנה דרעהט זיך אַרום דער ערד און ניט די זון.

הייסט עס, אז ריכטיגע, אמת׳ע שלומען קאָנען אַבשטאַמען פון האַלב פאַלשע אָדער גאַנץ פאַלשע היות׳ען. דאָס שטעהט אָבער ניט אַלע מאָל קלאָר פאַר די אויגען פון דעם מענשליכען שכל, בעת ער בויט היסטאָרישע אידעען־פערבינדונגען. דער ריכטיגער שלום איז פאַר דעם מענשען אָפטמאָל א בעווייז, אז אויך דער וועג איז געווען א ריכטיגער און א „לאָגיש־נויטוועדיגער". בויט ער א וועלכע עס איז אידעען־פערבינדונג, וואָס פיהרט איהם צו א ריכטיגען אמת׳ען שלום, פערגעסט ער, אז דער ריכטיגער שלום קאָן זיין א פועל־יוצא פון פאַלשע הנחות, און די גאַנצע אידעען־פערבינדונג בעקומט אין זיינע אויגען גאָר א בעזונדערע פעסטקייט און שטאַרקקייט און ביי איהם קומט שוין ניט אַרויף קיין ברעקעל ספק אויפ׳ן זינען וועגען דעם אמת פון די היות׳ען גופא.

גלויבט איינער אין דער היסטאָרישער אידעען־פערבינדונג, אז די אידישע נאַציאָנאַליטעט איז לאָגיש פערבונדען מיט דער אידישער רעליגיע, און זעהט ער אין לעבען, אז דער אומקעהר צו דעם אידישען נאַציאָנאַליזם איז אָפט פערבונדען מיט דעם אומקעהר צו דער אידישער רעליגיע, וועט ער ניט זעהן דערינען אָדער א צופאַל אָדער די מאַכט פון א היסטאָרישער אידעען־פערבינדונג. פאַר איהם וועט דאָס דוקא נאָך זיין א בעווייז און אפשר דער צווינגענדסטער פון אַלע בעווייזען, אז די פערבינדונג איז ניט קיין „היסטאָרישע". נאָר א לאָגיש־נויטוועדיגע.

איבערהויפט פראָפיטירען פון דעם „לאָגיש ריכטיגען, אמת׳ען שלום" יענע היסטאָרישע אידעען־פערבינדונגען, וואָס לאָזען זיך אוים מיט וועלכע עס איז סאָציאַל־פּאָליטישע נביאות. קוים טרעט אַזאַ נביאות אַריין אין דער ווירקליכקייט, אַזוי דערזעהט מען אין איהם שוין דעם בעוויז, אז דער גאַנצער סיסטעם איז אויפגעבויט אויף פעסטע וויסענשאַפטליך זיכערע יסודות.

האָט דער מאַרקסיסט, צ. ב., אויפגעבויט א סיללאָגיזם: „היות ווי די אָבשטשינאַ קאָן ניט לעבען אין א קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט און היות ווי אין רוסלאַנד ענטוויקעלט זיך דער קאַפּיטאַליזם, איז ממילא געדרונגען, אז די אָבשטשינאַ מוז אַבשטאַרבען",

און בעמערקט ער איצטער, ווי די אַבשטשינאַ ווערט אין די רוסישע דערפער צוריסען אויף שטיקער, איז דאָס פאַר איהם אַ בעווייז, אַז זיין סיסטעם איז געוועזן ריכטיג, אַז אַ דאַנק דעם סיסטעם האָט מען דאָס לכתחילה געקאָנט פאָראויסזאָגען.

אַלע אַזעלכע אידעען־פערבינדונגען, וואָס שעפּען דעם בעווייז פאַר זייער אמת אין דער פערווירקליכונג פון זייערע נביאות, פערגעסען צו רעכענען זיך מיט דער פערבלענדעניש פון דער פאָרמאַלער לאָגיק, פערגעסען אַז אַ ריכטיגער און אמת'ער שלום פון אַ לאָגיש ריכטיגען סיללאָגיזם איז נאָך קיין בעווייז ניט פאַר דעם אמת פון זיינע הנחות. מען מעג זיי דערמאָהנען אָן יענעם היסטאָרישען פאַקט, אַז טהאַלעס איז געוועזן דער ערשטער, וואָס האָט, אויף דעם יסוד פון אַ פאַלשען אַסטראָנאָמישען סיסטעם, ריכטיג אויסגערעכענט די ערשטע לקוי־חמה.

אַקוראַט ווי אַן אמת'ער שלום קאָן זיין דער פועל־יוצא פון פאַלשע הנחות, אַזוי קאָן זיין אַ לאָגישער ממילא, וואָס מיר האַלטען איהם פאַר ניט־אמת, דער פועל־יוצא פון אַ פאַקטיש אמת'ען היות.

זאָג איך, צ. ב.: „מאָראַליש זיין הייסט פאָלגען מאָראַלישע געבאָטען; מאָראַלישע געבאָטען שטאַמען פון גאָט; ממילא הייסט מאָראַליש זיין — פאָלגען גאָט", האָב איך דאָ אַ ניט־אמת'ען שלום, וואָס שטאַמט פון אַ ריכטיגען ערשטען היות, אַז מאָראַליש זיין הייסט פאָלגען מאָראַלישע געבאָטען.

און אַקוראַט ווי דער אמת פון אַ וועלכען עס איז שלום ווערט פון אונז אַריבערגעטראָגען אויף אַלע פאַלשע הנחות פון דעם סיסטעם און מאַכט זיי אויך פאַר אמת, אַזוי פסל'ט, אומגעקעהרט, אַ לאָגישער שלום, וועלכען מיר האַלטען פאַר ניט אמת, אַלע יענע הנחות, וואָס האָבען לאָגיש געפיהרט צו איהם, ווען אפילו איינינע פון זיי זענען געוועזן אמת.

זאָגט איינער, צ. ב.: „היות ווי דעם מענשען'ס נשמה איז אונשטערבליך; און היות ווי אַן אונשטערבליכע נשמה טאָר ניט דאגה'נען וועגען עולם הזה, — איז דערפון ממילא געדרונגען, אַז דעם מענשען'ס נשמה טאָר ניט דאגה'נען וועגען עולם הזה, און דאַרף רוהיג אַריבערטראָגען אַלץ וואָס מען טהוט מיט איהר אויף דער וועלט", — וועל איך נוטה זיין צו גלויבען, אַז ניט נאָר זענען

דער „ממילא“ און דער צווייטער „היות“ פאַלש, נאָר אויך אז דער ערשטער היות קאָן שוין מחמת דעם גופא ניט האָבען אין זיך קיין ברעקעל אמת.

וואָס מעהר מען ווערט בעקאַנט מיט דער געשיכטע פון היס־טאָרישע אידעען־פערבינדונגג, אַלץ מעהר געפינט מען, אַז „שרצים“ האָט מען מטהר געווען דערפאַר, ווייל זיי האָבען גע־האָלפען פיהרען צו אַן אמת'ען שלום, און צוריק זענען אייביגע אמת'ען גע'פסל'ט געוואָרען דערפאַר, ווייל זיי האָבען געהאָלפען אויפבויען שליסע, וועמעס שקר עס איז בעוויזען געוואָרען.

ביידעס איז געטהאָן געוואָרען אונטער דער שליטה פון יענער קראַפט, וואָס מיר האָבען אַ נאָמען געגעבען „די פערבלענדרעגעס פון דער פאָרמאַלער לאָגיק“.

אכטער קאפיטעל

דער קאַמפף מיט היסטאָרישע אידעען־פערבינדונגען.

מיר זענען בעקאַנט געוואָרען מיט די וויכטיגסטע קרעפטען, וואָס בעשאַפען היסטאָרישע אידעען־פערבינדונגען און פערשטאַר־קען די אילוזיע פון זייער לאָגישער נויטווענדיגקייט. עס פרעגט זיך איצטער: וואָס טהוט מען, כדי אין גאַנצען צו בעפרייען אונזער גייסטיגע וועלט פון יענער צויבערקראַפט וואָס מאַכט, אַז געדאַנ־קען, וואָס האָבען גאָר אַ ווייטע שייכות איינער צו דעם אַנדערען, אָדער וואָס שליסען באמת אין גאַנצען איינער דעם אַנדערען אויס, זאָלען אין אונזער לאָגישער פערבלענדעניס זיך צונויפשמעלצען אַזוי, אַז מיר זאָלען ניט קאָנען פאַנאַנדער־רייסען איינעם פון דעם אַנדערען? איז די בעפרייאונג פון יענער צויבער־מאַכט מעגליך?

אין פלוג קאָן עס אויסדוכטען, אַז ס'איז גאָר ניט אַזוי שווער. ווי באַלד מיר האָבען איינגעזעהן, אַז ס'איז דאָ אַזאַ צויבער־מאַכט, ווי באַלד מיר האָבען אויסגעפונען די וויכטיגסטע קרעפטען, וואָס ברענגען זי ארויס אין לעבען, דאַרף מען מעהר נישט ווי האָ־בען איינם אין זינען: פּינקטליך נאָכצוקוקען אונזערע געדאַנקען שריט אויף שריט און אָבהיטען זיי פון יענע אָבגרונטען, וואָס „לויערן“ אויף זיי פון אַלע זייטען; זעהען מיט אַלע כחות, אַז אונזער שכל זאָל ניט אַריין פאַלען ניט אין דעם שפּיעל פון „בע־

גריפען־פערקעיטעלונגען", ניט אין דעם „איבערהופּען פון מיטעל־רינגען", ניט אין „די צונויפשמעלצונג פון ענד־רינגען", ניט אין „ניט בערעכטיגטע איבערקעהרונג", ניט אין „פּאָלעמישע אידעען־פערבינדונגען", ניט אין „ראַדיקאַליזם", ניט אין „קאָנסעקווענץ־מאַכערייי" און סוף־כל־סוף ניט אין דער „אילוזיע פון דער פאָרמאַלער לאָגיק".

אַ לענגערע צייט נאָך דעם, ווי מיר איז קלאָר געוואָרען דער ענין פון היסטאָרישע אידעען־פערבינדונגען, האָב איך געמיינט, אַז אין גאַנצען פּטור ווערען פון זייער מאַכט איז אפשר שווער, זעהר שווער, אָבער — פאַר וואָס זאָל דאָס זיין אונמעגליך? ערשט אַ טיעפערער איינבליק אין דער שאלה האָט מיר בעוויעזען, אַז דאָס איז אַן אוטאָפּיע, וואָס קאָן קיינמאָל ניט פערווירקליכט ווערען.

צוויי מניעות שטעהען דאָ אין וועג, פון וועלכע די מענשהייט וועט זיך קיין מאָל ניט בעפרייען, פון וועלכער זי **זאָל** זיך, לויט אונזער אידעאַל, ניט בעפרייען.

דאָס איז, ערשטענס, די שטרעבונג פון יעדעם איינצעלנעם צו אַן **איינהייטליכער** וועלט־און־לעבענס אנשויאונג; דאָס איז, צווייטענס — דער גייסטיגער גרופּען־קאַמפּף אין דער געזעלשאַפט.

אַן איינהייטליכע וועלט־און־לעבענס־אַנשויאונג ווערט אויפגעבויט פון איינצעלנע טיילען, וואָס אונז גיט די ערפאַהרונג, איבערהויפּט די וויסענשאַפט. וואָלטען מיר געקאָנט אויף אַ מינוט דענקען, אַז די וויסענשאַפט וועט ווען עס איז ביז'ן גרונט דערפאָרשען דעם וועלט־אַל אין אַלע זיינע טיילען און פּרטים, וואָלטען מיר יעמאָלט געקאָנט האָבען אַ האָפענונג, אַז ווענינגסטענס אין די ווייטע דורות, וועט די איינהייטליכע וועלט־אַנשויאונג זיין ניט מעהר ווי אַ **קאָפּיע** פון דעם, וואָס די וויסענשאַפט האָט אויסגעפונען אין דער וועלט. די פערבינדונגען פון די איינצעלנע געדאַנקען און בעגריפען אין דער וועלט־אַנשויאונג וואָלטען געווען די זעלביגע זאַך, וואָס די פערבינדונגען פון די איינצעלנע טיילען אין דער וועלט; די פערקעיטעלונג פון די בעגריפען — דיזעלביגע זאַך, וואָס די פערקעיטעלונג פון די ערשיינונגען.

אָבער ווען אפילו מיר זאָלען אָננעהמען, — וואָס מיר לענט זיך גאָר ניט אויפ'ן שכל, — אַז דעם מענשענס ערקענטניס איז

ביכולת אַריינצודרינגען אין יענע טיפעניסען פון דער וועלט, וואָס ליגען פון יענער זייט אונזערע חושים, מוז מען בלי שום תנאי צוגעבען, אַז אויסשעפּפען די נאַטור וועט דער מענשליכער שכל קיינמאָל ניט: ניט אין דער ברייט, ניט אין דער טיעף. אונזער וויסענשאַפט וואַקסט פון פּעריאָד צו פּעריאָד ניט נאָר דורך דעם וואָס זי דרינגט אַריין אין אַלץ נייע און נייע געביעטען, נאָר אויך דורך דעם וואָס זי פּערטיעפט זיך אין די שוין געמאַכטע עראָבערונגען. און אין יעדען פּונקט, אין וועלכען זי פּערטיעפט זיך, ענטדעקט זי אַלץ נייע און נייע, נאָך קיינמאָל ניט גע'חלום'טע וועלטען. נאָך גאָר ניט לאַנג האָט זיך געקאָנט דוכטען, אַז מיר שטעהען ביי דעם גרענעץ פון אונזער וויסענשאַפטליכען ערקענטניס פון דער „טויטער" „מאַטעריע". די נייע פאָרשונגען אויף דעם פעלד פון ראַדיאַאַקטיווע ערשיינונגען האָבען אָבער איצטער אַריינגעבראַכט אַ גאַנצע איבערקעהרעניס אין אונזערע געדאַנקען וועגען „מאַטעריע" און „אַטאָמען". דער „אַטאָם" וואַקסט אויס צו אַ גאַנצער זעלבסטשטענדיגער וועלט, מיט נייע, נאָך ניט אויסגעפאָרשטע ערשיינונגען און געזעצען. ס'איז ניט וויט די צייט, ווען מען וועט אין דער פיזיק דאַרפען אָברוימען אַ בעזונדער אָבטהיילונג פאַר דער „אַטאָמאָלאָגיע", פאַר יענע עקספּערימענטען און הברות, וועלכע וועלען האָבען צו טהאָן מיט די רייכע און פערפלאָנטערטע פּראַצעסען, וואָס קומען פאָר אין אָט דעם איינפאַכסטען און קליינסטען טהייל פון דער, דאַכט זיך, איינפאַכסטער און פּשוט'סטער זאַך אין דער וועלט: דער „מאַטעריע". און וואָס וועט זיך דאָס ביסעל אָבטהאָן, ווען דער מענש וועט אַריינדרינגען אין דעם לעבען און די פּראַצעסען פון יענעם מאַרך־מאָלעקול, וואו עס ווערען בעשאַפען בעוואוסטע געדאַנקען! גרענצלאָז איז די וועלט ניט נאָר אין דער ברייט, נאָר אויך אין דער טיעף; גרענצלאָז איז אויך דעם מענשענ'ס ערקענטניס־פערלאַנג; דער ים איז אַ טראָפּען לגבי איהם.

איז אָבער יעדע וויסענשאַפט, וואָס אונז גיט און קאָן געבען די ערפאַהרונג, ניט מעהר ווי אַ טהייל־וויסענשאַפט, שטיקלעך פון שטיקער, אַרויסגעריסענע פון זייער נאַטירליכען, אונז אייביג אונבעקאַנטען המשך, מוזען מיר אַרומשפּינען די צוריסענע שטיקער מיט אונזערע אייגענע געדאַנקען־פּראָדוקטען, כדי צו פעראייניגען זיי אין איין איינהייטליכען סיסטעם. מיר מוזען שמידען

בעגריפען־קעיטעלעך, כדי צו פערבינדען די ווייט־אָבשטעהענדע טהיילען פון אונזער וויסענשאַפט. מיר **מוזען** שאַפען פילאָסאָפישע סברות סאַי פאר די איינצעלנע טהיילען, סאַי פאר דעם גאַנצען. מיר מוזען און מיר **זאָלען** צונויפוועבען אַלע טהיילען אַזוי, אַז איינם זאָל לאָגיש נויטוועדיג אַרויספליעסען פון דעם אַנדערן. קוים אָבער גיבען מיר זיך איבער אַזעלכע געדאַנקען־פּראָצעסען, אויף וועלכע די ערפאַהרונג קאָן ניט האָבען קיין שליטה, מוזען מיר אַריינפאַלען אין דער מאַכט פון בעגריפען־פערקעיטלונגען און פון יענע אַלע קרעפטען, וואָס בעשאַפען היסטאָרישע אידעען־פערבינדונגען. מיר האָבען קיין אַנדער ברירה ניט, — מיר מוזען בויען פילאָסאָפישע סיסטעמען. **יעדע פילאָסאָפיע איז אָבער אין ערויין ניט קיין אַנדער זאַך, ווי אַ היסטאָרישע אידעען־פערבינדונג.**

און דערצו קומט דער גייסטיגער קאַמפף פון די גרופען אין דער געזעלשאַפט. „דער אינהאַלט פון דער גאַנצער מענשליכער געשיכטע איז דער גרופען־קאַמפף", — אַזוי דאַרף מען לייענען דעם פסוק, וואָס איז ביי קאַרל מאַרקס אין מאַניפעסט פערגרייזט געוואָרען. „קלאַסען־קאַמפף" שטעהט ביי איהם געשריעבען, „גרופען־קאַמפף" דאַרף מען לייענען. די קלאַס איז נאָר איינע פון יענע גרופען, אין וועלכע די מענשליכע געזעלשאַפט צופאַלט און ווערט פעראייניגט. איהר איינהייט איז ניט די פון אַ באַרג זאַמד, וואָס בעשטעהט פון איינצעלנע גלייכע זעמדלעך. זי איז אַ כמו־אָרגאַניזם, וואו די גרופען שפּיעלען די ראָלע פון כמו־אָרגאַנען. רעליגיעזע סעקטען, פּאָליטישע פּאַרטייען, פילאָסאָפישע שוהלען, סאָציאַלע בערופען, עקאָנאָמישע קלאַסען, נאַציאָנאַלע קולטור־ספערען, — דאָס זיינען אַלץ פערשיידענע פאָרמען, אין וועלכע עס דריקט זיך אויס דער גרופּירונגס־פּראָצעס פון דעם געזעלשאַפטליכען לעבען. די און יענע פאָרם קאָן אָבשטאַרבען, אַנדערע ווערען בעשאַפען אויף זייער אָרט. יעדע גרופּע האָט אָבער איהר **פּסיכאָלאָגיע**, אין וועלכער עס דריקט זיך אויס ניט נאָר איהר טיעפער מהות, נאָר אויך איהר שטעלונג צו די אַנדערע גרופען, מיט וועלכע זי קעמפפט אָדער מיט וועלכע זי געהט האַנד אין האַנד. יעדע גרופּע האָט איהר וועלט־און לעבענס־בילד, אָדער לכל הפחות אַ בילד פון אַ זעהר וויכטיגען

טהייל פון דער וועלט־אַנשויאונג און דעם לעבענס־בליק. אויך זי מוז פעראייניגען די טהייל־קענטעניסען און צוואווארפענע איינצעל־מיינונגען אין אַן איינהייטליכען הארמאָנישען גאַנצען. אויך זי מוז, צוליעב אַט דעם צוועק, זיך בעדיענען מיט דער מאַכט פון דער בעגריפען־פערקעטלונג, דאָס הייסט *בויען היסטאָרישע אידעען־פערבינדונגען*. ביי די גרופען און די קלאַסען מוז זעלבסטפערשטענדליך שפּיעלען אַ בעזונדערע ראָלע יענע קראַפט, וועלכע מיר האָבען אַ נאָמען געגעבען די „פּאָלעמישע אידעען־פערבינדונג“. צום ביישפּיעל, בעת די ארבייטער־קלאַס פונ׳ם גריכיש־רוימישען אַלטערטהום האָט געהאַט אַנטקעגען זיך די מאַטעריאַליסטיש־עפּיקורעאישע אידעאָלאָגיע פון די הערשענדע קלאַסען, האָט זי און איהרע וואָרט־פיהרער אַ וואָרף געטהאָן זיך אויף דעם עקסטרעמסטען ספּיריטואַליזם, וואָס איז אויסגעוואַקסען ביי די אידען אין ארץ־ישראל. זי האָט אויף איהם אויסגעבויט איהר קלאַסען־אידעאָלאָגיע — דאָס קריסטענטהום. איצטער אָבער, ווען קריסטענטהום איז אַלץ מעהר און מעהר געוואָרען די אידעאָלאָגיע פון די הערשענדע קלאַסען, איז די ארבייטער־קלאַס בערייט אַ וואָרף צו טהאָן זיך אין דעם אַנדערען עקסטרעם און ווערען מאַטעריאַליסטיש־עפּיקורעאיש.

אפילו ווען די איינטהיילונג פון דער געזעלשאַפט אין קלאַסען וועט פערשווינדען, וועלען נאָך בלייבען אַנדערע גרופען, וואָס וועלען פיהרען אַ פּראָגרעסיווען גייסטעס־קאַמפּף און וועלען צוליעב דעם צוועק בויען היסטאָרישע אידעען־פערבינדונגען, ווייל די גרופען־פּסיכאָלאָגיע און די גרופען־אידעאָלאָגיע (און ממילא אויך קלאַסען־פּסיכאָלאָגיע און קלאַסען־אידעאָלאָגיע) זענען אין תוך אריין קיין אַנדער זאַך ניט, ווי *היסטאָרישע אידעען־פערבינדונגען*.

אַט פאַר וואָס היסטאָרישע אידעען־פערבינדונגען וועלען מוזען בלייבען אַזוי לאַנג, ווי מענשען וועלען זיך נויטיגען אין פילאָסאָפיע און גרופען וועלען קעמפּפען אין דער געזעלשאַפט.

דעריבער האָבען מיר ניט וואָס צו טראַכטען, ווי אין גאַנצען פטור צו ווערען פון היסטאָרישע אידעען־פערבינדונגען. מיר דאַרפען מעהר גישט זעהן אויסצוגעפינען אַזעלכע מיטלען, וואָס זאָלען בע־

גרעניצען די ספערע פון זייער שאַפען און אָבשוואַכען זייער מאַכט איבער אונזער שכל.

דער בעסטער מיטעל צו פּאַראַליזירען יענע קרעפטען וואָס בעשאַפען אידעען־פערבינדונגען, איז די *ערפאַהרונג*, דאָס שטרענג וויסענשאַפטליכע פאָרשען. אויך אין דער ערפאַהרונגס־וויסענשאַפט האָבען געווירקט און ווירקען עד־היום דיזעלבע קרעפטען, וואָס זיי האָבען מיר צו פערדאַנקען די היסטאָרישע אידעען־פערבינדונגען, אָבער דאָרטען ווערען זיי געהאַלטען אין צוים און געמאַכט אונשעדליך דורך דעם עקספּערימענט און דעם גענויעם צוקוקען זיך צו די נאַטור־ערשיינונגען.

וויל די וויסענשאַפט אויסגעפינען די אורזאַכען פון א װעלכער עס איז פערפּלאָנטערטער, נאָך ניט אויסגעפאָרשטער ערשיינונג, מוז זי אָנהויבען מיט וועלכע עס איז סברות, און אין דער ערשטער צייט וואַקסט די צאָהל פון אַזעלכע סברות ווי שוועמלעך נאָך א רעגען. דאָס בעטייט, אז אויך אויף דעם געביעט פון נאַטור־וויסענשאַפט בויט אונזער שכל בעגריפען־קעיטעלעך, וואָס זאָלען פערבינדען די ערשיינונגען מיט איהר אורזאַך כמעט אויף דעם זעלבען שטייגער, ווי מיר האָבען פערבונדען דעם בעגריף „ארום רייזען“ מיט דעם בעגריף „גוט“ אָדער „שלעכט“. אָבער דורך א ריכטיגע מעטהאָדע, ווי אויסצופרעגען די נאַטור גופא, קומט מען סוף־כל־סוף צו יענער *נאַטירליכער* פערקעיטלונג פון אורזאַך און ווירקונג, וואָס שליעסט שוין אויס אַלע אַנדערע מעגליכע, דענקבארע בעגריפען־פערקעיטלונגען.

אין דער שטרענגער ערפאַהרונגס־וויסענשאַפט איז אונמעגליך דער פּראָצעס פון איבערהופּען די מיטעל־רינגען און צונויפשמיעדען די ענד־רינגען. קיינער, פערשטעהט זיך' וועט אייך ניט פערוועהרען, אין דער *פאָרשטעלונג* פון א זייגער האָבען מעהר נישט ווי דעם אומרוה און דעם ציפערבלאַט מיט די ווייזער. אָבער פּרובט זיך נעהמען בויען א *ווירקליכען* זייגער, און די ווירקליכקייט וועט אייך תיכף דערמאָנען אָן די „איבערגעהופּטע מיטעל־רינגען“ : די וואָג און די רעדער, וואָס צייהנדלען זיך איינע אין די אַנדערע.

עס קומט אין דעם ערפאַהרונגס־מעסיגען אויספאָרשען פון דער ווירקליכקייט זעהר אָפט פאָר, אז אן אָנהויב־רינג מיט א סוף־רינג

זאָלען זיך צונויפגיעסען אין איין צווילינג־בעגריף. דורך א פּראָצעס פון ריכטיגע בעאָבאַכטונגען און עקספּערימענטען בעווייזען מיר אין דער פּלאַנצען־פיזיאָלאָגיע, אז א פּלאַנצען־בלאַט איז אן אָטהעם־אָרגאַן, ווי די לונגען. „בלאַט־אָטהעם־אָרגאַן" איז שוין געוואָרען א צווילינג־בעגריף, ווי „מאַרקסיזם־סאָציאַליזם". דערפאר איז אָבער אין דער ערפאהרונג אונמעגליך די ניט בערעכטיגטע איבערקעהרונג פון דעם צווילינג־בעגריף, וואָס וואָלט געהייסען, אז יעדער אָטהעם־אָרגאַן איז א בלאַט; בעת דער איבערגעקעהרטער צווילינג־בעגריף, וואָס האָט ארויסגעבראַכט דעם טעות, אז יעדער סאָציאַליזם מוז זיין מאַרקסיזם, איז געוואָרען דער פונדאַמענט פון א היסטאָרישער אידעען־פערבינדונג.

די פּינקטליכע ערפאהרונגס־וויסענשאַפטען בעווייזען כמעט אויף יעדען בלאַט פון זייער געשיכטע, אז אויך דאָ איז דער מענש־ליכער גייסט געווען טריי זיין נאַטור און איז קודם כל ארויסגעפאָה־רען מיט „קאָנסעקווענץ־מאַכעריי" און „ראַדיקאַליזם". די וויסענ־שאַפט האָט אָבער באַלד אויסגעפונען די בענאַננטע טעות׳ן. מיר וועלען ברענגען א פּאָר ביישפּיעלען.

נאָך גאָר אין דעם אָנהויב פון אונזערע קענטעניסען וועגען עלעקטריציטעט האָט מען נאָך ניט געוואוסט דעם אונטערשייד פון „דורכפיהרער" און „ניט דורכפיהרער". אויב מעטאַלען זיינען דורכפיהרער, ד. ה. קערפּער, דורך וועלכע די עלעקטריציטעט קאָן דורכגעהן און אין וועלכע זי קאָן זיך אָנזאַמלען, — פאר וואָס זאָל דאָס אויך ניט זיין האָלץ, אָדער גלאָז, אָדער זייד? אזוי האָט מען געטראַכט, לויט אונזער פאָרמעל: „אויב זאַלץ איז גוט אין זופּ, איז עס אויך גוט אין שאָמפּאַניער און אין איינגעמאַכץ". און אויב מען פלעגט די מעטאַלענע כדור׳ס, וועלכע מען פלעגט אָנלאָדען מיט עלעקטריציטעט, אויפהענגען אויף א פאָדים פון זייד, איז דאָס ניט געווען דערפאר, וואָס מען האָט פערשטאַנען, אז זייד איז ניט קיין דורכפיהרער, נאָר דערפאר, ווייל א זיידענער פאָדים איז א זעהר דינע זאַך. מען האָט זיך געזאָגט: וואָס גרעבער די שנור, אויף וועלכער דער אָנגעלאָדענער כדור הענגט, אלץ מעהר עלעקטריצי־טעט קאָן ענטלויפען, אויסגיסען זיך דורך איהר. וואָס דינער די שנור, אלץ ווייניגער עלעקטריציטעט וועט ענטלויפען דורך איהר. „אויב איין לעפעל זאַלץ מאַכט די זופּ געשמאַק, וועלען צוויי לעפעל

מאַכען זי דאָפּעלט געשמאַקער; דריי — אין דרייען א. ז. וו.״ דעריבער דאַרף מען זיך בעדיענען מיט דעם דינסטען פֿאַדים — א זיידענעם. האָט זיך איינעם אַ פֿאָרשער, פֿערוועלט, — איך געדענק שוין ניט וועמען, — אָנלאָדען מיט עלעקטריציטעט גאָר אַ גרויסען מעטאַלענעם כדור, כדי צו האָבען אַ סך עלעקטריציטעט פֿאַר די פּראָבען. אָבער קיין זיידענער פֿאָדים האָט ניט געקאָנט אויסהאַלטען די שווער פֿון דעם גרויסען כדור. פֿאַלט ער אויף אַ המצאה: ער וועט נעהמען, אָנשטאָט אַ זיידענעם פֿאָדים, אַ מעטאַלענעם דראָהט, וואָס זאָל ניט גרעבער זיין איידער אַ זיידענער פֿאָדים, און וואָס פּאַסירט? *דורך דעם מעטאַלענעם דראָהט איז אַנטלאָפֿען די גאַנצע עלעקטריציטעט!* ערשט יעמאָלט האָט מען איינגעזעהן, אַז די נאַטור איז אין דעם פּונקט זעהר ניט קאָנסעקווענט, אַז זי איז גאָר אַ מיאוס׳ע „דואַליסטקע“, וואָס האָט איינגעטהיילט די קערפּער בנוגע צו עלעקטריע אין דורכפּיהרער און ניט־דורכפּיהרער. אָבער אויך יעמאָלט איז געמאַכט געוואָרען די וויכטיגסטע ענטדעקונג אין הלכות עלעקטריע.

די ענטדעקונג פֿון דעם וועבער־פֿעכנער־שען געזעץ אין דער פּסיכאָ־פּיזיק האָבען מיר צו פֿערדאַנקען אַ זעהר עהנליכען פֿאַל. וועבער האָט שוין געהאַט אַ חשד, אַז דער גרויסער קימאַ־לן: „וואָס מעהר אַלץ מעהר“ וועט ניט גאָר גענוי אָבגעהיט אין דער פּסיכאָלאָגיע פֿון עמפּפֿינדונגען. און ער האָט געוואָלט דורך *עקספּערימענטען* אויסגעפֿינען, *ווי* וואַקסט אָן די עמפּפֿינדונג, ווען דער רייץ פֿון דער דרויסענדיגער וועלט ווערט פֿערמעהרט. ער האָט גענומען עקספּערימענטירען מיט *דרוק*־עמפּפֿינדונגען. אויף דעם לעפֿעל פֿון זיין האַנד האָט ער אַרויפֿגעלעגט אַ געוויכט פֿון איין מיליגראַם. די האַנד האָט ניט געשפּיהרט קיין ברעקעל שווערקייט. ערשט ביי צוויי מיליגראַם האָט זיך בעוויזען די ערשטע שפּוהר פֿון דרוק־עמפּפֿינדונג. האָט ער געמיינט: צוויי מיליגראַם געוויכט איז אַ סכום פֿון דרוק, וואָס מוז אונטער אַלע אומשטענדען געבען אַ צוואוואַקס פֿון עמפּפֿינדונג. אָבער בעת ער האָט אַרויפֿגעלעגט אויפֿ׳ן האַנד הונדערט גראַם און האָט צוגעלעגט צו זיי די צוויי מיליגראַם, האָט ער קיין ברעקעל צוואוואַקס ניט געשפּיהרט. ער האָט געלאָזט אָנוואַקסען דעם צולאָג אויף מעהרערע גראַמען און

קיין צוואוואקס פון דער עמפפינדונג איז נאָך אַלץ ניט געווען. ערשט בײַ דריי און דרייסיג און אַ דריטעל גראַם האָט ער אַ שפּיר געטהאָן, אַז ס'איז געוואָרען שווערער. האָט ער גענומען צוויי הונדערט גראַם. אין דעם פאַל האָט דער צולאָג געמוזט פערמעהרט ווערען ביז זעקס און זעכציג און צוויי דריטעל גראַם, ביז ער האָט אויפ'ס ניי בעקומען אַ צוואוואקס פון דער שווער־עמפפינדונג, דערפון האָט ער גע־דרונגען, אַז כדי צו בעקומען אַ נייעם צוואוואקס פון דרוק־עמפפינ־דונג מוז מען אַלע מאָל צו דעם פריהערדיגען רייץ צולעגען אַ דריי־טעל פון זיין געוויכט. פ ע כ נ ע ר האָט אויף דעם סמך פון אַזעלכע עקספּערימענטען אויסגעפונען, אַז די עמפפינדונגען וואַק־סען ווי די לאָגאַריפמען פון זייער רייצען.

די דאָקומענטען וועגען דעם וועבער־פעכנער'שען געזעץ זיינען נאָך ניט אָבגעשלאָסען. די וויסענשאַפט האַלט נאָך עד היום אין איין פאָרשען און אויסגעפינען זיינע גרעניצען. אָבער דאָס איז שוין פאַר אַלעמען קלאָר, אַז דער כלל־גדול: „וואָס מעהר, אַלץ מעהר“ ווערט ניט פער'אמת'ט אין דער פסיכאָ־פיזישער ערפאַהרונג: די עמפפינדונגען וואַקסען על־כל־פנים אַ סך לאַנגזאַמער, איידער די רייצען, וואָס רופען זיי אַרויס. מען האָט אויך אויסגעפונען, אַז ביי עמפפינדונגען דאַרף מען זיך רעכענען ניט נאָר מיט דעם „רייץ־שוועל“, — יענעם מינימאַלען סכום רייץ, וואָס מען בעדאַרף, כדי אַרויסצורופען די ערשטע שפּוהר פון אַן עמפפינדונג, נאָר אויך מיט דער „רייץ־הויך“, יענעם מאַקסימאַלען סכום פון רייץ, וואָס מאַכט, אַז די עמפפינדונג זאָגט זיך אין גאַנצען אָב פון דעם כלל־גדול און הערט לחלוטין אויף אָנצוואוואַקסען, אָדער זי פערשווינדט אין גאַנצען. מען קאָן דעריבער ניט נאָר ניט זאָגען, אַז צוויי לעפעל זאַלץ מאַכען די זופּ אין צווייען געזאַלצענער, ווייל די עמפפינדונג וויל ניט וואַקסען פּראָפּאָרציאָנעל צו דעם רייץ.

איך וויל דאָ אויך דערמאָנען די מעשה מיט צונויפדריקען נאָזען. נעהמט איהר אַ וועלכען עס איז גאָז און הויבט איהם אָן צונויפדריקען, ווערט קלענער זיין אומפאַנג, זיין אָרט, וואָס ער פער־נעהמט אין רוים. און וואָס מעהר איהר דריקט איהם צונויף, אַלץ קלענער ווערט ער. „וואָס מעהר אַלץ מעהר“, — אָבער נאָר ביז צו אַ בעשטימטען גרעניץ. געקומען צו אַ געוויסען פּונקט מאָגט איהר איהם צונויפדריקען מיט כל הבעקאַנטע דרוקען שבעולם, וועט איהר

ניט צווינגען דעם גאַז ער זאָל נאָך ווייטער פערקלענערען זיין אומ־פאַנג. מען רופט דעם פונקט דעם „קריטישען דרוק־פונקט“, וואָס איז פערשיידען פאַר פערשיידענע גאַזען. די אייגענע זאַך איז מיט דעם אָבקיהלען גאַזען. קיהלט איהר אָב אַ גאַז, ווערט אויך קלענער זיין אומפאַנג, אַקוראַט ווי איהר וואָלט איהם צונויפגעדריקט. און וואָס מעהר איהר קיהלט איהם אָב, אַלץ קלענער ווערט זיין אומפאַנג. אָבער אויך מעהר נישט, ווי ביז צו דעם „קריטישען־אָבקיהלונגס־פונקט“. פון יענעם פונקט אָן וועלען שוין אייך ניט העלפען אַלע בעקאַנטע אָבקיהלונגס־מיטעל פון דער וועלט. די אייגענע זאַך איז מיט דעם איינפריהרען וואַסער. הויבט איהר אָן אָבצוקיהלען וואַסער, ווערט זיין אומפאַנג אַלץ קלענער און קלענער. קומט איהר אָבער צו דעם געפריהר־פונקט, ווערט מיט אַמאָל דער אומפאַנג פון דעם וואַסער נאָך גרעסער, איידער ער איז געווען פריהער.

אומעטום אין דער נאַטור־וויסענשאַפט האָבען מיר זיך צו רעכענען מיט „שוועלען“, „געפריהר־פונקטען“, „זיעד־פונקטען“, „קריטישע פונקטען“, „מאַקסימאַל־גרענעצען“ און כדומה גרענעץ־שטיינער, אויף וועלכע עס שטעהט דייטליך אָנגעשריעבען: „דאָ האָט דער כלל־גדול: „וואָס מעהר, אַלץ מעהר“ ארויסגעהויכט זיין כשר'ע נשמה“

איך גלויב, אַז אויך פאַר די סאָציאַלע וויסענשאַפטען איז שוין געקומען די צייט, ווען מען מוז אַריינפיהרען אין זיי די בעגריפען פון „מאַקסימאַל־גרענעצען“ און „קריטישע פונקטען“. אין דער סאָציאָ־לאָגיע און אין דער נאַציאָנאַל עקאָנאָמיע, וואו די מעטהאָדען פון אויספאָרשען די ווירקליכקייט זיינען נאָך אַזוי פרימיטיוו, האָט דער לאָגישער ראַדיקאַליזם ביז אַהער כמעט ערגעץ ניט געפונען קיין אָבהאַלט. וויעדער אַ פּאָר ביישפּיעלען: נאָך אין די צוואַנציגער יאָהרען פון דעם פאָריגען יאָהרהונדערט האָט מען גענומען בעמער־קען, אַז מיט דער ענטוויקעלונג פון האַנדעל און אינדוסטריע קאָנ־צענטרירט זיך דער קאַפּיטאַל אין אַלץ וועניגער הענד, פערשווינדען די מיטעלערע אונטערנעהמונגען אַלץ מעהר און מעהר, פּראָלעטאַ־ריזירען זיך אַלץ גרעסערע שיכטען פון דער בעפעלקערונג, פאַלט דער עקאָנאָמישער מעמד פון דעם פּראָלעטאַריאַט אַלץ טיעפער און טיעפער. קאַרל מאַרקס האָט אין זיין צייט פערטיעפט די אַלע אונטערזוכונגען, האָט אויסגעפונען די אורזאַכען דערפון און האָט

בעוויזען די נויטווענדיגקייט פון דעם „וואָס־מעהר־אַלץ־מעהר“ פון אַלע אָט די פּראָצעסען ביז צו דעם „אומוועלצונגס־פּונקט“, דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. „וואָס מעהר, אַלץ מעהר!“ און גאָר אָהן אַ שום „קריטישען קאָנצענטראַציאָנס־פּונקט“? אָהן אַ שום „קריטישען פּראָלעטאַריזאַציאָנס־פּונקט“? אָהן אַ שום „קריטישען פערעלענדונגס־פּונקט“? און אַלע פּאָסירונגען מוזען האָבען דעמזעלבינגען פּנים ביי אַלע פעלקער? סאַי אין שטאָדט, סאַי אין דאָרף?

מילא, מיט דער פערעלענדונג ווייס מען שוין, וואו די סאָציאַליסטישע וויסענשאַפט האַלט: פון אַן אבסאָלוטער מאסען־פערעלענדונג איז שוין געוואָרען אַ ר ע ל א ט י ו ו ע. מיט דער „פּראָלעטאַריזירונג פון די מאסען“ איז מען שוין אויך ניט ווייט פון איינצוזעהן אַז דער כלל־גדול פון „וואָס מעהר, אַלץ מעהר“ הויבט אָן זיך אונטערצופוילען, און מיט דעם פערשווינדען פון די מיטעלקלאַסען איז אויך די אייגענע זאַך.

מיט דער ענטוויקעלונג פון דעם קאַפּיטאַליזם זעהען מיר, אַז דער פּראָלעטאַריאַט ווערט אַלץ מעהר און מעהר אָנגעלאָדען מיט דעם סאָציאַליסטישען אידעאַל... קאָנען מיר זיין זיכער, אַז עס מוז אייביג אַזוי ווייטער אָנגעהן? שטעקט דאָ ניט אפשר ערגעץ־וואו אַ „קריטישער אָנלאָדונגס־פּונקט“, ביי וועלכען די גאַנצע אָנלאָדונג קאָן פערשווינדען, ווי עס איז פּלוצלינג פערשוואונדען געוואָרען די גאַנצע עלעקטריע פון דעם מעטאַלענעם דראָהט?

מיט דער ענטוויקעלונג פון דער ציוויליזאַציע זעהען מיר, אַז די פערשיידענהייטען פון די פעלקער פערשווינדען „וואָס מעהר, אַלץ מעהר“. זיי אַסימילירען זיך איינע מיט די אַנדערע „וואָס מעהר, אַלץ מעהר“. שטעקט דאָ ניט אפשר ערגעץ וואו אַ „קריטישער אַסימילאַציאָנס־פּונקט“, וואָס שלאָגט אום דעם גאַנצען פּראָצעס און גיט איהם אַ גאַנץ אַנדער ריכטונג און בעדייטונג? פאַר די אונטערדריקטע פעלקער פון אייראָפּאַ, וועניגסטענס, איז דער „קריטישער אַסימילאַציאָנס־פּונקט“ לאַנג דערגרייכט געוואָרען און דער פּראָצעס איז אומגעוואַנדעלט געוואָרען אין אַ ווייעדערבעלעבונגס־פּראָצעס פון נאַציאָנען. און ווער קאָן וויסען, וועלכע „קריטישע פּונקטען“ און „מאַקסימאַל־גרענעצען“ קאָפּען זיך איצטער אין דעם „צונויפשמעלצונגס־טאָפּ“, וואָס מען רופט די אַמעריקאַנער נאַציע, וואו פער־

שיידענע פעלקער און קולטורען ווערען צונויפגעריבען צו איין איינ־ציגען „צימעס“?..

איך וויל זיך דאָ ניט אָבשטעלען אויף די שליסע, וועלכע מען מוז פון די אַלע בעטראַכטונגען ציהען פאַר דער טהעאָריע פונ׳ם סאָציאַליזם און פאַר דער טהעאָריע פון דער אסימילאַציע. דאָס איז דאָ ניט אונזער דאגה.

וואָס אונז אינטערעסירט, איז איינצוזעהן, אז דאָס רוב קרעפ־טען, וואָס רופען ארויס היסטאָרישע אידעען־פערבינדונגען, האָבען אויך אין דער געשיכטע פון די ערפאַהרונגס־וויסענשאַפטען גע־שפּיעלט זייער ראָלע, אָבער דאָרטען האָבען זיי געפונען אַ בייטש און אַ צוים אויף זיך אין דער **ע ר פ אַ ה ר ו נ ג**, אין דעם איג־דוקטיווען אויספאָרשען פון דער ווירקליכקייט גופא.

די גרויסע פערברייטונג און די שעדליכע מאכט פון היסטאָ־רישע אידעען־פערבינדונגען אויף די מוחות פון די געבילדעטע און האַלב־געבילדעטע האָבען מיר, דאָס רוב, צו פערדאַנקען דעם פאַקט, וואָס אין דער מאָדערנער געבילדעטער געזעלשאַפט איז אזוי ווייניג פערשפּרייט די בעקאַנטשאַפט מיט דער געשיכטע, די מעטהאָדען און די רעזולטאַטען פון די ערפאַהרונגס־וויסענשאַפטען. די געשיכטע פון די וויסענשאַפטען ווערט זעלטען וואו געלייענט אפילו אין די גרויסע אוניווערסיטעטען. דאָס רוב גיט מען אפילו די סטודענטען פון די עקזאַקטע וויסענשאַפטען א־בער די שוין געפונענע רעזול־טאַטען אין אַ מעהר אָדער ווייניגער סיסטעמאַטישער פאָרם, און די סטודענטען בעקומען זעהר אַ שוואַכען בעגריף פון יענע יסורים און עגויים קשים, פון יענע חבלי־לידה, וואָס דער מענשהייט האָט גע־קאָסט יעדער ווירקליך וויסענשאַפטליכער שריט פאָרוועדטס.

יענע סטודענטען פון די עקזאַקטע וויסענשאַפטען, וואָס מוזען אַליין מאַכען עקספּערימענטען און וויסענשאַפטליכע פאָרשונגען, ווייסען, לכל הפחות, פון אייגענער ערפאַהרונג, מיט וועלכע מאַטער־ניסען עס קומט אָן אַרויסצורייסען פון דער נאַטור איהרע געצעהלטע ווערטער, און ווי ווייניג מען קען זיך פערלאָזען אויף דעם שפּיעל פון דער אייגענער לאָגיק. דאָס רוב געבילדעטע מענשען האָט אויך די ערפאַהרונג ניט. זיי גיט מען די רעזולטאַטען פון די וויסענשאַפטען אין פון דעם געדאַנק שוין אין אַ מעהר אָדער ווייניגער פערוואַסער־טער, פּאָפּולאַריזירטער פאָרם. דעריבער זיינען זיי במעט קיינמאָל

ניט ביכולת אַליין פֿאַנאַנדערצוקלייבען זיך צווישען אַ וויסענשאַפֿט־ליך פעסט איינגעפונדעוועטען פֿאַקט און אַ מעהר אָדער וועניגער וויסענשאַפֿטליך אויסזעהענדער סברה. דער פּאָפּולאַריזאַטאָר אַליין, אפילו ווען ער איז אַ בחיר מן הבחיר, איז אַליין אויך ניט שטאַרק מקפּיד אויף דעם פּונקט פֿון וויסענשאַפֿטליכער שטרענגקייט. דאָר־טען וואו די ערנסטע וויסענשאַפֿט שווייגט, ווייל מען האָט נאָך פֿון דער נאַטור ניט ארויסבעקומען איהר אָבשליסענדען וואָרט אין אַ וועלכען עס איז ענין, נעהמט דער דענקענדער פּאָפּולאַריזאַטאָר אויף זיך אַליין די אחריות צו דעררעדען אָנשטאָט דער נאַטור לפי ווי דער מענשליכער שכל איז מחייב. דער מענשליכער שכל קאָן זיין איז טאַקע מחייב דאָס וואָס דער פּאָפּולאַריזאַטאָר (אָדער אפילו דער ניט גענוג פֿאָרזיכטיגער פֿאָרשער) רעדט אין איהר נאָמען. די צרה איז אָבער, וואָס די נאַטור און די ווירקליכקייט האָבען זיך ניט מתחיב געווען צו טאַנצען נאָך דעם מענשליכען שכל! די נייע שטרעמונג אין די טהעאָרעטישע וויסענשאַפֿטען בכלל, צו האַלטען זיך שטרענג אָן די פֿאַקטען, ניט צו טרויען קיין איין איינציגער, אפילו ווי גלענצענדער היפּאָטעזע, די הילף וואָס זי געפינט דערביי פֿון דער וויסענשאַפֿטליכער פילאָסאָפיע, וואָס האָט אונז אויסגעלערענט צו קוקען אויף אַ סך זאַכען, וועלכע מיר האָבען געהאַלטען פֿאַר פֿאַקטען (ווי צ. ב. די „מאַטע־ריע" „קראַפֿט", „קויזאַליטעט") ניט מעהר ווי אויף היפּאָטעזען, וואָס זיינען אָפטמאָל גאַנץ איבערפליסיג פֿאַר דער וויסענשאַפֿט, — אָט דער אַסקעטיש־שטרענגער גייסט פֿון וויסענשאַפֿטליכקייט, וואָס בעמערקט זיך אין יעדער ערנסטערער אונטערזוכונג פֿון דער לעצטער צייט, איז אפשר אַביסעל איבערטריבען, אַביסעל צו פּרוש'דיג; ער קאָן אָבער האָבען אַ זעהר הייליזאַמע בעדייטונג אין דעם קאַמפּף מיט היסטאָרישע אידעען־פֿערבינדונגען. ער דיסציפּלינירט דעם מענשליכען געדאַנק און לערענט איהם שטרענג פֿאַנאַנדערצושיידען צווישען דעם, וואָס די ערפֿאַהרונג גיט איהם, און דעם, וואָס „דער שכל איז איהם מחייב". די בעסטע שמירה פֿאַר היסטאָרישע אידעען־פֿערבינדונגען, אויף וויפיעל מען קאָן זיך איבערהויפּט איינ־היטען פֿון זיי, — איז די שטרענגע פּרוש'דיגע, איך וואָלט אויך זאָגען, צניעות'דיגע וויסענשאַפֿט, די בעקאַנטשאַפֿט מיט איהרע וועגען און מיט דער געשיכטע פֿון איהר קאַמפּף פֿאַר'ן אמת.

אזא בעקאַנטשאַפט איז איצטער שווער צו פערלאַנגען אפילו פון דאָס רוב געבילדעטע מענשען. ווער רעדט שוין פון די האַלב־ און פערטעל־געבילדעטע! זיי האָבען זייער וועלט־ און לעבענס־ אַנשויאונג פון די ביליגע פאָלקס־אויסגאַבען, אָדער צייטונגס־ און זשורנאַלען־אַרטיקלען, פערפאַסט דאָס רוב פון ביליגע פאָפולאַרי־ זאַטאָרס פון צווייטען, דריטען און נאָך א ניעדעריגערען ראַנג, פון מענשען, וואָס זיינען אַליין אפשר קיינמאָל אין די ד׳ אמות פון דער וויסענשאַפט ניט געשטאַנען און וואָס האָבען זיך אָנגעשמעקט פון א פאָאַר לייכט־געשריעבענע ביכער וועגען דעם זיי אינטערעסירענדען ענין. וואָס פאַר א בעגריף קאָנען זיי האָבען וועגען די ערנסטע פראָבלעמען פון דער וויסענשאַפטליכער פאָרשונג! און וואָס איז דער חידוש דעריבער, וואָס די האַלב־געבילדעטע מאַסען זענען ניט ביכולת אַליין פאַנאַנדערצוקלייבען זיך אין דעם, וואָס מען גיט זיי, און ריכטיג איינצושעהן, צי דאָס איז א רעזולטאַט פון פינקטליכע, גענויע וויסענשאַפטליכע פאָרשונג, אָדער שוין אביסעל א צוגעשי־ מעלטע היסטאָרישע אידעען־פערבינדונג?

וועגען דער לאַגע פון די אידישע מאַסען אין דעם פונקט איז שוין בעסער גאָר צו שווייגען. ביי די אומות העולם קאָן נאָך א טהייל פון זיי, — אויב ער האָט געגוג מוטה און עקשנות אַרויסצור־ ייסען זיך פון זיין גייסטיגער אָרימקייט, — פון שטופע צו שטופע דערשלאָגען זיך צו די קוואַלען גופא פון דער וויסענשאַפט: ביכער און ביבליאָטעקען זענען אָפען פאַר יעדען איינעם. ביי אונז אָבער זיינען קיין וויסענשאַפטליכע ביכער ניטאָ. די מאַסען זיינען „איי־ בערגעענטפערט" געוואָרען אין די הענד פון די פאָפולאַריזאַטאָרס, און זיי פומפען און פומפען דעם חושך פון פערשימעלטע היסטאָ־ רישע אידעען־פערבינדונגען אין די מוחות פון די מאַסען, ביז עס ווערט אזוי דיק, אז מען קאָן איהם אָנטאַפען מיט די הענד.

אונז בלייבט נאָך איבעריג צו בעטראַכטען דעם קאַמפף אַנט־ קעגען דער אילוזיע פון דער פאָרמאַלער לאָגיק און אַנטקעגען די „פאָלעמישע אידעען־פערבינדונגען". אָבער דאָס פערדיענט שוין א בעזונדער קאַפיטעל.

דר. ח. זשיטלאָווסקי

נייענטער קאַפּיטעל:

דער קאַמפּף מיט היסטאָרישע אידעען־פערבינדונגען.

אַלע פילאָסאָפישע סיסטעמען און איינהייטליכע וועלט־אַנשויאונגען זיינען היסטאָרישע אידעען־פערבינדונגען. אַלע קלאַסען־און־גרופּען־אידעאָלאָגיען זיינען אויך ניט מעהר, ווי היסטאָרישע אידעען־פערבינדונגען. דאָס האָבען מיר געזעהן אין דעם אַכטען קאַפּיטעל, און דערפון האָבען מיר ארויסגעדרונגען, אַז אין גאַנצען אָבשאַפען די היסטאָרישע אידעען־פערבינדונגען איז א זאַך, וואָס איז אונמעגליך. אָבער זייער קראַפט אויף אונזער דענקען קאָן אָבגעשוואַכט ווערען דורך פערשיידענע מיטלען.

אין ערשטער ליניע איז וויכטיג איבערהויפט צו וויסען, אַז עס זיינען דאָ אַזעלכע שעדליכע קרעפטען אין אונזער פסיכישען לעבען; מען מוז אויספאָרשען זייער נאַטור, די אָרט ווי זיי ווירקען אויף אונז, כדי אָבצוהיטען זיך פון זיי אויף וויפיעל דאָס איז נאָר מעגליך. מיר האָבען פון אונזער זייט זיך געמיהט אויסצורעכענען און צו בעשרייבען די וויכטיגסטע פון זיי, מיר ווייסען אָבער גאַנץ גוט אַז דער ענין האָט ניט געקאָנט אויסגעשעפּט ווערען דורך אונזער ארבייט. מיר האָפען, אַז מענשען, וואָס וועלען זיך פערינטערעסירען מיט דעם פּראָבלעם, וועלען ווייטער זוכען און פאָרשען און בערייכערען אונזער געביעט. ביזונדערס פיעל האָפען מיר פון דער ג ע ש י כ ט ע און דעם אַנאַליז פון היסטאָרישע אידעען־פערבינדונגען.

נאָך א וויכטיגער מיטעל אַנטקעגען היסטאָרישע אידעען־פערבינדונגען איז, ווי מיר האָבען געזעהן, די וויסענשאַפטליכע ע ר פ א ה ר ו נ ג, וואָס פאַראַליזירט כמעט אַלע יענע קרעפטען, וואָס פערבלענדען אונזער דענקען.

די ערפאהרונג איז געווים דער בעסטער שוטץ אויך אַנטקעגען יענער קראַפט, וועלכע מיר האָבען אַנגערופען „די אילוזיעס פון דער פאָרמאַלער לאָגיק“ און וואָס ביי איהר זיינען מיר געבליבען שטעהן אין דעם פאָריגען קאַפּיטעל.

עס איז קלאָר, אַז ווען איך זאָג: „יעדער דריי־עק איז א פיער־עק; יעדער פיער־עק איז א קרייז און מ מ י ל א איז יעדער דריי־עק א קרייז“ קאָן די לאָגישע ריכטיגקייט פון דעם סילאָגיזם

מיך פערבלענדען נאָר אין דעם פאַל, ווען איך האָב קיין ברעקעל ערפאַהרונג ניט וועגען דעם, וואָס איז אַ דריי־עק, אַ פיער־עק און אַ קרייז.

דאָס אייגענע איז אויך מיט אַלע אַנדערע פעלען פון לאָגישע אילוזיאָנען, וועלכע מיר האָבען אויסגערעכענט (און אויך ניט אויסגערעכענט) אין דעם קאַפּיטעל, וואָס בעשעפטיגט זיך מיט זיי. אָבער פאַראַן פעלען, וואו די ערפאַהרונג שווייגט, אָדער וואו זי קאָן אויסגעטייטשט ווערען אויף פערשיידענע אופנים. יעמאָלט איז שוין אַ מוז מעהר אַכטונג צו געבען אויף דעם לאָגישען אַפּאַראַט גופא.

דאָס איז אַ וויכטיגער פונקט. זינט קאַנט האָט אויפגעוויזען, אַז דאָס לאָגיש־פאָרמאַלע דענקען קאָן ניט זיין קיין קוואַל, וואָס זאָל בערייכערען אונזער מענשליכע ערקענטניס, האָט מען אויף די פאָרמאַלע לאָגיק גענומען קוקען פון אויבען אַראָב, און איהר שטודיום, וואָס האָט געבליהט אין מיטעלאַלטער, איז אַלץ מעהר און מעהר אָבגעשטופּט געוואָרען אָן אַ זייט. דאָ האָט זיך אויך אַרויסגעוויזען די מאַכט פון אַ געוויסער היסטאָרישער אידעען־פערבינדונג. אין מיטעלאַלטער האָט געהערשט די סכאָלאַסטיק מיט איהר ליעבע צו פאָרמאַל־לאָגישע פּלפּולים און מיט איהר גלייכגילטיגקייט אָדער, ניט זעלטען, אויך קלאָרער פיינדשאַפט צו דעם אינדוקטיווען אויספאָרשען פון דער נאַטור. די נייע צייט, וואָס האָט געקעמפּפט אַנטקעגען דער סכאָלאַסטיק און האָט אַוועקגעזעצט אויפ'ן טהראָן די „נאַטור“, האָט אין דער זעלביגער צייט פאָלעמיש פערמינדערט דעם אינטערעס צו פאָרמאַל־לאָגישע פאָרשונגען און אַוועקגעשטעלט אויפ'ן ערשטען פּלאַן די אינדוקטיווע לאָגיק און די ערקענטניס־טהעאָריע. ביז צו אַ געוויסען גראַד איז די טענדענץ אַ געזונטע און אַ גערעכטע. אָבער אויך דאָ דאַרף מען ניט איבערכאַפּען די מאָס.

ס'איז אמת, אַז די אינדוקטיווע לאָגיק איז די געצייג, מיט וועלכער מיר בערייכערן אונזער וויסען; אַז די ערקענטניס־טהעאָריע איז די געצייג, מיט וועלכער מיר אַרבייטען אויס *זיכערע* וויסען. אָבער *די פאָרמאַלע לאָגיק ווירקט אין זיי ביידען*. דעסטילירט מען זי אַרויס פון זיי ביידען אין אַ בעזונדערער וויסענשאַפטליכער דיסציפּלין, וועט זי ניט זיין בכח ניט צו בערייכערן, ניט זיכערער צו מאַכען אונזער וויסען. אָבער

דערפאַר בעקומען מיר די מעגליכקייט אויסצופאָרשען איהרע אונצעהליגע גענג, געגויער יוצוקוקען זיך צו איהרע פאָרערונגען און, אין דער פאַרשונג גופא, פאָרזיכטיגער אָבהיטען די גרענעצען, וועלכע זי האָט אַ רעכט אוועקצושטעלען פאַר דעם מענשליכען דענקען. די בעשעפטיגונג מיט פאָרמאַל־לאָגישע פלפולים איז ניט נאָר אַן אנגענעהמער צייט־פערטרייב פאַר אַ דענקענדען מוח; ניט נאָר אַ געזונטע ג י מ נ א ס ט י ק, וואָס שטאַרקט, אויב מען מעג זיך אַזוי אויסדריקען, די מוסקעלען פון דעם געדאַנק און געוועהנט זיי איין שנעל און ריכטיג צוצופאַסען זיך צו יעדער לאַגע; ניט נאָר אַן אויספאַרשונג פון אַ בעשטימטען טהייל ו ו ע ל ט ־ ג ע ש ע ה ע ן, וואָס דריקט זיך אויס אין לאָגישע דענק־פאָרמען, — נאָר אויך אַ הייליזאַמע ד י ס צ י פ ל י ן פאַר דעם גייסט, וואָס ענטוויקעלט אין איהם די פעהיגקייט כמעט ווי אינסטינקטיוו צו דערשפירען, וואו עס ווערט בעגאַנגען אַ לאָגישער פעהלער. וואָלטען אַזעלכע לאָגישע אינסטינקטען תמיד געווען וואַך אין דעם מענשליכען מוח, יעמאָלט וואָלטען אַ סך קרעפטען, וואָס רופען אַרויס היסטאָרישע אידעען־פערבינדונגען, ניט געקאָנט האָבען אַזאַ שליטה איבער אונז. נעהמט צ. ב. די „צונויפשמעלצונג פון די ענד־רינגען“ און די „גיט בערעכטיגטע איבערקעהרונג“. עס וואָלט פאַר דעם מענשליכען שכל געווען אונמעגליך צוצולאָזען דעם געדאַנק, אַז אויב מאַרקסיזם מוז פיהרען צו סאָציאַליזם, יעמאָלט מוז סאָציאַליזם אויך פיהרען צו מאַרקסיזם; און אויב פרומע אידישקייט נויטיגט זיך אין דעם ציוניזם, ווי אין איהר לאָגישען אָבשלוס, מוז יעדער ציוניזם לאָגיש זיין פערבונדען מיט רעליגיעזער אידישקייט, — קורץ, אַז אויב יעדער עפּעלבוים איז אַ בוים, מוז יעדער בוים זיין אַן עפּעלבוים.

דער שטודיום פון פאָרמאַלע לאָגיק, ערקענטניס־טהעאָריע, אינדוקטיווע לאָגיק און ערפאַהרונגס־וויסענשאַפטען, וואָלטען זעהר פיעל גוטס אויפגעטהאָן אין דעם קאַמפף אנטקעגען היסטאָרישע אידעען־פערבינדונגען. זיי וואָלטען אָבער ניט געקאָנט אָנגרייפען יענעם וואָרצעל, פון וועלכען עס וואַקסען אַרויס „פּאָלעמישע אידעען־פערבינדונגען“. איך מיין דאָ ניט יענע פּראָצעסען אליין, מיט וועלכע מיר זענען בעקאַנט געוואָרען אין דעם בעטרעפענדען קאַפּיטעל. איך האָב דאָ אין זינען דעם גאַנצען רייכען סכום פון פּסיכאָלאָגישע מאָמענטען, וואָס מאַכען אונז ליעב אַ וועלכען עס

איז טהעאָרעטישען געדאנק, סיי דערפאר ווייל מיר האָבען אליין אַ גייסטיגע אָדער מאַטעריעלע פניה אין איהם, סיי דערפאר, וואָס ער געהט להיפך צו די געדאנקען פון אונזערע געגנער. אויב ס'איז אמת, אַז איינהייטליכע וועלט־אנשויאונגען און גרופען־אידעאָלאָגיען זענען אין זייער תוך ניט מעהר ווי היסטאָרישע אידעען־פערבינדונגען, — און מיר גלויבען, אַז דאָס איז אמת, — און אויב מען קאָן אויך וועגען דעם ניט זיין אין ספק, אַז ניט נאָר גרופען־אידעאָלאָגיען, נאָר אויך איינהייטליכע וועלט־אנשויאונגען ווערען אויסגעאַרבייט אין דעם קאמפף מיט גייסטיגע קאָנקורענטען (אין דעם ריין טהעאָרעטישען זין פון דעם וואָרט), — יעמאָלט מוזען מיר מודה זיין, אַז די „פּאָלעמישע אידעען־פערבינדונגען" זענען די געפעהרליכסטע פאר דעם מענשליכען געדאנק, ווייל זיי קומען עפּטערס פאָר אין לעבען און זענען צונויפגעבונדען מיט מענשליכע פניות, וואָס פון זיי איז ניט נאָר אַזוי לייכט און אפשר גאָר אין גאַנצען אונמעגליך זיך אָבצוזאָגען.

שוין ספּענסער האָט געלערענט, אַז דער וואונש איז דער פאָטער פון דעם געדאנק און אַז אויב מענשען וואָלטען געוועז פערינטערעסירט אין דעם, וואָלטען זיי אָבגעלייקענט, אַז „צוויי מאָל צוויי איז פיער". איך רעכען, אַז מען קאָן ניט געהן אַזוי ווייט ווי ספּענסער. דער וואונש איז, אמת, דער פאָטער פון דעם געדאנק, אָבער זיין מוטער איז די ערקענטניס. אַ מוטער האָט אָבער אויך אַ דעה. אַ מוטער איז ניט נאָר אַ פּאסיווער עלעמענט, נאָר אויך אַן אקטיווער, ניט נאָר אַ „מקבל", נאָר אויך אַ „משפיע". די ערקענטניס, אָהן אַ בעשטימטען וואונש, וואָס זאָל זי ארויסרופען און פיהרען צו אַ בעשטימטען ציעל, וואָלט געבליעבען אונפּרוכטבאר: ווועמען אינטערעסירט, צ. ב., די פראגע, וויפיעל זעמדעלעך געפינען זיך אויף דער וועלט? און דערפאר וועט זיך די ערקענטניס ניט אָבגעבען מיט איהר. אָבער אויך דער וואונש אָהן דער ערקענטניס קאָן נאָר ארויסברענגען מעהר נישט ווי שדים, רוחות און מזיקים (ווי אין דאָס רוב רעליגיעזע און טהעאָלאָגישע געדאנקען), קוים אבער איז ער פעראינטערעסירט אין אַ געדאנק — אַ בר־קימא, מוז ער זיך צוהערען צו דער שטים און דער פאָדערונג פון דער ערקענטניס. ווי אָפט זענען די מענשען אין איינצעלנע פעלען פעראינטערעסירט, אַז די מאטעמאטישע אמת'ען

זאָלען ניט שטימען: זאָגט דאָך טורגעניעוו, אַז יעדע תפילה איז איינגענטליך אַ בקשה ביי דעם רבונו־של־עולם, ער זאָל מאַכען, אַז „צוויי מאָל צוויי זאָל ניט זיין פיער". און פון דעסטוועגען איז קיין מענש ניט אין ספק אין דעם איינפאַכסטען אַריטהמעטישען כלל...

און פון דעסטוועגען, צוריק, דאַוועגט דער מענש...

אויסצופאָרשען די שעדליכע ראָליע פון דעם וואונש אין דער ערקענטניס, פון די „סוביעקטיווע" פניות און פעראינטערעסירט־קייטען אין דער מענשליכער נשמה, איז געווען איינע פון די הויפט־אויפגאַבען ספענסער'ס, דער עיקר אין דער וויסענשאַפט וועגען דער געזעלשאַפט. אין זיין „אריינפיהר אין די סאָציאָלאָגיע" ווייזט ער אויף די אָביעקטיווע שוועריגקייטען, וואָס ליגען אין די סאָציאַלע ערשיינונגען גופא, און נאָך מעהר — אויף די סוביעק־טיווע שוועריגקייטען, וואָס שטאַמען פון די פערשיידענע אַרטען פניות און אינטערעסען פון דעם מענשליכען פאָרשער. זיין עצה, ווי צו פאַראַליזירען זייער מאַכט, איז — מערקווירדיג! — אַ ריכטיגער פּאַטש אין פנים זיין גאַנצען טהעאָרעטישען פונדאַמענט. ווילען מיר האָבען ריין אָביעקטיווע, אין קיין זאַך ניט פעראינ־טערעסירטע ערקענטניס, מוזען מיר, זאָגט ער, אין גאַנצען דער־ווערגען אין אונז דעם סוביעקטיווען וואונש, אויסראָטען איהם מיט די וואָרצלען. ספענסער פערגעסט, אַז די ערקענטניס מוז דערביי בלייבען אַן אייביגע יונג־פרוילע עקרה. ער פערגעסט, אַז אויסראָטען דעם אייגענעם וואונש מיט די וואָרצלען איז אַקוראַט אַזוי מעגליך, ווי אויפהויבען זיך אַליין פאַר די האָר אין דער הויך. דער רעזולטאַט פון ספענסער'ס סאָציאָלאָגישען סיסטעם איז בע־קאַנט. אַהן דעם „פאַטער" האָט זיך די ערקענטניס ניט געקאָנט בעגעהן. אַזוי ווי אבער דאס איז אידר געווען ניט ערלויבט לעגאַל, האָט זי ארויסגעבראַכט אַ סך געדאַנקען־ממזרים, וואָס האָבען ניט געטאָרט טראָגען דעם פאַטער'ס נאָמען: „סוביעקטיווער וואונש", און זענען צוגעשריעבען געוואָרען אויף דער מוטער'ס נאָמען: „אָביעקטיווע ערקענטניס", אָבער נאָך זייער פנים נאָך האָט מען לייכט געקאָנט דערקענען, וועמעס קינדער זיי זענען...

אָבגעשראָקען פון אַזאַ רעזולטאַט, האָט דער רוסישער קרי־טיקער ספענסער'ס, דער טיעפער און אינטערעסאַנטער דענקער

ניקאָלאַי מיכאַילאָווסקי, גענומען זיך צו לעגאַליזירען דעם סוביעק־טיווען עלעמענט אין דער מענשליכער פאָרשונג. צוזעעט און צו־שפּריים איבער אַלע זיינע ווערק געפינען מיר ביי מיכאַילאָווסקי'ן אַ סך איינצעל־געדאַנקען און איינצעל־אויספאָרשונגען, וואָס לאָזען ניט איבער קיין ברעקעל ספק, אַז די ראָליע פון דעם סוביעקטיווען עלעמענט אין דער פאָרשונג איז זעהר גרויס, אַז פּטור ווערען פון איהם קאָן מען ניט און אַז ער האָט אַ רעכט צו פערלאַנגען, די וויסענשאַפט זאָל אָוועקגעשטעלט ווערען אין אַזעלכע תנאים, זאָל זיך שטעלען אַזעלכע אויפגאַבען און דורכפיהרען זיי מיט אַזעלכע מעטהאָדען, וואָס זאָלען ניט געהן להיפך צו זיינע גערעכטע פאָר־דערונגען. דאָס איז אין קורצען דער זין פון דעם „סוביעקטיווען מעטהאָד אין דער סאָציאָלאָגיע", אַנטקעגען וועלכען עס האָבען פריהער געקעמפּפט די ספּענסעריאַנער און אין דער לעצטער (פאָר־רעוואָליוציאָנערער) צייט — די מאַרקסיסטען.

אין דער לעצטער צייט האָבען זיך מיט דעם פּראָבלעם פון דער „סוביעקטיווער ערקענטניס" פּעראינטערעסירט אַ סך געלעה־רענטע אין דייטשלאַנד און פראַנקרייך, — דער עיקר יוריסטען און עקספּערימענטאַל־פּסיכאָלאָגען, וואָס זענען געקומען צו אַ סך רעזולטאַטען, אויף וועלכע מיכאַילאָווסקי האָט צום ערשטען מאָל אָנגעוויזען.

עס געהט ניט אריין אין די אויפגאַבען פון אונזער ארבייט אָבצושטעלען זיך באריכות אויף מיכאַילאָווסקי'ס געדאַנקען. דעם גרונד־פּרינציפּ זיינעם, אַז איטליכע ערקענטניס איז אַ פּראָדוקט פון דעם סוביעקט, וואָס ברענגט זי ארויס, און טראָגט אויף זיך זיין שטעמפּעל, — אַ געדאַנק, וואָס איז שוין אָפט ארויסגעזאָגט גע־וואָרען אין דער ערקענטניס־טהעאָריע זינט פּראָטאַגאָראַס אָן, — נעהם איך אָן כמעט אין דעם גאַנצען אומפאַנג, צו וועלכען מיכאַי־לאָווסקי האָט איהם דערוויטערט. פאַר דער לעהרע פון די „היס־טאָרישע אידעען־פערבינדונגען" האָבען די רעזולטאַטען פון מיכאַי־לאָווסקי'ס יענעם גרויסען און טיעפען ווערטה, וואָס זיי דערקלעהרען אונז דעם פּראָצעס, ווי אַזוי מענשען ווערען איבערהויפּט פּעראינ־טערעסירט אין וועלכע עס איז געדאַנקען און ווי אַזוי זיי ווערט אונטער געוויסע אומשטענדען אונמעגליך אָבצוזאָגען זיך פון זיי. מיר האָבען שוין אָפט אין דעם המשך פון אונזער ארבייט געהאַט

די געלעגענהייט צו דערמאָהנען אָן יענעם סוביעקטיווען פאַקטאָר, וואָס קעהרט און ווענדט די „בעגריפען־קעטלעך" נאָך זיין אונ־בעוואוסטען פערלאַנג. בעטראַכט מען די לעהרע פון היסטאָרישע אידעען־פערבינדונגען אין דעם ליכט פון דעם „סוביעקטיווען מעטהאָד", געפינט מען, אז זיי ווייזען אָן דעם פעלד, אויף וועלכען עס באַלעבאַטעוועט דער סוביעקטיווער עלעמענט, און וועלכע מיטלען ער קאָן אָנווענדען, כדי צו דערגרייכען זיין ציעל.

אָבער אויך די לעהרע פון דעם קאַמפּף מיט דער מאַכט פון היסטאָרישע אידעען־פערבינדונג געהט ניט להיפך צו די וויכטיגסטע רעזולטאַטען פון דעם „סוביעקטיווען מעטהאָד". אמת, די מענשען זענען פעראינטערעסירט אין זייערע סוביעקטיווע אמת'ען, און זיי דוכט זיך, אז זיי זענען אַלע תורת־משה, געגעבען געוואָרען גלייך פון באַרג סיני און א חוב פאַר יעדען ריכטיג דענקענדען קאָפּ. אָבער זיי קאָנען פעראינטערעסירט זיין אין זייערע אמת'ען אויף צוויי אופנים:

ערשטענס, קאָן א וועלכע עס איז מיינונג זיין דירעקט פערבונדען מיט אַלע אונבעוואוסטע פּניות און אינטערעסען פון דעם מענשען'ס הארץ, כמעט אין דעם זעלבינגען גראַד, ווי אָן „איינגעקלעהמטער געדאַנק" (נאָך פּאָרעל'ס אויסדרוק) איז איינ־געוואַקסען אין דעם בעוואוסטזיין פון א מאַניאַק. אנטקעגען אזא „איינגעקלעהמטען געדאַנק", וואָס האָט נאָר א ברעקעלע לאָגיק און א האָר וואַהרשיינליכקייט פאַר זיך, איז יעדער קאַמפּף אָן ארויס־געוואָרפענע טרחה.

צווייטענס, קאָן א וועלכע עס איז מיינונג זיין איינגעבאַקען אין הארצען ניט ווייל עס איז א דירעקט סוביעקטיווע בעדערפניס פון דעם בעשטימטען מענשען צו גלויבען אין איהר, נאָר ווייל זי איז דורך א היסטאָרישע אידעען־פערבינדונג צונויפגעוואַקסען מיט א וועלכען עס איז „איינגעקלעהמטען גע־דאַנק". מיט אַזעלכע סוביעקטיווע אמת'ען, וואָס דוכטען זיך, זיי זענען סוביעקטיווע, קאָן מען ביז צו א געוויסען גראַד קעמפּפען, פון זיי קאָן מען זיך ביז צו א געוויסען גראַד בעפרייען.

אָבער כדי איינצוזעהן, ווי דאָס קאָן געשעהן, מוז מען פריהער עפּעס מעהר בעקאַנט ווערען מיט דעם מעכאַניזם, ווי אַזוי די

„איינגעקלעהמטע“ אידעען און די מיט זיי פערבונדענע געדאַנקען ווירקען אויף אונזער נשמה.

יעדער סיסטעם, יעדער איינהייטליכע פערבינדונג פון איינצעלנע געדאַנקען רופט ארויס אין אונזער נשמה א געוויסען אָבקלאַנג, א רעזאָנאַנס. דער אָבקלאַנג קאָן זיין א צושטימענדער, וואָס איז מסכים מיט דעם גאַנצען סיסטעם, א צונויפקלינגען, א צונויפשטימען מיט אַלע זיינע פּרינציפּען. ער קאָן אָבער אויך זיין א צו־ווידערשטימען, א פּסיכאָלאָגישע אָבוועגדונג פון דער נשמה, וואָס קאָן בשום אופן ניט מסכים זיין מיט די לעהרען פון דעם סיסטעם. אין דעם ערשטען פאַל איז דער רעזאָנאַנס א האַרמאָניע, א סימפּאַטהיע, אין דעם צווייטען — א דיסאָנאַנס, א דיסהאַרמאָניע, א פּראָטעסט.

דער איינהייטליכער רעזאָנאַנס, וואָס ווערט ארויסגערופען אין אונזער נשמה פון א וועלכען עס איז געדאַנקען־סיסטעם, ווי איינהייטליך ער זאָל זיך אונז ניט אויסדרוכטען, איז אָבער פּאָרט א צונויפגעגאָסענער פּראָדוקט פון יענע איינצעל־רעזאָנאַנסען, וואָס ווערען ארויסגערופען אין אונז פון די איינצעל־געדאַנקען אין דעם סיסטעם. יעדער איינצעל־געדאַנק לאָזט איבער זיין רושם אין דער נשמה, א צונויפשטימענדען אָדער א צו־ווידער־שטימענדען. און אזוי ווי צווישען דעם העכסטען גראַד צונויפשטימונג און דעם העכסטען גראַד צו־ווידערשטימונג ליעגט א גאַנצע שטופען־לייטער פון געפיהלען, מוז ערגעץ וואו אין דער שטופען־לייטער זיך געפינען אַן אינדיפערענץ־פּונקט, א גלייכגילטיגקייטס־פּונקט, וואו די צונויפשטימונג איז שוין פערשוואונדען און די צווידערשטימונג האָט זיך נאָך ניט אָנגעהויבען. די צונויפשטימונג אָדער די צו־ווידערשטימונג נעהם איך דאָ ניט אין דעם לאָגישען, נאָר אין דעם פּסיכאָלאָגישען זין. איך קאָן צ. ב. גאַנץ גוט איינזעהן, אַז יעדער מענש מוז שטאַרבען. איך וויים, אַז דאָס איז אַן אַבסאָלוטער אמת, אָבער אין דער זעלביגער צייט רופט דער אמת ארויס אין מיין האַרצען ניט קיין צונויפשטימונגס־רעזאָנאַנס, נאָר א געפיהל־פּראָטעסט: איך וואָלט ניט וועלען אַלע מענשען זאָלען שטאַרבען. איין און דערזעלביגער געדאַנק קאָן ביי איין מענשען ארויסרופען א גלייכגילטיגקייטס־רעסאָנאַנס, ביי אַן אַנ־

דערן אַ געפיהלס־צושטימונג פון אַ בעשטימטען גראַד, ביי אַ דריטען וויעדער אַ דיסאָנאַנס פון אַ בעשטימטער שטאַרקייט.

דער געדאַנק, צ. ב., אַז יעזוס קריסטוס איז געווען איינער פון די ערעלסטע מענשען, מיט וועלכען די מענשען־ראַסע מעג שטאָלצירען, וועט ביי אַ געבילדעטען קריסט, אַפילו גיט אַ גלויבינען, אַרויסרופען אַ מעהר אָדער ווענינער שטאַרקען סימפּאַטישען אָבקלאַנג; ביי אַ געבילדעטען, ניט גלויביגען אידען — אַ מעהר אָדער ווענינער שטאַרקען געפיהלס־פּראָטעסט. ביי אַ געבילדעטען יאַפּאַנער אָבער, וואָס האָט פריהער קיין מאָל ניט געהערט פון קריסטוס'ען, וועמעס גייסטיגע סביבה איז קיין מאָל ניט געווען אָנגעזעטיגט ניט מיט ליעבע, ניט מיט האַס צו דער פיגור, וועט דער געדאַנק אַרויסרופען אַ גלייכגילטיגקייטס־רעסאָנאַנס. ער וועט איהם אויפנעהמען, ווי מען נעהמט אויף יעדע פאַקטישע מיטטהיילונג, אין וועלכער עס איז ניטאָ קיין גרונד צו צווייפלען, אָבער וואָס ברויכט אויך ניט אַרויסצורופען ניט קיין התפעלות, ניט קיין פּראָטעסט. דער טאָטאַל־אָבקלאַנג פון אַ וועלכען עס איז סיסטעם איז אַ סכום פון אַזעלכע איינצעל־רעזאָנאַנסען.

עס איז שווער צו דענקען, אַז אויב אַ וועלכער עס איז צונויפגעזעצטער געדאַנקען־סיסטעם רופט אַרויס אַ בעשטימטען אייגהייטליכען טאָטאַל־אָבקלאַנג, איז דאָס דערפאַר, ווייל אַלע זיינע איינצעל־רעזאָנאַנסען האָבען דעם זעלביגען כאַראַקטער: אָדער צונויפשטימונגען, אָדער צו־ווידערשטימונגען. אין דער ווירקליכקייט קומט דאָס פאָר זעהר זעלטען. דאָס רוב קומט פאָר, אַז די איינצעל־געדאַנקען האָבען לכתחילה גאַנץ פערשיידענע רעזאָנאַנסען. אַ טהייל געדאַנקען זענען אונז אַנגענעהם, אַן אַנדערער — אָבשטויסענד, וויעדער אַ דריטער — גלייכגילטיג. צונויפגעגאָסען אין איינעם, גלייכען זיך די עלעמענטען אויס. אויב עס בלייבט איבעריג אַ סימפּאַטישער טאָטאַל־רעזאָנאַנס, נעהמען מיר אָן דעם סיסטעם, אויב אַן אָבשטויסענדער, פערוואַרפען מיר איהם. דאָס איז אַקוראַט ווי מיט אַ מענשען און זיין כאַראַקטער, מיט אַ מענשען און זיין געזיכטס־אויסדרוק. זיין טאָטאַל־כאַראַקטער אָדער זיין געזיכטס־אויסדרוק איז אַ סכום פון איינצעלנע כאַראַקטער־שטריכען אָדער געזיכטס־שטריכען: איינינע זענען אונז אַנגענעהם, אַנדערע צו־ווידער, וויעדער אַנדערע — גלייכגילטיג. לאָזט אָבער דער

סכום איבער אַן אָנגענעהמען איינדרוק, יעמאָלט איז דער כאַראַקטער אָדער דער געזיכטס־אויסדרוק אונז סימפּאַטיש, אַז ניט — אַנטיפּאַטיש אָדער גלייכגילטיג.

ווען מעהרערע מענשען נעהמען אָן איין־און־דעם זעלבינען געדאַנקען־סיסטעם, איז דעריבער נאָך קיין ראיה ניט, אַז זיינע איינצעלנע טהיילען רופֿען ארויס דיזעלביגע איינצעל־רעזאָנאַנטען ביי אַלע זיינע אַנהענגער. דאָס, וואָס ביי איינעם רופֿט ארויס אַ סימפּאַטיע־אָבקלאַנג, קאָן ביי דעם אַנדערען ארויסרופֿען אַ פּראָטעסט. זיי נעהמען איהם אַלע אָן דערפֿאַר, ווייל ער רופֿט אין זיי אַלעמען ארויס אַ סימפּאַטישען טאָטאַל־רעזאָנאַנס, ווען אפילו ניט ביי אַלעמען אין דעם זעלביגען גראַד. קוים אָבער האָט זיך אַ וועלכער עס איז סיסטעם איינגעלעבט אין דער נשמה, קוים האָט זיך דער סימפּאַטישער טאָטאַל־רעזאָנאַנס צונויפֿגעגאָסען מיט דעם גאַנצען סיסטעם, אזוי ווערט ער פֿאַנאַנדערגעגאָסען איבער אַלע איינצעלנע געדאַנקען זיינע. די פּראָטעסט־רעזאָנאַנסען פֿון די אונאָנגענעהמע געדאַנקען ווערען אונטערדריקט, די נשמה איינט זיך מיט זיי אויס, כל זמן זי גלויבט אין דעם גאַנצען סיסטעם. די פּראָטעסט־רעזאָנאַנסען ווערען אונטערדריקט, אָבער זיי מוזען ניט פֿערשווינדען אין גאַנצען: זיי קאָנען לויערן אויף אַ געלעגענהייט ארויסצוברייסען זיך, ביז די נשמה ווערט אין גאַנצען צונעפּאַסט צו זיי, ביז זי פֿערענדערט איהר נאַטור אויף אזוי ווייט, אַז די פֿריהערדיגע אַנטיפּאַטישע געדאַנקען ווערען איהר גלייכגילטיג אָדער שוין אפשר אין גאַנצען סימפּאַטיש.

אין דערינען, אגב אורחא, ליעגט די ערציהערישע קראַפֿט (צו נוטצען אָדער צו שלעכטען) פֿון אַ וועלכען עס איז געדאַנקען־סיסטעם. דער וואונש איז טאַקע דער פֿאָטער פֿון דעם געדאַנקען. אָבער ביי אַ סיסטעם פֿון געדאַנקען שפּיעלט זיין טאָטאַל־רעזאָנאַנס די ראָליע פֿון דעם „וואונש“ און ער איז שוין נאָכדעם גובר, מיט אַ גרעסערען אָדער קלענערען ערפֿאָלג די איבעריגע געפֿיהלען, וואָס געהען להיפּך צו איהם.

און נאָך עפּעס מוז מען האָבען אין זינען: דעם הויפּט־רעזאָנאַנס, ד. ה. יענעם טהייל פֿון דעם סיסטעם, וואָס קלינגט אריבער אַלע זיינע אַנדערע טהיילען, יענע געדאַנקען, וואָס זענען

דער עיקר פאר דעם גלויבינגען, בעת אלע אנדערע זענען מאה איהם מעהר אדער וועניגער א תפל.

לאמיר נעהמען א וועלכע עס איז קאמוניסטישע סעקטע, וועמעס קאמוניזם עס איז אויפגעבויט אויף די יסודות פון דעם רעליגיעזען קריסטליכען גלויבען און דער פאלקאמענער פרייהייט אין דעם געזעלשאפטליכען פערקעהר. די סעקטע געפינט א סך אנ־הענגער, ווייל זי דופט ביי זיי, ביי אלעמען ארויס א טאטאל־רעזאנאנס פון איין־און־דעמזעלביגען סימפאטישען כאראקטער; אבער ביי יעדען איינעם אפשר גאנץ פערשיידענע איינצעל־רעזא־נאנסען און א גאנץ פערשיידענעם הויפט־רעזאנאנס. פאר איינעם איז די הויפטזאך דער קאמוניזם און זיין שטים קלינגט אריבער אלע אנדערע שטימען אין דער סיסטעם. ביי דעם אנדערען איז דער עיקר דער בעשטימטער רעליגיעז־קריסטליכער גלויבען און אלע אנדערע עלעמענטען נעהמט ער אריין אין דער נשמה, ווייל זיי זיינען פערבונדען מיט די איהם טהייערע רעליגיעזע פארשטעלונגען. דעם דריטען ציהט צו זיך צו קודם־כל די הייליג געמאכטע פרייע ליעבע, בעת דער קאמוניזם, פאר זיך גענומען, וואלט אפשר ארויסגערופען א פראטעסט אין זיין נשמה.

א סיסטעם מיט פערשיידענע הויפט־רעזאנאנסען, פאר פער־שיידענע אינדיווידוען, קאן, ווי דער ביישפיעל מיט דער קריסטליך־קאמוניסטישער סעקטע בעווייזט, ארויסרופען ביי אלעמען איין־און־דעם־זעלביגען טאטאל־רעזאנאנס.

ווען אזא סיסטעם פאלט צוליעב געוויסע געשיכטליכע אור־זאכען פאנאנדער, יעמאלט צוטהיילען זיך די מענשען, לויט זייערע הויפט־רעזאנאנסען. אונזער סעקטע וואלט אין אזא פאל צוגאנגען זיך אין א קאמוניסטישע, פריי־ליעב׳לערישע און קריסטליך־רעליגיעזע ריכטונג, אדער אפשר אין דריי ריכטונגען, וואס וואלטען אנגענומען צו צוויי פון די דריי גרונד־פרינציפען. נאך א ביישפיעל:

די ערשטע קריסטליכע געמיינדען זענען בעשטאנען פון אידען און היידען. פאר ביידע עלעמענטען האט דער נייער גלויבען געהאט איין־און־דעם־זעלביגען טאטאל־רעזאנאנס, אבער גאנץ פערשיידענע הויפט־רעזאנאנסען. פאר דאס רוב אידען איז דער הויפט־רעזא־נאנס געלעגען אין דעם גלויבען פון א אידיש־נאציאנאלען משיח

וואָס דאַרף בעפרייען דאָס אידישע פאָלק פון רוים. פאַר די היידען איז ער געלעגען אין דעם גלויבען אין אַן אַלגעמיין־מענשליכען סאָציאַלען משיח, וואָס דאַרף בעפרייען אַלע עלענדע און פערוואָרפענע. ווען דער אידיש־נאַציאָנאַלער כאַראַקטער פון דעם יונגען קריסטענטהום האָט געמוזט אַלץ מעהר און מעהר פערשווינדען, האָבען די אידען געמוזט זיך ווידער צונויפגיסען מיט דעם נאַציאָנאַל־האַפענדען פאָלק, און דער אַנטיסעמיטישער כאַראַקטער פון די רוימער און גריכען, וואָס איז פריהער געווען אונטערדריקט דורך דעם טאָטאַל־רעזאָנאַנס פון דעם אידישען קריסטענטהום, האָט זיך ווידער געקאָנט פריי ארויסרייסען. די גרופען־אידעאָלאָגיע פון די יעמאָלטדיגע גריכיש־רוימישע מאַסען, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין קריסטענטהום, האָט שוין געקאָנט פאַנאַנדעררייסען די היסטאָרישע אידעען־פערבינדונג פון „קריסטענטהום"—„אידישע נאַציאָנאַלע בעפרייאונג" און אויסבילדען אַן אַנדער היסטאָרישע אידעען־פערבינדונג: „קריסטענטהום"—„אַנטי־יודענטהום", וואָס האָט אפשר ארויסגערופען דיזעלביגע „פּאָלעמישע" אידעען־פערבינדונג אויך ביי דעם אידישען פאָלק אין דער אומגעקעהרטער פאָרם פון „יודענטהום"—„אַנטי־קריסטענטהום".

דאָס רוב גרופען־אידעאָלאָגיען פאַלען אָבער נים פאַנאַנדער. זיי ענטוויקלען זיך און פערענדערן זיך, ד. ה. זיי האַלטען אַ לאַנגע צייט אַן זייער עקזיסטענץ אין דער געשיכטע פון דעם מענשליכען געדאַנק. אויך איינהייטליכע וועלט־אַנשויאונגען ביי אינדיווידוען געהען ניט אַזוי גיך לאיבוד. זיי ענטוויקלען זיך און פערענדערן זיך. ווי קומט דאָס פאַר?

די פּסיכאָלאָגישע זייט פון דעם פּראָצעס איז ביי ביידען איין־און־דיזעלביגע. די נשמה זוכט אין ביידע פעלען אַבצוהיטען דעם איהר טהייערען טאָטאַל־רעזאָנאַנס. טרעט אריין אַ וועלכע עס איז פערענדערונג אין דער נשמה (אַלץ איינס, דורך וועלכע סבות), יעמאָלט הויבט זי אָן גאַנץ אַנדערש צו רעאַגירען אויף די איינצעלגעדאַנקען פון דעם סיסטעם. דער גלייך־געוויכט פון דער נשמה מיט דעם טאָטאַל־רעזאָנאַנס ווערט געשטערט. כדי ווידער ארויסצוברענגען די געוואוינטע האַרמאָניע, כדי אַבצוהיטען דעם סימפּאַטישען כאַראַקטער פון דעם טאָטאַל־רעזאָנאַנס, ווערען איניגע איינצעלנע געדאַנקען, וואָס שטערען די האַרמאָניע, ארויס־

געוואָרפען און עס ווערען אין דעם סיסטעם אריינגעוועבט אַזעלכע נייע געדאַנקען, וואָס קלינגען האַרמאָנישער צוגויף מיט דעם גרונדטאָן פון דער נשמה.

אינטערעסאַנט און זעהר פערוויקעלט ווערט דער פּראָצעס, ווען ניט די נשמה בייט זיך, נאָר די איינצעל־געדאַנקען מוזען געענדערט ווערען, אַ דאַנק דער ענטוויקעלונג פון דער וויסענשאַפט אָדער דעם צושטאַנד פון דעם געגנער׳ס וועלט־אַנשויאונג, וואָס פאַלט אָן אויף אונזער סיסטעם. מען איז אָפט געצוואונגען אריינצונעהמען נייע געדאַנקען, וואָס געהען להיפך צו די פריהערדיגע מיינונגען, ווייל אונזערע זענען צושלאָגען געוואָרען אָדער פון דער וויסענשאַפט, אָדער פון דער געשיקטער פּאָלעמיק פון דעם געגנער. די אָבגעשלאָגענע געדאַנקען מוזען אַרויסגעוואָרפען ווערען, אויב מען וויל ניט אַרומשלעפען זיך מיט בר־מינן׳ס אין דער וועלט־אַנשויאונג און צולאָזען, אַז זי זאָל סוף־כל־סוף פערוואַנדעלט ווערען אין אַ געדאַנקליכען בית־עלמן. מען מוז אריינעהמען די נייע, פרעמדע געדאַנקען. כדי אָבער דער טאָטאַל־רעזאָנאַנס זאָל בלייבען דערזעלביגער, מוז מען איבערבויען די אַלטע אָדער צו־בויען נאָך אַנדערע סימפּאַטישע געדאַנקען, וואָס זאָלען פּאַראַליזירען די אויפגעקומענע אַנטיפּאַטישע רעזאָנאַנסען און ווידער אַרויסברענגען דעם גלייך־געוויכט פון דעם געוואונטשענעם טאָטאַל־רעזאָנאַנס.

בעת די קאַטוילישע קירכע איז סוף־כל־סוף געצוואונגען געוואָרען אויסצואיינען זיך מיט דעם קאָפּערניקאַנישען געדאַנק, האָבען איהרע פילאָסאָפען געמוזט אַנדערש אויסטייטשען די ביבעל־שטעלען, כדי זיי זאָלען ניט געהן להיפך צו דער פעסט־איינגעפונדעוועטען וויסענשאַפטליכען רעזולטאַט. אַן עהנליכער פּראָצעס קומט איצטער פאָר אין דערזעלביגער קאַטוילישער קירכע ביי די „מאָדערניסטען“, וואָס ווילען אין קאַטאָליציזם ארייננאַרבייטען אַ סך געדאַנקען פון דער מאָדערנער וויסענשאַפט, ווי צ. ב. אויך דעם דאַרוויניזם. זיי זעהען איבערצובויען די איבעריגע טהיילען פון דער קאַטוילישער פילאָסאָפיע אַזוי, אַז אין איהר זאָל זיין פּלאַץ פאַר די נייע געדאַנקען און אַז דער טאָטאַל־רעזאָנאַנס פון דעם קאַטוילישען גלויבען זאָל בלייבען דערזעלביגער, וואָס פריהער.

אַן עהנליכען פּראָצעס האָט אויך די אידישע רעליגיאָנס־

פילאָסאָפיע אָפטמאָל דורכגעמאַכט. די אָבגעשלאָגענע רעליגיעזע אנשויאונגען, וואָס זענען צושטערט געוואָרען פון דעם פילאָסאָפישען געדאַנק פון יענער צייט, זענען פערביטען געוואָרען אויף נייע, פילאָסאָפיש־ריכטיגערע, און די גאַנצע רעליגיעזע וועלט־אנשויאונג פונ׳ם יודענטהום פלעגט אָפטמאָל אומגעבויט ווערען ביי די פערשיידענע פילאָסאָפען לויט אַ פערשיידענעם פּלאַן, אָבער אַלע מאָל אזוי, אַז דער טאָטאַל־רעזאָנאַנס פון דער אידישער רעליגיע אין גלות (דער גלויבען אין משיח און וואונדער) זאָל בלייבען איין־און־דער־זעלביגער.

די אייגענע מעשה שפּיעלט זיך איצטער אָב אין דער ענטוויקעלונג פון דעם מאַרקסיזם ביי זיינע אָרטהאָדאָקסישע אָנהענגער. אַלט מאַרקסיסטישע געדאַנקען ווערען פערביטען אויף מאָדערנע. דער מאַרקסיסטישער טעקסט ווערט אַנדערש אויסגעטייטשט. מען פּלפּול׳ט אין איהם אריין אַ נייע, מעהר אידעאַליסטישע געשיכטס־פילאָסאָפיע, אָבער אַלץ טאַקע מיט דעם גרונד־ציעל אין זינען — אָבצוהיטען און צו פערשטאַרקען דעם אָרטאָדאָקס־מאַרקסיסטישען טאָטאַל־רעזאָנאַנס: די אונפערמיידליכקייט פון אַ פּראָלעטאַרישער, סאָציאַלער רעוואָלוציע. ביי די אָנהענגער פון דעם מאַרקסיזם איז אָט דער טאָטאַל־רעזאָנאַנס צו דערזעלביגער צייט געווען דער הויפּט־רעזאָנאַנס און דעריבער איז מען ניט אזוי מקפיד אויף די פערענדערונגען אין דער געשיכטס־פילאָסאָפיע. יענע מאַרקסיסטען אָבער, ביי וועמען דער הויפּט־רעזאָנאַנס פון דעם מאַרקסיזם איז געלעגען אין דער ריין־מאַטעריאַליסטישער ערקלעהרונג פון דער געשיכטע, פיהלען זיך אונבעפריעדיגט מיט דעם נייעם גלייך־געוויכט אין דעם טאָטאַל־רעזאָנאַנס, און גרופּירען זיך אַרום דעם רעוויזיאָניזם, ביי וועלכען דער פריהערדיגער געשיכטס־מאַטעריאַליסטישער הויפּט־רעזאָנאַנס איז געוואָרען צו אַ נייעם אנטי־רעוואָלוציאָנערען טאָטאַל־רעזאָנאַנס.

וואָלטען אַלע איינצעל־טהיילען פון אַ וועלכען עס איז סיסטעם בעשטאַנען פון בלויז פאַקטישע אמת׳ען, אויסגעפּרובירט און פערא ת׳ט אין דער וויסענשאַפט, וואָלטען יעמאָלט אונמעגליך געוועזען אָט די אַלע פּסיכאָלאָגיש־פּערפּלאָנטערטע פּראָצעסען.

מיר האָבען אָבער שוין אין דעם פאָריגען קאַפּיטעל געזעהן, אַז אַלע איינהייטליכע סיסטעמען בעשטעהען פון פאַקטישע אמת׳ען

און צווישען־פאַקטליכען געדאַנקען־שפּינוועבס. ער, דער געדאַנקען־שפּינוועבס, איז דער אייגענטליכער טרעגער פון די היסטאָרישע אידעען־פערבינדונגען, דער אייגענטליכער פערבינדונגס־צעמענט. ווערען געוויסע פאַקטישע אמת׳ען אָבגעשלאָגען, געוויכע שפּינ־וועבס־שטעלען צוריסען, נעהמט מען די נייע פאַקטען צריין און מען שפּינט זיי אַרום מיט א נייעם געדאַנקליכען געוועב, כדי אָב־צוהיטען דעם סימפּאַטישען כאַראַקטער פונ׳ם טאָטאַל־רעזאָנאַנס אָדער כדי אַריינצוברענגען איהם אין גלייך־געוויכט מיט דעם ליעב־און־טהייער׳ען הויפּט־רעזאָנאַנס. ווערט די לאַגע גאָר שלים, בויט מען אויף, צו דעם צוועק, א נייע פעסטונג, א טראַנסצענדענטאַלען איבערבוי, וואָס הויבט זיך אויף אין די העכסטע רעגיאָנען פון דעם מענשליכען שכל, וואָס ליעגט א סך העכער, עהדער די ערפאַהרונגס־וועלט, א סך העכער אפילו, עהדער די געזעצען פון דעם געוועהנ־ליכען מענשליכען פערשטאַנד און וואָס קאָן שוין דעריבער ניט צושמערט ווערען ניט פון די האַרמאַטען פון דער וויסענשאַפט, ניט פון דעם שאַרפען ווינד פון דער מענשליכער לאָגיק. אזא פעסטונג קאָן בלייבען שטעהן אונבעריהרט אזוי לאַנג, ווי עס ווילען זיך אין איהם נויטיגען די מענשען, צוליעב וועלכע מען האָט איהם געבויט.

מיר קאָנען זיך דאָ ניט אַריינלאָזען אין ווייטערדיגע פּרטים וועגען דער פּסיכאָלאָגישער זייט פון די היסטאָרישע אידעען־פער־בינדונגען. זי איז נאָך וועניגער אויסגעפאָרשט, עהדער די לאָגישע, מיט וועלכער מיר האָבען זיך בעשעפטיגט ביז אהער.

צו אונזער צוועק איז אָבער גענוג, אויב דער לעזער וועט זיך גענוי פערטרויט מאַכען מיט דעם ג ר ו נ ד ־ ג ע ז ע ץ, וואָס בעהערשט די פּסיכאָלאָגיע פון די היסטאָרישע אידעען־פערבינ־דונגען.

יעדער סיסטעם פון געדאַנקען בעשטעהט פון איינצעלנע גע־דאַנקען. יעדער איינצעל־געדאַנק רופט אַרויס אַן איינצעל־רעזאָ־נאַנס אין דער נשמה, א סימפּאַטישען, אַנטיפּאַטישען אָדער כמעט אינדיפערענטען (לחלוטין גלייכגילטיגע רעזאָנאַנסען זענען ניטאָ). די ו ו י כ ט י ג ס ט ע שטאַרקסטע איינצעל־רעזאָנאַנסען זענען די הויפּט־רעזאָנאַנסען. זיי קאָנען אויך זיין פּאָזיטיווע אָדער נעגאַטיווע. די צונויפגיסונג פון אַלע איינצעל־רעזאָנאַנסען אין איינעם גיט דעם איינהייטליכען סיסטעם אַן איינהייטליכען טאָטאַל־

רעזאָנאַנס. די מאַכט פון די היסטאָרישע אידעען־פערבינדונגען ליגט אין דער מאַכט פון דעם טאָטאַל־רעזאָנאַנס איבער די הויפּט־רעזאָנאַנסען.

אויב דאָס איז אַזוי, — און, ווי מיר דוכט, זאָגען אונז אַלע פאַקטען, אַז דאָס איז אַזוי, — האָבען מיר אין די הענד אַ מיטעל ווי אַזוי אָבצושוואַכען די מאַכט פון די היסטאָרישע אידעען־פערבינדונגען.

מיר מוזען קודם כל פאַנאַנדערשפּאַלטען אונזער איינהייטליכען סיסטעם אין זיינע איינצעלנע געדאַנקען. מיר מוזען אונטערזוכען יעדען איינצעלנעם געדאַנקען בעזונדער ניט נאָר, כדי אויסצוגעפינען יעדען׳ס לאָגישע און וויסענשאַפטליכע וואָג, נאָר אויך כדי זיך אַליין אָבצוגעבען אַ דין וחשבון אין יענעם רעזאָנאַנס, וועלכען ער רופט אין אונז אַרויס, ווען ער קלינגט אַליין פאַר זיך, און זיין שטים ווערט ניט פערטויבט אָדער פערענדערט דורך די מיטקלינגענדע שטימען פון זיינע חברים. פאַר יענע איינצעלגעדאַנקען, וואָס האָבען די גרעסטע לאָגישע אָדער וויסענשאַפטליכע וואָג, מוזען מיר פיהרען אַ בעזונדער חשבון. פאַר די וואָס האָבען סימפּאַטישע רעזאָנאַנסען — אַ בעזונדערען, און פאַר די וואָס קלינגען אונז אונסימפּאַטיש ווידער אַ בעזונדערען. דאָס זעלבע דאַרף אויך געמאַכט ווערען מיט יענעם געגנערישען סיסטעם, אַנטקעגען וועלכען אונזער אידעען־סיסטעם קעמפּפט צו דער געגעבענער צייט. אויך ער מוז געדאַנקליך פאַנאַנדערגעשפּאָלטען ווערען אָביעקטיוו, לויט זיין וויסענשאַפטליכען וואָג, און סוביעקטיוו, לויט זיין ווירקונג אויף אונזער נשמה.

שוין דורך דעם פּראָצעס אַליין וועט אָבגעשוואַכט ווערען דער כשוף, וואָס ליגט אין די היסטאָרישע אידעען־פערבינדונגען. מען וועט זיך באַלד איינגעוועהנען צו זעהן, אַז די פערבינדונג פון די אידעען איז אָפט אַ „היסטאָרישע" און ניט קיין לאָגיש־נויטווענדיגע, אַז זי איז געמאַכט געוואָרען פאַר אונז פון פרעמדע דענקער און ניט פון אונז גופא, אַז אַ סך געדאַנקען, וואָס האָבען קיין בּרעקעל וויסענשאַפטליכע וואָג ניט, געהען נאָר להיפּך צו דעם טיעפסטען וואונש פון אונזער הארצען און מיר טראָגען זיך אַרום

מיט זיי מעהר נישט דערפאַר, ווייל זייער פּראָטעסטירענדע שטים ווערט איבערגעהילכט פון די שטימען פון אַנדערע געדאַנקען, מיט וועלכע מען האָט זיי ניט גאָר אויף אַ כשר'ען אופן פערבונדען.

געוויס, וויפיעל מיר זאָלען ניט קריטיקירען אונזערע אייגענע מיינונגען, די טהייערסטע, און צו גלייכער צייט האַלטבאַרסטע, וועלען מיר ניט קאָנען פערניכטען. אין דעם פּונקט איז מיכאַי־לאָווסקי גערעכט. אָבער אַ חוץ די אונז דירעקט אין האַרצען איינ־געוואַקסענע אמת'ען, שלעפּען מיר נאָך מיט זיך אַרום גלייכגיל־טיגע, פון דרויסען אריינגעבלאָזענע, און אפשר גאָר אונז אונ־סימפּאַטישע.

מיר שלעפּען זיי מיט זיך, ווייל זיי זענען „היסטאָריש" פער־בונדען מיט די אונז טהייערע, און מיר מיינען, אַז זיי שטאַמען פון זיי על פּי לאָגישער „נויטווענדיגקייט". מיט אַזעלכע אונז גלייכגילטיגע אָדער גאָר אונסימפּאַטישע געדאַנקען קאָנען מיר גיכער פאַרטיג ווערען. בנוגע צו זיי איז דער ספּענסער'שער און דער מאַרקסיסטישער אָביעקטיוויזם גערעכט...

„גנאָטי זע־אויטאָן!" — „דערקען זיך אַליין!" די אַלטע סאָקראַטישע עצה איז אויך דער בעסטער מיטעל אַנטקעגען היס־טאָרישע אידעען־פערבינדונגען. ווען דער מענש וועט ריכטיג אויסגעפינען, וואָס זיין האַרץ בעגעהרט, ווען ער וועט קלאָר ווערען, וועלכע איינצעל־אידעען רופען אין איהם אַרויס דעם סימפּאַטישען הויפּט־רעזאָנאַנס, וועט ער זיך באַלד אויסלערנען איינצוזעהן, אַז זיי קאָנען פערבונדען ווערען מיט אַ נ ד ע ר ע אידעען, אפילו מיט אַ סך אידעען פון זיינע געגנער, נאָך אפשר אויף אַ בעסערען און אַ „מאָניסטישערען" אופן, עהדער דאָס איז געווען ביי איהם דער פאַל ביז אהער.

אמת, דערפון וועט אַרויסוואַקסען אַ נייע „היסטאָרישע" אידעען־פערבינדונג. אָבער זי וועט שוין זיין אַ ב ע ו ו א ו ס ט־„היסטאָרישע". און דאָס וועט מאַכען, אַז דער פאַנאַטיזם פון אַלטען גלויבען וועט מוזען פערשווינדען. פערשטעהענדיג דעם אינווענינסטען לאָגישען און פּסיכאָלאָגישען פּראָצעס פון ז י י נ ע איבערצייגונגען, וועט דער דענקענדער מענש זיך אויסלערנען צו שעצען יעדע ערנסטע איבערצייגונג פון זיינע געגנער, מיט וועלכע ער דאַרף ניט נאָר קעמפּפען, נאָר וועלכע ער דאַרף אויך ערנסט

שטודירען, ווייל ער קאן ביי זיי געפינען עלעמענטען, וואס וועלען גראד פאסען פאר זיין אייגענער נשמה.

איך ווייס, אז די עצה, וואס איך שלאג פאר: איבערקוקען אלע גלויבונגען און מיינונגען, וואס א מענש האט, וועט א סך פון מיינע לעזער אויסקוקען פרעמד און אוטאפיש. א סך מענשען זענען געוואהנט אפט איבערקוקען, וויפיעל ביכער זיי האבען און אבשטויבען זיי, ווען מען דארף; וויפיעל פאר זאקען זיי האבען, און לאזען אויסצירעווען זייערע לעכער; וויפיעל קראגעלעך און שניפסעלעך זיי פערמאגען, און גוט אויספארשען, אויב זיי זענען שוין חלילה ניט ארויס פון מאדע. זיי אינטערעסירען זיך אבער וועניג מיט דעם וויכטיגסטען בעזיץ, וואס זיי פערמאגען: זייערע מיינונגען, איבערצייגונגען, זייער גלויבען און וויסען. די, פאר וועמען שניפסעלעך, קראגעלעך זענען וויכטיגער עהדער איבער־צייגונגען און גלויבען, זאלען זיך בעשעפטיגען מיט דעם, וואס זיי איז ליעב און טהייער. פאר זיי זענען אויך אונזערע ארטיקלען ניט געשריעבען.

די אבער, וואס פערשטעהען צו שעצען זייער גייסטיגען בעזיץ, דעם וויכטיגסטען טהייל פון יענעם פסיכישען רייכטהום, פון וועל־כען עס הענגט אב די חשיבות פון א מענשען, זאלען זיך ניט לאזען אבהאלטען פון דער נויטיגער זעלבסט־קריטיק דורך דעם אויסרייד, אז ס׳איז בעסער אנצוואווענדען די צייט אויף די פערמעהרונג פון דעם רייכטהום, אויף צו שטילען דעם אייביג וואקסענדען דורשט נאך אמת, איידער אויף די רעוויזיאן פון דעם שוין אנגעזאמעלטען אוצר. זיי זאלען ניט פערגעסען, אז יעדער נייער אמת ווערט ניט נאר אויפגענומען און צונויפגעגאסען מיט דעם גאנצען סכום פון די אלטע, וואס געפינען זיך אין אונזער בעוואוסטזיין, נאר אויך צוגעפאסט צו זיי. ס׳איז דעריבער פון דער גרעסטער וויכ־טיגקייט, אז די נייע אמת׳ען זאלען ניט פערדארבען ווערען דורך די אלטע...

איך מאך דא דערווייל א פארלויפיגען שלום צו די „היס־טארישע אידעען־פערבינדונג", ווייל די ארבייט, ווי זי איז, שטעלט מיט זיך פאר אן אבגעשלאסענעם קאפיטאל פון א גרעסערען

גאַנצען, וואָס — ווער וויים, ווען איך וועל איהם שוין אָנשרייבען...

דערווייל וויל איך נאָר אויסנוצען די לעהרע פון די היסטאָרישע אידעען־פערבינדונגען, כדי קלאָרער צו פאָרמולירען יענעם חלוק, אויף וועלכען איך האָב אזוי אָפט אָנגעוויעזען אין מיינע מינדליכע פאָרלעזונגען: דעם חלוק צווישען דעם „פריי־דענקער" און דעם פרייען דענקער.

וואָס איז אַ פריי־דענקער? — דאָס איז אַ מענש, וואָס האָט איבערגענומען די פּראָגרעסיווע היסטאָרישע אידעען־פערבינדונג פון זיין צייט און גלויבט אין איהר, ווי אין תורת משה. ער איז נים ביכולת איינצוזעהן איהר „היסטאָרישען" כאַראַקטער און מיינט באמת, אז אַלץ אין איהר איז ריינע גין־גאָלד פון וויסענשאַפטליכער ערפאַהרונג אָדער אַבסאָלוט נויטווענדיגען לאָגישען דענקען.

וואָס איז אַ פרייער דענקער? — דאָס איז אַ מענש, וואָס זעהט איין דעם „היסטאָרישען", ד. ה. כלומרשט לאָגישען כאַראַקטער פון דער פּראָגרעסיווער אידעען־פערבינדונג און דעריבער פערליערט זי איבער איהם איהר כשוף'דיגע מאכט. ער קאָן דעריבער זוכען דעם אמת פריי: פריי פון יעדער טראַדיציע, דער רעאַקציאָנערער, אָדער דער ראַדיקאַלער.

אָבער סוף כל סוף וועט דאָס, וואָס ער וועט „געפינען", ווידער זיין נים מעהר ווי אַ „היסטאָרישע אידעען־פערבינדונג?"

— גאַנץ געווים! אָבער די נייע היסטאָרישע אידעען־פערבינדונג איז פאַר איהם אַזא, וואָס איז ארויסגעוואַקסען פון זיין אייגענער נשמה, און נים אַזא, וואָס אַ פרעמדער האָט זי אריינגעבלאָזען אין איהר...

זייט פרייע דענקער!...

די געשיכטס־פילאסאפיע און דער ענד־ציעל

די געשיכטס־פילאסאפיע און דער ענד־ציעל

איך הויב אן מיט איניגע בעגריף־בעשטימונגען און דער־קלעהרונגען.

אונטער דעם ווארט „ענד־ציעל" פערשטעה איך די פאר־שטעלונג פון דעם לעצטען צוועק, וועלכע א וואסער עס איז פארטיי האט, וואס וויל איבעראנדערשען דאס געזעלשאפטליכע לעבען, — יענע צוועק־פארשטעלונג, וואס בינדט צונויף און האלט אין איי־נעם אלע איהרע נעהנטערע ציעלען, אקוראט אזוי, ווי די פאר־שטעלונג פון אן ענד־אורזאך אדער סבה ראשונה בינדט צונויף און האלט אין איינעם די פערשיידענע איינצעל־אורזאכען.

ווערט דער ענד־ציעל דערגרייכט, איז יעמאלט די אויפגאבע פון דער פארטיי דורכגעפיהרט. און דער ענדציעל ווערט דער־גרייכט, ווען דאס געזעלשאפטליכע לעבען ווערט אזוי פערענדערט, אז דער נייער פרינציפ, וואס הערשט אין לעבען, שטימט צונויף מיט דער פארשטעלונג פון דעם לעצטען צוועק. דער ענדציעל פון דער ליבעראלער פארטיי איז אומעדום דארטען דערגרייכט געווארען, וואו עס האבען גענומען הערשען אין לעבען דער פרינציפ פון פרייע איינצעלנע בעלי־בתישקייטען און דער גרונד־געדאנק, אז יעדער איינער דארף זארגען פאר זיך אליין. די האפנונגען און ערווארטונגען, וועלכע די ליבעראלע פארטיי האט צונויפגע־בונדען מיט דער פארשטעלונג פון איהר ענד־ציעל, זענען, אמת, ניט מקוים געווארען. זי האט נביאות געזאגט, אז פון איהרע פרינציפען וועלען ארויסוואקסען אלגעמיינער גליק, רייכטהום פאר אלעמען און א הארמאניע פון אלעמענס אינטערעסען. אנשטאט דעם איז ארויסגעוואקסען אן עקאנאמישער אבגרונט צווישען דעם רייכטהום פון וועניגע איינצעלנע און דעם דלות פון די גרויסע מאסען. אבער דאס בעווייזט ניט, אז דער ליבעראלער ענד־ציעל איז ניט מקוים געווארען; דאס בעווייזט נאר, אז די עהרליכע ליבעראלען האבען געמאכט א טעות אין דעם חשבון. זיי האבען

ניט ױכטיג אױסגערעכענט די װירקונגען, װעלכע דער ליבעראַלער ענד־ציעל האָט געמוזט אַרױסרופען אין לעבען.

דער זעלביגער אומגליק קאָן אפשר אױך טרעפען מיט דעם סאָציאַליזם; דאָס האָט אָבער אַ ברעקעל ניט צו טהאָן מיט דעם אינהאַלט פון זײן ענד־ציעל. דער אינהאַלט פון דעם סאָציאַליזם איז ניט אַ װעלכע־עס־איז עטהישע אָדער היגיענישע אידילּיע, ניט דער גן־עדן־צושטאַנד, אין װעלכען יעדער אײנצעלנער װעט זיך געפינען אַ ד אַ נ ק דעם סאָציאַליזם, נאָר אַ בעשטימטע סאָציאַלאָגישע פאָרם פונ׳ם געזעלשאַפטליכען לעבען: אָבשאַפונג פון לױן־אַרבײט און פון אײנצעל־בעלי־בתישקײט, פון פּראָדוקציע פאַר׳ן מארק און פון פּריװאַט־אײגענטהום אױף די מיטעל און געצײג פון דער פּראָדוקציע א. אז. װ. דער סאָציאַליזם, װי אַן ענד־ציעל פון אַ געװיסער געזעלשאַפטליכער פּאַרטײ, איז אַ בעשטימטער פּרינציפּ, װאָס זאָל הערשען אין דעם סאָציאַלען צו־זאַמענװירקען פון מענשען, און דער פּרינציפּ קאָן רײן אָביעקטיװ אױסגעדריקט װערען אין יורידישע געזעצען אָדער אָבמאַכען און פּריװילּיגע בעשטימונגען. דער נ ו צ ע ן פאַר דער געזעלשאַפט און פאַר דעם אײנצעלנעם, װאָס מען דערװאַרט פון דער סאָציאַליסטישער לעבענס־פאָרם, געהערט נ י ט צו דעם ענד־ציעל גופא און ער זאָל זײן פערשײדען, לױט יעדען׳ס סוביעקטיװע האָפנונגען און אידעאַלען. אַ העכערער עקאָנאָמישער מעמד פאַר די מאַסען, די אױסבעסערונג פון דעם פיזישען לעבען, אַ גוטע פאָלקס־היגיענע, אַ העכערער זיטליכער ניװאָ, גוטע פאָלקס־ערציהונג, אָדער ליעבע צו קונסט און װיסענשאַפט, אָדער אפילו אַן אומקעהר צו אַ געלײטערטען רעליגיעזען גלױבען, — דאָס אַלץ זענען אידעאַלען, װעלכע יעדער קאָן פ ע ר ב י נ ד ע ן מיט דעם סאָציאַליזם. אָבער דאָס אַלץ קאָן ניט זײן קײן געגענשטאַנד פון אַ געזעלשאַפטליכער אָבמאַכונג אין יורידישער אָדער ניט־יורידישער פאָרם...

איהר קאָנט ניט אָננעהמען אַ רעזאָלוציע, אַז אַלע מענשען זאָלען זײן גליקליך, אָדער זאָלען ליעבען קונסט. איהר קאָנט אָבער דורכפיהרען אַ בעשלוס, אַז לױן־אַרבײט זאָל אױפהערען אַקוראַט אַזױ, װי עס האָט אױפגעהערט שקלאַפען־אַרבײט.

די אידעאַלען זענען פון דעסטװעגען זעהר נױטיג פאַר די װיסענשאַפטליכע בעגרינדונג פון דעם סאָציאַליזם. אױב מען קאָן

בעווייזען מיט שטרענג־וויסענשאַפטליכע אונטערזוכונגען, אַז מיט דעם אַריינטרעטען אין לעבען פון דעם סאָציאַליסטישען פּרינציפּ *מוז* אויך אַריינטרעטען דער מיר טהייערער צושטאַנד פון דער פאָלקס־היגיענע, אָדער מאָראַל, אָדער עשירות, אָדער ערציהונג א. ד. גל., איז יעמאָלט דער סאָציאַליזם פאַר מיר וויסענשאַפטליך בעגרינדעט פונ'ם שטאַנדפּונקט פון דער היגיענע, אָדער דער עטהיק, אָדער דער נאַציאָנאַל־עקאָנאָמיע. אַלע אַזעלכע וויסענשאַפטליכע בעגרינדונגען, צונויפגעבראַכט אין איין סיסטעם, דאַרפען בילדען דאָס געביי פון דעם *וויסענשאַפטליכען* סאָציאַליזם.

לײדער האָט מען די אויפגאַבען פון דעם וויסענשאַפטליכען סאָציאַליזם ביז אַהער פערשטאַנען גאַנץ אַנדערש, און עס איז זעהר לייכט צו בעגרייפען, וואָס עס האָט די דענקער (דער עיקר מאַרקס און ענגעלס) אַראָבגעפיהרט פון דעם ריכטיגען וועג.

אין דער איצטיגער געזעלשאַפט קעמפּפען אַ סך ענד־ציעלען פאַר זייער רעאַליזירונג אין לעבען. עס איז אָבער קלאָר, אַז ניט אַלע קאָנען פערווירקליכט ווערען אין דער צוקונפט. גובר זיין קאָן נאָר איינער פון זיי, אָדער גאָר עפּעס אַ נייעס, פון וועלכען מיר האָבען נאָך קיין ידיעה ניט היינטיגען טאָג. אָבער וועלכער ענד־ציעל עס זאָל ניט גובר זיין, וועט דאָס, פערשטעהט זיך, זיין אַ *היסטאָרישע פּאַסירונג*, אַ פּראָדוקט פון יענע אייזערנע געזעצען, וואָס ווירקען אין דעם געשיכטליכען לעבען און וואָס ווערען אויסגעשטודירט אין דער געשיכטס־וויסענשאַפט. עס ליעגט קלאָר אויף דער האַנד, אַז אויב מיר קאָנען מיט דער הילף פון דער געשיכטס־וויסענשאַפט בעווייזען, אַז אין דעם געזעלשאַפטליכען לעבען *מוז* פערווירקליכט ווערען דער סאָציאַליסטישער ענד־ציעל, ווייל אַלע געשיכטליכע קרעפטען טרייבען מיט נויטווענדיגקייט צו איהם, איז יעמאָלט זיין וויסענשאַפטליכע בעדינגונג אַ פאָלקאָמענע און אַן אַבסאָלוטע, וואָס קאָן שוין ניט צולאָזען קיין ברעקעל ספק.

בעווייזט מען מיר וויסענשאַפטליך, אַז איך *זאָל* קעמפּפען פאַר דעם סאָציאַליזם דערפאַר, וואָס ער וועט אַריינברענגען אַ געוויסען *בעסערען* צושטאַנד אין דעם לעבען פון די מאַסען, קאָן איך דערויף ענטפערן: מיך אַרט ניט, אַז די מאַסען וועלען בלייבען אויף דעמזעלביגען מעמד, אויף וועלכען זיי זענען איצטער.

אָדער: מען קען פערבעסערען דעם מעמד אויף אָהן דעם סאָציאַ־ליזם. אָדער: ווער ווייס, צי די מענשען וועלען פערווירקליכען אייער אידעאַל. אָדער: אייער אידעאַל געהט להיפך צו די גרונדצעצען פונ'ם סאָציאַלען לעבען און דער ענטוויקעלונג פון דער מענשהייט.

בעווייזט מען מיר אָבער, אז דער סאָציאַליזם מוז סיי ווי סיי פערווירקליכט ווערען (צי ער געפעלט מיר, צי ניט), ווערען ביי מיר אָבגענומען אַלע טענות אנטקעגען איהם, און אויב איך נעהם איהם ניט אָן, געה איך יעמאָלט להיפך צו דער וויסענשאַפט, און אז איך קעמפף אנטקעגען איהם, שטעל איך מיך יעמאָלט אויף דעם שטאַנדפונקט פון יענע ווילדע, וואָס ווילען מיט א ליארעם־דיגען געפילדער ניט צולאָזען, עס זאָל אריינטרעטען א זון־פינ־סטערניס.

פון אָט דעם גרונד־מאָטיוו (ווי אויך פון נאָך א סך אנדערע) איז אויסגעוואַקסען דער „וויסענשאַפטליכער" סאָציאַליזם פון מארקס און ענגעלס.

מיר וועלען אין דעם היינטיגען ארטיקעל ברענגען אייניגע ארגומענטען, וואָס בעווייזען, אז אָט דער שטאַנדפונקט איז איי־גענטליך א ריינע אוטאָפּיע, וואָס פאַטשט אין פנים אַלע פאָדע־רונגען פון דער וויסענשאַפט. דאָ אָבער האָבען מיר צו בעמערקען, אז, א חוץ דער וויסענשאַפטליכער בעגרינדונג פון א וועלכען עס איז ענד־ציעל, קאָנען מיר אויך האָבען א פ י ל א ס א פ י ש ע ב ע ל י י כ ט ו נ ג פון דעם ענד־ציעל, און פון דעם שטאַנדפונקט האָט דער מארקסיזם נאָך מעהר רעכט צו פאָדערען, מען זאָל זיך רעכענען מיט איהם, איידער פון דעם שטאַנדפונקט פון דער ריינער וויסענשאַפט.

אונטער דער פילאָסאָפיע פון א געזעלשאַפטליכען ענד־ציעל פערשטעה איך די בעלייכטונג, וואָס ער בעקומט, ווען מען שטעלט איהם אריין אין די שטראַהלען פון אַן איינהייטליכער וועלט־און לעבענס־אנשויאונג אָדער פון יענעם געדאַנקען־סיסטעם, וואָס פער־נעהמט ביי אנדערע דעם פּלאַץ פון אזא איינהייטליכער וועלט־און לעבענס־אנשויאונג: דער רעליגיעזער גלויבען ביי איינע, די ערקענטניס־קריטיק ביי אנדערע. דער מארקסיזם איז גאַנץ בע־שטימט א פילאָסאָפישע וועלט־און לעבענס־אנשויאונג, וועלכע ענדיגט זיך מיט א געשיכטס־פילאָסאָפיע, וואָס אַלע ליניען איה־רע

לויפען זיך צונויף אין איין פונקט: דעם צוקינפטיגען נצחון פון דעם סאָציאַליזם. אַלע אַזעלכע סיסטעמען, וואָס ווילען בעלייכטען א געזעלשאַפטליכען ענד־ציעל מיט די שטראַהלען פון דער געשיכטס־פילאָסאָפיע, רופ איך אָן היסטאָריאָ־סאָפישע, און דער ציעל פון אונזער היינטיגען ארטיקעל איז צו דערקלעהרען, פאַר וואָס מיר זאָלען די פילאָסאָפישע בעלייכטונג פון דעם סאָציאַליזם ניט זוכען אויף דעם היסטאָריאָ־סאָפישען וועג. נאָך שאַרפער מוזען מיר, פערשטעהט זיך, ארויסטרעטען אנטקעגען דעם געדאַנק — צו זוכען א־ן דער היסטאָריאָ־סאָפיע די וויסענ־שאַפטליכע בעגרינדונג פון דעם סאָציאַליזם.

הייסט עס, אז מיר מיינען דאָ צו טרעפען ניט נאָר דעם מאַרקסיזם, נאָר איבערהויפט אַלע מעגליכע היסטאָריאָסאָפישע סיסטעמען. מיר ווילען אָבער דער עיקר האָבען צו טהאָן מיט דעם מאַרקסיזם, ווייל ער הערשט אין דער סאָציאַליסטישער געדאַנקען־וועלט און ווייל זיינע פעהלערן זענען דאָס רוב פעהלערן פון יעדער היסטאָריאָ־סאָפיע בכלל.

.1

יעדע היסטאָריאָסאָפיע איז אויפגעבויט אויף דעם גלויבען, אַז דער מענשליכער גייסט קאָן ריין אָביעקטיוו אויספאָרשען די געזעצען פון דער געשיכטליכער ענטוויקעלונג און אויף דעם גרונד פון יענע געזעצען פאָראויסזעהן, וואוהין עס טראָגט זיך דער געשיכטליכער שטראָם.

עס זענען דאָ אַ סך טעמים, וואָס וואַרפען ארויף א גרויסען חשד אויף די מעגליכקייט פון אַזאַ היסטאָראָסאָפיע בכלל. עס קאָן זיך ארויסווייזען, אַז אַזאַ אויפגאַבע שטייגט אריבער די גרענעצען פון א מענשליכען שכל און מוז צוגערעכענט ווערען צו דער צאָהל פון יענע וויסענשאַפטליכע אונטערנעהמונגען, וואָס האָבען זיך אויסגעדוכט, אַז זיי זענען דערגרייכבאַר, פון וועלכע מען האָט זיך אָבער געמוזט אָבזאָגען, ווייל זייער אונמעגליכקייט איז קלאָר געוואָרען פאַר דעם מענשליכען געדאַנק.

כדי צו מאַכען איינפאַכער אונזער אונטערזוכונג, לאָמיר דערווייל אָננעהמען, אַז אַזאַ אָביעקטיווע, ריין־וויסענשאַפטליכע

היסטאָריאָ־סאָפיע איז ביכולת ארויסצוזאָגען אבסאָלוט זיכערע נביאות וועגען דער צוקונפט פון דער געזעלשאַפט. אָבער ווי ווייט מען זאָל ניט טרייבען דעם אָפּטימיזם אין דעם פּרט, וועט דאָך קיין ערנסט דענקענדער מענש, וואָס איז בעקאַנט מיט דעם א י צ ט י ג ע ן צושטאַנד פון דער היסטאָרישער וויסענשאַפט, ניט אָבלייקענען, אז אזא וויסענשאַפטליך־בעגרינדעטע היסטאָריאָסאָפיע איז נאָך דערווייליגע ניטאָ. אויך דער מאַרקסיזם איז ניט קיין אויסנאַהם פון דעם דאָזיגען כלל, ווען אפילו ב ע ב ע ל פערזיכערט אונז זעהר נאַאיוו, אז מאַרקס האָט פאַר דער מענשליכער געזעלשאַפט און איהרע אינסטיטוציעס אויפגעטהאָן דאָס, וואָס דאַרווין האָט אויפגעטהאָן פאַר דער נאַטור־געשיכטע. 1)

אפילו קויטסקי מוז זיך מודה זיין, אז די ליטעראַטור פון דעם היסטאָרישען מאַטעריאַליזם איז נאָך זעהר א נויט־בעדערפטיגע, אז די טהעאָריע געפינט זיך נאָך אין איהרע ערשטע שטאַדיען און איהר ענטוויקעלונג קאָן מען בשום אופן ניט פערגלייכען מיט יענער ענטוויקעלונג, וואָס מיר זעהען ביי דעם דאַרוויניזם. 2)

וויל מען דעריבער אויסגעפינען דעם ענד־ציעל, וויסענשאַפטליך בעגרינדען און פילאָסאָפיש בעלייכטען איהם אויף דעם היסטאָריאָ־סאָפישען וועג, ד. ה. בעווייזען דורך די געשיכטס־פילאָסאָפיע, וואָס און ווי אזוי ע ס מ ו ז ע ל פּ י ה כ ר ח פערווירקליכט ווערען אין דעם געזעלשאַפטליכען לעבען, איז יעמאָלט מוזען מיר קודם כל בעקאַנט ווערען מיט אלע היסטאָריאָ־סאָפישע טהעאָריען, וואָס זענען ארויסגעשטעלט געוואָרען ביז אהער, און קריטיש אויספאָרשען, וועלכע פון זיי האָט מעהר וויסענשאַפטליכע שאַנסען, כדי מיר זאָלען קאָנען זיך איהר פערטרויען.

---

1) זעה דעם פּראָטאָקאָל פון דעם האַנאָווערשען פּאַרטיי־טאָג (דויטש), ז. 97. דער געדאַנק איז נאָך לאַנג פריהער ארויסגעזאָגט געוואָרען פון דעם סאָציאַל־דעמאָקראַטישען שריפטשטעלער קראַאוזע און איז פון יעמאָלט אָן אָפּט איבערגעקייט געוואָרען אין דער מאַרקסיסטישער ליטעראַטור פון אלע פעלקער.

2) זעה: קאַרל קויטסקי: בערנשטיין און דאָס סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּראָגראַם, ז. 9. זינט יענער צייט האָבען זיך אפילו אין דעם אָרטאָדאָקס־מאַרקסיסטישען לאַגער גענומען מעהרען אזעלכע שטימען,

אָבער כדי קריטיש אָבצושעצען די זיכערקייט פון אַ וועלכער עס איז וויסענשאַפטליכער היפּאָטהעזע, קאָן מען אַנווענדען צוויי וועגען: דעם אינדוקטיווען און דעם רעדוקטיווען. אויף דעם ערשטען וועג מוסטערען מיר דורך דעם גאַנצען סכום פון אַלע היסטאָרישע פאַקטען און מיר זעהען, צי די היפּאָטהעזע שטימט מיט זיי איין. אויף דעם צווייטען וועג בעטראַכטען מיר גענוי יענעם אור־קוואַל, פון וועלכען די היפּאָטהעזע פליסט ארויס, און מיר פרעגען זיך, צי איהר אויסגאַנגס־פונקט איז אַן אַבסאָלוט־זיכערער און צי זענען אַלע איהרע איבערגעגנג פון איין שלוס צו דעם אַנדערן אַזוינע, וועלכע דער לאָגישער דענקען איז מחייב.

על פּי וויסענשאַפטליכען יושר, דאַרף מען פריהער אַ פּרוב טהאָן דעם אינדוקטיווען וועג און זעהן, אפשר קאָן מען דורך איהם איבערקוקען און פער'אמת'ען די בעסטע היסטאָריאָ־סאָפישע היפּאָטהעזע און אויף אַזאַ אופן געווינען די ריכטיגע געצייג פאַר די בעגרינדונג און דעם אויפבוי פון דעם ענד־ציעל.

אמת, גאַר גוט וואָלט געווען, ווען מיר וואָלטען זיך אין גאַנצען אָבגעזאָגט פון יעדער היפּאָטהעזע און וואָלטען אַליין גענומען אויפבויען אַ ריין אָביעקטיווע געשיכטס־פילאָסאָפיע אויף דעם גרונד פון די היסטאָרישע פאַקטען. אויף דעם ערשטען בליק דאַרף דאָס ניט אויסקומען שווער. ווי דער אַסטראָנאָם בערעכענט דעם וועג פון אַ הימלישען קערפּער, ווען ער ווייס גענוי אַ פּאָר שטעלען, אין וועלכע דער קערפּער האָט זיך געפונען אין דעם אונענדליכען רוים, אַזוי קאָנען מיר אויך אויסרעכענען דעם גאַנצען וועג פון דעם מענשהייטס פּראָגרעס, אויף דעם גרונד פון די פערשיידענע סטאַנציעס, וועלכע ער האָט ביז אהער דורכגעמאַכט. לאָמיר איינטהיילען אַלע ערשיינונגען לויט די שטופען פון דער געשיכטליכער ענטוויקעלונג. לאָמיר זיכער בעשרייבען דעם באַגאַזש, מיט וועלכען די מענשהייט איז אַרויסגעטרעטען אויף איהר היסטאָרישען וועג. לאָמיר פערגלייכען די צווייטע שטופע מיט דער ערשטער, און זעהן, וואָס האָט די מענשהייט אַוועקגעוואָרפען, וואָס האָט זי אָבגעשוואַכט, וואָס האָט זי פערשטאַרקט, וואָס איז ביי איהר געבאָרען געוואָרען אַבסאָלוט נייעס און אונטער וועלכע דרויסענדיגע בעדינגונגען איז דאָס אַלץ געשעהן. געשטיגען פון שטופע צו שטופע, אומעדום אויסגעשפּירט, וואָס עס שטאַרבט אָב און

וואָס עס ווערט געבאָרען, וואָס עס ווערט פערשטאַרקט און וואָס עס ווערט אָבגעשוואַכט, וועלען מיר סוף־כל־סוף האָבען דעם גאַנצען נויטיגען מאַטעריאַל, כדי אויסצומאָלען יענע ליניע, אין וועלכער עס געהט די ענטוויקעלונג פון דער מענשהייט, און יענעם פונקט אין דער צוקונפט, צו וועלכען זי שטרעבט איצטער.

דאָס וואָלט אודאי געווען דער איינפאַכסטער אופן, וואָס וואָלט אונז אין גאַנצען בעפרייט פון היפּאָטהעזען. די צרה איז אָבער, וואָס אפילו ביי דעם פּשוט'ען אויפזוכען און בעשרייבען פון א וועלכען עס איז פאַקטישען מאַטעריאַל קאָן מען ניט אויס־קומען אָהן א וועלכער עס איז היפּאָטהעזע. אפילו די נאַטור וויל אונז מיט גוטען, ד. ה. דורך איינפאַכע, ריין אָביעקטיווע בעאָבאַכ־טונגען, ניט ארויסגעבען איהרע סודות. ווי א פער'עקשן'טען פערברעכער אין די צייטען פון דער אינקוויזיציע, אזוי מוז מען איצט פייניגען די נאַטור, זי זאָל אויסזאָגען וואָס זי וויס. עקס־פּערימענט רופט זיך יענער צוואַנג, וועלכען מיר ווענדען אויף איהר אָן. א פּשיטא שוין די געשיכטע! דאָ וועט מען מיט דעם פּשוט'ען גלאָצען און נאָמירען ניט קאָנען מאכען קיין איין וויסענ־שאַפטליכען שריט.

אפילו דער אַלטער העגעל, וואָס האָט אזוי געגלויבט אין דער מאַכט פון דעם שכל ארויסצוגעפינען דעם אמת פון דער ווירק־ליכקייט, ער, דער פאָטער פון אַלע מאָדערנע אָביעקטיוויסטען, האָט שוין פערשטאַנען, אז ביי דער אבסאָלוט ריכטיגער עמפּירישער אויספאָרשונג פון דער געשיכטליכער ווירקליכקייט מוז די זאַך אָראָבלויפען ניט גאָר גלאַט. „די געשיכטע", זאָגט ער, „דאַרפען מיר נעהמען, ווי זי איז; מיר דאַרפען זיך בעגעהן היסטאָריש, עמפּיריש, אָבער א ריין אָביעקטיווע אויפ־פאַסונג פון דער געשיכטע איז ניטאָ. 3)

אפילו דער געוועהנליכער און מיטעלמעסיגער געשיכטס־שרייבער, וואָס מיינט, אז ער נעהמט נאָר אויף דעם דרויסענדיגען מאַ־טעריאַל, איז ניט פּאַסיוו אין זיין דענקען. ער ברענגט מיט זיך זיינע קאַטעגאָריען און דאָס וואָס איז דאָ, זעהט ער דורך זיי. 4)

---

3) העגעל'ס געשיכטס־פילאָסאָפיע (1840), ז. 11.

4) דאָרטען גופא, ז. 13.

אין אן אנדער אָרט, אין זיין איינלייטונג צו דער געשיכטע פון דער פילאָסאָפיע, ברענגט העגעל אַרויס א געדאַנק, וואָס שטימט אין גאַנצען צו דעם נאָר וואָס געזאָגטען; שוין א דאַנק דער נויטווענדיגקייט אויסצוקלייבען דעם מאַטעריאַל פאַר דער אונטערזוכונג, מוז דער פאָרשער בלי שום תנאי אריינפאַלען אין א סוביעקטיוויזם. 5)

די ריכטיגע מעטהאָדע פון דער געשיכטליכער פאָרשונג פערלאַנגט, מען זאָל מיט געוואַלד אַרויסרייסען נאָר איינציגע אויסערוועהלטע געשיכטליכע פאַסירונגען, ווייל אויב מען זאָל זיך אָבגעבען מיט דעם קאָנסטאַטירען פון אַלץ, וואָס איז געשעהן אין איין צייט, און פון אַלץ, וואָס איז געקומען אין דער נעקסטער צייט, וועלען מיר האָבען פאַר אונז אַזאַ אונגעהייערע סומע פון איינצעלנע פאַקטען און די סומע וואָלט געוועןאַזוי פערפלאָנטערט, אַז קיין מענשליכער קאָפּ וואָלט מיט איהר ניט פערטיג געוואָרען, ווי גענייאַל ער זאָל ניט זיין. אָט דאָ זעהט מען ערשט קלאָר איין די טובה, וואָס נוטצע היסטאָריאָסאָפישע היפּאָטהעזען טהוען דער וויסענשאַפטליכער פאָרשונג. זיי גיבען אונז בעשטימטע פראַגען, וועלכע מיר דאַרפען שטעלען דעם געשיכטליכען מאַטעריאַל. זיי גיבען אונז אן אָריאַדנע־פאָדים, מיט וועלכען מיר קאָנען זיך אָריענטירען אין דעם לאַבירינט פון די איינצעל־פאַקטען.

עס פערשטעהט זיך, אַז דעם פאָדים ניט מען ניט צוליעב דעם, מען זאָל אויף איהם אָנהענגען, ווי פעריל אויף א שנור, נאָר יענע פאַקטען, וואָס פאַסטען צו א וועלכער עס איז שוין אָנגענומענער סברה; די איבעריגע פאַקטען אָבער, וואָס געהען להיפּך צו איהר, זאָל מען אין גאַנצען לאָזען אָן א זייט. ניין, דער פאָדים איז געגעבען, כדי מיר זאָלען קאָנען אויסגעפינען אַלע זיינע קעהרונגען און ווענדונגען אין דער געשיכטע, אָביעקטיוו שילדערן זיין גאַנצען געשיכטליכען גורל. דאָס עקאָנאָמישע לעבען, רעליגיאָן, איינענטהום, פּאָליטיק, דאָס אָנזאַמלען און פערטהיילען פון מאַטעריעלע און גייסטיגע אוצרות, — דאָס אַלץ און נאָך אַנדערע „קאַטעגאָריען" פון דעם היסטאָרישען געשעהן זענען אָריאַדנע־פעדים. מען מוז זיי קאָנען אַרויסגעפינען אין דעם פערפלאָנ־

5) העגעל'ס געשיכטע דער פילאָסאָפיע, בד. 1. (1837), ז. 8—7.

פערטען געוועב פון דעם געשיכטליכען לעבען און אויסשטודירען, פון וואנען זיי ציהען זיך, וואוהין זיי לויפען און ווי זיי פערבינדען זיך איינער מיט די אנדערע. אויף אזא אופן וואלט מען געקאנט ארויסברענגען די וויכטיגסטע קאוזאלע בעציהונגען אין דער געשיכטע. איז מען מיט דעם פארטיג געווארען, איז שוין יעמאלט נים אזוי שווער אויסצופרובירען די פערשיידענע היפאטהעזען און אבצומשפט'ען, ווער איז גערעכט: מארקס מיט זיין מיינונג, אז אלץ שטאמט פון דער „עקאנאמיקע", אדער באקל, וואס זאגט, אז די הויפט־ראליע אין דער געשיכטע שפיעלט דאס אגזאמלען און פערטהיילען פון וויסענשאפט און קענטעניס, אדער נאר, צ. ב., פיוסטעל־דע־קולאנזש, וואס מיינט, אז אלץ העננט אב ... די רעליגיעזע געדאנקען און מנהגים.

די אויספיהרונג פון אונזער אויפגאבע ווערט, ווי מען זעהט, א סך לייכטער, א דאנק די פערשיידענע היסטאריאסאפישע היפאטהעזען. זי ווערט א סך לייכטער, אבער ניט מעהר ווי לייכטער. עס בלייבט נאך א גרויסע שוועריגקייט, וואס אין איהר איז שוין נים דער מאטעריאל שולדיג, נאר די היפאטהעזע אליין. כדי ריכטיג אויסצוגעפינען די היסטארישע שיקזאלען פון א וועלכען עס איז געשיכטליכען „פאדים", מוז מען פריהער גאנץ קלאר ארויסברענגען דעם זין פון דעם „פאדים", פינקטליך און גענוי בעשרייבען ... דער „פאדים" בעטייט.

נעהמען מיר, צ. ב., די מארקסיסטישע געשיכטס־פילאסאפיע, דעם געדאנק, אז אלע היסטארישע ערשיינונגען ווערען דערקלעהרט דורך דעם עקאנאמישען פראצעס. ווילען מיר איבערקוקען די פאקטען פון דער געשיכטע און אבשעצען די ריכטיגקייט פון ... דעם געדאנק, מוזען מיר דאך קודם כל וויסען, וואס אזוינס איז דער „עקאנאמישער פראצעס"; וואס האבען מארקס און ענגעלס פערשטאנען אונטער דעם בעגריף; וואס דארף ער אונז דערקלעהרען אין דער געשיכטע און ווי אזוי ווערען ערשיינונגען דורך איהם דערקלעהרט.

ווענדען מיר זיך מיט די שאלות צו די ווערק פון מארקס און ענגעלס, 6) געפינען מיר, אז דער עקאנאמישער פונדאמענט פון

---

6) איך זאג אויסדריקליך: נאר די ווערק פון מארקס און

דעם געזעלשאַפטליכען לעבען ווערט אָנגעווענדט צו דער דער־קלעהרונג פון געשיכטליכע ערשיינונגען אויף אַזוי פיעל פער־שיידענע אופנים, אַז אויסצוגעפינען דעם זין פון יעדען אופן גע־הערט צו די שווערסטע פּראָבלעמען פון דער מאַרקס־פאָרשונג.

די מאַכט פון דער עקאָנאָמיק דערבליקט מאַרקס ע ר ש ט ע נ ס אין דעם בעשטרעבען פון דעם מענשען צו זיכערן זיין מאַטעריעלע עקזיסטענץ אָדער צו פערמעהרען זיין רייכטהום, וואָס פיהרט צו דעם יאָגען זיך נאָך „מעהרווערטה" אָדער צו דעם קאַמפּף פאַר העכערע שכירות א. ד. גל.

די עקאָנאָמיק טרעט, צ ו ו י י ט ע נ ס, ארויס אין יענע ווירקונגען, וועלכע דער אַרבייטס־פּראָצעס און די אַרבייטס־בעדינ־גונגען קריצען איין אין דעם גוף און אין דער נשמה פון די אַר־בייטער. אַהערצו געהערט צ. ב. יענע ווירקונג, דורך וועלכע די געמיינזאַמע אַרבייט אין דער פאַבריק בעשאַפט א געוויסען קאָמו־ניסטישען שטריך אין דער פּראָלעטאַרישער לעבענס־אַנשויאונג.

דעם עקאָנאָמישען פאַקטאָר אין דער געשיכטע ווערט ד ר י ־ ט ע נ ס צוגעשריעבען די ראָליע פון יענער הויפּט־אורזאַך, וואָס האָט בעשאַפען די צוטהיילונג פון דער געזעלשאַפט אין איינצעלניי קלאַסען.

די געשיכטליכע ראָליע פון דער עקאָנאָמיק ווערט, פ ע ר ־ ט ע נ ס, אויסגעטייטשט אין דעם זין, אַז די ענטוויקעלונג פון די פּראָדוקטיוו־קרעפטען איז דער איינענטליכער אַנטרייבער פון דעם גאַנצען געזעלשאַפטליכען פּראָצעס.

די עקאָנאָמישע ערשיינונגען שפּיעלען, פ י נ פ ט ע נ ס, די ראָליע פון דער ערשטער אורזאַך, פון דעם ערשטען ש ט ו י ס ־ ג ע ב, וואָס רופט אַרויס אין לעבען אַנדערע, ניט עקאָנאָמישע ערשיינונגען, וועלכע ענטוויקלען זיך שוין דורך אייגענע קרעפטען אָהן דער הילף פון דעם ערשטען שטויס־געבער. אַזוי למשל האָט די עקאָנאָמישע נויט געטריעבען אין בבל און מצרים גוט אַכטונג צו געבען אויף די ג ע ו ו י ס ע ר ס פון זייערע טייכען, צו שטו־

ענגעלס גופא. מיט די אַרבייטען פון די „מפרשים" און „פוסקים", די „ראשונים" און די „אחרונים", האָט מען אין דעם פּונקט להלוטין בים וואָס צו רעכענען זיך.

דירען די צ י י ט ע ן, אין וועלכע זיי קומען פאָר, און דאָס האָט געפיהרט צו דעם אָנהויב פון דער אסטראָנאָמיע.

די עקאָנאָמיקע איז, ז ע ק ס ט ע נ ס, די נויטווענדיגע פ אָ ר־ב ע ד י נ ג ו נ ג פאַר אַ העכערען קולטורעלען לעבען. דער מענש, זאָגט מארקס, מוז פריהער עסען און טרינקען, איידער ער קאָן דענקען וועגען פאָליטיק אָדער רעליגיאָן.

ז י ע ב ע ט ע נ ס ווערט די היסטאָרישע בעדייטונג פון דער עקאָנאָמיק פערשטאַנען אזוי, אז די עקאָנאָמישע בעדינגונגען פון דעם לעבען זיינען דער ה ו י פ ט־ע נ י ן, מיט וועלכען עס בעשטימט זיך דער סאָציאַלער און דער עטהישער געדאַנק פון דער פּראָגרעסיווער מענשהייט, און אויף אַזאַ'ן אופן ווירקט זי אויף דעם אויפבוי פון די געזעלשאַפטליכע אידעאַלען. „דער מאָדערנער סאָציאַליזם" איז צ. ב., לויט ענגעלס, „כפי זיין אינהאַלט קודם כל אַ פּראָדוקט פון דעם אָנבליק (דער אנשויאונג) פון איין זייט אויף די קלאַסען־געגענזעצען צווישען בעזיצענדע און ניט־בעזיצענדע, לוין־ארבייטער און בורזשוא, וואָס הערשען אין דער מאָדערנער געזעלשאַפט, פון דער אנדערער זייט — אויף די אנאַרכיע, וואָס הערשט אין דער פּראָדוקציע". 7)

א כ ט ע נ ס, איז די עקאָנאָמיקע אָפּטמאָל, לויט מארקס, דער ת ו ך פון אַ וועלכער עס איז געזעלשאַפטליכער ערשיינונג. אזוי זיינען, צ. ב., די ליבעראַלע אידעאַלען פון פרייהייט, גלייכהייט און ברידערליכקייט ניט מעהר ווי אַ מ אַ ס ק ע אויף ריין עקאָנאָמישע אינטערעסען.

און מיט די אכט נאָר וואָס אויסגערעכענטע אויסטייטשונגען פון דעם בעגריף און דער ראָלע פון דער עקאָנאָמיק זיינען נאָך ניט אויסגעשעפּט אַלע ראָלען, וועלכע די עקאָנאָמיק שפּיעלט אין דעם געזעלשאַפטליכען לעבען. וועלכע ראָלע איז די ריכטיגסטע? די וויכטיגסטע?

אין פלוג, איז דער בעסטער ענטפער פאַר דער מארקסיסטישער היפּאָטעזע: אַ ל ע אַ כ ט (און אויב עס איז דאָ נאָך, איז אויך אַלע יענע)!

אָבער דאָס איז ניט מעהר, ווי אין פלוג. ס'איז דאָך קלאָהר, אַז

7) פר. ענגעלס, אַנטי־דיוהרינג (1894), ז. 1,

די אַלע בעדייטונגען קאָנען ניט צונויפגעגיסן ווערען אין איין טאָפּ. מען בעקומט אַ גאַנץ אַנדער בילד פון דעם היסטאָרישען מאַטעריאַליזם, עס ווענדט זיך אָן דעם, וועלכען ווירקונגס־אופן פון דער עקאָנאָמיק מען האַלט פאַר דעם וויכטיגסטען. האָט צ. ב. די עקאָנאָמיק מעהר ניט ווי די בעדייטונג פון אַ פ ו נ ד אַ מ ע נ ט (אַ „באַזיס"), אויף וועלכען עס ווערען אויפגעבויט די העכערע „אידעאָלאָגישע" גאָרענס, קאָן אפילו דער כפל־שמונה'דיגער אידעאַליסט זיין צופריעדען מיט אַזאַ אויסטייטשונג, ווייל אַ פונדאַמענט בעדינגט נאָר אין ענגע גרעניצען די געשטאַלט און דעם צוועק פון דעם „אויבערבוי". אויף איין און דעם זעלביגען פונדאַמענט קאָן אויפגעבויט ווערען אַ פאַבריק, אַ תפיסה, אַ קאָנצערט־הויז, אַ קירך, אַ בית־מדרש.

בעטראַכט איהר די עקאָנאָמיק ניט מעהר ווי אַ ב ע ד י נ ג ו נ ג פאַר דער העכערער קולטור, איז יעמאָלט איהר ראָליע אין דער געזעלשאַפט אפשר ניט גרעסער, איידער די ראָליע פון דער לופט אין די ביאָלאָגישע פּראָצעסען פון דעם לעבען. אָהן עסען און טרינקען קאָן מען ניט בעשאַפען קיין קולטור, ווי מען קאָן ניט לעבען אָהן לופט. אָבער וועלכען משוגע'נעם וועט אויף דעם סמך איינפאַלען דער געדאַנק, אַז אַלע ביאָלאָגישע פאָרמען, אַלע פערשיידענקייטען אין דעם בוי און דעם לעבען פון די פלאַנצען און די חיות, דערקלעהרען זיך דורך די פערשיידענקייטען פון דעם לופט־צושטאַנד. אפילו די פאַנאַטיקער פון דער קלימאַטען־טהעאָריע ווע־לען ניט דערגעהן צו אַזאַ עקסטרעם.

און אַ גאַנץ אַנדער בילד בעקומט איהר פון דעם מאַרקסיזם, ווען איהר נעהמט אָן, אַז די עקאָנאָמיק איז די אורזאַך פון דעם היסטאָרישען קלאַסען־קאַמפּף.

ווידער אַנדערש זעהט ער אויס, ווען איהר מיינט, אַז די עקאָנאָמישע ערשיינונגען זיינען דער הויפט־ענין, וועגען וועלכען עס פלאַגט זיך דעם מענשען'ס איידעלער זין.

און זיינען שוין אַט די אַלע אויסטייטשונגען, וואָס מיר האָבען אַרויסגעפונען פון מאַרקס' און ענגעלס' שריפטען, אַלע גאַנץ קלאָר?

נעהמט צ. ב. די ענטוויקלונג פון די פּראָדוקטיווקרעפטען, וואָס שפּיעלט באמת די הויפט־ראָלע אין מאַרקס' געדאַנקען. וואָס איז ד אָ ס אַזוינס? ערשט אין דער לעצטער צייט האָט מען איינגעזעהן, אַז די ריכטיגע אויסטייטשונג פון דעם בעגריף איז ניט

נאָר א לייכטע זאַך אין דער מאַרקס־פאָרשונג. עס איז קלאָר, אז דער אויסזעהן פון דעם מאַרקסיזם העננט זעהר פיעל אָב פון דעם פירוש אויף דעם בעגריף: „פּראָדוקטיוו־קרעפטען". איהר קאָנט זיך שטיצען אויף ערגעץ א פסוק אין מאַרקס און אריינרעכענען דעם אַ ר ב י י ט ע נ ד ע ן מ ע נ ש ע ן ג ו פ א צו די פּראָדוקטיוו־קרעפטען. יעמאָלט פערליערט דער מאַרקסיזם זיין גאַנצען עקאָנאָמיש־מאַטעריאַליסטישען אויסזעהן. די ענטוויקעלונג פון דעם אַרבייטענדען מענשען, זיינע השלמות און קענטעניעס, זיינע בעדערפעניס און בענקשאַפטען ווערען מיט דעם גופא דערהויבען צו דער מדרגה פון א הויפט־בעוועגער, וואָס בעוועגט די איבעריגע ערשיינונגען. שטיצט איהר זיך אָבער אויף אַן אנדער פסוק אין מאַרקס און איהר רעכענט, אז די פּראָדוקטיוו־קרעפטען זיינען נאָר יענע מעכאַניש־פיזיש־כעמיש־ביאָלאָגישע נאַטור־קרעפטען, וואָס דער מענש קאָן אַנווענדען אין דער פּראָדוקציע (ווינד, דאַמפף, עלעקטריציטעט, מוסקעל־קראַפט פון מענש און חיה א. ד. גל.) האָט איהר ווידער אַן אנדער בילד, אין וועלכען די ראָלע פון דער מענשליכער פסיכיק זינקט שוין בלי ערך אראָב. און אויך אין דעם לעצטען פאַל איז דער ענין פון די פּראָדוקטיווע קרעפטען נאָך ניט אין גאַנצען קלאָר. וואָס הייסט: די פּראָדוקטיוו־קרעפטען, וואָס דער מענש ק אָ ן אַ נ ו ו ע נ ד ע ן אין דער פּראָדוקציע? מיינט מען דאָס יענעם צושטאַנד פון טהעאָרעטישען וויסען, וואָס ליעגט אין די ביכער, אָדער יענעם צושטאַנד פון דער פּראַקטישער טעכניק, וואָס איז פערווירקליכט געוואָרען אין דעם פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס? איך דאַרף דאָ ניט ווייטער אויסשפּינען, וואָס פאַר א געוואַלטיגער חלוק עס הערשט צווישען די צוויי פירושים, און ווי פערשיידען עס ווערען די „מאַרקסיזמען", עס ווענדט זיך אָן דעם, אין וועלכע פירוש איהר גלויבט.

די אַלע פראַגען און פּראָבלעמען פון דעם מאַרקסיזם זיינען אָבער נאָך נאָר ניט פערענטפערט געוואָרען אין דער מאַרקס־ליטעראַטור; נאָך מעהר, ז י ל ע ר נ ט ז י ך ע ר ש ט, ווי אַזוי אַוועקצושטעלען זיי... מען האָט זיך נאָך נאָר ניט פאַנאַנדערגעקליבען אין אַזעלכע פּרימיטיווע פראַגען ווי, וואָס איז עקאָנאָמישער שטויס־געבער, עקאָנאָמישער בעוועגער און עקאָנאָמישער ת ו ך פון א וועלכער עס איז געזעלשאַפטליכער ערשיינונג.

דערפון איז געדרונגען, אז דער פשוט'ער זין פון דעם מאַרקסיזם איז נאָך לגמרי ניט קלאָר און אז איידער מיר קאָנען געהן איהם אָבפּרובען אויף דעם פּראָביר־שטיין פון דער געשיכטליכער ערפאהרונג, מוז מען קודם כל אויספאָרשען דעם ריכטיגען מיין פון זיינע געדאַנקען.

און כמעט אין דערזעלבינער לאַגע געפינען מיר זיך ניט נאָר בנוגע דעם מאַרקסיזם. נעהמט מען זיך כדבעי צו י ע ד ע ר היסטאָריאָ־סאָפישער היפּאָטעזע, זעהט מען, אז זי איז נאָך ווייט צו זיין בעלויכטען פון אלע זייטען און דערקלעהרט אין אלע פונקטען.

פאַר דער טהעאָריע איז דאָס ניט קיין גרויסער אומגליק. די טהעאָריע האָט צייט. אָבער מיר זוכען דאָך די טהעאָריע ניט צוליעב טהעאָריע, נאָר כדי זי זאָל אונז העלפען אויפבויען און פעליזען־פעסט איינפונדעווען אונזער ענד־ציעל. וואָס זאָלען מיר ביי אזא לאַגע טהאָן?

.2

אויב מיר ווילען, אז אונזער געזעלשאַפטליכער ענד־ציעל זאָל דוקא בעגרינדעט ווערן דורך דער געשיכטס־פילאָסאָפיע, און אויב די געשיכטס־פילאָסאָפיע קאָן ניט אויסגעפאָרשט ווערען אַנ־דערס, סיידען אויף דעם אינדוקטיווען וועג, בלייבט פאר אונז נאָר איין אויסוועג: מיר דארפען דערווייל זיך אין גאַנצען אָבזאָגען פון א וועלכער עס איז פּראַקטישער טהעטיגקייט און אוועקלויפען אין די ביבליאָטעקען און אין די אַרכיווען. דאָרטען דאַרפען מיר זעהען אויסצושטודירען גרינדליך אלע היסטאָרישע פאַקטען, אלע געשיכטס־פילאָסאָפישע היפּאָטעזען, כדי אויסצוגעפינען די ריכ־טיגסטע פון זיי. פיעבערהאַפט דאַרפען מיר דאָרטען אָנפיהרען אונזער אַרבייט, כדי וואָס גיכער קומען צו א וועלכען עס איז רע־זולטאַט, ווייל דאָס געזעלשאַפטליכע לעבען קאָן דאָך ניט בלייבען שטעהן שטיל, ביז מיר וועלען פאַרטיג ווערען מיט אונזערע טהעאָריען.

עס פערשטעהט זיך, אז אין דער ווירקליכקייט וועלען מיר זיך מוזען אָבזאָגען פון אזא וועג. „די קונסט איז לאַנג, און קורץ איז אונזער לעבען": די אינדוקטיווע אויספאָרשונג פון דער געשיכטע קאָן אוועקנעהמען די צייט פון עטליכע דורות און בעזונדערס רייך

אין טהעאָרעטישע קרעפטען קאָן א סאָציאליסטישע פּאַרטיי ניט זיין. די מאטעריאליסטישע געשיכטס־אויפפאסונג, זאָגט קויטסקי, קאָן ווייטער געבויט ווערען נאָר פון די סאָציאליסטען, די אנהענ־גער פון אן ארעמער, קעמפּפענדער פּארטיי; זייער גאנצע צייט געהט אוועק אויף ארבייט צוליעב פערדינסט און די ביסעל פרייע צייט מוזען זיי אוועקגעבען פאר די פּראקטישע קעמפּפען... און אין דער צוקונפט קאָן דאָס דערוייל ניט ווערן בעסער. די פּראק־טישע בעדייטונג פון׳ם סאָציאליזם וואקסט און אין דעם ערך וואקסען אויך די פּראקטישע פּאָדערונגען, וועלכע מען מוז שטעלען צו דער סאָציאליסטישער „אינטעליגענץ", און די צאָהל פון יענע קרעפטען, וואָס מ׳קאָן אוועקגעבען פאר דער טהעאָריע, ווערט אלץ קלענער און קליינער. 8)

פון דער אנדער זייט, אבער מוזן מיר זיין וויסענשאפטליך. הייסט עס, אז מיר מוזן זיך אבזאגן פון דעם [illegible] וויס. און אין [illegible]! פאר וואס זאלן [illegible] ניט א [illegible] מתאן אונזער מזל [illegible] פאר וואס זאלן מיר אזוי מבלבל כורעים [illegible]? איז [illegible], א „[illegible] [illegible]" ניט פיעל [illegible], זייער גאנצע [illegible] אינצעלנע [illegible] [illegible] א [illegible] איז די אינדוקציאָן, ווי מיר האָבען געזע־הען, זעהר שווער, בעת דער דעדוקטיווער וועג איז זעהר לייכט. קוים געפינען מיר אוים א וועלכען עס איז ריכטיגען אלגעמיינעם כלל, קאָנען מיר שוין פון דעם כלל ארויסברענגען די נויטוועדיג־סטע פּועל־יוצא׳ם פאר די ענטוויקעלונג פון דער גאנצער מענש־הייט.. די אינדוקציאָן מוז פערנעהמען עטליכע דורות; די דעדוק־ציאָן אבער קען ארויסשטעלען א פּאָאר ריכטיגע סיללאָגיזמען און פערענטפערען די שאלה, כמעט ווי שפּיעלענדיג.

לאָמיר נעהמען, צום ביישפּיעל, די געשיכטע פון דעם ערד־בעזיץ און די צוקונפט פון די אגראַרע אייגענטהומס־פאָרמען ווי זיי ווערען בעהאנדעלט אין דער מארקסיסטישער ליטעראטור. ווי לייכט און פּשוט ווערט דאָס גאנצע פּראָבלעם פאנאנדער געפּלאָנ־טערט ביי ענגעלס׳ן, א דאנק א פּאָאר אלגעמיינע כללים!

---

8) קויטסקי: בערנשטיין און דאס סאָציאל־דעמאָקראטישע פּראָ־גראם, ז. 11.

„אַלע קולטור־פעלקער, שרייבט ענגעלס, הויבען אָן מיט אַ שותפות'שען אייגענטום אויף דעם באָדען. ביי אַלע פעלקער, וואָס טרעטען אַריבער אַ געוויסע אורשפּרינגליכע שטופע אין דער ענט־וויקעלונג, ווערט דער שותפות'שער אייגענטום, אַ דאַנק דער ענט־וויקעלונג פון דער ערד־אַרבייט, אַ שטער פאַר דער פּראָדוקציאָן. ער ווערט אָבגעשאַפט, אָבגעלייקענט, און פערוואַנדעלט אין פּריוואַט־אייגענטום נאָך לענגערע אָדער קירצערע איבערגאַנגס־שטו־פען. אָבער אויף אַ העכערער שטופע פון דער ערד־אַרבייט, וועלכע ווערט אַריינגעפיהרט גופא דורך דעם פּריוואַט־אייגענטהום אויף דעם באָדען, ווערט דער פּריוואַט־אייגענטהום צוריק אַ שטער פאַר דער פּראָדוקציע, ווי מיר זעהען דאָס איצטער סיי ביי דעם קליינעם, סיי ביי דעם גרויסען גרונד־בעזיץ. עס טרעט אַרויס מיט נויט־ווענדיגקייט די פאָדערונג, אויך איהם אָבצולייקענען זיין ווידער צו פערוואַנדלען אין אַ שותפות'שען אייגענטהום. אָבער די פאָדע־רונג בעדייט ניט, מען זאָל ווידער איינפיהרען דעם אַלטען שותפות'שען אייגענטהום פון אַמאָל, נאָר דעם אויפבוי פון אַ סך אַ העכערער, אַן ענטוויקעלטערער פאָרם פון שותפות'שען בעזיץ, וואָס וועט ניט נאָר ניט זיין קיין שטער פאַר דער פּראָדוקציע, נאָר אַדרבא, וואָס וועט אָבנעהמען פון איהר די קייטען און וועט איהר ערלויבען אין גאַנצען אויסצונוצען די מאָדערנע כעמישע ענטדעק־קונגען און מעכאַנישע ערפינדונגען". 9)

די שטעלע פון ענגעלס'ן האָבען מיר אויסגענומען פון יענעם בוך זיינעם, אין וועלכען ער פיהרט אַ פּאָלעמיק אנטקעגען דיוה־רינגען, און אין וועלכען ער זעהט מיט אַלע כחות צו פערטיידיגען די העגעלשע דיאַלעקטיק. די ציטאַטע געפינט זיך אין יענעם קאַפּי־טעל, וואָס בעשרייבט אַ וויכטיגען טייל פון דער העגעלשער דיאַ־לעקטיק, וואָס איז בעקאַנט אונטער דעם נאָמען „די אָבלייקענונג פון דער אָבלייקענונג" („נעגאַציאָן דער נעגאַציאָן"). אויף די גע־שיכטע פון דער אַגראַרישער ענטוויקעלונג ווערט דאָרט אָנגעוויע־זען, ווי אויף אַ ביישפּיעל פון יענע דיאַלעקטישע געזעצען, וועלכע העגעל האָט אויסגעפּאַרשט אין זיין לאָגיק. ענגעלס' געדאַנק איז דעריבער נאָר יעמאָלט אַבסאָלוט ריכטיג, אויב עס איז ריכטיג דער

9) אַנטי־דיוהרינג, זייטע 141.

העגעלשער איבער־געדאַנק, אַז יעדע בעוועגונג מוז דורכלויפען אַלע דריי שטופען פון „טעזע, אַנטיטעזע און סינטעזע". אַז מאַרקס־ענגעלס' געזעץ וועגען דער ענטוויקעלונג פון אייגענטהום אויף גרונד און באָדען איז נ י ט געוואונען געוואָרען אויף דעם ריין אינדוקטיווען וועג, קאָן קלאָהר ווערן אויף'ן שטעל, ווי נאָר מען דערמאָהנט זיך, אַז ערשטענס — האָבען נאָך ניט „ א ל ע " קולטור־פעלקער פערלאָרען דעם געזעלשאַפטליכען אייגענטום אויף גרונד און באָדען, ד. ה., אַז ניט אַלע קולטור־פעלקער זענען שוין אריין אין דעם פּעריאָד פון דער „נעגאַציע", און אַז קיין פאָלק פון זיי איז נאָך ניט אריין אין די דריטע פאַזע, אין די „אַבלייקענונג פון דער אַבלייקענונג".

איהר זעהט, ווי לייכט עס איז אויסצוגעפינען אַבסאָלוטע אמת'ן אויף דעם דעדוקטיווען וועג? די צרה איז אָבער, וואָס מיט זייער „אַבסאָלוטקייט" קאָן מען שוין ניט זיין אַזוי זיכער. אין דער דעדוקציע קעיטעלט זיך איין רינגעלע אָן דאָס אַנדערע. דער אמת פון איין בעוויז העננט אויף דעם אמת פון דעם פריהערדיגען בעוויז. און אַלע ריכטיגע דעדוקציאָנען זענען אַ שטריק־לייטער, וועמעס אונטערשטע שטופען גרייכען ביז צו דער ערד, וועמעס „קאָפּ" אָבער עס הענגט אין דעם וואָלקענדיגען הימעל פון דער אַבסטראַקטער פילאָסאָפיע. ענגעלס' געדאַנק הענגט אָב פון אַ העגעלשען איבער־געדאַנק וועגען דער טריאַדישער ענטוויקעלונג. די טריאַדען־לעהרע איז אָבער ווידער אַ פּועל־יוצא פון נאָך אַ העכערען, ריין מעטאַפיזישען געדאַנק, אַז יעדע זאַך אין דער וועלט האָט אַן אינווענינסטען ווידערשפּרוך אין זיך גופא און אַז אָט־דער אינווענינסטער ווידערשפּרוך איז איינער פון יענע קרעפטען, וואָס טרייבען אָן יעדע בעוועגונג און ענטוויקעלונג. מאַרקס און ענגעלס האָבען אויך געגלויבט אין דער לעהרע פון דעם ווידערשפּרוך, און דעריבער האָבען זיי ניט געהאַט קיין ברעקעל ספק אין דער ריכטיגקייט פון דער טריאַדישער ענטוויקעלונגס־לעהרע. אָבער די פראַגע וועגען דעם ווידערשפּרוך אין אַלץ וואָס עקזיסטירט איז שוין ניט קיין געשיכטס־פילאָסאָפישע פראַגע, און ממילא מוז אונז די דעדוקטיווע געשיכטס־פילאָסאָפיע צוריקפיהרען צו די פראַגען פון דער ריינער פילאָסאָפיע.

ווילען מיר דעריבער וויסען, וואוהין טראָגט דער שטראָם פון

דער געשיכטליכער ענטוויקלונג און וואָס זאָל זיין אונזער געזעל־שאַפטליכער ענד־ציעל, דאַרפען מאַר גאָר קודם־כל טהעאָרעטיש אויספאָרשען, וואָס איז אין דער פ י ל אָ ס אָ פ י ע ריכטיגער: דער מאָניזם אָדער דער דואַליזם? ווער האָט רעכט: העגעל מיט זיין ווידערשפרוך־לעהרע אָדער די פאָרמאַלע לאָגיק? די טריאַדי־שע ענטוויקלונגס־לעהרע אָדער יענע עוואָלוציאָנס־טהעאָריע, אין וועלכער עס גלויבט איצטער די גאַנצע פּראָגרעסיווע מענשהייט, אַלע ערנסטע פאָרשער, און וועלכע איז פריי פון אַלע שפּיעלערייען מיט טעזע, אַנטיטעזע און סינטעזע, וואָס קומען אַזוי אָפט פאָר ביי העגעל׳ן און אַלע זיינע תלמידים.

קומט מען אָבער צו אַזאַ פּונקט — און צו אַזאַ פּונקט איז שוין דער מאַרקסיזם געקומען — מעג מען, דאַכט מיר, אוועקשטע־לען די פראַגע: איז דאָ אַ וועלכע עס איז האָפענונג, אַז געזעל־שאַפטליכע טהעאָריען זאָלען ווען עס איז קאָנען צונויפשטימען זייערע געדאַנקען מכח אָט די אַלגעמיינע פילאָסאָפישע ענינים? איז דאָ אַ וועלכע עס איז האָפענונג, אויסצוגעפינען אויף דעם פעלד פון פילאָסאָפיע אַבסאָלוט ריכטיגע רעזולטאַטען, „אמת׳ען פון דער לעצטער אינסטאַנץ“?

לאָמיר וועגען דעם ענין אויסהערען אַ דענקער, וועלכען קיי־נער וועט ניט חושד זיין אין סקעפּטיציזם אָדער ערקענטניס־טהעאָ־רעטישען סוביעקטיוויזם. מיר מיינען טאַקע פריעדריך ענגעלס׳ן גופא.

„דאָס גאַנצע פעלד פון דער ערקענטניס“, לערנט ער אונז, „קאָן מען, לויט דעם אַלט־בעקאַנטען שטייגער, איינטיילען אין דריי גרויסע אָבשניטען: דער ערשטער אָבשניט נעהמט ארום אַלע ווי־סענשאַפטען, וואָס בעשעפטיגען זיך מיט דער ניט־בעלעבטער נאַ־טור און וואָס קאָנען בעהאַנדעלט ווערען מעהר אָדער וועניגער מאַ־טעמאַטיש, ד. ה. מאַטעמאַטיק, אַסטראָנאָמיע, מעכאַניק, פיזיק און כעמיע. אויב איינער האָט הנאה פון געברויכען געוואַלטיגע ווער־טער פאַר זעהר איינפאַכע זאַכען, איז יעמאָלט קאָן מען זאָגען אַז נ ע ו י ס ע רעזולטאַטען פון אָט די וויסענשאַפטען זענען אייביגע אמת׳ען, סוף־כל־סוף׳יגע אמת׳ען פון „דער לעצטער אינסטאַנץ“; דערפאַר רופט מען דאָך טאַקע די וויסענשאַפטען מיט דעם נאָמען די פּ י נ ק ט ל י כ ע. אָבער בשום אופן ניט אַלע רעזולטאַטען.

זוי גאָר מען האָט אריינגעבראַכט אין דער מאַטעמאַטיק די לעהרע פון די פערענדערליכע סכום'ען און ווי גאָר מען האָט אויסגעשפּרייט זייער פערענדערליכקייט ביז צו אונענדליך קליין און אונענדליך גרויס, האָט אויך די צדקנית, די מאַטעמאַטיק, בעגאַנגען א זינד. זי האָט פערזוכט דעם עפּעל פון עץ הדעת, וואָס האָט איהר געעפענט דעם וועג צו קאָלאָסאַלע ערפאָלגען אָבער אויך צו טעות'ן און גרייזען. דער בתולה־צושטאַנד פון אבסאָלוטע ריכטיגקייט, פון בעוויזענקייט בלי שום ספק אין אַלע מאַטעמאַטישע הנחות איז פערשוואונדען אויף אייביג. עס האָט זיך אָנגעהויבען די ממשלה פון סכסוכים און מיר זענען געקומען אזוי ווייט, אז דאָס רוב מענשען אינטעגרירט און דיפערענצירט ניט ווייל זיי פערשטעהען, וואָס זיי טהוען, נאָר אויס דעם ריינעם גלויבען, ווייל ביז אהער איז אַלע מאָל ארויסגעקומען ריכטיג.

נאָך ערגער איז עס מיט דער אַסטראָנאָמיע, און אין דער מעכאַניק און אין דער פיזיק און אין דער כעמיע געפינען מיר זיך צווישען היפּאָטעזען, ווי צווישען א שוואַרם פון בינען. און דאָ קאָן גאָר אַנדערש ניט זיין. אין דער פיזיק האָבען מיר צו טהאָן מיט דער בעוועגונג פון די מאָלעקולען; אין דער כעמיע — מיט דער בילדונג פון מאָלעקולען אויס אַטאָמען. און אויב די אינטערפערענץ פון ליכט־וועלען איז ניט קיין פאַבעל, האָבען מיר אבסאָלוט גאָר קיין ברעקעל אויסזיכט, ווען עס איז צו זעהען אָט די אַלע אינטערעסאַנטע זאַכען מיט אונזערע אויגען. מיט דער צייט ווערען דאָ די סוף־כל־סוף'יגע אמת'ען פון לעצטער אינסטאַנץ מערקווירדיג זעלטען.

נאָך ערגער געהט עס אונז אין דעם פּרט אין דער געאָלאָגיע, וואָס בעשעפטיגט זיך, לויט איהר נאַטור גופא, מיט פּראָצעסען, ביי וועלכע ניט נאָר מיר, נאָר איבערהויפּט קיין מענש האָט ניט בעקאַנט זיין..."

„דער צווייטער קלאַס וויסענשאַפטען איז דער, וואָס נעהמט אין זיך אריין די אויספאָרשונג פון די לעבעדיגע אָרגאַניזמען. אויף אָט דעם פעלד הערשט אזאַ פערשיידענאַרטיגקייט פון בעציהונגען איינס צום אַנדערן און ווירקונגען איינס אויף'ס אַנדערע, אז ניט גאָר רופט ארויס יעדע פערענטפערטע שאלה אן אונגעהייערע פיעלהייט פון נייע פראַגען, נאָר אויך יעדע איינצעלנע פראַגע קאָן

פערענטפערט ווערן נאָר טיילווייז, דורך פאַרשונגען, וואָס פערנעהמען אָפּט אַ גאַנצע צייל פון יאָהרהונדערטען. די בעדערפענים, סיסטעמאַטיש צו פערשטעהן דעם צוזאַמענבונד פון די ערשיינונגען, צווינגט אונז דערביי אַרומצורינגלען די סוף־כל־סוף'יגע אמת'ען פון דער לעצטער אינסטאַנץ, אַלע מאָל פון דאָס ניי, מיט אַ פלאַנטאַציע פון היפּאָטעזען, וואָס בעדעקט אַלץ..."

„נאָך ערגער אָבער איז עס מיט די אויביגע אמת'ען אין דער דריטער גרופּע פון וויסענשאַפטען, די היסטאָרישע, וואָס פאָרשען אויס די בעדינגונגען פון דעם מענשליכען לעבען, די געזעלשאַפטליבע שייכות'ען, די פאָרמען פון דעם יורידישען און שטאַאַטליכען לעבען, מיט זייער אידעאַלען איבערבוי פון פילאָסאָפיע, רעליגיע, קונסט א. ז. וו., ווי זיי געהען היסטאָריש איינס נאָך'ם אַנדערע און וואו זיי האַלטען איצטער. אין דער אָרגאַנישער נאַטור האָבען מיר לכל הפּחות צו טהאָן מיט אַ שורה פון פּראָצעסען, וואָס חזר'ט זיך איבער זעהר רעגעלמעסיג אין גאַנץ ווייטע גרעניצען... אָבער אין דער געשיכטע פון דער געזעלשאַפט איז די ווידערהאָלונג פון די־זעלבינע צושטאַנדען תמיד אַן אויסנאַהם, און ניט קיין כלל, ווי נאָר מיר שרייטען אַריבער די אור־צושטאַנדען פון דעם מענשען, דאָס אַזוי אָנגערופענע שטיין־אַלטער. און דאָרטען, וואו עס קומען פאָר אַזעלכע ווידערהאָלונגען, פּאַסירען זיי ניט אונטער גענוי דיזעלבינע אומשטאַנדען, ווי צ. ב. דאָס פאָרקומען פון דעם אורשפּרינגליכען שותּפות'שען ערד־אייגענטהום ביי אַלע קולטור־פעלקער און די פאָרם פון זיין פאַנאַנדערפאַלען. אויף דעם פעלד פון דער מענשליבער געשיכטע געפינען מיר זיך דעריבער מיט אונזער וויסענשאַפט אַ סך הינטער דער ביאָלאָגיע, און נאָך מעהר: ניט זיך אונז ווען עס איז איין, ווי איין אויסנאַהם, אויסצוגעפינען דעם אינוועניגסטען צוזאַמענבונד פון געזעלשאַפטליבע און פּאָליטישע פאָרמען אין אַ וועלבען עס איז פעריאָד, פּאַסירט עס בדרך כלל נאָר יעמאָלט, ווען די פאָרמען האָבען זיך שוין צוהעלפט איבערגעלעבט און האַלטען ביים פאַנאַנדערפאַלען. הייסט דאָס, אַז די ערקענטנים איז דאָ אין תוך אַ־יין אַ רעלאַטיווע, ווייל זי בעגנוגענט זיך מיט דעם אַריינבליק אין דעם צוזאַמענבונד און די פּועל יוצא'ס פון געוויסע געזעלשאַפטליבע און שטאַאַטליבע פאָרמען, וואָס עקזיסטירען נאָר פאַר אַ בעשטימטער צייט ביי בעשטימטע פעלקער, און מוזען, לויט זייער נאַטור,

אריבערגעהן. ממילא איז, ווער עס זאָגט זיך דאָ נאָך סוף־כל־סוף׳יגע אמת׳ען, יענער וועט וועניג וואָס ברענגען אהים אחוץ טריוויאַליטעטען און טרואיזמען פון דעם ערגסטען סאָרט, ווי, אַז ערך, אַז מענשען קאָנען בכלל ניט לעבען אָהן ארבייט, אַז זיי זענען ביז אהער דאָס רוב געווען איינגעטהיילט אין הערשענדע און אונטערדריקטע, אַז נאַפּאָלעאָן איז געשטאָרבען דעם 5טען מאַי 1821, א. ז. וו.״ 10)

עד כאן ענגעלס.

מיר האָבען ניט געקארגט מיט ציטאַטען פון ענגעלס׳ן דערפאַר, ווייל זיי רוהען אַלע אויף זעהר אַ ריכטיגען גרונד־געדאַנק, וואָס איז ליידער נאָך ניט ביי אַלעמען אריין אין פלייש און בלוט. ווייניגער פאַר אַלעמען בעהערשט ער אָבער די מאַרקסיסטישע געדאַנקען־וועלט; גראָד אויף אַזוינע שטעלען איז לייכט צו שטודירען יענעם אינוועניגסטען ווידערשפּרוך, פון וועלכען עס ליידט דער גאַנצער מאַרקסיזם, — דער ווידערשפּרוך צווישען דאָגמאַטיק און קריטיציזם, צווישען אַ כמעט ריין־קריטישער ערקענטניס־טהעאָריע און דאָגמאַטיש־מעטאַפיזישע רעזולטאַטען.

„עס איז ניטאָ אין דער געשיכטסוויסענשאַפט קיין אייביגע אמת׳ען פון דער לעצטער אינסטאַנץ״, זאָגט ענגעלס. און פונדעסטוועגען איז דער געדאַנק, אַז פילאָסאָפיע, רעליגיאָן און פּאָליטיק זענען ניט מעהר ווי אַן איבערבוי איבער דעם עקאָנאָמישען פונדאַמענט, פאַר ענגעלס׳ען אַן אייביגע „לעצטאינסטאַנציכע וואהרהייט״, וועלכע ער לעגט אוועק אין דעם פונדאַמענט פון זיין גאַנצען בנין.

„די געשיכטע ווידערהאָלט זיך קיין מאָל ניט״, זאָגט ענגעלס, און פון דעסטוועגען זוכט ער מיט דעם ביישפּיעל פון דעם אגראַר־קאָמוניזם צו בעווייזען, אַז די געשיכטע ווידערהאָלט זיך, און אַז בדרך כלל זענען אַלע קולטור־פעלקער געצוואונגען דורכצומאַכען אין דער איינער אָדער אין דער אַנדערער פאָרם דעם קאַפּיטאַליסטישען פאַזיס פון דער ענטוויקלונג, ווייל די דריי־שטופיגקייט פון דער ענטוויקעלונג, וועלכע העגעל האָט ארויסגעבראַכט אין זיין לאָגיק, איז פאַר איהם אַן אייביגער אמת, אַן אמת פון לעצטער אינסטאַנץ, אין וועלכען ער איז קיינמאָל ניט געווען מסופק.

---

10) אַנטי־דיוהרינג, ז. 81—84.

די געשיכטליכע וויסענשאפט, זאגט ענגעלס, איז ביכולת צו פערשטעהן נאר די אינגווענינגסטע שייכות'ען צווישען די געזעלשאפטליכע און די פאליטישע פארמען, — און אויך דאס נאר יעמאלט, ווען פאר זיי הויבט שוין אן אריינצוטרעטען די היסטארישע נאכט. און פונדעסטוועגען זאגט זיך דער מארקסיזם ניט אב פון סאציאלע נביאות וועגען די צוקינפטינע פארמען פון דער מענשליכער געזעלשאפט און אלע אט די נביאות טראגען דעם כאראקטער פון אייביגע אמת'ען, אמת'ען פון דער לעצטער אינסטאנץ.

ווער עס יאגט זיך אין דער געשיכטס־וויסענשאפט נאך אייביגע אמת'ען, זאגט ענגעלס, יענער קומט אהיים מיט טריוויאליטעטען און טרואיזמען פון ערגסטען סארט, ווי אן ערך, אז מענשען קאנען ניט לעבען אהן ארבייט. און פונדעסטוועגען שרייבט ענגעלס אין אן אנדער ארט וועגען קארל מארקס'ן בזה הלשון: „די געשיכטע איז צום ערשטען מאל אוועקגעשטעלט געווארען אויף איהר ריכטיגען פונדאמענט. יענער מיט'ן־האנד־אן־צו־טאפענדער פאקט, וועלכען מען האט ביז אהער ניט בעמערקט, אז מענשען דארפען פריהער פאר אלץ: עסען, טרינקען, וואהנען אין וואהנונגען און קליידען זיך, ד. ה. ארבייטען, איידער זיי קאנען אנהייבען קעמפפען פאר הערשאפט, בעשעפטיגען זיך מיט פאליטיק, רעליגיאן, פילאסאפיע, א. ז. וו., — אט דער מיט'ן־האנד־אן־צו־טאפענדער פאקט איז נאר איצטער (ד. ה. אין דעם מארקסיזם) סוף־כל־סוף געקומען צו זיין היסטארישען רעכט...“ 11)

נאר, לאמיר זיך אומקעהרען צו דער קריטיק פון די אייביגע אמת'ען. נאך מעהר אינטערעסאנט זענען יענע ווערטער ענגעלס', וואס געהען באלד נאך די געדאנקען, ביי וועלכע מיר האבען זיך פריהער אבגעשטעלט. ער גיט אין זיי א כאראקטעריסטיק פון די היסטאריש־פילאסאפישע און אנדערע היפאטהעזען, וועלכע טרעטען ארויס מיט דער פרעטענזיע צו זיין אבסאלוט וויסענשאפטליך, — א כאראקטעריסטיק, וואס מיר וואלטען געוואלט, אז א סך, א סך פון די מארקסיסטען זאלען זי שטענדיג האבען אין זינען.

---

11) זעה פריעדריך ענגעלס, „קארל מארקס“, אן ארטיקעל, וואס איז געדרוקט געווען אין דער צייטשריפט „די וואגע“ פון דעם יאהר 1877 (נומער 35, זייטע 550).

„עס איז מערקווירדיג“, זאָגט ענגעלס, „אז דוקא אויף דעם פעלד“ (ד. ה. אין די היסטאָרישע וויסענשאַפטען) „בעגעגענט מען אזוי אָפט די כלומר׳שטדיגע אייביגע אמת׳ען, די סוף־כל־סוף׳יגע אמת׳ען פון דער לעצטער אינסטאַנץ. אז צוויי מאָל צוויי איז פיער, אז פויגלעך האָבען א שנאָבעל א. ז. וו., וועט נאָר יענער אָנרופען אייביגע אמת׳ען, ווער עס וויל פון דעם פאַקט, אז עס זענען איבערהויפט דאָ אייביגע אמת׳ען, ארויסברענגען, אז אייביגע אמת׳ען געפינען זיך אויך אויף דעם פעלד פון דער מענשליכער געשיכטע, אז עס איז דאָ אַן אייביגע מאָראַל, אַן אייביגע גערעכטיגקייט און אזוי ווייטער, — אמת׳ען, וואָס זאָלען האָבען דיזעלבינע בעדייטונג און קראַפט, ווי די אנשויאונגען און די אַנווענדונגען פון דער מאַטעמאַטיק; און דערביי קאָנען מיר זיין זיכער, אז דער זעלבינער מענשענפריינד וועט אונז ביי דעם ערשטען בעסטען פאַל דערקלערען, אז אַלע פריהערדיגע פאַבריקאַנטען פון אייביגע אמת׳ען זענען געווען מעהר אָדער וועניגער אייזלען אָדער שאַרלאַטאַנעס... נאָר אז ער, אָט דער נביא, וואָס איז איצט־יער געקומען, טראָגט די סוף־כל־סוף׳יגע אמת׳ען פון דער לעצטער אינסטאַנץ, די אייביגע מאָראַל, די אייביגע גערעכטיגקייט פיקס און פארטיג ביי זיך אין זאַק. דאָס אַלץ האָט שוין אזוי פיעל הונדערטמאָל און טויזענדמאָל פאַסירט, אז מען דארף זיך נאָר חדוש׳ען, ווען מען זעהט מענשען, וואָס זענען גענוג לייכטגלויביג און גלויבען אין דעם ניט בנוגע אנדערע, ניין, בנוגע זיך אליין. און פונדעסטוועגען לעבען מיר דאָ דורך וועניגסטענס נאָך איין נביא, אזא וואָס ווערט על פי דעם געוועהנליכען שטייגער מאָראַליש אויפגערעגט, ווען ער זעהט, אז אנדערע מענשען לייקענען, אַ וועלכער עס איז איינצעלמענש זאָל זיין ביכולת צו געבען אונז סוף־כל־סוף׳יגע וואַהרהייט פון דער לעצטער אינסטאַנץ.“ 12)

ענגעלס מיינט דערביי דיוהרינגען, וועמען ער קריטיקירט. אָבער בעת מיר האָבען איבערגעזעצט דעם ציטאַט האָבען מיר געטראַכט נאָר וועגען יענע מאַרקסיסטען, וואָס ווערען אויך אזוי בייז, ווען זיי הערען, ווי מיר לייקענען, אז מאַרקס און ענגעלס האָבען ווען עס איז געקאָנט אויסגעפינען דעם לעצטען אמת

12) דאָרטען גופא, ז. 85.

מיר וועלען דא לאזען ענגעלס׳ זעהר אינטערעסאנטע געדאנקען וועגען דער ערקענטניס־טהעאריע אן א זייט. עס איז שוין קלאהר, אז נאך זיין מיינונג קאנען מיר גאר ניט רעדען וועגען אייביגע אמת׳ען אפילו אין דער פיזיק און דער כעמיע, און וואס העכער עס ווערט די וויסענשאפט, אלץ זעלטענער וואקסען דארטען די לעצט־גילטיגע אמת׳ען. א פשיטא שוין אין דער פילאסאפיע, דער העכסטער פון אלע וויסענשאפטען, וואס שטעהט אזוי ווייט אב פון דער עמפירישער ווירקליכקייט. דארטען קאן אודאי קיין רעד ניט זיין וועגען אבסאלוט־זיכערע רעזולטאטען, וואס זאלען זיין א „מוז“ פאר יעדען מענשליכען שכל.

דער פועל יוצא פון אונזער בעטראכטונג איז, אז דער דעדוקטיווער וועג קאן אונז אקוראט אזוי וועניג דיענען, ווי דער אינדוקטיווער. אויב דער אינדוקטיווער וועג איז א זיכערער, איז ער אבער דערפאר אזוי שווער, אז פאר דעם פראקטישען טהוער איז גאר קיין מעגליכקייט ניטא, צו לאזען זיך געהן אויף איהם. דער דעדוקטיווער וועג איז אמת א סך לייכטער, אבער אויב מיר זאלען אויף איהם זוכען די וויסענשאפטליכע בעגרינדונג פון אונזער געזעלשאפטליכען ענד־ציעל, וועט ער אונז פערפיהרען אין אזעלכע פילאסאפישע ווילדערניסען, וואס וועט אונז נאך מעהר דערווייטערען פון דעם וויסענשאפטליכען אמת, וועלכען מיר זוכען.

.3

אין זיין פאלעמיק אנטקעגען בערנשטיין שרייבט קויטסקי:

„ווער עס האלט, אז די מארקסיסטישע מעטהאדע איז פאלש, פאר יענעם בלייבען נאר צוויי וועגען. ער איז מודה, אז די געזעלשאפטליכע ענטוויקעלונג איז א נויטווענדיגע, א געזעצמעסיגע, אבער ער לייקענט אב, אז זי דארף אין דעם לעצטען סך־הכל צוריקגעפיהרט ווערען צו דער ענטוויקעלונג פון די פראדוקציאנס־אופנים. ער נעהמט אן, אז נעבען זיי דארף מען נאך אנדערע פאקטארען, — אדער נאר די פאקטארען אליין, — ארייגציהען אין חשבון. און אויב ער וויל אויספארשען די ריכטונג פון דער סאציאלער ענטוויקעלונג און די מיטלען, ווי אזוי קרעפטיג צו העלפען איהר, יעמאלט מוז ער אויסרעכענען די געזעצען, וואס בעהערשען אט די אנדערע פאקטארען, — לאמיר זאגען די עטהישע אנשויאונגען און טריבען. ביי אט

דער מעטהאָדע וואָלט מען ערשט יעמאָלט נעקאָנט רעדען פון א וויסענשאַפטליכען סאָציאַליזם, ווען די דאָזיגע פאַקטאָרען וואָלטען געווען אַקוראַט אַזוי גוט דורכגעפאָרשט, ווי דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָנס־אופן אין דעם „קאַפּיטאַל", און ווען עס וואָלט בעווי־זען געוואָרען, אַז פון זייער ווירקען מוז אַרויסקומען אַ סאָציאַ־ליסטישע געזעלשאַפט. אָדער מען לייקענט איבערהויפּט אָב די נויטווענדיגקייט און געזעצמעסיגקייט פון דער געזעלשאַפטליכער ענטוויקלונג, — לכל הפחות, די מעגליכקייט צו דערקענען זיי מיט די מיטלען, וואָס מיר האָבען. יעמאָלט פערשווינדט אָבער אויך יעדע מעגליכקייט, דורך די אויספאָרשונג פון דער געגענוואַרט אין דער פערגאַנגענהייט, — לפחות אויף וויפיעל עס איז קלאָר צו מאַכען די ריכטונג פון דער סאָציאַלער ענטוויקלונג. עס פער־שווינדט יעדע מעגליכקייט וויסענשאַפטליך צו בעהאַנדלען די גרויסע פּראָבלעמען פון אונזער צייט; עס פערשווינדט די מעגליכ־קייט פון אַ וויסענשאַפטליכען סאָציאַליזם. דאָס שליעסט ניט אויס אַ סאָציאַליסטישע בעוועגונג, אָבער איהרע ציעלען ווערען יעמאָלט ניט קיין אַנדער זאַך, ווי נאָר „פרומע וואונשען", וואָס וואַקסען אַרויס פון די בעדערפניסען פון דער געגענוואַרט. 13)

לאָמיר זיך אַביסעל טיעפער אַריינדענקען אין קויטסקי'ס ממה־נפשך.

וואָלט אַלץ געווען אמת, וואָס דער מאַרקסיזם זאָגט וועגען זיך אַליין, וואָלט ער יעמאָלט געווען דאָס העכסטע אידעאַל פון אַ סאָציאַל־וויסענשאַפט און אַ געשיכטס־וויסענשאַפט, — אַן אידעאַל, וואָס קאָן אויסגעדריקט ווערען אין דער פאָרמעל פון אָגיוסט קאָנט: „זעהן, כדי פאָראויסצוזעהן, פאָראויסצוזעהן כדי צו קאָנען". לײדער אָבער געהט זיך אויך דאָ פאַנאַנדער דער אידעאַל מיט דער ווירק־ליכקייט, ד. ה. דער איצטיגער מעמד פון דער מאַרקסיסטישער וויסענשאַפט, שטעהט ווייט הינטער דעם אידעאַל, פון וועלכען מען דערצעהלט אונז, אַז ער איז שוין אַן אויסגעפיהרטער פאַקט. און דאָס איז אמת בנוגע צו דעם מאַרקסיזם, סאַי ווען מיר זעהען אין איהם אַ סיסטעם, סאַי ווען מיר קוקען אויף איהם, ווי אויף אַ

13) קויטסקי: בערנשטיין און דאָס סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּראָ־גראַם, זייטע 18.

פאַרשונגס־מעטהאָדע אין דער וויסענשאַפט און אַ טאַקטישע מע־טהאָדע אין דער פּאָליטיק.

עס איז אין דער מאַרקס־ליטעראַטור שוין גערעדט געוואָרען וועגען דער פראַגע, וואָס אזוינס איז דער געשיכטס־פילאָסאָפישער מאַרקסיזם: אַ סיסטעם, אָדער אַ מעטהאָדע. ביידע מיינונגען האָבען געקאָנט ברענגען אַ סך בעווייזען פאַר די ריכטיגקייט פון זייער שטאַנדפּונקט, ווייל אין דער אמת׳ן איז דער מאַרקסיזם אַ געוויסע מעטהאָדע, וואָס וואַקסט אַרויס פון אַ בעשטימטען סיסטעם. ווען דער מאַרקסיזם שטעלט אַרויס בעשטימטע בעהויפּטונגען וועגען דער נאַטור און די גרונדגעזעצען פון דער געזעלשאַפטליכער ענט־וויקעלונג, ווען ער בינדט צונויף אַלע יענע בעהויפּטונגען דורך איין איינציגען גרונד־געדאַנק, איז ער אַ סיסטעם, אָבער ווען ער ברענגט אַרויס פון אַלע זיינע סיסטעמאַטישע אמת׳ן בעשטימטע כללים, ווי אזוי אויסצופאָרשען די ווירקליכקייט און ווי אזוי איינצואווירקען אויף איהר; ווען ער פערבינדט אַט די דאָזיגע כללים זיינע מיט די אַלגעמיינע פּרינציפּען פון העגעל׳ס דיאַלעקטישער מעטהאָדען־לעהרע, איז ער יעמאָלט אַ מעטהאָדע.

מיר מוזען בעקאַנט ווערען, — לאָז זיין אין גאַנץ גראָבע שטריכען, — מיט דעם סיסטעמאַטישען און דעם מעטהאָדאָלאָגי־שען גרונד־געדאַנק פון דעם מאַרקסיזם, כדי צו קאָנען ריכטיג אָב־שעצען די אַלטערנאַטיווע, וועלכע קויטסקי שטעלט אַוועק פאַר אונז.

דער סיסטעמאַטישער גרונד־געדאַנק פון דעם מאַרקסיזם קאָן אויסגעדריקט ווערען אזוי:

דער קאַמפּף פאַר די עקזיסטענץ, וואָס דער מענש מוז פיהרען מיט דער נאַטור, די נויטווענדיגקייט צו בעהערשען זי, שמיעדט צונויף אַלע יחידים צו איין איינציגען קאָלעקטיוו־וועזען; ער רויבט ביי זיי אוועק זייער זעלבסטשטענדיגקייט און פרייהייט און מאַכט פון איינצעלנע, רוימליך־צושיידטע, איינס פון דעם אַנדערען אָבגע־טהיילטע אינדיווידוען איין העבערעס גאַנצעס. דאָס אינדיווידואום קאָן פון יעמאָלט אָן נאָר אין דער געזעלשאַפט און דורך דער געזעל־שאַפט האָבען זיין קיום. די געזעלשאַפט הויבט אָן צו פיהרען פאַר זיך אַליין אַן איינענעם לעבען, וואָס געהט זעהר אָפט להיפך צו דעם לעבען פון די איינצעלנע יחידים, אויס וועלכע זי בעשטעהט.

די געשיכטע פון דער מענשהייט איז דאס לעבען פון דער מענשליכער געזעלשאפט, ווי א העכערע קאלעקטיווע בריאה, וואס הערשט איבער דעם לעבען פון די איינצעלנע יחידים. אמת, די יחידים זיינען דענקענדע, פיהלענדע און וועלענדע ברואים. „אין דער געשיכטע פון דער געזעלשאפט", זאגט ענגעלס, „זענען די טהוער לויטער מענשען, וואס האבען באוואוסטזיין און וואס ארבייטען צוליעב א בעשטימטען צוועק. קיין זאך קומט ניט פאר אהן א בעוואוסטען מיין, אהן א געוואלטען ציעל." 14) אבער דאס די געוואלטע ציעלען זיינען ניט מעהר ווי די דרויסער־זייט פון דעם געזעלשאפטליכען לעבען. זיין תוך ליגט ניט אין די יחידים, מיט זייערע ציעלען און מיט זייער פארשטאנד, נאר אין דער געזעלשאפט, מיט איהרע ענטוויקלונגס־געזעצען. מען קאן זיך איבערהויפט ניט פארשטעלען, אז א מענש זאל קאנען פיהרען א מענשליכע עקזיסטענץ דרויסען פון דער געזעלשאפט. א רָבינזאָן קרוזא איז סאציאלאגיש אן אונמעגליכע זאך. אין דער ווירקליכקייט וואלט פון איהם געווארען א קאספאר הויזער, א בריאה אהן א שפראך, אהן א דענקען, — א האלבע חיה. ערשט די בעציהונגען פון מענש צו מענש בעשאפען דעם מענשען, דערהאלטען און רעגען אויף זיינע גייסטיגע פעהיגקייטען און פילען אן זיין בעוואוסטזיין מיט א מענשליכען אינהאלט.

דער בליק, אז דעם תוך פון דעם מענשען דארפען — זוכען אין די געזעלשאפטליכע בעציהונגען פון מענש צו מענש, האט קארל מארקס אריבערגענומען פון פייערבאך'ן און פון די אזוי אנגערופענע „אמת'ע" סאציאליסטען. 15) אבער ער האט איהם צוגעשפיצט צו דעם געדאנק, אז „דער מענשליכער תוך איז ניט קיין אבסטראקט, וואס וואוינט איננוועניג אין יעדען איינצעלנעם יחיד." „אין זיין ווירקליכקייט איז ער דער קבוץ פון די געזעלשאפטליכע שיכות'ען". 16)

---

14) פריעדריך ענגעלס: לודוויג פייערבאך (1888), ז. 51.

15) די בעגרינדער פון'ם „אמת'ען" סאציאליזם זענען געווען משה העסס און קארל גריון.

16) מארקס איבער פייערבאך. אנהאנג צו ענגעלס' לודוויג פייערבאך (1888), ז. 71.

הייסט עס, אַז הינטער די מענשליכע קעפּ, מיט זייער שכל, שטעהט די געזעלשאַפט, מיט איהרע אייגענע ענטוויקעלונגס־געזעצען. די דאָזיגע ענטוויקעלונגס־געזעצען זיינען בשום אופן ניט קיין פּועל־יוצא פון די מענשליכע האַנדלונגען. אדרבא, זיי זיינען די אורזאַך, וואָס ברענגט ערשט ארויס די האַנדלונגען, ווייל די געזעלשאַפטליכע שיכות'ן בעשאַפען ערשט דעם יחיד.

וואָס זיינען אָבער די געזעלשאַפטליכע שיכות'ן?

די געזעלשאַפט איז ארויסגעוואַקסען אויס דעם קאַמפּף מיט דער נאַטור פאַר די עקזיסטענץ, אויס דער נויטווענדיגקייט איינצואווירקען אויף איהר און צו בעהערשען זי, דאָס הייסט מיט אַנדערע ווערטער, אויס דער נויטווענדיגקייט צו פּראָדוצירען מאַטעריעלע גיטער. דעריבער זיינען די געזעלשאַפטליכע שיכות'ן וואָס אין זיי טרעטען אריין די יחידים — שיכות'ן פון פּראָדוקציאָן. די דאָזיגע פּראָדוקציאָנס־שיכות'ן בלייבען לענגער, געדויערען מעהר, איידער די אינדיווידועז, וואָס געהען אין זיי אריין (ווי צום ביישפּיעל, די פּראָדוקציאָנסשיכות'ן פון האַרר און שקלאַף, פון קאַפּיטאַליסט און לוין־אַרבייטער געדויערען לענגער, איידער די איינצעלנע האַררען, שקלאַפען, קאַפּיטאַליסטען און פּראָלעטאַריער). דעריבער בעטראַכט מאַרקס דעם תוך פון דער געזעלשאַפט ניט ווי אַן אַגרעגאַט פון יחידים, וואָס אַרבייטען איינע מיט די אַנדערע, נאָר ווי א סכום פון פּראָדוקציאָנס־שיכות'ן. „די פּראָדוקציאָנס־שיכות'ן אין זייער סכום", זאָגט ער, „בילדען דאָס, וואָס מען רופט די געזעלשאַפטליכע שיכות'ן, די געזעלשאַפט. נאָך פּינקטליכער: א געזעלשאַפט אויף א בעשטימטער שטופע פון דער געשיכטליכער ענטוויקעלונג.17)

אַט דער סאָציאָלאָגישער גרונד־געדאַנק פון דעם מאַרקסיזם איז אונענדליך וויכטיג, כדי צו פערשטעהן אַלע זיינע נאַציאָנאַל־עקאָנאָמישע און געשיכטס־פילאָסאָפישע אנשויאונגען. מאַרקס האָט איהם אריבערגענומען פון פּרודאָן'ס סאָציאַל־פילאָסאָפיע און האָט איהם שטאַרק איבערגעאַרבייט. (די איינווירקונג פון פּרודאָן אויף מאַרקס'ן איז געווען א סך א גרעסערע און א טיעפערע, איידער מען נעהמט עס געוועהנליך אָן). אויך לויט פּרודאָן'ען איז די געזעל־

17) קאַרל מאַרקס: לאָהן-אַרבייט אונד קאַפּיטאַל (1891) ז. 21.

שאַפט ניט קיין אַגרעגאַט פון אינדיווידועןן, נאָר, אויב מען קאָן זיך אַזוי אויסדריקען, *אַ גייסטיגער אָרגאַניזם פון מעטאַפיזישע אידעען*, וואו יעדע אידעע איז לויט איהר טבע עקאָנאָמיש און בעהערשט אַ בעשטימטען טהייל פון דעם געזעלשאַפטליכען אַרבייטס־פּראָצעס. העגעל׳ס אַ תלמיד, האָט פּרודאָן שטענדיג געזוכט אויסצוגעפינען די אורבילדער, פון וועלכע עס שטאַמען די דאָזיגע מעטאַפיזיש־עקאָנאָמישע אידעען. „וואו זיינען", פרעגט ער, „די אורבילדער פון די אידעען: אַרבייט, ווערטה, טויש... איינענטהום און אַז. וו.?... וואָס אַזוינס איז דאָס, אַט די האַלב־מאַטעריעלע, האַלב אינטעליגיבעלע וועלט, האַלב־נויטווענדיגקייט, האַלב־פיקציע?... וואָס אַזוינס איז יענעם קאָלעקטיוו־לעבען, וואָס פערצעהרט אונז מיט אַ ניט־אויסצולעשענדער פלאַם, וואָס איז די אורזאַך פון אונזערע פריידען און יסורים? כל־זמן מיר לעבען, זיינען מיר אַלע... דענקענדע ספּרונזשינקעס, דענקענדע רעדער, דענקענדע צאַפּענס, דענקענדע וואַג א. ז. וו. פון אַ ניט־אויסצומעסטענדער מאַשין, וואָס דענקט אויך און געהט פון זיך אַליין". 18)

מאַרקס האָט פּרודאָן׳ס טראַנסצענדענטאַל־עקאָנאָמישען אידעאַליזם פערוואַנדעלט אין אַן עמפּיריש־עקאָנאָמישען מאַטעריאַליזם. אויס אַ האַלב־מאַטעריעלער, האַלב־אינטעליגיבעלער וועלט, איז געוואָרען אַ ריין מאַטעריעלע. אויס אַ מישונג פון נויטווענדיגקייט און פיקציע איז געוואָרען אַ ריינע נויטווענדיגקייט. אויס אַ געזאַמטהייט פון טראַנסצענדענטאַלע פּראָדוקציאָנס־אידעען — אַן אַנסאַמבל פון פּראָדוקציאָנס־שיכות׳ן, אויס „אַ ניט־אויסצומעסטענדער מאַשין", — אָדער ריכטיגער: אַן אייבינגער פּלאַטאָניש־העגעל׳שער אידעען־וועלט, וואָס בעהערשט אַלץ, — איז געוואָרען אַן אָרגאַניזם, וואָס מאַכט־דורך אַ געשיכטליכע ענטוויקעלונג. אויס דענקענדע רעדער און צאַפּענס — דענקענדע צעלען. די גרונד־פאָרשטעלונג איז אָבער געבליבען: די געזעלשאַפט ווערט אויפגעפאַסט ווי אַ קאָלעקטיוו־לעבען, וואָס שטעהט העכער איבער אונז, וואָס

18) פּ. זש. פּרודאָן: פילאָסאָפיע דער שטאַאַטס־עקאָנאָמיע (גריון׳ס דייטשע איבערזעצונג פון דער „פילאָסאָפיע דע לאַ מיזער" בד. 2, ז. 465.

צעהרט אונז אויף מיט א פלאַם, ניט אויסצולעשען, און וואָס געהט פון זיך אליין.

ווער עס וויל ריכטיג פערשטעהן דעם מארקסיזם, מוז זיך צו־געוועהנען צו דעם געדאנק, אז ער איז א מין אָרגאַנישע טהעאָריע אין דער סאָציאָלאָגיע. געוויס, דער מארקסיזם איז הימעל־ווייט אָבגעשיידען פון יענע וויסטע שפיעלעריען, דורך וועלכע מען פער־גלייכט צום ביישפיעל די צענטראַלע רעגיערונג מיט דעם קאָפּ, די ארבייטער מיט די הענד פון אַן אָרגאַניזם, — אנאלאָגיע־שפּיעלע־רייען, וואָס מיר געפינען אזוי אָפט ביי די אזוי אָנגערופענע „אָר־גאַניקער“, ווי א בלונטשלי, א שעפלע, א ליליענפעלד. אָבער געוויסע אנאלאָגיען צווישען געזעלשאַפט און אָרגאַניזם קאָנען ניט אָבגע־לייקענט ווערען, ווען מען שטעלט זיך אויף דעם שטאַנדפּונקט פון קאַרל מארקס׳ סאָציאָלאָגישען גרונד־געדאַנק.

קודם כל די אנאלאָגיע, אויף וועלכער מיר האָבען שוין אָנגע־טייט, וואָס עקזיסטירט צווישען די בעציהונגען פונ׳ם אָרגאַניזם און זיינע צעלען פון איין זייט, דער געזעלשאַפט און זיינע יחידים פון דער אַנדער זייט. דער ביאָלאָגישער אינדיווידואום איז צונויפגע־שטעלט פון צעלען. אָבער די צעלען זיינען אַן עלעמענט אין דעם אָרגאַניזם, וואָס האַלט אין שטענדיגען בייטען זיך. א לפי ערך בליי־בענדער עלעמענט אין איהם איז זיין אָרגאַנישער טיפּ, וואָס בע־שטעהט אין בעשטימטע פיזיאָלאָגישע שיכות׳ן, אין א געוועבס פון בעציהונגען צווישען זיינע איינצעלנע טהיילען. אַט די שיכות׳ן און בעציהונגען ווערען אַלע ווייליע וויעדער אויפגעבויט דורך די אַרבייט פון דעם גאַנצען אָרגאַניזם. דער דרויסען־מאַטעריאַל, פון וועלכען דער אָרגאַניזם ווערט אויפגעבויט, טרעט אריין אין די איינצעלנע בעציהונגען זיינע, בעקומט די פאָרם פון א צעל און טרעט וויעדער ארויס פון דעם אָרגאַניזם. די ביאָלאָגישע פונקציע פון א געוויסען אָרגאַן לעגט ארויף איהר שטעמפּעל אויף דעם דרויסען־מאַטעריאַל און מאַכט ערשט פון איהם א צעל. אַקוראַט אזוי איז אין דער געזעל־שאַפט. אויך זי איז א געוועבס פון בעציהונגען, פון געזעלשאַפט־ליכע שיכות׳ן, וואָס ווערען אַלע ווייליע וויעדער אויפגעבויט דורך דעם געזעלשאַפטליכען געזאַמט־פּראָצעס. די יחידים לויפען שנעל דורך דורך אַט דעם געוועבס. זייערע אייגענשאַפטען, זייער גאַנצע סבע ווערט בעשטימט דורך דעם גאַנצען געזעלשאַפטליכען פּראָ־

צעם אַקוראַט אַזוי, ווי די איינגענשאַפטען און די טבע פון די איינ־צעלנע צעלען ווערען בעשטימט דורך דעם גאַנצען לעבען פון דעם אָרגאַניזם, וואָס שטעהט איבער זיי, און וואָס בילדעט אוים זייער פאָרם.

אַ צווייטע אַנאַלאָגיע צווישען אָרגאַניזם און געזעלשאַפט געפינען מיר, פון דעם מאַרקסיסטישען שטאַנדפּונקט, אין דעם מאַ־טעריאַליסטישען מאָניזם פון „גייסט“ און „קערפּער“, „בעוואוסט־זיין“ און „זיין“, סאַי אין דער ביאָלאָגישער וועלט, סאַי אין דעם סאָציאַלען אָרגאַניזם. דער קערפּער פון דעם ביאָלאָגישען אָרגאַניזם, — דאָס זיינען יענע טהיילען זיינע, וואָס ווערען אויסגעשטודירט אין דער אַנאַטאָמיע. דער גייסט איז, אין די אויגען פון דעם מאַטע־ריאַליסט, ניט מעהר ווי אַ פונקציע, וואָס ווערט בעשאַפען אין בע־שטימטע טהיילען פון דעם אָרגאַניזם און וואָס איז אין זיין טבע אָבהענגיג פון זיי. אמת, דער סאָציאַלער אָרגאַניזם, וואָס בעשטעהט פון געזעלשאַפטליכע שיכות׳ן, האָט ניט קיין טהיילען, וועלכע מען זאָל קאָנען געוואָהר ווערען בחוש. פון דעסטוועגען האָט ער אין זיך עפּעס אַזוינס, וואָס איז אַנאַלאָג צו דער אַנאַטאָמישער סטרוקטור. דאָס זיינען „די מאַטעריעלע שיכות׳ן פון לעבען, וואָס זייער סכום האָט העגעל... אַרומגענומען מיט דעם נאָמען בירגערליכע געזעל־שאַפט, וואָס זייער אַנאַטאָמיע דאַרף מען זוכען אין דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע.“ 19)

און אַקוראַט אַזוי ווי די אַנאַטאָמישע סטרוקטור פון דעם ביאָלאָגישען אָרגאַניזם בעדינגט דעם גאַנצען פּראָצעס פון דעם בעוואוסטזיין, אַזוי בעדינגט אויך „דער אופן, ווי אַזוי דאָס מאַטע־ריעלע לעבען ווערט פּראָדוצירט, דעם סאָציאַלען, פּאָליטישען און גייסטיגען לעבענס־פּראָצעס איבערהויפּט. ניט דאָס בעוואוסטזיין פון דעם מענשען בעשטימט דאָס זיין, נאָר אומגעקעהרט דאָס געזעל־שאַפטליכע זיין בעשטימט איהר בעוואוסטזיין.“ דאָס געזעלשאַפט־ליכע זיין בעשטעהט אָבער, ווי מיר האָבען שוין געזעהן, אין דעם סכום פון די פּראָדוקציאָנס־שיכות׳ן, וואָס „בילדעט די עקאָנאָמישע סטרוקטור פון דער געזעלשאַפט, דער רעאַלער באַזיס, אויף וועלכען

---

19) קאַרל מאַרקס: צור קריטיק דער פּאָליטישען עקאָנאָמיע, פאָרוואָרט.

עם דערהויבט זיך אַ יוריסטישער און פּאָליטישער איבערבוי און וואָס איהם" (דעם באַזיס) „ענטשפּרעכען בעשטימטע געזעלשאַפט־ליכע בעוואוסטזיינס־פאָרמען".

דער משל פון „באַזיס" און „איבערבוי", וואָס איז אַזוי אָפט בעשפּראָכען געוואָרען אין דער מאַרקס־ליטעראַטור, גיט ניט איבער אין גאַנצען ריכטיג דעם גרונד־געדאַנק פון דעם מאַרקסיזם. אַ באַזיס בעשטימט זעהר ווענייג די אַרט פון דעם איבערבוי, וואָס מען שטעלט אויף איהם אויף. אויף דעם זעלביגען פונדאַמענט קאָן מען, ווי מיר האָבען שוין בעמערקט, אויפבויען אַ קירך, אַ סינאַגאָג, אַ תפיסה, אַ פאַבריק, אַ קאָנצערט־הויז. אַזוי שוואַך זיינען ניט די בעציהונגען צווישען בעוואוסטזיין און זיין אין מאַרקס' סיסטעם. זייער שיכות איינס צום אַנדערען איז ניט דאָס אַרכיטעקטורישע פון באַזיס און איבערבוי, נאָר די אָרגאַנישע: פון אַנאַטאָמישע סטרוקטור און פיזיאָלאָגישע פונקציע. נאָר ווען מען האָט דעם אָרגאַנישען גרונד־געדאַנק פון מאַרקס אין אויג, קאָן מען פערשטעהן, ווי אַזוי ער האָט געגלויבט, אַז דער איבערבוי קאָן צייטענווייז און אין געוויסע גרע־נעצען צוריק־ווירקען אויף דעם „פונדאַמענט"; דאָס איז אַנאַלאָג צו דער צוריקווירקונג פון דער פיזיאָלאָגישער פונקציע אויף די אַנאַ־טאָמישע סטרוקטור. אַן ענטוויקעלטער מח ברענגט אַרויס רייכע געדאַנקען, רייכע געדאַנקען ענטוויקעלען דעם מח.

.4

אין דעם מאַרקסיסטישען סיסטעם געפינען מיר נאָך אַ דריטע אַנאַלאָגיע צווישען אַן אָרגאַניזם און אַ געזעלשאַפט. די אַנאַלאָגיע איז ענג פערבונדען מיט די אויבען־דערמאָנטע צוויי און האָט צו טהאָן מיט יענע לעצטע אורזאַכען, וואָס בעדינגען דעם מין לעבען סאַי ביי אַ ביאָלאָגישען, סאַי ביי אַ סאָציאָלאָגישען אָרגאַניזם. אין דעם פונקט פאַלט דער מאַרקסיזם אין אמת'ן צונויף מיט דעם דאַר־וויניזם, און דער פערגלייך פון די צוויי סיסטעמען איז אַ גערעכטער. די גאַנצע אַרט, ווי אַזוי אַ לעבעדיגע בריאה פיהרט איהר לעבען, ווי אויך איהר גאַנצער אַנאַטאָמישער בוי, פליעסט מיט נויטווענ־דיגקייט אַרויס פון איהר קאַמפּף מיט דער נאַטור פאַר עקזיסטענץ. אַזוי לערנט דער דאַרוויניזם. דעמזעלביגען געדאַנק האָט מאַרקס, נאָך איידער דאַרווין, אַרויסגעפונען ביי דער געזעלשאַפט. די

גאַנצע אַרט פון דעם געזעלשאַפטליכען לעבען. ווי אויך פון דער געזעלשאַפטליכער סטרוקטור איז אַ וויכטיגער פועל־יוצא פון יענעם קאַמפּף, וועלכען די געזעלשאַפט פיהרט מיט דער נאַטור פאַר איהר זיין אויף דער וועלט. כדי צו קעמפּפען מיט דער נאַטור, ווענדט די געזעלשאַפט אָן די לייבער פון איהרע מיטגליעדער, זייערע הענד און מוחות. אָבער אַ חוץ דעם בעשאַפט זי נאָך קינסטליכע אָרגאַנען, וואָס שטייגערן איהר פּראָדוקטיוו־קראַפט און וואָס ענט־וויקלען זיך, לויט בעשטימטע געזעצען. אָט די קינסטליכע הענד פון דער געזעלשאַפט, די פערשיידענע געצייג, זיינען די הויפּט־אורזאַך, פון וועלכער עס הענגט אָב די עקאָנאָמישע סטרוקטור פון דער געזעלשאַפט און ממילא אויך די גאַנצע אַרט־און־ווייזע פון איהר לעבען.

ביי דעם ביאָלאָגישען אָרגאַניזם האָבען די פאָרשער ארויסגע־פונען אַ גרונד־געזעץ, וואָס קאָן אָנגערופען ווערען דער פונדאַמענט פון דער גאַנצער וויסענשאַפטליכער ביאָלאָגיע. דאָס איז דאָס געזעץ פון דער קאָררעלאַציאָן פון די אָרגאַנען. אַלע אָרגאַנען שטעהען אין אַ נויטווענדיגער שיכות איינער צו דעם אַנדערן, און לויט דער פאָרם פון איין אָרגאַן קאָן מען בעשטימען די פאָרמען פון די אַנדע־רע. דעמזעלבינען גרונד־געזעץ געפינען מיר ווידער אין דער מאַרק־סיסטישער סאָציאָלאָגיע. די פאָרם און דער בעשאַף פון די געצייג, אַ געוויסער צושטאַנד פון די פּראָדוקטיוו־קרעפטען, ווי אויך אַלע אַנדערע געזעלשאַפטליכע שיכות׳ן, זיינען אַזוי ענג צונויפגעבונדען אין איינעם, אַזוי שטאַרק צוגעפּאַסט איינס צום אַנדערען, אַז אויב מיר זענען בעקאַנט מיט די געצייג, וואָס אַ געזעלשאַפט ווענדט אָן אין איהר קאַמפּף מיט דער נאַטור, אַנטפּלעקען זיך שוין פאַר אונז אויך אַלע שיכות׳ן, וואָס הערשען אין איהר פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס און עס אַנטפּלעקט זיך אויך די גאַנצע אַרט פון איהר לעבען. צוריק, איז מען בעקאַנט מיט דער אַרט פון איהר לעבען, מוז מען דערפון גופא קענען ארויסדרינגען די אַרט פון יענע שיכות׳ן, וואָס הערשען אין איהר פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס און פון זיי ארויסברענגען דעם לאָגיש־נויטווענדיגען שלוס וועגען דעם בעשאַף פון איהר געצייג. אויסגעשטאָרבענע, ניט היסטאָרישע געזעלשאַפטען האָבען אונז ניט געקאָנט איבערלאָזען קיין שילדערונגען ניט וועגען זייערע עקאָנאָמי־שע שיכות׳ן, ניט וועגען דער אַרט פון זייער לעבען, אָבער אויב מיר

געפינען זייערע געצייג, קאָנען מיר דאָס אַלץ טהעאָרעטיש ווידער אויפבויען. „דיזעלביגע וויכטיגקייט", זאָגט מארקס, „וואָס דער בוי פון קנאָכען־רעליקוויען האָט פאַר די דערקענטעניס פון דער אָרגאַניזאַציאָן פון אויסגעשטאָרבענע מינים חיות, האָבען רעליקוויען פון ארבייטס־מיטלען פאַר דער בעאורטהיילונג פון אויסגעשטאָרבענע עקאָנאָמישע פאָרמאַציאָנען פון געזעלשאַפטען". 20)

דער סאָציאָלאָגישער גרונד־געדאַנק פון דעם מארקסיזם בעשטעהט, אויף אַזאַ'ן אופן, אין דעם, וואָס ער בעטראַכט די געזעלשאַפט ווי אַן איינהייטליכען אָרגאַניזם, וועמעס טהיילען עס זיינען ניט די אינדיווידוען, נאָר די צווישען זיי הערשענדע שיכות'ן און די אינסטיטוציעס, וואָס זיי בעשאַפען. אַלע די דאָזיגע טהיילען ווירקען איינער אויף די אַנדערע, אָבער סוף־כל־סוף העננען זיי אַלע אָב פון דעם עקאָנאָמישען פּראָצעס, וואָס קוואַלט ארויס פון די פּראָדוקטיוו־קרעפטען. די ענטוויקעלונג פון די פּראָדוקטיוו־קרעפטען און פון דער טעכניק איז דער ערשטער בעוועגער, די סבה העליונה פון אַלץ, וואָס פּאַסירט אין דער געזעלשאַפט. שטודירט מען דורך אים די ענטוויקעלונג, האָט מען דעם שליסעל צו אַלע פּראָבלעמען פון דעם געזעלשאַפטליכען זיין און ווערען. דאָס געזעלשאַפטליכע „זיין" ווערט בעהערשט פון דעם גרונד־געזעץ, אַז אַלע סאָציאַלע אינסטיטוציעס שטעהען אין אַ נויטווענדיגער צווישען־שיכות צווישען זיך און זיינען צוגעפּאַסט צו דעם צושטאַנד פון די פּראָדוקטיוו־קרעפטען. דאָס געזעלשאַפטליכע „ווערען" שטעהט אונטער דער שליטה פון דעם גרונד־געזעץ, וואָס זאָגט, אַז אַלע געזעלשאַפטליכע אינסטיטוציעס מוזען זיך על פּי געזעצמעסיגער נויטווענדיגקייט פערענדערען, ווי באַלד „דעם מענשענ'ס אַקטיווער בעגעהן זיך מיט דער נאַטור" דערגרייכט אַ העכערע שטופע, דאָס הייסט, וויבאַלד דער צושטאַנד פון די פּראָדוקטיוו־קרעפטען איז געשטייגערט געוואָרען.

אָט די פּאָאָר שטריכען פון מארקס' סאָציאָלאָגיע זענען גענוג, כדי צו פערשטעהן די גרונדלאַגען פון דער מארקסיסטישער מעטהאָדע. די דאָזיגע מעטהאָדע שטאַמט אָבער ניט נאָר פון איהר סאָציאָלאָגישען אורקוואַל. אין איהר מישט זיך אריין אַ שטראָם, וועלכער שלאָגט פון די פילאָסאָפישע אַנשויאונגען, וואָס הערשען

---

20) קאַרל מאַרקס: „דאָס קאַפּיטאַל" באַנד 1, 1890, ז. 142.

אין דעם מאַרקסיזם, פון זיין אַלגעמיינער וועלט־אַנשויאונג. דער סאָציאַלער אָרגאַניזם איז אַן איינהייטליכע גאַנצקייט, וואָס האָט איהר קיום אין זיך גופא; אָבער דאָס איז אמת גאָר יעמאָלט, ווען מיר בעטראַכטען די געזעלשאַפט בנוגע צו די אינדיווידוען, פון וועלכע זי בעשטעהט. נעהמט מען זי אָבער ווי זי איז פאַר זיך, איז זי ניט מעהר, ווי אַ קלייניגקער אַרויסשניט פון דער גאַנצער נאַטור, און דעריבער שטעהט זי אונטער דער הערשאַפט פון יענע אַלגעמיינע ענטוויקעלונגס־געזעצען, וואָס פיהרען זייער ממשלה איבער דער גאַנצער וועלט. סיי די בעוועגונג פון דער גאַנצער געזעלשאַפט, סיי די בעוועגונג פון איהרע איינצעלנע טיילען מוזען זיך אָבשפּיעלען לויט יענע אַלגעמיינע ד י אַ ל ע ק ט י ש ע געזעצען, „וואָס זענען צום ערשטען מאָל אין זייער גאַנצען סכום אָבער אין אַ מיסטיפיצירטער פאָרם ענטוויקעלט געוואָרען פון העגעל'ן" און וואָס האָבען אַרויסגערופען די בעשטרעבונג פון מאַרקס' און ענגעלס' „אַרויסשיילען זיי פון דיעזער מיסטישער פאָרם און קלאָר מאַכען זיי פאַר דעם בעוואוסטזיין אין זייער גאַנצער איינפאַכקייט און אַלגעמיין־גילטיגקייט". 2)

בעטראַכט מען די געשיכטס־ און ענדציעל־פילאָזאָפישע מעטהאָדע, וואָס פליסט אַרויס פון דעם אויבען סקיצירטען סיסטעם, זעהען מיר, אַז איהר הויפּט־שטריך בעשטעהט אין דעם פאָלשטענדיגען אָבלייקענען פון יענע סוביעקטיווע פּסיכאָלאָגישע מאָמענטען, וואָס הערשען אין די נשמות פון די מענשליכע יחידים. ביי דער בעטראַכטונג פון די גרויסע פּראָבלעמען פון דער צייט לאָזט מען אַרויס פון זין דעם מענשען, מיט זיינע ליידען און פריידען. דער שטאַנדפּונקט פון אַ מאָראַלישען „זאָל", פון אַן עטהישען גוט און שלעכט ווערט אין גאַנצען געלאָזען אָן אַ זייט. אפילו ניט דער ווילען פון דעם מענשען, זיינע בעדערפניסען און אַנשויאונגען קאָנען, לויט מאַרקס, זיין יענער מאַטעריאַל, וועלכען מיר מוזען קודם כל שטודירען, כדי צו פערשטעהן די געשיכטע און כדי אויסצוגעפינען אַ זיכערען פונדאַמענט פאַר אַ פילאָסאָפיע פון דעם ענדציעל. די דאָזיגע סוביעקטיווע מאָמענטען זענען דאָך ניט מעהר ווי פונקציעס פון דענקענדע צעלען, וואָס שטעהען אונטער דער

---

*) אַנטי־דיוהרינג (1894), זייטע 15.

שליטה פון דעם געזעלשאַפטליכען קאָלעקטיוו־לעבען, ד. ה. סוף כל סוף אונטער דער הערשאַפט פון דער געזעלשאַפטליכער אָנאַטאָמיש־עקאָנאָמישער סטרוקטור. אין ערשטער ליניע מוזען מיר, לויט דער מאַרקסיסטישער מעטהאָדע, זיך אינטערעסירען ניט מיט דעם לעבען פון די איינצעלנע, נאָר מיט דעם לעבען פון דער געזעלשאַפט. איהרע ענטוויקעלונגס־געזעצען מוזען מיר אויספאָרשען און דערביי דאַרפען אונז טהעאָרעטיש אַ ברעקעל ניט אַרען די ליידען און די פריידען פון די איינצעלנע אינדיווידועןּ.

אמת, מאַרקס אַליין איז קיינמאָל ניט געבליבען טריי אָט דער פאָדערונג פון זיין מעטהאָדע, און מענשליכע ליידען און פריידען האָבען צו אָפט געשטערט יענע טהעאָרעטישע פיגורען, וועלכע ער פלעגט אויסמאָלען זיצענדיג אויף זיין וויסענשאַפטליכער אָלימפישער הויך. צו אָפט האָבען מענשליכע ליידען און פריידען, איבערהויפט די ליידען און פריידען פון דעם פּראָלעטאַריאַט, אַראָבגעשלעפּט מאַרקס'ען פון זיין אָלימפּ און אריינגעוואָרפען איהם אין דעם טומעל פון דעם טאָג־טעגליכען קאַמפף. אָבער דאָס איז דורכאויס ניט קיין ווידערשפּרוך צו זיין סיסטעם, ווייל סוף כל סוף איז דאָך מאַרקס אויך געווען ניט מעהר, ווי אַ „דענקענדע צעלע", אין וועלכער דער עקאָנאָמישער פּראָצעס האָט געמאַכט ארויסרופען געוויסע געפיהלען פון „צער און צאָרן", געוויסע פאָרשטעלונגען פון „יושר און עולות". דער מאַרקסיסטישער סיסטעם פערוועהרט ניט מאַרקס'ען צו זיין אַן איידעלער מענש, די מאַרקסיסטישע מעטהאָדע אָבער פערלאַנגט פון איהם, ער זאָל זיין איינענע איידעלקייט, ווי די איידעלקייט אָדער גראָבקייט פון די איבעריגע מיט־מענשען, בעטראַכטען ניט מעהר, ווי אַ שאָטען, וואָס שפּיגעלט אָב דעם עקאָנאָמישען פּראָצעס און וואָס האָט קיין ברעקעל ממשות ניט, ווי היסטאָריש־ווירקענדע קראַפט.

היוצא מדברנו איז, אַז דער סאָציאַליסטישער ענדציעל דאַרף, לויט מאַרקס, ניט אָנגעזעהן ווערען, ווי אַ וועלכער עס איז אידעאַלער צושטאַנד, צו וועלכען די מענשען אָדער בלויז די ארבייטער זאָלען שטרעבען דערפאַר, ווייל דער צושטאַנד איז זעהר נויטיג פאַר זייערע ארבייטער־אינטערעסען און ווייל עס לאָזט זיך וויסענשאַפטליך בעווייזען, אַז דער סאָציאַליסטישער אידעאַל קאָן אריינגעפיהרט ווערען אין לעבען. דער ענדציעל דאַרף פאַר אונז זיין

יענע פאַזע פון ענטוויקעלונג, צו וועלכער די געזעלשאַפט שטרעבט מיט אייזערנער נויטווענדיגקייט, אַלץ איינס, צי די אידעאַלען און די סוביעקטיווע אַבשעצונגען פון די איינצעל־מענשען זענען צופריעדען מיט איהם אָדער ניט. וויל מען וויסען, אין וואָס עס בעשטעהט אונזער ענד־ציעל, מוז מען קודם כל אויספאָרשען דעם עקאָנאָמישען פונדאַמענט פון דער געזעלשאַפט, גענוי בעשטימען יענע ליניע, אין וועלכער עס טראָגט זיך די ענטוויקעלונג פון די פּראָדוקטיוו־קרעפטען, און טהעאָרעטיש אויסרעכענען, ווי אַזוי מוז זיין דער בעשאַף פון יענער פּראָדוקציאָנס־פאָרם, וואָס נאָר זי אַליין קאָן זיין צוגעפּאַסט צו דעם נייעם צושטאַנד פון די פּראָדוקטיווע קרעפטען.

די מאַרקסיסטישע מעטהאָדע פערלאַנגט ווייטער, אַז בעת מיר בעשטעטיגען די ענטוויקעלונגס־ליניע פון דער עקאָנאָמישער סטרוקטור און פון אַלע אַנדערע סאָציאַלע ספערען, וואָס זענען צוגעפּאַסט צו איהר, זאָלען מיר בשום אופן ניט טאָרען אַרויסלאָזען פון אויג יענע ט ר י א ד י ש ע ענטוויקעלונגס־געזעצען, וואָס זענען ענטדעקט געוואָרען פון העגעל'ן. אמת, מען טאָר ניט אריינטייטשען די דאָזיגע דיאַלעקטישע געזעצען אין דער נאַטור און אין דעם געזעלשאַפטליכען לעבען. מען דאַרף זעהן אויסצוגעפינען זיי אין דער ווירקליכקייט און גוט צוקוקען זיך, ווי די ווירקליכקייט ברענגט אַרויס איין ענטוויקעלונגס־מאָמענט נאָך דעם אַנדערען. אָבער אָט דעם פאָרשונגס־פּראָצעס קאָן מען זעהר שטאַרק אַבקירצען, ווען דער פאָרשער איז בעקאַנט מיט די דאָזיגע העגעל'שע ענטוויקעלונגס־געזעצען און ווען ער האָט ניט קיין ברעקעל ספק אין זייער ריכטיגקייט. 3) אַזאַ מעטאָדאָלאָגישע פאָדערונג האָט ענגעלס ספּעציעל אויפגעשטעלט פאַר דער נאַטור־וויסענשאַפטליכער פאָרשונג, וואָס האָט ניט געוואָלט און וויל זיך נאָך עד היום ניט רעכענען מיט איהר. עס איז אָבער ניטאָ קיין ברעקעל צווייפעל, אַז סיי ענגעלס, סיי מאַרקס שטעלען אַוועק די זעלבינע מעטאָדאָלאָגישע פאָדערונג אויך אויף דעם פעלד פון דער וויסענשאַפטליכער סאָציאָלאָגיע. די געזעלשאַפט איז דאָך אויך ניט מעהר ווי אַן אויסשניט פון דער גאַנצער נאַטור, און דעריבער קאָן

3) אנטי־דיוהרינג, זייטע 16.

די מעטאָדען־לעהרע פון דער סאָציאַל־וויסענשאַפט ניט געהן להיפּוך צו דער מעטאָדען־לעהרע פון דער נאַטור־וויסענשאַפט. דער וויכטיגסטער פונקט אין ענגעלס' נאַטור־וויסענשאַפטליכער מעטאָדען־לעהרע איז זיין פערזיכערונג, אז מען קאָן גרינגער קומען צום ציעל, ווען מען טרעט צו צו דעם דיאַלעקטישען כאַראַקטער פון די ערשיינונגען מיט דעם בעוואוסטזיין פון יענע געזעצען, וואָס הערשען אין דעם דיאַלעקטישען דענקען. די פאָרשונג ווערט א סך גרינגער. „ווען מען פערגעסט ניט, אז די רעזולטאַטען, אין וועלכע עס ווערען צוזאַמענגעפאַסט די ערפאַהרונגען, זענען בעגריפען; די קונסט אָבער, ווי אזוי צו אָפּערירען מיט בעגריפען, איז ניט איינגעבאָרען און איז אויך ניט געגעבען געוואָרען מיט דעם געוועהנליכען טאָגטעגליכען בעוואוסטזיין. זי ערפאָדערט א ווירקליכען דענקען, און דאָס דאָזיגע דענקען האָט אויך א לאַנגע ערפאַהרונגס־מעסיגע געשיכטע ניט מעהר און ניט ווייניגער, איידער די ערפאַהרונגס־מעסיגע נאַטור־פאָרשונגען". אָט די מעטאָדע פון דער העגעל'שער דיאַלעקטיק שטעלט ענגעלס אוועק, ווי א געגענזאַץ צו יענער „באַרנירטער דענק־מעטאָדע", וואָס שטאַמט פון ענגלישען עמפּיריזם און וואָס הערשט אין דער מאָדערנער נאַטור־וויסענשאַפט. 4)

אָט דאָס זענען די וויכטיגסטע שטריכען פון יענער „מאַרקסיסטישער מעטאָדע", וואָס דאַרף אונז בעפרייען פון „פרומע וואונשען" אויף דעם פעלד פון דער סאָציאַל־פּאָליטישער ארבייט און וואָס מאַרקס האָט אַנגעווענדט, כדי צו בעווייזען, ווי קויטסקי דריקט זיך אויס, אז א „סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט מ ו ז איינקומען".

.5

דער גרונד־כאַראַקטער פון דער מאַרקסיסטישער מעטאָדע, ווי אויך פון יעדער אַנדערער געשיכטס־פילאָסאָפישער ענדציעל־לעהרע, בעשטעהט, ווי מיר זעהען אין אָט וואָס פאַר א הויפּט־כלל: מען דאַרף אויסגעפינען די געזעצען, וואָס בעהערשען דאָס געזעלשאַפטליכע לעבען; מען דאַרף זעהן, וואוהין עס טראָגט דער שטראָם פון דער היסטאָרישער ענטוויקעלונג; מען דאַרף פעסט־

4) דאָרטען גופא, זייטע 19.

שטעלען די וויכטיגסטע סטאַנציע, צו וועלכער עס ווערט געטריבען, און יענע סטאַנציע דאַרף זיין דאָס אידעאַל פאַר אונזער געזעלשאַפטליכער אַרבייט. קיין נפקא מינה ניט, צי דער אידעאַל געפעלט אונז, צי ניט, — ער מוז פאַר אונז זיין דאָס העכסטע ציעל, ווייל ער איז דאָס לעצטע ציעל, ווייל קיינע אַנדערע אידעאַלען א חוץ איהם קאָנען ניט מקוים ווערען אין לעבען.

כמעט אַלע מאַרקסיסטען גלויבען, אַז אָט די אַלע אויפגאַבען פון זייער מעטאָדע זענען אויף דעם גלענצענדסטען אופן אויסגעפיהרט געוואָרען פון קאַרל מאַרקס: דערהויפּט, דער אַנאַליז פון יענע עקאָנאָמישע פאַקטען און פּראָצעסען, וואָס מוזען, לויט מאַרקס, פיהרען צו דער סאָציאַלער איבערקעהרעניס און צו דער בעגרינדונג פון אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט.

די פאַקטען פון דעם עקאָנאָמישען לעבען, וואָס פיהרען צו דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע, האָט קאַרל מאַרקס צונויפגעצויגען אין דריי גרונד־טהעאָריען: די קאָנצענטראַציאָנס־טהעאָריע, וואָס לערענט, אַז אַלע קאַפּיטאַלען מוזען זיך קאָנצענטרירען ביי אַ קליינעם הייפעלע מענשען; די קריזען־טהעאָריע, וואָס בעווייזט, ווי אַזוי דאָס סיסטעם פון קאָנקורענץ מוז פיהרען צו אַלץ בייזערע און בייזערע קריזיסען, אין וועלכע די מיטעלערע בעלי־בתים מוזען פערלירען זייער האָב־און־גוטס, און די פערעלענדונגס־טהעאָריע, וואָס דערקלעהרט אונז, ווי אַזוי און פאַר וואָס די „אונגעהייערע מאַיאָריטעט" פון'ם פאָלק מוז זיך פּראָלעטאַריזירען און ווי אַזוי איהר לאַגע מוז ווערען אַלץ ערגער און ערגער.

די אַלע טהעאָריען און געזעצען זענען, ווי בעקאַנט, ניט פון קאַרל מאַרקס ענטדעקט געוואָרען. שוין דער קליינבירגערליכער סאָציאַליזם, מיט וועלכען מאַרקס פּאָלעמיזירט אין זיין „קאָמוניסטישען מאַניפעסט", האָט געוואוסט פון זיי, און דער „קאָמוניסטישער מאַניפעסט" גיט אויף איהם די הסכמה, אַז ער האָט „העכסט שאַרפזיניג פאַנאַנדערגעפּאָלמעסט די ווידערשפּרוכען אין די איצטיגע פּראָדוקציאָנס־פערהעלטניסען" און האָט „אונווידערלעגליך בעוויעזען די טהאַטזאַכען. 5)

5) דאָס קאָמוניסטישע מאַניפעסט (1891), ז. 26.

אין די עקאָנאָמישע אונטערזוכונגען, וואָס האָבען געשפּיעלט אַזאַ גרויסע ראָליע אין דער קריטיק פון דעם מאַרקסיזם, איז אָבער בעוויעזען געוואָרען אויף קלאָר וועניגסטענס איין פּונקט: אַז אַלע יענע פאַקטען און טהעאָריעס זענען בשום אופן ניט אַזוי פעסט איינגעפונדעוועט אין דער וויסענשאַפט, מען זאָל גאָרנישט קאָנען צולאָזען אַ ברעקעל ספק וועגען זיי. אפילו די אָרטאָדאָקסישע אָנהענגער פון דעם אַלטען מאַרקסיזם האָבען געמוזט איבערגעבען אַ סך פון זייערע פעסטונגען, וועלכע זיי האָבען אַזוי שטייף געשיצט, אין די הענד פון דעם קריטיישען שונא.

דאָס אליין וואָלט שוין געווען גענוג אויף אונטערצוגראַבען דעם וויסענשאַפטליכען פונדאַמענט פון דער מאַרקסיסטישער מעטאָדע. נאָך ערגער האַלט עס מיט די איבעריגע עלעמענטען פון מאַרקס' סיסטעם, אויף וועלכער די מעטאָדע איז אויפגעבויט: זיין פילאָסאָפיע, זיין ערקענטניס־טעאָריע, זיין סאָציאָלאָגיע. עס איז ניטאָ כמעט קיין איין גרונדזאַץ אין דעם מאַרקסיזם, וואָס זאָל אין דער לעצטער צייט נישט האָבען אַרויסגערופען אנטקעגען זיך ערנסטע שווער־וועגענדע קריטיקען.

עס איז אָבער ניט די אויפגאַבע פון אונזער היינטיגען אַרטיקעל צונויפצוקלייבען אין איינעם אַלע יענע אַרגומענטען, וועלכע מען קאָן על פּי וויסענשאַפטליכען יושר אַרויסשטעלען אנטקעגען די איינצעלנע לעהרען פון מאַרקס און ענגעלס. פאַר אונזער צוועק קאָן מען די מאַרקס קריטיק לאָזען אין גאַנצען אַ אַ זייט. ווען אפילו מען זאָל אַלע פילאָסאָפישע און סאָציאָלאָגישע און אויך עקאָנאָמישע לעהרען פון קאַרל מאַרקס אָננעהמען אַזוי ווי זיי זענען און מעהר נישט אַביסעל טיעפער אַריינדרינגען אין דעם זין פון איינינע פון זיי, מוז יעדער ערנסטער קאָפּ אויך יעמאָלט צוגעבען, אַז דער מאַרקסיזם איז, לויט זיין אייגענעם וויסענשאַפטליכען געוויסען, בשום אופן ניט אים שטאַנד צו האַלטען דאָס, וואָס ער זאָגט צו: געבען אונז אַ קלאָרע נבואה וועגען יענער געזעלשאַפטליכער פאָרם, וואָס איהר אַריינטרעטען אין לעבען איז אַן אייזערנער, נישט אויסצומיידענדער „מוז“.

וואָס מעהר דער מאַרקסיזם איז געווען גענויטיגט זיך צו בעשעפטיגען מיט דער בעדייטונג און דער ראָלע פון די אַזוי אָנגערופענע אידעאָלאָגישע פאַקטאָרען אין דער געשיכטע (רעליגיאָן,

עטהיק, יוריספּרודענץ א. ז. וו.), אַלץ מעהר איז ער געווען געצוואונ־גען זיך מודה צו זיין, אז זיי זיינען ניט בלויז אָבשפּיגעלונגען פון דעם עקאָנאָמישען פּראָצעס, שאַטענס, וואָס געהען־נאָך נאָך דעם גאַנג פון דער עקאָנאָמישער ענטוויקעלונג. די אידעאָלאָגישע פּאַק־טאָרען — דאָס מוז אַפילו בעלטאַוו צוגעבען — האָבען אַן אייגענעם ענטוויקעלונגס־גאַנג, וואָס רייסט זיך אריין אין דעם שפּיעל פון די געזעלשאַפטליכע קרעפטען און ווירקט אויף אַ גאַנץ בעשטימטען, אייגענאַרטיגען אופן. די ווירקונג פון אַזעלכע פאַקטאָרען איז אַ רעזולטאַט, ערשטענס, פון דעם אַלץ־בעהערשענדען עקאָנאָמישען פּראָצעס און, צווייטענס, פון דער אייגענער טבע, וואָס יענע אידעאָ־לאָגישע פאַקטאָרען בעזיצען.

קוים אָבער איז דער מאַרקסיזם געצוואונגען צוצוגעבען אַזאַ הנחה, אַזוי מוזען אויפ'ן שטעל אויסוואַקסען פאַר זיין מעטהאָדע גאַנץ געוואַלטיגע פּראָבלעמען. כדי מען זאָל קאָנען זאָגען וועלכע עס איז נביאות וועגען דער געזעלשאַפטס־פאָרם פון דער צוקונפט, מוז דערפילט ווערען וועניגסטענס אַט וועלכע בעדינגונגען:

ערשטענס, מוז מען זיין אַזוי בעהאַווען אין די עקאָנאָמישע פּראָצעסען פון אונזער צייט, אַז מען זאָל קאָנען ריכטיג אַלע ווייל־אויסגעפינען דעם גאַנג און די טענדענץ פון דער עקאָנאָמישער ענטוויקעלונג.

צווייטענס, מוז מען גענוי אויספאָרשען דעם גאַנג און די טענדענץ פון אַלע אַנדערע געזעלשאַפטליכע פאַקטאָרען.

דריטענס, מוז מען אויסגעפינען יענע געזעצען, וואָס הערשען אין דעם, ווי אַזוי דער עקאָנאָמישער פּראָצעס ווירקט אויף די ניט־עקאָנאָמישע פאַקטאָרען.

פערטענס, מוז מען אונטערזוכען, ווי אַזוי די ניט־עקאָנאָמישע פאַקטאָרען רופען זיך אָב אויף דער איינווירקונג פון דעם עקאָנאָ־מישען פּראָצעס און ווי אַזוי זיי ווירקען אויף איהם צוריק.

אחוץ דעם מוז, פינפטענס, אויסגעפאָרשט ווערען די אַרט, ווי אַזוי די ניט־עקאָנאָמישע פאַקטאָרען ווירקען צווישען זיך איינע אויף די אַנדערע.

ערשט יעמאָלט, ווען די דאָזיגע אויפגאַבען, זיינען דערפילט געוואָרען, קאָן מען צוטרעטען צו דער הויפּט־אויפגאַבע פון דער

מאַרקסיסטישער מעטהאָדע: בעשטימען צו וועלכען שלום־פּונקט עס טראָגט זיך דער געזעלשאפטליכער שטראָם.

האָט אָבער דער מאָדערנער מאַרקסיזם דורכגעפיהרט אָט די אַלע תנאים?

קיין ערנסטער און עהרליכער מאַרקסיסט וועט ניט לייקענען, אַז ניין.

די אויספאָרשונג פון די ניט־עקאָנאָמישע פאַקטאָרען איז אין דער מאַרקסיסטישער וויסענשאַפט בעהאַנדעלט געוואָרען ווי אַ שטיף־קינד. מען האָט זיך ניט אינטערעסירט ניט מיט זייער טבע, ניט מיט זייער ענטוויקעלונגס־גאַנג און ניט מיט דער אַרט, ווי זיי ווירקען אויף אַנדערע און ווי זיי ענטפערען אויף ווירקונגען פון דרויסען. אָט די וויכטיגע אויפגאַבע פון דעם מאַרקסיזם איז אין גאַנצען פערלאָזען געוואָרען, ווייל אין דעם רוב מאַרקסיסטישע קרייזען האָט מען נאָך ניט איינגעזעהן, וואָס פאַר אַ בעדייטונג אָט די פאַקטאָרען האָבען פאַר די ריכטיגע דורכפיהרונג פון דער מאַרקסיסטישער מעטהאָדע. גאַנץ להיפך צו מאַרקס׳ געדאַנקען האָט מען זיך איינגעשמועסט, אַז זייער ראָלע אין דער געשיכטע איז אַלע מאָל געווען זעהר אַ קליינע און פון אָט דעם איינגעשמועסטען רעזולטאַט האָט מען געצויגען דעם שלום, אַז זייער ראָלע איז אויף אייביג פער׳משפּט, צו בלייבען ניט קיין וויכטיגע. אַזאַ שלום אָבער איז גרונד־פאַלש. איידער מען אונטערזוכט די זאַך גענויער, טאָר מען איהם בשום אופן ניט אַרויסשטעלען. מיר האָבען אַ סך ביישפּיעלען פון קרעפטען, וואָס האָבען פריהער כמעט גאָר קיין מאַכט ניט געהאַט איבער׳ן לעבען און דערנאָך זיינען זיי אויסגעוואַקסען צו געוואַל־טיגע טרייבער פון דער ענטוויקעלונג. אויך די עלעקטרישע קראַפט, צ. ב., וועלכע דער מענש האָט ענטדעקט אין דעם בורשטין, איז אַמאָל געווען אַזוי שוואַך, אַז זי האָט קוים געקאָנט בעוועגען אַ קליין פּיצעלע שטרוי. איצטער טרייבט די עלעקטריציטעט די שווערסטע לאָקאָמאָטיוועז און וואַגאָנען. פאַר וואָס קאָן ניט געמאָלט זיין, אַז דער זעלבינער גורל זאָל פּאַסירען, צום ביישפּיעל, מיט דעם מאָראַלי־שען פאַקטאָר, וועלכען קויטסקי שלאָגט איראָניש פאַר אָנשטאָט דעם עקאָנאָמישען?

די מאָראַל איז איצטער זעהר אַ שוואַכע קראַפט, וועניגסטענס אין דעם טאָג־טעגליכען לעבען; זי איז אפשר ניט ביכולת זיך צו־

קעהרען דאָס לעבען אפילו אויף א האָר יווייט פון זיין איצטיגען גאַנג, אַקוראַט אזוי ווי די עלעקטריציטעט אין דעם ברוסטין איז ניט געווען אין שטאַנד א ריהר צו טהאָן פון אָרט אביסעל א שווע־רערען פיצעל שטרוי. אָבער די אָהנמאַכט פון דער מאָראַל, קאָן זיין, שטאַמט ניט פון דער שוואַכקייט, וואָס ליעגט אין דער טבע פון אָט דער ערשיינונג, נאָר אפשר דערפון, וואָס איהר מאַכט איז איצטער צושפּאָלטען, צוריסען אויף קליינע טראָפּענס, צושטרייט צווישען פערשיידענע יחידים און אין גאַנצען פּאַראַליזירט דורך פאַלשע מיינונגען. אָהן א בעשטימטען זאַמעל־פּונקט, אָהן א קלאָרען לייכ־טענדען סאָציאַל־פּאָליטישען אידעאַל ווערט די עטהישע ענערגיע פון די מאַסען צורונען אין קליינליכע מעשים פון דעם טאָג־טעגלי־כען לעבען, אין מיקראָסקאָפּישע הילף איינער דעם אַנדערן, אין דאָס רוב נוצלאָזע רחמנות צו איינעמס לײדען, בעת די אמת'ע געזעלשאַפטליכע סבה פון די [illegible]מיינע יסורים, וואָס האָט נעקאָגט אָבגעשאַפט ווערען ד[ור]ך די עטהישע אָנשטרענגונג פון די מאַסען, בלייבט באַ[illegible] זי אין גאַנצען פערבאָרגען.

די עטהישע ענערגיע פון די מאַסען [illegible] צורונען און אײַנ־געזויגט אין דעם זאַמד און אין דעם שטויב פון די טאָג־טעגליכע קליינליכקייטען. עס קאָן גרייליך זיין, אז אויב מען וואָלט [illegible] א מיטעל, ווי אזוי אָנצוזאַמלען די עטהישע [illegible] אין איין באַסיין, און ווי אזוי אָנצואָווענדען זי אויף איין איינציגען סאָציאַ־עטהישען ציעל, וואָלט איהר צוקינפטיגע מאַכט אויסגעזעהן גגבי איהר איצטיגער שוואַכקייט אַקוראַט אזוי, ווי די לייסטונגען פון די איצטיגע שטאַרקסטע דינאַמאָ־מאַשינען זעהען אוים לגבי יענער סוים בעמערקבאַרער בעוועגונגס־קראַפט, וואָס די עלעקטריציטעט האָט, בעת זי שטעקט אין א שטיקעל ברוסטין.

דאָס אייגענע קאָן מען אפשר אויך זאָגען בנוגע צו עסטהעטי־שע בעשטרעבונגען, וואָס לעבען אין דעם מענשען'ס נשמה (מיר דענקען דערביי וועגען די טהעאָריען און בעמיהונגען פון די עסטהע־טישע סאָציאַליסטען, ווי למשל ראָסקין און וואָלטער קרעין). איך וועל שוין דאָ ניט רעדען וועגען יענער נעשיכטליכער מאַכט, וואָס ליעגט אין די רעליגיעזע, פּאָליטישע און יורידישע אנשויאונגען, — א מאַכט וואָס ווערט פון קיינעם ניט געלייקענט. עטהיק, רעליגיאָן, פּאָליטיק, יוריספּרודענץ, עסטהעטיק, — דאָס זיינען אבער אלע,

פאָרמען פון פערשיידענע געשיכטליכע ענערגיען, וואו יעדע ענער־גיע האָט איהר אייגענע טבע. מען מוז זיי אַלע גענוי אויסשטודירען, איידער מען קאָן אַרויסגעפינען די טענדענץ פון זייער ענטוויקעלונג און די מאַכט, וועלכע זיי קאָנען בעקומען אין דער צוקונפט.

איידער אַזאַ אונטערזוכונג איז געמאַכט געוואָרען, קאָן וויסענ־שאַפטליך גאָר קיין רייד נים זיין וועגען זייער ווירקונג איינע אויף די אַנדערע און זייער וועקסעל־ווירקונג מיט דעם עקאָנאָמישען פּראָצעס. און פון דעסטוועגען נעהמט די מאַרקסיסטישע מעטהאָדע שוין איצטער די העזה אויף זיך פּאָראויסצוזאָגען אויף אַפריהער, וואָס עס מוז זיין דער רעזולטאַט פון יענעם צונויפגעפּלאָנ־טערטען קנויל פון קרעפטען, וואָס ווערט אָנגעטריבען פון דער עקאָנאָמישער ענטוויקעלונג, ווי די רעדער פון אַ זייגער ווערען אָנגעטריבען דורך זייער וואָג.

אָבער לאָמיר געהן נאָך ווייטער. לאָמיר מאַכען אַזאַ הנחה דעם מאַרקסיזם, וואָס נאָר אַ קופּערנער שטערן וואָלט זיך נים געשעהמט אָנצונעהמען אין ערנסט: לאָמיר אָנגעהמען, אַז בנוגע די אידעאָלאָגישע פאַקטאָרען שטעהט שוין די מאַרקסיסטישע וויסענשאַפט אויף יענער הויך, וועלכע זי האָט זיך אַליין אָבגע־מאָסטען. אפילו ווען מען זאָל אויך דאָס צוגעבען, בלייבט נאָך אויך יעמאָלט אַ גרויסע שאלה, אויב די מאַרקסיסטישע מעטהאָדע קאָן מיט איהר גאַנצער וויסענשאַפט אַראָברייסען דעם שלייער פון דער צוקונפט.

.6

מיר האָבען אַלץ גערעדט וועגען די דאגות, וואָס דער מאַרק־סיזם האָט אויסצושטעהן פון די ניט־עקאָנאָמישע פאַקטאָרען. וואָס טהוט זיך אָבער מיט דעם הויפּט־פאַקטאָר, מיט דעם עקאָנאָמישען פּראָצעס? איז מען שוין דאָ פּטור פון אַלע וויסענשאַפטליכע צרות? כמעט יעדער מאַרקסיסט גלויבט, אַז וואָס־וואָס, אָבער די בעוועגונגען פון יענער מאַך־ראָד, וואָס טרייבט אָן אַלע אַנדערע רעדער, קאָן מען אַלע מאָל אָוועקשטעלען אונטער דער וויסענשאַפט־ליכער קאָנטראָל. דאָס איז אָבער אַ גרויסער און שעדליכער טעות. גראָד אין דעם פּונקט ליעגט פערבאָרגען די ערגסטע צרה פאַר דער מאַרקסיסטישער מעטהאָדע: די ענטוויקעלונג און דעם גאַנג

דעם עקאָנאָמישען פּראָצעס איז בעצם נאָך שווערער צו בעשטימען, איידער די ענטוויקעלונג און דעם גאַנג פון אַ סך ניט־עקאָנאָמישע פּראָצעסען, און קיינער האָט דעם פּונקט אַזוי קלאָר ניט איינגעזעהן ווי דוקא ענגעלס אַליין.

אין זיין שטאַרק „אַפּיקורסישער" הקדמה צו מאַרקס' ווערק וועגען דעם קלאַסען־קאַמפּף אין פראַנקרייך, געפינען מיר אויך אַזעלכע מיני רייד:

„דעם קלאָרען איבערבליק איבער די עקאָנאָמישע געשיכטע פון אַ געגעבענעם פּעריאָד קאָן מען קיינמאָל ניט געווינען אין דערזעלביגער צייט, נאָר ערשט שפּעטער, ווען דער גאַנצער שטאָף איז צונויפגעזאַמעלט און דורכגעמוסטערט. די סטאַטיסטיק איז דאָ אַ נויטווענדיגער הילפסמיטעל און זי הינקט אַלע מאָל נאָך."[6]

וואָס לאָזט אונז הערען אַזאַ געדאַנק?

אַזאַ געדאַנק לאָזט אונז הערען אָהן אַ ברעקעל ספק, אַז די מאַרקסיסטישע מעטהאָדע קאָן זיין ניט מעהר ווי אַ מעטהאָדע אויף אויסצופאָרשען די פערגאַנגענהייט, אָבער בשום אופן ניט קיין מעטהאָדע אויף פאָראויסצוזעהן די צוקונפט. דער סטאַטיסטישער מאַטעריאַל, וועלכען איהר אונטערזוכט היינט, שפּיגעלט אָב אין אמת'ן נאָר יענע פּראָצעסען, וואָס האָבען זיך אָבגעשפּיעלט אַ סך פריהער און האָבען זיך שוין אפשר אין גאַנצען איבערגעביטען. און בעת איהר בויט אייער נבואה אויף דעם גרונד פון דער לעצטער סטאַטיסטיק, זיינען אפשר אין די טיעפסטע טיעפעניסען פון דעם פערבאָרגענעם עקאָנאָמישען לעבען אויסגעוואַקסען אַזוינע בעדינגונגען, וועמעס וויי‍טערע ענטוויקעלונג עס וועט לגמרי מאַכען אונמעגליך, אייער נבואה זאָל ווען עס איז מקוים ווערען. איהר זעהט זיי נאָך ניט, ווייל די סטאַטיסטיק

---

6) קאַרל מאַרקס: די קלאַסען־קעמפּפע אין פראַנקרייך (1895), ...זונג, זייטע 3.

„הינקט" און קאָן קיינמאָל ניט אָניאָגען דעםווירקליכען צושטאַנד פון דעם עקאָנאָמישען פּראָצעס.

דאָס שוואַכט ניט אָב די מאַכט פון דעם מאַרקסיזם, ווי אַ מעטהאָדע פון היסטאָרישע אונטערזוכונגען. ווען דער סאָציאַליזם וועט אי"ה מקוים ווערען און אַלע סטאַטיסטיקען פון דער פריהער־דיגער צייט וועלען זיין געזאַמעלט און דורכגעמוסטערט, וועלען די מאַרקסיסטען פון דער צוקונפט — אויב עס וועלען נאָך זיין אַזעלכע — האָבען אַ רעכט צָנצוּאַוועדען זייער מעטהאָדע אויף דער פ ע ר ג אַ נ ג ע נ ה י י ט, און אויב זי וועט שטעהן אויף יענער הויך, וועלכע מיר האָבען אויבען געשילדערט, וועלען זיי אפשר קאָנען ארויסברענגען, פאַר וואָס עס האָט פון דעם עקאָנאָמי־שען פּראָצעס ג ע מ ו ז ט ארויסוואַקסען אַ סאָציאַליזם.

ביז צו יענער צייט אָבער מוזען זיי זיך איבערהויפּט אָבזאָגען פון אַ וועלכער עס איז סאָציאַלער נביאות. אז ניט, קאָנען זיי בע־קומען גאָר אַ מיאוס'ען פּאַטש אין פּנים פון יענע וויכטיגע עקאָנאָ־מישע ערשיינונגען, וואָס ווירקען, לויט ענגעלס, „דאָס רוב אַ לאַנגע צייט פערבאָרגענערהייט, איידער זיי בעווייזען זיך פּלוצלונג און געוואַלטזאַם אויף דער אויבערפלעך".7)

על כל פּנים מוז מען צוגעבען, אַז די מאַרקסיסטישע מעטהאָדע קאָן ניט בעווייזען אַבסאָלוט זיכער און וויסענשאַפטליך, אַז אַ סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט מ ו ז ארייננטרעטען אין לעבען. אויב אָבער עס פעהלט אַזאַ אַבסאָלוטע זיכערהייט, איז זעהר שווער צו גלויבען, אַז איינער זאָל זיך אָבזאָגען פון זיינע פּראַקטישע א י ד ע א ל ע ן און נעהמען אָנשטאָט זיי ניט בעוויזענע, אָפּט־מאָל ניט פערפלאָנטערטע וויסענשאַפטליכע היפּאָטעזען. ער וועט עס ניט טהאָן, אפילו ווען קויטסקי זאָל טויזענד מאָל מעהר שפּאָ־טען פון איהם און מיט גרוים גדלות אָנרופען זיינע אידעאַלען „פרומע וואונשען".

מיר דוכט, אַז קויטסקי אַליין האָט שוין אויך פערלאָרען דעם עלזען־פעסטען גלויבען אין דער אַבסאָלוטער געוויסהייט פון דער מאַרקסיסטישער מעטהאָדע. וואָלט ביי איהם נאָך קיין ברעקעל

7) דאָרטען גופא.

ספק ניט זיין אין איהר, יעמאָלט וואָלט ער ניט דערקלעהרט, אַז ער איז מרוצה אָבצוזאָגען זיך פון דער טהעאָריע, וואָס זאָיז בעגרינדעט געוואָרען אינ׳ם „קאַפּיטאַל״, וויבאַלד אַ וועלכע עס איז אַנדערע געשיכטס־פילאָסאָפישע לעהרע וועט בעווייזען, אַז די ענטוויקעלונג פון דער איצטיגער געזעלשאַפט מוז אַרויסברענגען פון זיך די פער־ווירקליכונג פונ׳ם סאָציאַליסטישען ענד־ציעל. איהם אַרט ניט, אויב די נייע לעהרע וועט איהר גרונד־געדאַנק שטיצען אויף דעם אַנאַליז פון אַנדערע, ניט־עקאָנאָמישע פאַקטאָרען, — לאָז זיין עטהישע.

עס וואָלט ניט שווער געווען קלאָר צו מאַכען קויטסקי׳ן, אַז אַזאַ ענד־ציעל טהעאָריע, ווי ער פערלאַנגט פון דעם געגנער, איז גאָר ניט אַזאַ אונמעגליכע זאַך, ווי איהם דוכט זיך עס, אפשר, אויף דעם ערשטען בליק. אויב די אַרויסשטעלונג פון אונזער ענד־ציעל און זיין טהעאָרעטישע בעגרינדונג דאַרפען מיר איבערהויפּט זוכען אין דער געשיכטס־פילאָסאָפיע, וואָלט, כלעבען, גאָר ניט געווען אַזוי שווער אויסצוקלייבען אַ וועלכען עס איז געשיכטס־פילאָסאָ־פישען פּרינציפּ און צופּאַסען איהם צו אונזערע צוועקען. פאַר די, וואָס האָבען אַ לוסט צו בויען אַזעלכע געשיכטס־פילאָסאָפישע בנינים, קאָנען מיר שוין איצטער געבען אַן עצה, זיי זאָלען אמאָל אַ פּרוב טהאָן זייער גליק מיט יענעם פּרינציפּ, וועלכען באָקל האָט פאָרגעשלאָגען אין זיין „געשיכטע פון דער ציוויליזאַציאָן אין ענגלאַנד״.

דער פּרינציפּ איז — דאָס אָנזאַמלען און פערטהיילען פון קענטעניס און וויסען. די ראָלע פון אָט דעם דאָזיגען פאַקטאָר אין דער געשיכטע איז דאָך גאָר נישקשה׳דיג בעוויזען געוואָרען אין באָקל׳ס איבערנדערמאָנטען ווערק. אמת, דער סאָציאַל־פּאָליטישער גרונד־געדאַנק איז ביי באָקל׳ען ניט קיין סאָציאַליסטישער, נאָר אַ ליבעראַלער; אויך איז די פילאָסאָפישע זייט פון זיין אַרבייט אַרויס־געקומען ניט גאָר „מאָניסטיש״. אָבער צו די חסרונות קאָן מען געפינען אַ תרופה. מען קאָן דעם „באָקליזם״ אויפבויען אויף אַן אידעאַליסטישען פילאָסאָפישען פונדאַמענט, וואָס זאָל אַריינגעה־מען אין זיך דעם גלויבען אין אַ „וועלט־נשמה״, לאָז זיין אין דער פאָרם, ווי עס האָט געגלויבט אין איהר אַזאַ נאַטור־פאָרשער ווי העכנער. דאָס געהט, אמת, להיפך צו יענע אינדוקטיווע מעטהאָדען

און שטרענגע פאָדערונגען, וועלכע די ענגלישע דענקער און פאָרשער האָבען אריינגעטראָגען אין דער נאַטור־וויסענשאַפט. אָבער פאַר אַ מאַרקסיסט טאָר דאָס, כלעבען, ניט זיין קיין מניעה: זאָגט דאָך ענגעלס, אַז די ענגלישע ריכטונג אין דער וויסענשאַפט איז אַ „בעגרעניצטע דענק־מעטהאָדע".

די פעכנערשע „וועלט־זעעלע" וועלען מיר בעשענקען מיט אַ שטאַרקען דראַנג אָנצוזאַמלען און צו פערשפרייטען וויסען. פריהער, אין דער טויטער נאַטור, הערשט דער דראַנג אונבעוואוסט, שפעטער ווערט ער אַלץ מעהר און מעהר בעוואוסטזיניג, ביז ער רייסט זיך ארויס אין דער מענשליכער געשיכטע, ווי אַ קלאָרער און דייטליכער ציעל.

אַזאַ היפּאָטעזע וואָלט אוועקגעשטעלט די גאַנצע ביאָלאָגישע ענטוויקעלונג גאָר אין אַ נייעם שיין, און דער דאַרוויניזם וואָלט פערלאָרען זיין ריין מעכאַנישען כאַראַקטער. די אָרגאַניזמען ענטוויקלען זיך און פערבעסערען זייער בוי, כדי אַרויסצוברענגען אַ שטאַרקערען און גרעסערען מאַרך, וואָס זאָל קאָנען אריינצונעהמען אין זיך אַלץ מעהר און מעהר מאַטעריאַלען פון דרויסען און איבעראַרבייטען עס אין אַלץ מעהר און מעהר נייע קענטעניסען. אויך אין דעם געזעלשאַפטליכען לעבען וואָלט מען געקאָנט בעווייזען די זעלביגע הערשענדע גרונד־טענדענץ; מען וואָלט די פערשיידענע געזעלשאַפטס־פאָרמען געקאָנט, אין איינעם מיט מאַרקס'ן, בעטראַכטען ווי זעלבסטשטענדיגע אָרגאַניזמען, וואָס בייטען אָב איינע די אַנדערע, לויט דער ראָלע, וועלכע זיי דאַרפען שפיעלען אין דעם פראָצעס פון אָנזאַמלען און פערשפרייטען וויסענשאַפט. די עלטערע געזעלשאַפטס־פאָרמען, געבויט אויף דעם יסוד פון שקלאַווערייַ און לייבאייגענשאַפט, האָבען „בעשיינפערליך" געהאַט דעם צוועק צו בעשאַפען אַ גייסטיגע אַריסטאָקראַטיע, וואָס זאָל קאָנען אָנזאַמלען קענטענעס אין אַלע צווייגען פון דער קולטור. די מאָדערנע קאַפּיטאַליסטישע און דעמאָקראַטישע פאָרמען האָבען, גאַנץ זיכער, דעם צוועק אויסצואַרבייטען אַ פראָלעטאַריאַט, ד. ה., אַזאַ מאַסע פון דער בעפעלקערונג, וואָס איז, לויט איהר לאַגע, מסוגל אריינצונעהמען אין זיך די רעזולטאַטען פון דעם אָנגעזאַמעלטען מענשליכען וויסען. וואָס מעהר דער קאַפּיטאַליזם ענטוויקעלט זיך און וואָס מעהר עס וואַקסט דער פראָלעטאַריאַט; וואָס שטאַרקער עס ווערט זיין מאַכט און וואָס בעסער זיין עקאָנאָמישע לאַגע, אַלץ מעה־

וויסענשאַפט ווערט פערשפּרייט צווישען די גרויסע מאַסען. סוף כל סוף מוז קומען א מאָמענט, ווען „מלאה הארץ דעה כמים לים מכסים" — די גאַנצע וועלט וועט ווערען פול מיט וויסענשאַפט. נאַטור־וויסענשאַפט, מאָראַל־פילאָסאָפיע, סאָציאָלאָגיע און פּאָליטישע עקאָנאָמיע ווערען יעמאָלט די טעגליכע גייסטיגע שפּייז פון די ארבייטענדע מאַסען, פון דער מאַיאָריטעט; זי פערשטעהט די אורזאַכען פון איהר שקלאַווערייט און פערשטעהט די וועגען, וואָס פיהרען צו בעפרייאונג... יעמאָלט מוז „ממילא" פערווירקליכט ווערען דער סאָציאַליזם.

די געזעלשאַפט „מוז" איבערגעהן צום סאָציאַליזם אויף דער־פאַר, ווייל ער איז א „סינטעז" פון די צוויי פריהערדיגע עפּאָכען: דער אריסטאָקראַטישער, — וואָס האָט בעשאַפען די יסודות, ווי אזוי אָנצוזאַמלען וויסענשאַפט, — און דער דעמאָקראַטישער, וואָס האָט אויסגעאַרבייט די וועגען, ווי אזוי צו פערשפּרייטען קענטעניס. אין דעם סאָציאַליזם וועט איבערער מקוים ווערען דער ציעל, צו וועלכען די וועלט־נשמה שטרעבט: ער איז א געזעלשאַפטס־פאָרם, אין וועלכער די אידעאַלען פון אָנזאַמלען וויסענשאַפט קאָנען געהן האַנד אין האַנד מיט דעם אידעאַל פון פערשפּרייטען זי צווישען די מאַסען.

און אויך דאָס פערשטעהט זיך ממילא, אז מיר טאָרען די נאָר־וואָס אויסגעפיהרטע גרונד־געדאַנקען ניט אריינ'פּלפּול'ען אין נאַטור און געשיכטע, נאָר ארויסגעפינען זיי אין דער אָביעקטיווער וועלט. דערצו דאַרף מען אויך ניט זיין קיין גרויסער בשוף־מאַכער: מיט דער זעלביגער „שטרענגער וויסענשאַפטליכקייט", מיט וועלכער ענגעלס און מאַרקס האָבען אויסגעפונען די העגעל'שע דיאַלעקטיק אין נאַטור און קולטור, קאָן מען דאַרטען ענטדעקען אויך אונזער באָקל־פּעכנערשע געשיכטס־פילאָסאָפיע...

אזא סאָציאַליסטישע געשיכטס־פילאָסאָפיע איז ניט די איינ־ציגע, וואָס א שאַפונגס־לוסטיגער קאָפּ קאָן אויסטראַכטען ביי זיך אין שטודיר־צימער און דערנאָך, צו זיין אייגענעם וואונדער, ענטדעקען אין דער אָביעקטיווער וועלט. אזעלכע מוסטערן, ווי דער אויבען אָנגעפיהרטער, נעהמען מיר זיך אָן צונויפצושטעלען טוצענד־ווייז, אין יעדער גרוים און אין יעדער פאַרב...

איין זאַך איז אָבער קלאָר: כדי עס זאָל אויף דעם פעלד פון

סאָציאַליסטישע געשיכטס־פילאָסאָפיע בעשאַפען ווערען עפּעס נייעס, מוז מען פריהער פאַר אַלץ אָראָבטראָגען דאָס אַלטע. און אויב קויטסקי איז מודה, אַז אַ ניט־מאַרקסיסטישע געשיכטס־פילאָסאָפיע קאָן אונטער געוויסע בעדינגונגען אקוראַט אַזוי גוט דיענען דעם סאָציאַליסטישען ענד־ציעל, ווי דער מאַרקסיזם, מוז ער דורך דעם גופא מסכים זיין מיט יענע בעשטרעבונגען, וואָס ווילען בעפרייען דעם באָדען פון אַלע אַלטע געביידען, כדי אויף זייער אָרט אויפצו־בויען אַ שעהנערען, אינטערעסאַנטערען געשיכטס־פילאָסאָפישען טעמפעל...

מיר ווילען דאָ מיט אונזערע רייד בשום אופן ניט צוגעבען קיין חשק צו נייע געשיכטס־פילאָסאָפישע בנינים, וואָס זאָלען פער־נעהמען דעם פּלאַץ פונ׳ם מאַרקסיזם. אונזער ציעל איז אדרבא קלאָר צו מאַכען, אַז י ע ד ע ענד־ציעל טהעאָריע, וואָס זוכט איהר בעגרינדונג אין דער געשיכטס־פילאָסאָפיע (אַלץ איינס פון וואָס פאַר אַ פאַרב) איז אין דער איצטיגער צייט ניט מעהר ווי — אַ „פרומער וואונש", און אַז אָט דער „פרומער וואונש" האָט נאָר ביי זעהר לייכטזיניגע פאַרשער געקאָנט ווערען דער פאָטער פון דעם אָפּטימיסטישען געדאַנק, אַז ער איז שוין מקוים געוואָרען אין אַ וועלכען עס איז געשיכטס־פילאָסאָפישען סיסטעם.

די ענטוויקעלונג פון דער איצטיגער געשיכטס־וויסענשאַפט געפינט זי נאָך, ווי אונז דוכט זיך, אין איהרע קינדער־יאָהרען, וועלכע מען קאָן מיט רעכט אָנרופען די א ו ט אָ פ י ס ט י ש ע. דער כאַראַקטעריסטישער שטריך פון דעם אוטאָפּיזם בעשטעהט, ווי ס׳איז בעקאַנט, אין דעם, וואָס ער וויל, ווי אַ קינד, ניט מאַכען קיין חלוק צווישען „ווינשבאַר" און „מעגליך". אַלץ וואָס פאַר איהם איז ווינשבאַר איז ממילא שוין אויך מעגליך. דער אוטאָפּיזם רע־כענט זיך ניט מיט די קרעפטען, וואָס בעהערשען די ענטוויקעלונג פון דעם געזעלשאַפטליכען לעבען, און מיט די נויטווענדיגע שטופען פון דער ענטוויקעלונג. עס איז ביי איהם רעכט, מען זאָל קאָנען מיט אַמאָל אַריבערשפּרינגען אַלע שטופען פון דעם נאַטירליכען וואַקס־טום, און אַז אַ פאָלק, וואָס האָט נאָך נעכטען פראַקטיצירט מענשען־פרעסעריי, זאָל אויף מאָרגען קאָנען איבערגעהן צו דעם קאָמוניס־טישען אַנאַרכיזם, — אַ זאַך וואָס איז אַקוראַט אַזוי אונדענקבאַר, ווי אַז אַ קינד, וואָס האָט ערשט נעכטען זיך אויסגעלערענט אַלף־

בית, זאָל אויף מאָרגען האַלטען עקזאַמען אויף א מעדיציניִשען דיפּלאָם. דער אוטאָפּיזם וויל גאָר נישט וויסען פון א נאַטירליכען ענטוויקעלונגס־גאַנג, וועלכען אויך מיר לייקענען בשום אופן ניט אָב. מיר לייקענען נאָר די מעגליכקייט אויסצוגעפינען אַט דעם נאַטירליכען גאַנג אין דער מענשליכער געשיכטע, און אויף אַלע לייכט־גלויביגע געשיכטס־פילאָסאָפען, די מאַרקסיסטען ניט אויסגעשלאָסען, קוקען מיר דעריבער, ווי אויף אמת'ע, ריין־בלוטיגע אוטאָפּיסטען... אין דער וויסענשאַפט.

ווי די אוטאָפּיסטען, זעהען זיי ניט די נפקא מינה פון „ווינשבאַר" און מעגליך" אין וויסענשאַפטליכע ענינים; זיי שרייבען פאַר דער וויסענשאַפט אַזעלכע ציעלען, וואָס פּאַסען זעהר גוט צו זייערע וואונשען, אָבער זיינען לחלוטין ניט אַנגעמאָסטען צו יענע אָביעקטיווע מעגליכקייטען, וואָס הערשען אין דער היסטאָרישער פאָרשונג. זיי פערלירען אויס'ן אויג דעם פאַקט, אַז אויך די וויסענשאַפטליכע פאָרשונג איז, ווי יעדער צווייג פון דער מענשליכער קולטור — און אפשר נאָך מעהר, איידער אַלע אַנדערע צווייגען — אונטערגעוואָרפען אונטער דער שליטה פון א לאַנגזאַמע עוואָלוציאָן.

אין דער געשיכטע פון דער וויסענשאַפט געפינען מיר די זעלביגע פעריאָדען, וועלכע עס בעווייזען זיך אויף אַלע אַנדערע געביעטען פון דעם געזעלשאַפטליכען לעבען: אין דער יוריספּרודענץ, דער רעליגיאָן, דעם עקאָנאָמישען פּראָצעס, אין די פּאָליטישע פערפאַסונגען א. אז. וו. מיר האָבען אין דער וויסענשאַפט פעריאָדען פון שטילשטאַנד און פון פאָרטשריט; פון רעאַקציאָן און פון הילפלאָזען ארומאירען. די וויסענשאַפט האָט איהרע שטורעמדיגע רעוואָלוציאָנס־יאָהרען, וואָס צושטערען פון גרונד־אויס א סך הערשענדע יסודות, ווי עס זיינען צושטערט געוואָרען אין איהר די טהעאָלאָגישע און מעטאַפיזישע פאָרשונגס־ציעלען און פאָרשונגס־מעטהאָדען. זי האָט איהרע „קריטישע" און „אָרגאַנישע" צייטען, זי ווייזט אויף א געזעצמעסיגען סדר אין איהר וואַקסען, (א נאַטירליכען גאַנג פון פאַסירונגען), וואָס לאָזט ניט צו, אז א געדאַנק זאָל אין איהר מקוים ווערען, איידער עס איז געקומען זיין צייט. נעהמט צום ביישפּיעל קאָפּערניק'ס ענטדעקונג. דער געדאַנק, אז די זון שטעהט און די ערד דרעהט זיך ארום איהר, איז שוין אַרויסגעזאָגט

געוואָרען אין דער גריעכישער פילאָסאָפיע לאַנג־לאַנג, איידער קאָפּערניק. אָבער אין דער וויסענשאַפט האָט ער זיך געקאָנט פער־ווירקליכען ערשט צו אַ גאַנץ בעשטימטער היסטאָרישער צייט. אָדער נעהמט די ערשיינונגען פון היפּנאָטיזם, וואָס זיינען אויך שוין פון לאַנג אָן בעקאַנט געווען. די וויסענשאַפט האָט זיי אַ לאַנגע צייט געמוזט אָוועקמאַכען כלאחר יד און אפשר אין גאַנצען אָבלייקענען, ביז עס איז געקומען די צייט, ווען דער מענשליכער געדאַנק האָט געפונען אַ וועג, ווי אַזוי ערנסט צו בעהאַנדלען זיי.

און ווי יעדער צווייג פון דער מענשליכער טהעטיגקייט, האָט די וויסענשאַפט, אין איהרע יוגענד־יאָהרען, אויך איהרע אייגענע **אוטאָפּיען!** זי איז אַלע מאָל אוטאָפּיש, ווען זי יאָגט זיך נאָך ציעלען, וואָס זיינען ניט צוגעפּאַסט צו איהר „מאַטעריעלען יסוד“, ד. ה., צו דעם צושטאַנד פון דעם אָנגעזאַמעלטען פאַקטישען מאַטעריאַל. נאָך מעהר: די וויסענשאַפט האָט איהרע **אילוזיעס**, ווען זי שטעלט זיך אַוועק אַזעלכע ציעלען, וואָס זעהען אויס אַזוי קלאָר און דייטליך, וואָס זיינען אָבער אין דער אמת'ן אָדער קיינמאָל ניט דערגרייכבאַר, אָדער לפּחות ניט דערגרייכבאַר פאַר לאַנגע און לאַנגע דורות. די קוואַדראַטור פון דעם צירקעל, דער לעבענס־עלעקסיר און דאָס פּערפּעטואום מאָבילע, וואָס האָבען אין זייער צייט צוגעצויגען צו זיך די מוחות פון די בעסטע פאָרשער, האָבען זיך דערנאָך ארויסגעוויזען ווי ריינע אילוזיעס.

און איז זי ניט געווען אַ וויסענשאַפטליכע אילוזיע, די **אַסטראָלאָגיע**, יענע ליעבלינגס־וויסענשאַפט פון דער רענעסאַנס־צייט, וואָס האָט יעדע מענשליכע טהעטיגקייט בעטראַכט ווי אַ פּועל־יוצא פון דעם שטערען־גאַנג אויפ'ן הימעל און האָט דערייבער געהאָפט „וויסענשאַפטליך“ דורך די „האָראָסקאָפּישע מעטהאָדע“ אויסצוגעפינען דעם צוקינפטיגען גורל ניט נאָר פון איינצעלנע אינדיווידוען, נאָר אויך פון שטאַאַטען און רעליגיאָנען? איז אָבער די אַסטראָלאָגיע אין איהר צייט ניט געווען אַ קלאָרער און דייטליכער ציעל?

די וויסענשאַפטליכע געשיכטס־פאָרשונג האַלט נאָך גאָר אין אָנהויב פון איהר ענטוויקלונג. זי מוז נאָך ערשט צונויפזוכען איהר מאַטעריאַל, און יעדען נייעם ציגעל, וואָס זי בעקומט, מוז זי קריטיש בעטראַכטען, צי ער טויג צו איהר בנין. זי מוז נאָך אַ סך מאָל

אויספּרובירען און ווידער דורכזעהן איהרע ארבייטס־מעטהאָדען, ביז מען וועט קאָנען זיך אָבשטעלען אויף די פּאַסענדסטע. שוין איצטער פערלאַנגען פון איהר, אַז זי זאָל אין פאָראויס בעשטימען יענע פאָרמען פון דעם געזעלשאַפטליכען לעבען, וואָס וועלען אָבבייטען די איצט־הערשענדע; אפילו ווען מען זאָל פון איהר פאָדערן, זי זאָל אונז אַנטפּלעקען מעהר נישט ווי דעם גרונד־פּרינציפּ, וואָס אויף איהם וועלען זיין אויפגעבויט די צוקינפטיגע פאָרמען פון דעם געזעלשאַפטליכען לעבען, וואָלט געהייסען ניט קיין אַנדער זאַך, ווי צווינגען די וויסענשאַפט, זי זאָל זיך נאָכיאָגען נאָך אַן א ו ט אָ פּ י ע. קויטסקי׳ס „ענטוועדער־אָדער" מאַכט אונז דעם ליעבענסוויהדיגען פאָרשלאַג, מיר זאָלען אָנשטאָט דעם צונויפפאָלענדען מאַרקסיזם אַרויסטרעטען מיט אַן אַנדערער, אַ בעסערער געשיכטס־פילאָסאָפיע און זי מאַכען פאַר דעם יסוד פון דעם וויסענשאַפטליכען סאָציאַליזם. מיר מוזען זיין ליעבענסווירדיגען פאָרשלאַג אָבשיקען צוריק, פּשוט מחמת דעם איינציגען גרונד, וואָס ער איז דורך־און־דורך א ו ט אָ פּ י ס ט י ש.

עס בלייבט אונז נאָך איבעריג אָבצושטעלען זיך בקיצר אויף דער אַנדערער זייט פון קויטסקי׳ס „ממה נפשך", מיט וועלכער ער וויל אויף אונז אַרויפוואַרפען אַן אימה ופחד דערפאַר, וואָס מיר האָבען דעם מוטה צו זעהן אין דעם סאָציאַליזם ניט מעהר און ניט ווייניגער ווי ... אַס, וואָס ער איז באמת: אַ צוקונפטס־אידעאַל, אַרויסגעוואַקסען פון די לעבענס־נויטען פון דער געגענוואַרט.

קויטסקי פערבייט דאָס וואָרט „אידעאַל" אויף אַ שפּאָט־וואָרט: „פרומער וואונש" און פערזיכערט, אַז אויב מיר וועלען אָנהויבען גלויבען אין אידעאַלען, וועט יעמאָלט פערשווינדען „יעדע מעגליכקייט צו בעהאַנדלען וויסענשאַפטליך די גרויסע פּראָבלעמען פון אונזער צייט און ממילא אויך די מעגליכקייט פון אַ וויסענשאַפטליכען סאָציאַליזם".

קודם־כל לאָמיר אַוועקוואַרפען דאָס שעהן־קלינגענדע וואָרט „אידעאַל" און דאָס מיאוס גריַלצענדע וואָרט „פרומער וואונש" און אָנווענדען אָנשטאָט זיי דעם גלייכגילטיגען בעגריף: „ציעל" אָדער „צוועק". די שאלה איז יעמאָלט: איז דאָס באמת ריכטיג, אַז בעת מיר שטעלען אַוועק פאַר אונזער טהעטיגקייט געוויסע ציעלען, מוז פערשווינדען די מעגליכקייט, וויסענשאַפטליך צו בעגרינדען זיי, ווי

נאר מיר זאגען זיך אב פון די געשיכטס-פילאסאפישע אוטאפיעס און אילוזיעס?

אט איז אן ארצט. איז ער נאר יעמאלט א וויסענשאפטליכער ארצט, ווען ער קאן מיט אבסאלוטער זיכערהייט זאגען, אז זיין פאציענט מוז אונטער אלע אומשטענדען געזונד ווערען? יעדער איינער פערשטעהט, אז אין דעם בעסטען פאל קאן דער ארצט נאר מאכען אזא פראגנאז: אויב זיין פאציענט וועט פאלגען וואס די מעדיצינישע וויסענשאפט פערשרייבט, וועט יעמאלט זיין ציעל דערגרייכט ווערען: ער וועט ווערען געזונד. דער דאקטאר קאן אבער ניט נעהמען אויף זיך די וויסענשאפטליכע אחריות פארויסצוזאגען, צי דער פאציענט וועט איהם פאלגען אדער ניט. דער דאקטאר שרייבט איהם, למשל, פאר, ער זאל ארויספאהרען פון דעם קאלטען צפון-קלימאט אין א ווארעמע, מילדע און טרוקענע דרום-געגענד. מוז ער נאך דערצו, כדי צו זיין „וויסענשאפטליך", אויסרעכענען אויף קלאר, א דאנק וועלכע געזעצען דער פאציענט וועט האבען די מיטלען און דעם ווילען צו אזא נסיעה? געוויס ניט! און פונדעסטוועגען וועט קיינער ניט מאכען דעם דאקטאר דעם פארוואורף, אז ער האט זיין פראבלעם ניט וויסענשאפטליך בעהאנדעלט, פשוט דערפאר, ווייל אזעלכע נביאות ליגען ניט אין די גרענעצען און אין דער מעגליכקייט פון דער מעדיצינישער וויסענשאפט.

און אט האט איהר אן אינזשיניער. ער האט על פי שטרענגע מאטעמאטיק, מעכאניק און פיזיק (דוכט זיך: רעכט סאלידע וויסענשאפטען) אויסגעארבייט א פלאן פון א נייעם הענגענדען בריק איבער'ן וואסער און האט איבערגעגעבען זיין פראיעקט צו דער שטאדט-פערוואלטונג, זי זאל בעשטימען זיין גורל. מוז אויך דער אינזשעניער, איידער ער גיט ארויין דעם פלאן, וויסענשאפטליך, לויט דער געשיכטס-פילאסאפישער מעטהאדע, אויסרעכענען אויף געוויס און מאטעמאטיש בעווייזען, אז די שטאדט-פאטערס וועלען אויסבראקירען אלע אנדערע פלענער און אננעהמען נאר זיינעם? קאן מען זיין ארבייט אנרופען אוטאפיסטיש נאר דערפאר, ווייל עס איהר פעלט אט דער געשיכטס-פילאסאפישער פונדאמענט? פערדיענען זיינע ריין-וויסענשאפטליכע, מאטעמאטישע און מעכאנישע אויסרעכענונגען דעם נאמען „פרומער וואונש"?

אויף קיין פעלד פון דער מענשליכער פראקטישער ארבייט,

וואָס בעדיענט זיך מיט דער וויסענשאַפט, ווערט פון איהר ניט פערלאַנגט, זי זאָל אויפגעבויט ווערן אויף אַ געשיכטס־פילאָסאָפישען יסוד. נאָר אויף דעם פעלד פון דער סאָציאַלער פּראַקטיק, וואו די ערשיינונגען זיינען אַזוי פערבלאָנטערט, אַזוי שווער אונטערצובויגען אונטער דעם יאָך פון וויסענשאַפטליכער בעהאַנדלונג, זאָל די געשיכטס־פילאָסאָפיע, די אייביגע פאַנטאַזיאָרין, זיין דער לעצטער ריכטער אין ריין־וויסענשאַפטליכע פראַגען!

דער סאָציאַליזם האָט גענוג וויסענשאַפטליכע אויפגאַבען ביי זיך אין דער היים, ער זאָל ניט דאַרפען זוכען אַ וויסענשאַפטליכע בעגרינדונג אויף דעם איהם פרעמדען פעלד פון דער געשיכטס־פילאָסאָפיע.

קודם כל איז דער סאָציאַליזם אַ בעשטימטער ציעל, אַ ענדציעל, צו וועלכען עס מוזען צוגעפּאַסט ווערן אַלע סאָציאַליסטישע אַרבייטען. וויסענשאַפטליך בעטראַכט, זענען די אַרבייטען אַן אורזאַך און דער סאָציאַליזם אַ פּועל־יוצא, אַ ווירקונג, וואָס מוז אַרויסשפּרינגען פון דער אורזאַך. אָבער אומעטום וואו מיר האָבען אורזאַך און ווירקונג, האָבען מיר אַ וויסענשאַפטליכע פּראָבלעם. פאַר אונז: פון וועלכע סאָציאַליסטישע אַרבייטען קאָן אַרויסוואַקסען אַ סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט? דאָס איז אַ סאָציאָלאָגישע פראַגע, וואָס האָט ניט צו טהאָן מיט דער געשיכטס־פילאָסאָפיע.

דער סאָציאַליזם, אַ בעשטימטער ציעל אין דעם געזעלשאַפטליכען לעבען, וויל פערטרייבען איין געזעלשאַפטס־פאָרם און איינפיהרען אָנשטאָט איהר אַן אַנדערע. זיין ווילען בעגרינדעט ער מיט דעם אָנווייז אויף יענע שאָדענס, וואָס וואַקסען אַרויס פון דער הערשענדער געזעלשאַפטס־אָרדנונג. פאַר דעם סאָציאַליזם איז דעריבער אַ חוב וויסענשאַפטליך צו בעווייזען, אַז די שאָדענס, וואָס ער געפינט אויס, וואַקסען באמת אַרויס פון דער הערשענדער געזעלשאַפטס־פאָרם און אַז איהרע גרונדלאַגען מוז מען אָבשאַפען, אויב מען וויל פּטור ווערען פון די שאָדענס. די דאָזיגע אַרבייט האָט דער סאָציאַליזם שוין גענומען אויף זיך. זי איז אָבער אַוועקגעשטופּט געוואָרען אויפ'ן הינטערשטען פּלאַן, ווי נאָר דער מאַרקסיזם איז געוואָרען דער בעל־הבית אויף דעם סאָציאַליסטישען דענקען.

דער סאָציאַליזם זאָגט ווייטער, אַז אויב זיין געזעלשאַפטס־אָרדנונג וועט אַריינגעפיהרט ווערען אין לעבען, וועלען זיך בע־וויזען נייע ערשיינונגען, וואָס קאָנען איצטער ניט אויפקומען: מענשען וועלען ווערען בעסער, קליגער, וועלען האָבען אריכת ימים ושנים א. ד. גל. ס'איז ווידער זיין וויסענשאַפטליכע פליכט צו בעוויזען דאָס. ביז אַהער האָט ער דאָס נאָר אויסגעמאָלט אין פערשיידענע אוטאָפּיסטישע סיסטעמען. וויסענשאַפטליך גענומען, האָבען די אוטאָפּיסטישע סיסטעמען געוויס זעהר א גרויסען ווערט: זיי זענען אין תוך אַריין ניט קיין אַנדער זאַך, ווי וויסענשאַפטליכע היפּאָטעזען, אַרויסגעזאָגט אין דער פאָרם פון קינסטלערישע קליין־מאָלעריי. היפּאָטעזען זענען אָבער פּראַגען. אויף די קלוגע און טיעפע פראַגען, וועלכע דער אוטאָפּיסטישער סאָציאַליזם האָט אַוועקגעשטעלט, דאַרף דער וויסענשאַפטליכער סאָציאַליזם געבען אַ קלאָרען, סאָליד־איינגעפונדעוועטען סאָציאָלאָגישען ענטפער.

די איצטיגע בורזשואַ־וויסענשאַפט טענה'ט אנטקעגען דעם סאָציאַליזם, אַז ער קאָן ניט דורכגעפיהרט ווערען; אַז אויב ער וועט דורכגעפיהרט ווערען, וועט ער זיך לאַנג ניט האַלטען, און אַז ער געהט להיפך צו דער מענשליכער נאַטור. דער וויסענשאַפטליכער סאָציאַליזם האָט די אויפגאַבע סאָציאָלאָגיש דורכצומוסטערען אָט די אַלע טענות, אויפצודעקען זייערע וויסענשאַפטליכע טעות'ן און קלאָר צו מאַכען דעם ענין, פאַר וואָס מען מאָג זיין זיכער, אַז אַ סאָציאַליסטישע געזעלשאַפטס־אָרדנונג קאָן דורכגעפיהרט ווערען, קאָן לאַנג אָנהאַלטען און פאַר וואָס אין איהר איז ניטאָ קיין ברע־קעל סתירה ניט צו דער מענשליכער נאַטור און ניט צו דעם פּראָגרעס פון דער געזעלשאַפט.

עס איז געוויס זעהר לייכט אַראָבצוואַרפען פון די אַקסלען די אַלע אויפגאַבען, ווי נאָר מען הויבט אָן צו גלויבען אין דער אילוזיע, אַז אַ סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט מוז פערווירקליכט ווערען, אַלץ איינס, צי דער סאָציאַליסטישער געדאַנק קאָן פער־ענטפערען אַלע אויבען אויפגעשטעלטע וויסענשאַפטליכע פּראָבלע־מען אָדער ניט. ווי באַלד אָבער די געשיכטס־פילאָסאָפישע אי־לוזיע וועט פערשווינדען — און אילוזיעס זאָלען פערשווינדען — וועלען אַלע יענע אויפגאַבען פון דעם וויסענשאַפטליכען סאָ־

ציאַליזם אַרויסטרעטען פאַר אונז אין זייער גאַנצען ערנסט, אין זייער גאַנצער טיעף. און וואָס גיכער יענע אילוזיעס וועלען פערשווינדען, אַלץ בעסער פאַר דעם וויסענשאַפטליכען סאָציאַליזם.

דער שטאַנדפּונקט פון „פרומע וואונשען“, אָדער קלאָרער גערעדט: דער שטאַנדפּונקט פון דעם אידעאַל איז דעריבער ניט נאָר ניט פיינדליך צו דעם וויסענשאַפטליכען סאָציאַליזם; אדרבה, ער מאַכט איהם ערשט מעגליך. און דער שטאַנדפּונקט פון דער „מאַרקסיסטישע מעטאָדע“ איז ניט נאָר ניט די וויסענשאַפט, נאָר פּונקט פערקעהרט: ער איז ניט מעהר ווי אַ פערמאַסקירטער „פרומער וואונש“ — אויף דעם פעלד פון דער היסטאָרישער פאָרשונג.

צושריפט פון דעם יאָהר 1910. — זינט דער אַרטיקעל איז פערעפענטליכט געוואָרען אין דייטשלאַנד, האָט זיך די לאַגע אין דער מאַרקסיסטישער ליטעראַטור אין פיעלע וויכטיגע פּונקטען פערבעסערט. דערהויפּט, אין די טעאָרעטישע אַרבייטען פון דעם וויכטיגסטען מאַרקסיסטישען פאָרשער, קאַרל קויטסקי. אין זיינע לעצטע וויסענשאַפטליכע אונטערזוכונגען און פּראָפּאַגאַנדיסטישע אַרבייטען רעדט ער גאַנץ ערנסט וועגען אַ רעוואָלוציאָנערען אידעאַליזם, וואָס דאַרף אויפגעבויט ווערען אויף דעם יסוד פון דער מאַטעריאַליסטישער געשיכטס־פילאָסאָפיע. אין מיינע אויגען, אמת, זענען די צוויי עלעמענטען אקוראַט אַזאַ פאַסענדע פּאָאַר ווי דער שדוך צווישען אַ היפּאָפּאָטאַם מיט אַ שמעטערלינג. דער ענין פערדיענט אָבער אַ בעזונדער אונטערזוכונג.

דערווייל קאָן איך נאָר זאָגען, אַז אויך דער מאַטעריאַליזם פון קויטסקי׳ס געשיכטס־פילאָסאָפיע ווערט אַלץ מעהר און מעהר „אויסגעמענשעלט“: אָנשטאָט די אַבסטראַקטע עקאָנאָמישע קאַטעגאָריעס טרעט ביי איהם אַלץ מעהר און מעהר אַרויס דער לעבעדיגער מענש מיט זיינע ווירקליכע עקאָנאָמישע און מאָראַלישע ליידען און פּלאָגען. די אַלטע אילוזיע, וועגען וועלכער מיר האָבען גערעדט אין אונזער אַרטיקעל, לעבט דורך איהרע לעצטע שטונדען. זי לאָזט אָבער ניט אַרויס דעם קעניגליכען שרביט פון די הענד.

האפענטליך וועט דער אידישער סאציאליזם, וואס איז אין זיינע יונגענד־יאהרען געווען א סך מארקסיסטישער, איידער מארקס אליין, איצטער, ווען די אומשטענדען האבען אויף א ווײלע אבגע־שטעלט זיין רעוואלוציאנערע טהעטיגקייט, געפינען גענוג כחות ארויסצודרייען זיך פון דער מארקסיסטישער אילוזיע און זיך אויפהויבען מעהר אינטערעסירען מיט די פראבלעמען פון דעם וויסענ־שאפטליכען סאציאליזם סיי בנוגע צו דער מענשהייט, סיי בנוגע צו דעם אייגענעם פאלק.

משה העסס — דער סאציאליסט, דער פילאסאף, דער איד

(צו דעם הונדערט־יעהריגען יובילעאום פון זיין געבורטסטאג)

משה העסס — דער סאָציאַליסט, דער פילאָסאָף, דער איד

אין דעם אָנהויב פון די זיעבעציגער יאָהרען פון דעם פאָריגען יאָהרהונדערט, — אַ קורצע צייט פאַר זיין טויט, — איז משה העסס געווען כמעט אין גאַנצען אַ פערגעסענער. ערשט זיין טויט (1875) האָט ווידער דערמאָהנט דער וועלט אָן דעם איינזאַם פערשטאָרבענעם דענקער און קעמפפער. די נעקראָלאָגען — דער עיקר אין דער דייטשער סאָציאַליסטישער פרעסע — האָבען איהם געקרוינט מיט דעם טיטעל, וואָס ער האָט באמת פערדיענט: „דער אַלט־פאָטער דעם דייטשען קאָמוניזמוס“. אָבער די דאָזיגע נעקראָלאָגען זענען געווען ווי אַ בליץ, וואָס האָט נאָר אויף אַ רגע פערטריעבען די גערדיכטע פינסטערניש, וועלכע האָט זיך ארומגעקליבען ארום זיין נאָמען. ערשט אין דעם אָנהויב פון די אַכציגער יאָהרען האָט די פינסטערניש גענומען ביסלעכוויז ווייכען.

מען האָט זיך גענומען אינטערעסירען מיט דער פריהערדיגער געשיכטע פון דער דייטשער סאָציאַליסטישער בעוועגונג — מיט דער עפּאָכע, וואָס פאַר לאַסאַל׳ן — און דאָ האָט מען זיך אָנגעשטויסען אויף דער ווירקונג און דער בעדייטונג פון משה העסס. פּלוצלונג האָט מען זיך דערוואוסט, אַז דער „וויסענשאַפטליכער“ סאָציאַליזם פון קאַרל מאַרקס האָט זיינע טהעאָרעטישע וואָרצלען אין יענער גייסטיגער בעוועגונג, וואָס איז ארויסגערופען געוואָרען דירעקט פון משה העסס; אַז נאָר אַ דאַנק העסס׳עס סאָציאַליסטישע קאָרעספּאָנדענצען פון פּאַריז האָט זיך דער יונגער מאַרקס פעראינטערעסירט מיט די סאָציאַלע פּראָבלעמען פון זיין צייט; אַז ער (מאַרקס) איז דערנאָך אַ לענגערע צייט — ביז ביי איהם זענען אויסגעוואקסען זיינע אייגענע פליגלען — פערבליבען זיינער אַ תלמיד און אַז נאָך איצטער געפינען זיך אין דעם מאַרקסיסטישען סיסטעם איינצעלנע געדאַנקען און אפילו גרונד־פּרינציפּען, וואָס משה העסס האָט די צום ערשטען מאָל פאָרמולירט און אריינגע־

בראַכט אין דער סאָציאַליסטישער וועלט־אַנשויאונג. עס איז גענוג צו דערמאָהנען, צ. ב., אַז משה העסס, אָדער „ראַבבי מאָזעס“, ווי אַרנאָלד רוגע רופט איהם, האָט שוין געפּרעדיגט דעם „מאַרקסיס־טישען“ גרונדזאַץ, אַז דער קאַפּיטאַליזם מיט זיינע פאַבריקען איז די וויעג, אין וועלכער עס מוז על פּי נויטווענדיגקייט געבוירען ווערען דער סאָציאַליזם, און אַז דער פּראָלעטאַריאַט, וואָס ווערט בעשאַפען אין דעם פּראָצעס פון דער קאַפּיטאַליסטישער ענטוויקעלונג, וועט זיין דער קרבן פון דעם קאַפּיטאַל. דאָס איז געוועזען אין 1843, ווען קאַרל מאַרקס איז נאָר וואָס אריבערגעגאַנגען פונ'ם פּאָליטישען ראַדיקאַליזם צו דעם סאָציאַליסטישען און האָט זיך נייגיעריג איינגעהערט אין די שטימען, וואָס זענען איהם ביז אַהער געוועזען פרעמד. און נאָך אַנדערע געדאַנקען פון דעם וויסענשאַפט־ליכען סאָציאַליזם, וואָס זענען איצטער פערבונדען מיט דעם נאָמען פון קאַרל מאַרקס, שטאַמען פון דעם אַזוי אָנגערופענעם „אמת'ען“ סאָציאַליזם, וואָס זיין גייסטיגער פאָטער איז געוועזען משה העסס. אָבער זיי אַלע צו בעלייכטען דאַרף אָבגעלעגט ווערען פאַר אַ פּאַ־סענדערען צוזאַמענהאַנג.

איך מיין דערמיט דורכאויס ניט צו פערמינדערען די גרויס און די בעדייטונג פון העסס' תלמיד, וואָס איז דערנאָך אריבער־געוואַקסען זיין רבי'ן און האָט איהם אַוועקגעשטעלט אין שאָטען. „גרויסע שטראָמען האָבען ליעב אריינצונעהמען אין זיך קליינע פלוסען“, זאָגט אַ כינעזיש שפּריכוואָרט. לגבי דעם געוואַלטיגען שטראָם פון דעם וויסענשאַפטליכען סאָציאַליזם זענען די ריין סאָציאַליסטישע טהעאָריען פון משה העסס ניט מעהר ווי אַ נעבען־פלוס, אָדער — נאָך ריכטיגער און פּינקטליכער אויסגעדריקט: די סאָציאַלע טהעאָריען פון משה העסס זענען געוועזען איינער פון יענע אור־קוואַלען, פון וועלכע עס האָט זיך צונויפגעגאָסען דער געוואַלטיגער מאַרקסיסטישער שטראָם. דאָס שטעהט שוין איצ־טער פעסט פאַר דער געשיכטליכער פאָרשונג. זי ווייס נאָך איצ־טער ניט גענוי די גאַנצע בעדייטונג פון העסס' געדאַנקען פאַר דער ענטוויקעלונג פון דעם מאָדערנעם סאָציאַליזם, אָבער שוין דאָס ווייניגע, וואָס זי ווייס וועגען דעם, איז גענוג צו זיכערען פאַר משה העסס אַן עהרען־פּלאַץ אין דער געשיכטע פון דעם אַלוועלט־ליכען סאָציאַליסטישען געדאַנק.

אין איינעם מיט משה העסס, דעם סאָציאַליסט, האָבען זיך גענומען — וואָס אַ מאָל אַלץ שאַרפער — אַרויסמאָלען די כאַראַקטעריסטישע שטריכען פון משה העסס, דעם דענקער און פילאָזאָף. אויך דאָ האָט די געשיכטליכע פאָרשונג נאָך ניט געזאָגט איהר לעצט וואָרט. עס איז נאָך ניט געזאַמעלט געוואָרען דער גאַנצער מאַטעריאַל, וואָס ליעגט צו־וואָרפען אין ביבליאָגראַפיש־זעלטענע בראָשורען און אין אַרטיקלען פון צייט־שריפטען, וועמעס נעמען מען האָט שוין פערגעסען. און דאָס, וואָס איז שוין געזאַמעלט געוואָרען פון דעם מאַטעריאַל, איז נאָך ניט אויסגענוצט געוואָרען, ווי מען וואָלט עס בעדאַרפט. אָבער איינינע גרונד־שטריכען פון זיין וועלט־אַנשויאונג טרעטען שוין מעהר אָדער ווייניגער בולט אַרוים און אויך זיי גיבען איהם אַ רעכט אויף דעם עהרען־פּולען טיטעל פון אַ טיעפען, ווען אַפילו ניט גאָר קלאָרען דענקער, וואָס פערליערט ניט זיין זעלבסטשטענדיגקייט אַפילו אויף דעם וועג פון פילאָסאָפישען פאָרשען און שאַפען.

און אויך דאָ מוז איך מאַכען אַ בעגרעניצענדע בעמערקונג. איך וויל בשום אופן ניט זאָגען, אַז אין דעם גרויסען גערדיכטען וואַלד פון פילאָסאָפישע פּראָבלעמען האָט משה העסס פאַר אונז געפונען אָדער דורכגעבראָכען דורכאויס נייע וועגען. ניין! דער וועג, אויף וועלכען ער געהט און רופט אונז אַלעמען צו געהן, איז שוין לאַנג בעקאַנט אין דער פילאָסאָפיע: ער איז דורכגעבראָכען געוואָרען פון ברוך שפינאָזאַ. דאָס איז דער סינטעטישער מאָניזם, וואָס איז גלייך פיינדליך סיי צו דעם אידעאַליזם, סיי צו דעם מאַטעריאַליזם; וואָס וויל ניט וויסען פון אַ „גייסט" אָהן אַ „קערפער" און אַ „קערפער" אָהן אַ „גייסט", פון אַ גאָט דרויסען פון דער וועלט און פון אַ וועלט, וואָס איז ניט געטליך. אָבער די זעלבסטשטענדיגקייט און דער מוטה פון העסס'עס געדאַנקען בעשטעהען אין דעם: בעת דער גאַנצער דור ראַדיקאַלע דענקער, צו וועלכען ער האָט געהערט, איז געוועזען פערשכור'ט פון דעם העגעל'שען אידעאַליזם, בלייבט העסס ניכטער און זוכט זיך איינער אַליין זיין וועג און געפינט איהם ביי שפּינאָזאַ'ן. און שפּעטער, ווען די אידעאַליסטישע שכרות איז אַריבערגעגאַנגען אין אַ מאַטעריאַליסטישע; ווען אַנשטאָט דעם „גייסט" האָט מען אויפ'ן טהראָן אַוועקגעזעצט די „מאַטעריע", האָט אויך

דיזע רעוואָלוציאָנערע איבערקעהרעניש ניט געווירקט אויף העסס'עס געדאַנק: ער האָט שוין געוואוסט פון פריהער, אַז דער מאַטעריאַליזם איז ניט מעהר ווי די „סטרא אחרא“ פון דעם אידעאַליזם (אָדער ווי העסס רופט איהם: „ספּיריטואַליזם“) און אַז ביידע זענען ניט מעהר ווי וויסטע, אַבסטראַקטע שאָטענס פון דער איינציגער, אומעטום לעבעדיגער, אומעטום דענקענדער, אומעטום געטליכער, און אין דערזעלביגער צייט אומעטום מאַטעריעלער ווירקליכקייט. איצטער, אין אונזערע צייטען, איז שוין גאָר ניט קיין קונץ אַרויסצורייסען זיך פון די אידעאַליסטישע און מאַטעריאַליסטישע וויסטענישען און שטילען דעם פילאָסאָפישען דאָרשט אין די אייביגע פרישע קוואַלען פון דעם ספּינאָזישען פּאַנטעאיזם: איצטער, אַז מיר האָבען הינטער זיך די גאַנצע לעבענס־אַרבייט פון אַ ווילהעלם וואונדט און זיין שוהלע אין דער וויסענשאַפטליכער פּסיכאָלאָגיע, וואָס האָט אונז בעוויזען, ווי פרוכטבאַר דער ספּינאָזישער געדאַנק איז, ווען מען ווענדט איהם אָן אויף אַ ריין־וויסענשאַפטליכען פעלד, אין אַ ריין וויסענשאַפטליכען אופן. אָבער מיט העסס'ען איז די מעשה געווען, פערגעסט ניט, אין דעם יאָהרצענד 1835 ביז 1845, אין דעם „שטורם־און־דראַנג“־פּעריאָד פון דעם ראַדיקאַלען געדאַנק, וואָס האָט זיך געוואָרפען פון דעם אידעאַליסטישען אין דעם מאַטעריאַליסטישען עקסטרעם, און העסס האָט געהערט צו דערזעלביגער ראַדיקאַלער אַטמאָספערע. קאָנען ביישטעהן דעם נסיון פון אַ מאַגנעטישער מאָדע־פילאָסאָפיע, וואָס ציהט צו זיך צו די מוחות און די הערצער פון די נעהענטערע חברים, פריינד און מיטקעמפּפער — איז אַ סמן פון גייסטיגער גבורה.

אָבער ניט אין דעם אַליין איז בעשטאַנען העסס'עס זעלבסטשטענדיגקייט אויף דעם פילאָסאָפישען פעלד. נאָך זיין רבי'ן ספּינאָזאַ'ן איז ער ניט נאָכגעגאַנגען בלינד. ער פערלאָזט דאָס ספּינאָזישע סיסטעם דאָרטען, וואו עס ווייזט זיך אַרויס הינטערשטעליג לגבי די נייע פאָדערונגען פון דעם פילאָסאָפישען געדאַנק. ספּינאָזאַ'ס וועלט איז די בעסט־מעגליכע פון אַלע וועלטען, אַ „געגעבענע“ איין מאָל פאַר אַלע מאָל, וואָס עקזיסטירט אייביג ווי זי איז, ווייל אייביג און אונפערענדערליך איז דער געטליכער שכל, וואָס ליעגט אין איהר. ספּינאָזאַ האָט ניט קיין פּלאַץ פאַר

אַן ע נ ט וו י ק ע ל ו נ ג, פאַר אַ שטרעבען צו העכערע ציעלען, ווייל אַ ציעל איז עפּעס אַזוינס, וואָס ליעגט שוין דרויסען פון דעה גאָט־וועלט, און עס איז אונמעגליך עס זאָל עפּעס זיין דרויסען פון איהר. אין העסס'עס צייטען האָט אָבער דער פילאָסאָפישער געדאַנק געפאָדערט קודם כל אַן ענטפער אויף דעם ענטוויקעלונגס־פּראָבלעם, וואָס האָט זיך שוין נעפּליג געטראָגען פאַר די אויגען פון אַ לייבניטץ און האָט זיך אַרויסגעריסען אין זיין גאַנצער מאַכט אין דער פילאָסאָפיע פון אַ קאַנט, פיכטע, שעללינג און העגעל. העסס האָט געמוזט נעהמען אַ שטעלונג צו איהם, און זיין ענטפער איז אַן אייגענער, אַ „העססיאַנישער", וואָס האָט ניט פערלאָרען זיין מעטאַפיזישען ווערטה אויף פאַר דער היינטיגער וועלט.

ענטוויקעלט זיך אַ ל ץ אין דער וועלט? — יע! — ענטפערט דערויף העסס. אָבער ענטוויקעלט זיך אַלץ אין דער וועלט אָהן אַ סוף, אָהן אַ לעצטען ת כ ל י ת, צו וועלכען עס שטרעבט? — ניין, ענטפערט דערויף העסס. יעדע זאַך, וואָס מאַכט דורך אַן ענטוויקעלונג אין דער וועלט, האָט דורך דעם גופא אויך אַ ציעל, אַ לעצטען תכלית, צו וועלכען די ענטוויקעלונג שטרעבט. דעה ציעל איז די פאָלקאָמענהייט, און די פאָלקאָמענהייט ווערט דערגרייכט ערשט נאָך אַ לאַנגען פּראָצעס פון אינווענינגסטע רייבונגען און קעמפּפען. דאָס, וואָס דאַרף זיך ענטוויקלען, הויבט אָן מיט אַ כאַאָטישען צושטאַנד, אין וועלכען אַלע זיינע עלעמענטען רייסען זיך אַרויסצוגעהן פון דעם כאַאָס; זיי בילדען אוים זייער זעלבסטשטענדיגקייט און אינדיווידואַליטעט, און פיהרען איינע מיט די אַנדערע אַ קאַמפּף פאַר עקזיסטענץ. ערשט אין דעם קאַמפּף אַרבייטען זיך ביסלעכווייז אוים די בעדינגונגען פון פריעדען און אַ געמיינשאַפטליכען האַרמאָנישען צוזאַמען־זיין. אָט די האַרמאָניע פון שטרייטענדע עלעמענטען — „די מלכות המשיח" — איז דעה לעצטער ציעל פון יעדער ענטוויקעלונג.

„פון כאַאָס דורך קאַמפּף צו האַרמאָניע", — אַזוי קאָן מען אין אַ פּאָר ווערטער פאָרמולירען משה העסס'עס גאַנצע ענטוויקעלונגס־טהעאָריע.

די וועלט, אויף וויפיעל דער מענש קאָן זי אַרומנעהמען מיט זיין שכל, קאָן איינגעטהיילט ווערען אין דריי גרויסע ממשלות, און אין אַלע דריי — מיינט העסס — קאָן מען אויפווייזען אויף

דעם דאָזיגען ענטוויקעלונגס־געזעץ. ווייל די געזעצען פון דער נאַטור, די געזעצען פון דעם אָרגאַנישען לעבען און די געזעצען פון דער געשיכטע זענען איינע־און־די־זעלביגע. *) דאָס ערשטע — לויט׳ן בעגריף און לויט דער צייט — איז די „נאַטור״, די ממשלה פון די הימעלס־קערפּער: די שטערען, זונען, פּלאַנעטען און קאָמעטען. זיי אַלע האָבען זיך ארויסגעבילדעט פון א כאַאָטישען צושטאַנד, א תהו־ובהו. זיי האָבען זיך איינע אָן די אַנדערע אָנגעשטויסען. אייניגע זענען דערביי צושמעטערט געוואָרען, ביז עס האָט זיך אויף אזא נאַטירליכען אופן אויסגעבילדעט א סיסטעם פון בעוועגונגען פאר זיי, וואו קיינער זאָל קיינעם ניט זיין אין וועג. מיר געפינען זיך איצטער אין א צייט, וואו די ענטוויקעלונג פון די הימעלס־קערפּער איז שוין נאָהענט צו איהר „משיח״־צייט, צו א צושטאַנד פון פאָלקאָמענער האַרמאָניע.

מען זעהט, אז נאָך א סך פריהער פאר דיר־פרעל׳ן האָט שוין העסס אָנגעווענדט דעם דאַרווינ׳שען געדאַנק פון „קאַמפּף אום׳ס דאַזיין״, כדי צו דערקלעהרען די עוואָלוציאָן פון דער אזוי גערופענער „ניט־בעלעבטער״ נאַטור.

נאָך דעמזעלביגען טיפּ שפּיעלט זיך אָב די ענטוויקעלונג אין דער צווייטער ממשלה, דער אָרגאַנישער וועלט, דעם רייך פונ׳ם לעבען, — פון פּלאַנצען און חיות. אויך די ממשלה האָט א לעצטען תכלית, א ציעל, צו וועלכען זי האָט געשטרעבט און וועלכען זי האָט דערגרייכט אין דער פאָרם פ ו ן ד ע ם מ ע נ ש ע ן, דעם בעל שכל. די אָרגאַנישע עוואָלוציע שטעלט זיך אָב ביי דעם מענשען און שליעסט מיט איהם אָב דעם פּראָצעס, וואָס האָט זיך אָנגעהויבען פון א כאַאָס און איז דורכגעלאָפען די פיעלערליי פאַזען פון קאַמפּף און שטרייט. אויב העסס׳עס געדאַנק איז ריכטיג אין דעם פּונקט, האָבען מיר שוין מעהר ניט צו וואַרטען אויף א ניעטשעאַנישען „איבער־מענש״, וואָס זאָל האָבען א רעכט צו קוקען אויף מענשען, ווי מיר, מענשען, קוקען אויף די מאַלפּעס. די געטליכע ענטוויקעלונגס־קראַפט איז שוין ניט פּראַאינטערעסירט אין דעם, ארויסצוברענגען נייע, העכערע אַרטען פון אָרגאַניזמען.

*) משה העסס, רוים און ירושלים (די פּראַגער פאָלקס־אויסגאַבע) ז. 100).

דער טריעב צו פאָלקאָמענהייט און האַרמאָניע געפינט אַ ניי פעלד פאַר זיין טהעטיגקייט, די דריטע ממשלה פון דער ווירקליכקייט, — די וועלט פון סאָציאַלע און געשיכטליכע פּראָצעסען. מיט אַ צוויי־אַרטיגען כאָאָס הויבט זיך די ממשלה אָן, אין צוויי צייַלען פון ענטוויקעלונג דריקען זיך אויס די פעריאָדען פון קאַמפף און אינוועניגסטען שטרייט און צו צוויי אַרטען פון האַרמאָניע און פריעדען שטרעבט דער גאַנצער פּראָצעס. דאָס איז ערשטענס די צרויסאַרבייטונג פון אייגצעלנע, פערשיידענע אינדיווידוען אין אַ געזעלשאַפט, זייער קאַמפף צווישען זיך אין דער פאָרם פון קלאַסען און סאָציאַלע גרופּען, און צום סוף זייער פריעדען אין דער ממשלה פון דעם סאָציאַליסטישען סיסטעם. צווייטענס איז דאָס די אַרויסאַרבייטונג פון ראַסען, פעלקער, נאַציאָנען, זייער קאַמפף אין דער פּאָליטישער געשיכטע, וואָס פיהרט צום פריעדענס־ציעל — צו דער אינטערנאַציאָנאַלער פעלקער־פערברידערונג, דער אמת'ער „משיח"־צייט, וועגען וועלכער עס האָבען געטרוימט און נביאות־געזאָגט אונזערע אידישע נביאים.

צו דעם סאָציאַלען און דעם געשיכטליכען לעבען מוז מען אויך צורעכענען די גייסטיגע קרעפטען און פּראָצעסען, וואָס שפּיעלען זיך אָב אין דעם לעבען פון דער מענשהייט. און אויך דאָ געפינט העסס די הערשאַפט פון דעם אַלגעמיינעם ענטוויקעלונגס־געזעץ: פון כאָאָס, דורך קאַמפף צו האַרמאָניע. אַזוי, צ. ב., הויבט זיך די גייסטיגע ענטוויקעלונג אָן מיט אַ כאָאָס, אין וועלכען עס זענען צונויפגעמישט אין איינעם די עלעמענטען פון וויסענשאַפט, פילאָסאָפיע און רעליגיאָן. אין דעם פעריאָד פונ'ם קאַמפף אַרבייטען זיך די עלעמענטען אַרויס, — יעדעס מיט זיין איינענער פיזיאָנאָמיע, איינענע ציעלען און וועגען. זיי קעמפפען איינע אַנטקעגען די אַנדערע און שטרייטען אָב איינער ביי דעם אַנדערען דאָס רעכט אויף עקזיסטענץ. אָבער אויך דער קאַמפף וועט זיך מוזען ענדיגען מיט אַ ה אַ ר מ אָ נ י ע, אַן אייביגען פריעדען, ווען יעדע פון די גייסטיגע ספערען וועט אָבהיטען איהרע איינענע גרענעצען, ניט שטערען אין דעם וואַקסען דער אַנדערער און ווען זיי וועלען צונויפגעבונדען ווערען אין אַ העכערער איינהייט (ז. 90).

אָט דאָס איז אין קורצע שטריכען דער גרונד־געדאַנק פון

העסס׳עס פילאָסאָפישער װעלט־אַנשױאונג. לאָזט מען ליגען אָן אַ זײט דעם ריין מעטאַפיזישען גרונד־פּרינציפּ זײנעם, בלײבט נאָך איבעריג אַ געדאַנק, פאַר װעלכען משה העסס פּערדיענט, זײן נאָמען זאָל אױף אײביג פערשריעבען װערען אין דער געשיכטע פון דער מענשליכער ענטװיקעלונג. מיר מײנען זײן אינטער־נאַציאָנאַליזם.

אויב מיר האָבען ניט קײן טעות, איז משה העסס געװען דער אמת׳ער טהעאָרעטישער פּאָטער און בעגרינדער פון דעם אינטער־נאַציאָנאַלען סאָציאַליזם; על כל פּנים אין דער דײטשער סאָציאַ־ליסטישער ליטעראַטור איז ער געװען דער ערשטער, װאָס האָט אױפגעפאַסט דעם אינטערנאַציאָנאַליזם װי אַ נ י י ע ם פּרינציפּ, װאָס קעמפּפט אנטקעגען בײדע זײנע צװײ פאָרגענגער, דעם ק אָ ס־מ אָ פּ אָ ל י ט י ז ם, — דעם פּרינציפּ פון אַ פעלקערליכען תהו־ובהו — און דעם נ אַ צ י אָ נ אַ ל י ז ם, דעם פּרינציפּ פון קאַמפּף און קריעג צװישען פאָלק און פאָלק. דער, װאָס שטודירט די טהעאָריען פון דער „אינטערנאַציאָנאַלער ארבײטער־אַסאָציאַציאָן“, װאָס איז ארױסגערופען געװאָרען אין לעבען פון קאַרל מאַרקס, און פערגלײכט זײ מיט דעם, װאָס העסס האָט געשריעבען מיט אַ פּאָר יאָהר פריהער, מוז צוגעבען, אַז די סאָציאַליסטישע טהעאָרעטיקער פון דעם אינטערנאַציאָנאַליזם האָבען כמעט װאָרט פאַר װאָרט אַרײנגעאַרבײט אין זײער סיסטעם די געדאַנקען פון משה העסס.

די מענשהײט שטרעבט צו אַ צושטאַנד, אין װעלכען איהרע אַלע טהײלען, די פעלקער, װעלען זײן אױסגעבונדען אין אײנעם, װי די אברים אין אַ לעבעדיגען אָרגאַניזם. די גלײכהײט צװישען די פעלקער װעט בעשטעהן ניט אין דעם, װאָס יעדעס פאָלק װעט שאַפען דאָס אײגענע, װאָס יעדער אַנדער פאָלק, נאָר אין דעם, װאָס זײ װעלען האָבען גלײכע רעכט און גלײכע בעדינגונגען פאַר זײער װאַקסען און שאַפען, און װאָס זײ װעלען אַלע זײן גלײך פּער־בונדען דורך דער אַלגעמײנער האַרמאָניע און סאָלידאַריטעט. אָבער אַקוראַט אַזױ װי יעדער טהײל פון׳ם אָרגאַניזם טראָגט ז י י ן חלק אַרבײט אַרײן אין דער טהעטיגקײט פון דעם גאַנצען, — אַ חלק אַרבײט, װאָס נאָר ער אַלײן קאָן אַרױסברענגען, — אַזױ מוז אױך יעדעס פאָלק האָבען זײן ס פּ ע צ י אַ ל י ט ע ט אין דער קולטור, און אַרײנטראָגען אין איהר זײן חלק, װאָס קײן אַנדער

פּאָלק קאָן נישט אַרויסברענגען, אָדער קאָן עס ניט בעשאַפען אַזוי גוט. די אָרגאַנישע האַרמאָניע פון פעלקער איז אַן אויפגאַבע, וואָס מוז פערענטפערט ווערען איידער די אויפגאַבע פון סאָציאַלער האַרמאָניע צווישען די אינדיווידוען; די אָבשאַפונג פון דעם קריעג צווישען ראַסען און נאַציאָנען מוז געשעהן פריהער, איידער די אָבשאַפונג פון דער קלאַסען־איינטהיילונג אין דער געזעלשאַפט. *)

די טהעאָרעטיקער פון דעם „אינטערנאַציאָנאַל" זענען געוויס ניט געגאַנגען אַזוי ווייט אין דער אָבשאַצונג פון דעם ר אַ ס ע ן־פּרינציפּ אין דער געשיכטע פון דער מענשהייט, ווי דאָס האָט געטהאָן משה העסס. אין דעם פאַקט איז ער זיך — אין זיינע עלטערע יאָהרען — אין גאַנצען פאַנאַנדערגעגאַנגען מיט קאַרל מאַרקס. די סאָציאַלע אינסטיטוציאָנען וואַקסען, לויט זיין מיינונג נאָך, אַרויס דירעקט פון דער ר אַ ס ע און דריקען אויס איהרע איינגעבאָרענע פעהיגקייטען און נייגונגען. די סאָציאַלע אינסטיטוציאָנען בעהערשען דאָס גאַנצע לעבען און פון דעם לעבען וואַקסען אַרויס די לעבענס־אַנשויאונגען. די לעצטערע, אמת, ווירקען צוריק אויף דאָס לעבען, אָבער ניט שעפּפעריש, נאָר מ אָ ד י פ י צ י ר ע נ ד. זיי זענען קיין מאָל ניט ביכולת אומצוענדערן דעם תוך פון דעם אורשפּרינגליכען טיפּ, וואָס רייסט זיך אַלע מאָל ווידער דורך (ז. 51).

העסס'עס ראַסען־טהעאָריע קאָן, ווי מען זעהט, אויך אָנגערופען ווערען מיט דעם נאָמען „היסטאָרישער מאַטעריאַליזם", ווייל אויך פאַר איהם שטאַמען די פאָרמען פון דעם „בעוואוסטזיין" — די לעבענס־אַנשויאונגען — פון די פאָרמען פון דעם אָביעקטיווען,

---

*) די טהעאָריען פון דער „אינטערנאַציאָנאַלער ארבייטער־אַסאָציאַציאָן" האָב איך באריכות בעשפּראָכען אין מיין אַרבייט „דער סאָציאַליזם און די נאַציאָנאַלע פראַגע". (זעה די רוסישע איבערזעצונג).
בעת איך האָב געשריעבען די ארבייט האָב איך קיין אַהנונג ניט געהאַט, אַז די דאָזיגע אנשויאונגען זענען כמעט ווערטליכע קאָפּיעס פון משה העסס'עס געדאַנקען, וואָס זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרען אַ סך פריהער. (פערגלייך אין „רום און ירושלים" די זייטען 5, 8-9, 22, 89 און בעזונדערס 90-91).

מאַטעריעלען זיין: דער ראַסע און די סאָציאַלע אינסטיטו־ציאָנען. אָבער די טהעאָרעטיקער פון דעם אינטערנאַציאָנאַל זענען פאָרט געווען גערעכט, ווען זיי האָבען זיך ניט געלאָזט פיהרען פון העסס'ען אין יענער טהעאָרעטישער ריכטונג. ווי אינטערעסאַנט זיינע געדאַנקען זאָלען ניט זיין, בלייבט דאָך די „ראַסען־טהעאָריע", אפילו אין דער פאָרם ווי גאָבינאָ האָט זי אויסגעאַרבייט — און ווי טשעמבערלען און דיוהרינג האָבען זי ווייטער געבויט — פאָרט ניט מעהר, ווי אַ היפּאָטעזע, אַ סברה, דאָס הייסט, אַ גרויסע פּראַגע, וועלכע מיר שטעלען דער געשיכטס־פילאָסאָפיע און אויף וועלכער די געשיכטס־פאָרשונג האָט ליידער נאָך ניט געגעבען קיין קלאָרען ענטפער. מען שפּירט איצטער אומעדום די גרויסע וויכטיגקייט פון דעם ראַסען־מאָמענט, אָבער קיינער קאָן נאָך איצטער קלאָר ניט בעשטימען ניט די גרונד־שטריכען פון זיין טבע, ניט די אַרט פון זיין ווירקונג, ניט די גרענעצען פון זיין מאַכט.

פאַר העסס'ען איז אָבער זיין ראַסען־טהעאָריע געווען אַקוראַט אַזאַ אַבסאָלוטער אמת, ווי די „עקאָנאָמיקע" פאַר קאַרל מאַרקס. ער האָט געוויס געמיינט, אַז נאָר אויף דעם פונדאַמענט פון דער ראַסען־טהעאָריע קאָן מען אויפבויען דעם בנין פון דעם סאָציאַ־ליסטישען אינטערנאַציאָנאַליזם, אַקוראַט ווי דאָס מיינען די מאַרק־סיסטען בנוגע צו זייער „עקאָנאָמישען פונדאַמענט". זיי ביידע מאַכען אָבער אַ טעות. מען קאָן זיך גאַנץ גוט אָבזאָגען סיי פון דער ראַסען־טהעאָריע, ווי זי האָט געלעבט אין משה העסס'עס געדאַנק, סיי פון דעם „עקאָנאָמישען באַזיס", ווי ער איז אַרויס־געבראַכט געוואָרען פון קאַרל מאַרקס, און דאָס זאָל אַ ברעקעל ניט שאַדען דעם שטאָלצען בנין פון דעם אינטערנאַציאָנאַלען סאָציאַליזם.

אויפ'ן ערשטען בליק קאָן מען מיינען, אַז שוין אין זיינע פילאָסאָפישע און סאָציאַליסטישע געדאַנקען ליעגט איינגעוויקעלט זיין שטעלונג צו דעם נאַציאָנאַל־אידישען פּראָבלעם. די אידען זענען דאָך אַ פאָלק און ממילא קאָנען זיי ניט אויסגעשלאָסען ווערען פון דער פעלקער־פערברידערונג און פון דעם רעכט אויף אַ זעלבסטשטענדיגע ענטוויקעלונג. אָבער דאָס דוכט זיך נאָר אויף דעם ערשטען בליק. אינטערנאַציאָנאַליסטיש האָט אויך קאַרל מאַרקס געטראַכט, אויך ער איז ניט געווען קיין אָנהענגער פון

קאסמאפאליטיזם, און פון דעסטוועגן — ווי ווייט איז ער געווען פון דעם אידיש־נאציאנאלען געדאנק! אז משה העסס איז נאך דערצו געווען א הייסער אידישער פאטריאט, א ציוניסט, דער ע ר־ ש ט ע ר סאציאליסטישער ציוניסט, — דאס האט מען זיך — א דאנק דער ציוניסטישער פארשונג — דערוואוסט ערשט אין דעם אנהויב פון די 90גער יאהרען.

און דאס, וואס מען איז מיט העסס, דעם אידען, בעקאנט געווארען אזוי שפעט, איז געווען א גרויסער שאדען פאר יענעם סאציאליסטישען דור אונזערען, וואס האט אין די אכציגער יאהרען געמאטערט דעם מוח אויף דעם גרונד־פראבלעם פון דעם אידישען סאציאליזם, אויף דער גרויסער שאלה, ווי אזוי צו פעראייניגען די סאציאליסטישע פרינציפען מיט דעם אידעאל פון דער אידישער וויעדער־בעלעבונג. די בעקאנטשאפט מיט העסס'עס „רוים און ירושלים" וואלט פערשפארט א סך טהעארעטישע ארבייט. דאס הייסט ניט, אז די אידישע טהעאריען פון משה העסס זענען „תורת משה". אבער די פראבלעם־שטעלונג גופא, דער וועג, אויף וועלכען העסס זוכט זיין ענטפער, דער נייער בליק אויף דער גאנצער אידי־שער געשיכטע, וואס שטעלט זיך איין, ווי נאר א ס א צ י א ל י ס ט הויבט זי אן ערנסט צו בעטראכטען, — אלץ, וואס יענער דור האט געמוזט אויסארבייטען מיט זיינע אייגענע כחות, נאך פיעלע זוכונגען און אירונגען, — דאס אלץ איז שוין געווען אין די ה ו י פ ט ־ ל י נ י ע ן אבגעקלעהרט און דורכגעפיהרט פון משה העסס.

עס ליענט א שטיק טראגעדיע אין משה העסס'עס שיקזאל: ז י י נ ע אידעען, אין וועלכע ער איז גאנץ בעשטימט געווען דער ע ר ש ט ע ר, דער אריגינעלסטער, ווערען ארויסגעזאגט אין דעם יאהר 1862, ווען די צייט פערשטעהט זיי ניט, זיי ווערען פער־שוואונדען פון דעם גייסטיגען האריזאנט אל' די יאהרען, וואס לעבצען נאך זיי, און בעווייזען זיך וויעדער יעמאלט, ווען די הויפט־ארבייט איז שוין אבגעטהאן א ה ן זיי. דאס פערמינדערט א האר ניט די טהעארעטישע גרויס פון משה העסס. דאס שוואכט אבער זעהר פיעל אב זיין ה י ס ט א ר י ש ע בעדייטונג פאר די ענטוויקעלונג פון דעם אידישען סאציאליזם. די וויכטיגסטע טהעארעטיקער פון יענער ריכטונג האבען — אויף וויפיעל מיר איז

בעקאַנט — ווייניג געשפּירט אויף זיך די השפּעה פון זיין גרויסען גייסט און איינינגע פון זיי האָבען קוים געוואוסט, אַז עס איז געווען אויף דער וועלט אַ משה העסס, אַ אידישער סאָציאַליסט...

טראַגיש ביי משה העסס איז אויך געווען זיין גאַנצע בעציהונג צו זיין אידישען וועה. אין זיין „רוים און ירושלים" ווערען מיר בעקאַנט מיט דער דאָזיגער טראַגעדיע.

זיין קינדהייט האָט משה העסס פערבראַכט אין אַן אַטמאָ־ספּערע, וואָס איז געווען אָנגעזאַפּט מיט פרומער אידישקייט און אידישען פּאַטריאָטיזם. פון דער מוטער'ס זייט האָט ער אָבגע־שטאַמט פון אַ געוויסען רב מהורי"ך, אַ פּוילישען רב, וואָס האָט געמוזט אַנטלויפען קיין דייטשלאַנד. זיין גרויס־מוטער פלעגט איהם אָפט דערמאָהנען אָן דעם און האָט געהאָפט, אַז אויך משה וועט זיין אַ וואויל־לערנער אין דער תורה. זיין זיידע איז געווען אַ נגידישער סוחר, אָבער צו דער זעלביגער צייט אַ געלערענטער תלמוד'יסט, וואָס פלעגט יעדער פרייע שעה אָבגעבען אויף לערנען גמרא. זיין גלויבען אין משיח איז געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ער פלעגט אין זיין געשעפט קיין מאָל ניט בויען קיין פּלענער אויף דער ווייטער צוקונפט, טאָמער וועט פּלוצלונג משיח קומען. (ז. 37).

די אַלע איינווירקונגען פון זיין יוגענד זענען אָבער באַלד פערבלאַסט געוואָרען, ווי נאָר דער יונגער העסס איז צוגעשטאַנען צו דער דייטשער קולטור און צו די פּראָגרעסיווע שטרעמונגען פון זיין צייט. ערשט אין דעם יאָהר 1840, „אין רעכטען מיטען פון זיין בעגייסטערטער טהעטיגקייט פאַר'ן סאָציאַליזם", ווען די „עלילת דם" פון דמשק האָט אויפגערודערט די אייראָפּעאישע וועלט, האָט זיך העסס צום ערשטען מאָל דערמאָהנט, אַז ער איז אַ איד. „אין מיטען פון מיינע סאָציאַליסטישע בעשטרעבונגען", זאָגט ער, „איז אין מיין זכרון צום ערשטען מאָל מיט פיעל שמערצען ארויסגע־רופען געוואָרען דער געדאַנק, אַז איך געהער צו אַן אומגליקליכען, פערלוימדעטען, פון דער גאַנצער וועלט פערלאָזענעם, אין אַלע לענדער צושטרייטען, אָבער נאָך ניט געשטאָרבענעם פאָלק. איך בין שוין אפילו יעמאָלט געשטאַנען ווייט פון יודענטהום. מיר האָט זיך אָבער פאָרט געוואָלט אויסדריקען אין אַ שמערצענס־געשריי מיינע אידיש־פּאַטריאָטישע געפיהלען. יענער אויסגעשריי איז אָבער באַלד ווידער דערשטיקט געוואָרען אין מיין ברוסט

דורך דעם גרעסערען שמאַרץ, וואָס דאָס אייראָפּעאישע פּראָלע־טאַריאַט האָט אין מיר דערוועקט". (ז. 34).

אַ קורצע צייט נאָך דער פעברואַר־רעוואָלוציאָן האָט משה העסס עמיגרירט קיין פראַנקרייך. נאָך דעם ווי נאַפּאָלעאָן דער דריטער האָט אונטערדריקט די רעוואָלוציאָן, האָט זיך משה העסס צוריקגעצויגען פון דער פּאָליטיק און האָט זיך גענומען פאַר דעם שטודיום פון נאַטור־וויסענשאַפט. דערהויפּט האָט איהם אינטע־רעסירט דאָס ראַסען־פּראָבלעם. זיינע שטודיען האָבען איהם אי־בערצייגט, אַז די צייט פון ראַסען־הערשאַפט האַלט שוין ביים פער־שווינדען און אַז עס הויבט זיך אָן אַ נייע צייט, אין וועלכער פעל־קער ווערען ווידער־געבוירען. „דער עיקר האָט מיך אָנגעהויבען צו ציהען צו זיך מיין אייגען פּאָלק, דאָס אידישע". (ז. 35).

„אַ געדאַנק, וואָס איך האָב געגלויבט, אַז איך האָב איהם אויף אייביג דערשטיקט אין מיין ברוסט", שרייבט ער אין דעם אָנהויב פון זיין „רוים און ירושלים", „שטעהט ווידער לעבעדיג פאַר מיר. דער געדאַנק פון מיין נאַציאָנאַליטעט, וואָס קאָן ניט אָבגעריסען ווערען פון דער ירושה, וועלכע די אָבות האָבען מיר געלאָזען, „דאָס הייליגע לאַנד און די אייביגע שטאָדט", — דער פּלאַץ, וואו עס איז געבאָרען געוואָרען דער גלויבען אין אַ געטליכע איינהייט פון דעם לעבען און אין אַ צוקינפטיגע פערברידערונג פון אַלע מענשען". (ז. 10).

„די גייסטער פון מיינע אונגליקליכע שטאַמעס־גענאָסען, וואָס האָבען אַרומגעשוועבט אַרום מיר אין מיין יוגענד, האָבען זיך ווידער אַנטפּלעקט, און שוין פון לאַנג אָן אונטערדריקטע געפיהלען האָבען זיך ניט מעהר געלאָזט פערטרייבען. דער וועהטאָג, וואָס איז אין דער צייט פון די פּאַסירונגען אין דמשק געוועזען אַ אריבער־געהענדער, איז איצט געוואָרען אַ הערשענדע און דויערנדע ריכטונג פון מיין גייסט. איך האָב שוין ניט געזוכט צו אונטערדריקען די שטימע פון מיין אידישען געוויסען. אדרבא, איך האָב זיך נאָך מעהר פערטיעפט, כדי אויסצוגעפינען זיינע שפּורען." (ז. 35).

יעמאָלט האָט ער ווידער געפונען אין זיינע פּאַפּיערען יענעם מאַנוסקריפּט, וועלכען ער האָט אָנגעשריעבען אין די צייטען פון דמשק, און אין וועלכען מיר געפינען שוין קלאָר אויסגעשפּראָכענע קערענדלעך פון זיין שפּעטערדיגער שטעלונג צו דעם אידישען

פּראָבלעם. מיר ברענגען דאָ אַ פּאָאַר ציטאַטען, וואָס זענען כאַ־ראַקטעריסטיש פאַר העסס'עס געדאַנקען פון יענער צייט. זיי האָבען נאָך עד היום ניט פערלאָרען זייער ווערטה און רופען ארויס בעוואונדערונג, ווען מען דערמאָהנט זיך, אַז זיי זענען געשריעבען געוואָרען אין דעם יאָהר 1840.

מען קען זאָגען, אַז דער גרונד־מאָטיוו פון דעם גאַנצען מאַ־נוסקריפּט שטאַמט פון אַן אָנגעוועהטאָגטען נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע ן ש ט אָ ל ץ.

„כל זמן דער איד האָט אַריבערגעטראָגען יעדע פערפאָלגונג און יעדע בעליידיגונג ווי אַ שטראָף פון גאָט, מיט דעם בטחון, אַז זיין נאַציאָן וועט ווען־עס־איז וויעדער אויפגעריכט ווערען, האָט מען ניט געקאָנט פערוואונדען זיין שטאָלץ. זיין איינציגער בערוף איז געוועזען צו דערהאַלטען זיך און זיין שטאַם ביז צו יענער צו־קונפט, וואָס וועט בעלוינען די נאַציע פאַר אַלע דורכגעליטענע צרות, ווי פאַר איהר טרייקייט, און וועט נקמה נעהמען פאַר איהרע בעליידיגונגען. אָט דעם גלויבען און אָט די האָפנונג האָבען אָבער אונזערע אויפגעקלעהרטע אידען שוין ניט מעהר. פאַר זיי איז יעדע פאַלשע בעשולדיגונג אין דער זעלביגער צייט אַ פערוואונדונג פון זייער בירגערליכער שטעלונג און אַ פּאַטש אין פּנים פאַר זייער עהרע. וואָס העלפט זיי די עמאַנציפּאַציע? וואָס פאַר אַ פּעולה האָט עס, ווען אַפילו דאָ און דאָרטען ווערט אַ איד אַ געמיינדע־ראַטה, אַ פּאָלקס־פערטרעטער אָדער גאָר אַ מיניסטער, ווי באַלד עס ליעגט אַ פלעק אויף דעם נאָמען „איד", וועלכען יעדער בורש מיט אַ פעררימענער נאָז, יעדער צייטונגס־שרייבער קען אויסנוצען מיט אַ זיכערען ערפאָלג?"

„כל זמן דער איד וועט אָבלייקענען זיין נאַציאָנאַליטעט, ווייל ער האָט ניט די זעלבסט־אַכטונג זיך מודה צו זיין, אַז ער איז סאָלידאַריש מיט אַן אונגליקליכען, פערפאָלגטען און פערשפּאָטעטען פאָלק, מוז זיין פאַלשע שטעלונג ווערען מיט יעדען טאָג אַלץ אונ־ערטרעגליכער. צוליעב וואָס זיך אָבנאַרען? די אייראָפּעאישע פעלקער האָבען די עקזיסטענץ פון די אידען צווישען זיך קיין מאָל ניט בעטראַכט אַנדערש, סיידען ווי אַן אַנאָמאַליע. מיר וועלען תמיד בלייבען פרעמדע צווישען די נאַציאָנען, וואָס וועלען אונז, אמת, עמאַנציפּירען אויס הומאַניטעט און דערכטס־געפיהל, אָבער

וואָס וועלען אונז קיין מאָל ניט אבטען, כל זמן מיר וועלען אַרויסשטעלען ווי אַ גרונד־זאַץ פון אונזער גלויבען, דאָס „אובי בענע, איבי פּאַטריא („וואו עס איז גוט, דאָרטען איז דאָס פאַטערלאַנד“) און פערוואַרפען אונזערע אייגענע נאַציאָנאַלע זכרונות. ניט דער אַלטער פרומער איד, וואָס וועט זיך גיכער לאָזען די צונג אַרויסרייסען, איידער מיסברויכען זי צום אָבלייקענען פון זיין אייגענער נאַציאָן, — דער מאָדערנער איד פערדיענט פעראַכטונג; ער, וואָס פערלייקענט זיין נאַציאָנאַליטעט, ווייל די שווערע האַנד פון דעם שיקזאַל דריקט אויף זיין נאַציאָן. די שעהנע פראַזען פון הומאַניטעט און אויפקלעהרונג, וואָס ער וואַרפט אַרום זיך מיט אַזאַ פרייער האַנד, כדי צו פערדעקען זיין פערראַטה, זיין מורא פאַר דער סאָלידאַריטעט מיט זיינע אונגליקליכע שטאַממעס־גענאָסען, וועלען איהם ניט בעשיצען פון דעם שטרענגען אורטהייל פון דער עפענטליכער מיינונג. אומזיסט בעווייזט ער איהר זיין געאָגראַפישעם און פילאָזאָפישעם „אליבי“. טהוט אָן טויזענד מאַסקען, פערענדערט דעם נאָמען, די רעליגיע, די זיטען, גנב'עט אייך דורך דורך די וועלט, כדי מען זאָל אין אייך ניט דערקענען דעם אידען: יעדע בעליידיגונג פון דעם אידישען נאָמען וועט מעהר טרעפען אייך, איידער דעם עהרליכען מאַן, וואָס איז זיך מודה אין זיין סאָלידאַריטעט מיט זיין פאַמיליע און שטעלט זיך איין פאַר איהר עהרע“. (ד. ג., ז. 37).

אַזוי האָט העסס אין דעם יאָהר 1840 אויסגענאָסען זיין ביטער האַרץ ביי זיך אין קאַבינעט, געזאָגט זיך אַליין און זיין דור ביטערע אמת'ען אין די אויגען, כדי באַלד צו פערגעסען זיי אויף גאַנצע צוואַנציג יאָהר.

דער אידיש־נאַציאָנאַלער געפיהל איז ווידער לעבעדיג געוואָרען ביי העסס'ען ערשט אין דעם סוף פון די פופציגער און דעם אָנהויב פון די זעכציגער יאָהרען, אין דער צייט פון דעם איטאַליענישען קריעג. ניט נייע רדיפות אויף אידען האָבען איצטער פאַנאַנדערגעבלאָזען דעם פונק, וואָס האָט אַזוי לאַנג געגליהט אונטער'ן אַש. די נייע שטים פון דער צייט, אין וועלכער עס האָט אַזוי קלאָר געקלונגען דער רוף צו די אונטערדריקטע נאַציאָנען, זיי זאָלען אַראָבוואַרפען פון זיך דעם יאָך פון דער פרעמד־העררשאַפט, דער נייער „פריהלינג“, וואָס האָט אַריינגעבלאָזען לעבענס־קראַפט

אין א סך ביז צום גוסס'ען פער'חלש'טע פעלקער, — אָט דאָס האָט אין העסס'ען אויפגעוועקט זיינע נאַציאָנאַל־אידישע האָפענונגען.

אָבער פאר העסס'ען איז געווען וועניג צו פיהלען, אַז אידען זענען א פאָלק, אַן אונטעריאָכט פאָלק און אַז מ מ י ל א מוזען זיי קעמפפען פאר זייער פרייהייט און זעלבסטשטענדיגקייט. זיין אידישען נאַציאָנאַליזם גרינדעט ער ניט אויף יענעם גראַניטענעם רעכט פון י ע ד ע ן פאָלק, — ווי קליין און אונבעדייטענד עס זאָל ניט זיין, — אויף זעלבסטשטענדיגע עקזיסטענץ און ענטוויקעלונג. אזא שטאַנדפונקט וואָלט אין יענער צייט געווען נאָך צו פריה. די מעגליכע קעמפפער פאר אידישע פרייהייט זענען געווען יעמאָלט נאָך אין א גרעסערער מאָס, איידער איצטער, צוזעעט און צושפרייט אין פרעמדע לאַנדערן. קודם כל האָט מען געמוזט זיי צונויפרופען אהיים, און משה העסס האָט געפיהלט, אַז מיט דער אבסטראַקטער טהעאָריע פון פעלקער־רעכט אַליין וועט ער גאָר נישט ניט פועל'ען ביי א דור, ביי וועלכען דער נאַטירליכער נאַציאָנאַלער לעבענס־אינסטינקט, וואָס דאַרף פאר קיינעם ניט „פערענטפערן" זיין דראַנג צום לעבען, איז כמעט אין גאַנצען אָבגעשטאָרבען אָדער פערהויקערט געוואָרען. ביי איהם אַליין, ביי העסס'ען, האָט שוין אויך ניט געלעבט יענער אינסטינקט אין זיין גאַנצער פרישקייט, וואָס פרעגט ניט נאָך „היתר'ס" ביי דער אָדער יענער טהעאָריע, וואָס וויל לעבען, ו ו י י ל ע ס ו ו י ל ל ע־ ב ע ן. דעם פער'חלש'טען לעבענס־אינסטינקט פון דער אידישער אסימילירטער אינטעליגענץ האָט מען געמוזט אונטערטראָגען שאַרפע „שמעק־טראָפּענס", וואָס זאָלען א שלאָג טהאָן אין נאָז אריין און אויפרייסען די אויגען. אזעלכע „שמעק־טראָפּענס" האָט העסס אויסגעאַרבייט אי פאר זיך, אי פאר די געבילדעטע פון זיין דור — אין דער טהעאָריע פון זיין „יודענטהום".

דאָס אידישע פאָלק, האָט העסס געפלייסט זיך צו בעווייזען, איז ניט אבי־וואָס־פאר־איינס. זיין רעכט אויף א פרייע זעלבסטשטענדיגע עקזיסטענץ ווערט בעגרינדעט אויף זיין אונגעהייערע וויכטיגקייט פאר דער גאַנצער געשיכטע פון דער מענשהייט. דורך דער טהעאָריע זייגער פלעכט משה העסס אריין זיין נאָמען אין דעם קראַנץ פון יענע אידישע גייסטעס־העלדען, וואָס האָבען געפיהרט אין גלות דעם ג י י ס ט י ג ע ן קאַמפף פאר דער אידישער

עקזיסטענץ, אין דער שורה פון יענע אידישע דענקער, וואָס ציהט זיך פון פילאָנ'ען אָן ביז אויף אַן אחד־העם אָדער אַ דר. נתן בירנבוים פון אונזערע טעג. זיי זענען אַלע, לויט דעם עצם פון זייער ברוף, מעהר אָדער ווייניגער רעליגיאָנס־פילאָסאָפען, מעהר אָדער ווייניגער בעל־דרש'ער'ס פונ'ם יודענטהום, — מענשען, וואָס האָבען פערלאָרען דעם געזונדען חוש פאַר אַ פשוט'ען, „טריפה'נעם" זיין אויף דער וועלט, און אַנערקענען יענעם „זיין" נאָר יעמאָלט, ווען עס קאָן „געהייליגט" ווערען דורך אַ וועלכען עס איז הייליגען אידעאַל.

אין תוך אַריין איז די דאָזיגע בעשטרעבונג געוויס זעהר אַן איידעלע, טיעפע און מענשליכע. דער מענש מוז זוכען אַ העכערען זין, סיי אין דעם אייגענעם לעבען, סיי אין דעם לעבען און אין דער בעדייטונג פון דער גאַנצער מענשהייט און אַפילו דער גאַנצער וועלט. אָבער דאָס זענען אַלץ פילאָסאָפישע און רעליגיעזע פראַגען, וואָס מען טאָר בשום אופן ניט לאָזען אַריינטראָגען ניט אין די סאָציאַל־פּאָליטישע און ניט אין די נאַציאָנאַל־פּאָליטישע פּראָבלעמען פון דער צייט. די סאָציאַלע גערעכטיגקייט פאָדערט, מען זאָל פערזיכערן דעם יחיד די מעגליכקייט פון אַ פשוט'ער „טריפה'נער" עקזיסטענץ, און זי לאָזט איהם אַליין איבער, וואָס פאַר אַ זין ער וועט אויסגעפינען אין איהר אָדער אַריינטייטשען אין איהר. דאָס אייגענע איז מיט דער אינטער־נאַציאָנאַלער גערעכטיגקייט. זי פאָדערט מען זאָל געבען יעדען פאָלק די מעגליכקייט צו אַ פשוט'ער עקזיסטענץ קודם־כל. און יעדען איינעם פון דעם פאָלק מוז איבערגעלאָזען ווערען דאָס רעכט אויסצוטייטשען דעם זין פון זיין נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ, ווי ער וויל אַליין. דער ווילען צו אַ „טריפה'נער" עקזיסטענץ אַליין. — דאָס איז גענוג, כדי צו בעגרינדען דאָס רעכט אויף דער דאָזיגער עקזיסטענץ. און יעדע נייע בעדינגונג, יעדער צוגע־טראַכטער „זין" איז אַ געפאַהר פאַר די רעכט פון דעם פאָלק, ווייל עס טראָגט אין זיך ממילא איינגעוויקעלט דעם געדאַנק, אַז דאָס נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ־רעכט פון אַ פאָלק דאַרף מיט עפּעס פערדיענט ווערען, — אַ געדאַנק, וואָס מוז אויסגעראָט ווערען מיט'ן וואָרצעל. דאָס לעבען איז דער איינציגער רעכטס־טיטעל אויפ'ן לעבען און אויף אַלץ, וואָס איז נויטיג פאַר זיין

אונגעשטערטער ענטוויקלונג, — סיי פאר דעם יחיד, סיי פאר דאָס פאָלק.

מיר מאַכען די דאָזיגע קליינע בעמערקונג ניט דערפאר, ווייל אונז געפעלען ניט די „שמעק־טראָפענס", וועלכע משה העסס האָט אויסגעאַרבייט. אדרבה! מיר מוזען צוגעבען, אז ער האָט זיי אַרויסדעסטילירט פון די בעסטע עלעמענטען פון דער אידישער געשיכטע. ווי אָביעקטיווע געשיכטליכע פאָרשונג, האָבען זיי גאַניץ זיכער אַ געוויסען וויסענשאַפטליכען ווערטה פאר דער אָבשאַצונג פון דעם אידישען פאָלק און זיין בעדייטונג פאר דער פערגאַנגענהייט, ווען אפילו דערפון קאָן לגמרי גאָרנישט אַרויסגעדרונגען ווערען ניט פאר דער געגענוואַרט, ניט פאר דער צוקונפט. פאר משה העסס׳ן איז אָבער זייער ווערטה געלעגען דוקא אין דער האָפענונג, אז זיי וועלען איבער־אַנדערשען די אידישע געגענוואַרט און אַנגרייטען די אידישע צוקונפט.

אַלע פעלקער, לערנט העסס, זענען אָרגאַנען פון דעם אייניהייטליכען מענשליכען אָרגאַניזם, אָבער ניט אַלע אָרגאַנען זענען גלייך שעפּפעריש. דאָס אידישע פאָלק געהערט צו די שעפּפערישסטע, און זיין ספּעציאַליטעט אין שאַפען איז „די הייליגע, איינהייטליכע ליעבע" (ז. 92־94); וואָס שטאַמט פון דער רעליגיעזער איבערגעבענקייט צו דעם גאָט־געדאַנק. „די גרויסע לעהרער, ווי צו דערקענען גאָט, זענען אַלע מאָל געוועזען די אידען", זאָגט ער אין אַן אַנדער אָרט. „אונזער פאָלק האָט ניט נאָר אין אַלטערטהום בעשאַפען די ערהאַבענסטע רעליגיע, וואָס איז געוואָרען אַן אַלגעמיינער אוצר פאר דער ציוויליזירטער וועלט. אין דעמזעלבינגען מאָס ווי די מענשליכע געזעלשאַפט האָט פאָרטגעשריטען, ווי „גייסט און האַרץ" זענען איידעלער געוואָרען, האָט זיך אויך דאָס אידישע פאָלק ווייטער ענטוויקעלט. און די דאָזיגע מיסיע וועט בלייבען ביי איהם ביז צו דעם סוף פון די טעג, איך מיין ביז צו דער צייט, ווען די דערקענטנים פון גאָט וועט, ווי דאָס האָבען געזאָגט די נביאים, אָנפילען די גאַנצע וועלט". (ז. 13).

דער כאַראַקטעריסטישער שטריך פון דעם יודענטהום בעשטעהט אין דעם, וואָס עס איז ניט אינדיווידועל, נאָר סאָציאַל און אפילו קאָסמיש. עס איז ניטאָ אַ זאַך, וואָס זאָל אַזוי פרעסער

זיין דעם יודענטהום, ווי די אויסלעזונג פון דער נשמה פון דעם איזאָלירטען אינדיווידיאום, צו וואָס עס שטרעבט די קריסטליכע רעליגיע. דאָס יודענטהום רייסט קיין מאָל ניט אָב דאָס אינ־דיווידיאום פון דער פאמיליע, די פאמיליע פון דער נאציע, די נאציע פון דער מענשהייט, די מענשהייט פון דער אָרגאַנישער און קאָסמישער בעשאפונג און די בעשאפונג פון דעם בעשעפער (ז. 14). רב יוחנן׳ס געדאנק, אז דער ענד־ציעל פון דער גאַנצער בעשאפונג איז "משיח" און די „מלכות המשיח", איז א פילאָסאָ־פיש ריכטיגער געדאנק, וואָס דריקט אוים דעם גאַנצען תוך פונ׳ם יודענטהום. דאָס אידישע פאָלק, די מענשהייט, די וועלט און גאָט זיינען אין איהם פעראייניגט אין איינעם. פערשטעהט מען ריכטיג די אידישע רעליגיע, איבערהויפט איהר ניט אינדיווידועלען כאַ־ראַקטער, יעמאָלט מוז מען איינזעהן, אז אין איהר איז ניטאָ קיין פּלאַץ פאר א גלויבען אין א יענע וועלט און אין א יענע־וועלטיגע פערזענליכע אונשטערבליכקייט. אונשטערבליך איז נאָר דאָס פאָלק. „אונזער „השארת הנפש", זאָגט העסס, „דערגרייכט אין דעם עבר ביז די אָבות און אין דעם עתיד ביז צו דעם „מלכות המשיח" (ז. 31). די עגאָאיסטישע פערזענליכע אונשטערבליכקייט האָט ניט געקאָנט האָבען קיין פּלאַץ אין יודענטהום שוין דערפאַר, ווייל דער אידישער געדאַנק האָט קיינמאָל ניט פאַנאַנדערגעריסען אויף צווייען דעם גוף און די נשמה. ספּינאָזאַ׳ס סינטעטישער מאָניזם איז אין תוך אריין אַן אַלטער אידישער געדאַנק. ערשט ווען דאָס קריסטענטום האָט זיך אָבגעריסען פון דעם יודענטום, איז ארויסגעוואַקסען דער דואַליזם פון גייסט און קערפּער (ז. 32). דאָס אידישע לעבען איז קיין מאָל ניט געווען ספּיריטואַליסטיש. אַפילו די איסיים און די ערשטע קריסטען, וואָס זיינען ארויסגע־וואַקסען פון זיי, זיינען אייגענטליך ניט געווען קיין ספּיריטואַ־ליסטישע סעקטען (ז. 49). און אַקוראַט אַזוי פיינדליך איז דער אידישער געדאנק צו דעם ריינעם מאַטעריאַליזם. „דאָס אידישע לעבען איז מאָניסטיש ווי זיין געטליכער אידעאַל" (ז. 51).

א צווייטער גרונד־שטריך פונ׳ם יודענטום בעשטעהט אין דעם, וואָס אויפ׳ן ערשטען פּלאַן שטעהט ביי איהם די זאָרג פאר דער צ ו ק ו נ פ ט , וואָס דריקט זיך שוין אוים אין דעם אידען׳ס ליעבע צו די קינדער. די קינדער „דאָס הייסט די צוקונפט", איז

דער שווערפּונקט, ארום וועלכען עס דרעהט זיך דאָס גאַנצע אי־דישע לעבען און ליעבען. און ווייל די אידישע ליעבע בליקט אַזוי ווייט אין די צוקונפט, דערפאר האָבען געקאָנט ביי אידען אויס־וואקסען היילינע נביאים (ז. 54—55). דאָס יודענטום איז א ג ע־ש י כ ט ס ־ ר ע ל י ג י אָ ן, זיין הויפּטקולט איז די געשיכטליכע ענטוויקעלונג ביז צו דעם געשיכטליכען ענד־ציעל, דער „מלכות המשיח“, דער ממשלה פון סאָציאַלער און אינטערנאַציאָנאַלער גערעכטיגקייט. די מאָדערנע סאָציאַליסטישע טהעאָריען און שטרעמונגען זענען ארויסגעוואקסען פון יענער שפּראָצונג, וואָס ליעגט אין דער אידישער געשיכטס־רעליגיאָן. וואָלטען דאָס די מאָדערנע אידען געוואוסט, וואָלטען זיי זיך ניט געלאָזט אַוועק־רייסען פון דעם אידישען פאָלק דורך דעם שטראָם פון דעם מאָ־דערנעם געדאנק (ז. 69).

די בעדייטונג פון דעם יודענטום פאַר דער געשיכטע פון דער מענשהייט איז אונגעהייער גרויס. א דאנק דעם יודענטום איז די געשיכטע פון דער מענשהייט א היילינע געשיכטע גע־וואָרען, דאָס הייסט, אַן איינהייטליכער אָרגאַנישער ענטוויקעלונגס־פּראָצעס, וואָס הויבט זיך אָן מיט דער פאַמיליען־ליעבע און וועט זיך ניט ענדיגען פריהער, ביז די גאַנצע מענשהייט וועט זיין איין איינציגע פאַמיליע, וואָס איהרע גליעדער וועלען אַקוראַט אַזוי זיין סאָלידאַריש צונויפגעבונדען דורך דעם הייליגען גייסט, דורך דעם בעשאַפענדען געניוס פון דער געשיכטע, ווי די פערשיידענע אָרגאַנען פון א לעבעדיגען גוף זענען צונויפגעבונדען אין איינעם דורך פונקט אַזאַ היילינע שעפּפערישע נאַטור־קראַפט. ביז צו דער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן זענען נאָר די אידען געווען די טרעגער פון דער היילינער געשיכטע. פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן אָן האָבען אויך די פראַנצויזען און די איבעריגע קולטור־פעלקער אָנגעהויבען צו אַרבייטען אויף דערזעלביגער אויפגאַבע (ז. 88).

ארויסגעהענדיג פון אַזעלכע אנשויאונגען אויף דעם מהות פון דער אידישער רעליגיאָן און דער אידישער געשיכטע, האָט העסס גאַנץ געוויס געהאַט א רעכט צו גלויבען, „אַז דער נאַציאָ־נאַלער תוך פון'ם יודענטום שליסט ניט נאָר ניט אויס הומאַניטעט און ציוויליזאַציאָן, נאָר די לעצטערע זענען א נויטווענדיגער פועל־יוצא פון איהם“ (ז. 87) און האָט געוויס גענענט אויף שטאָלץ

זיין אויף דער אידישער ראסע, וואס האט אזוי פיעל אויפגעטהאן פאר דער מענשהייט (ז. 27).

די אלע אנשויאונגען פון משה העסס וועגען דעם פראגרע־סיווען, שיער ניט סאציאליסטישען און ספינאזיסטישען תוך פונ׳ם יודענטום האבען — אין אונזערע אויגען — זעהר א קנאפען ווערטה פאר דער בעגרינדונג פון דעם פראגרעסיווען אידישען נאציאנא־ליזם. קודם כל זענען זיי צו ס ו ב י ע ק ט י ו ו. עס איז ניט שווער צו בעווייזען, אז פיעלעס האט משה העסס אריינגע׳פלפול׳ט אינ׳ם יודענטום פון זיין אייגענעם פילאסאפישען סיסטעם, פיעלעס האט ער שטארק איבערגעשפאנט און — וואס עס איז נאך וויכ־טיגער — ער האט כמעט אלע שאטען־זייטען ארויסגעלאזען.

און איבערהויפט: דער פראגרעסיווער אידישער נאציאנא־ליזם נויטיגט זיך גאר ניט אין שירים ותשבחות ניט פאר דעם יודענטום, ניט פאר דאס אידישע פאלק, אלס ראסע. פאר דער נארמאלער ענטוויקעלונג פון דער מענשליכער קולטור איז נויטיג, אז י ע ד ע ם פאלק זאל האבען די מעגליכקייט צו א ז ע ל ב ס ט־ ש ט ע נ ד י ג ע ן קולטורעלען לעבען. די איצטיגע קולטור איז, אמת, בעשאפען געווארען פון גאר א קליינער צאהל פעלקער (א זיעבען־אכט) און צווישען זיי געהערט אויך דאס אידישע פאלק. די גרויסע צאהל פון די איבעריגע פעלקער האט פאר דעם פ ר א־ג ר ע ס פון דער מענשהייט זעהר ווייניג אויפגעטהאן. אבער דאס איז נאך גאר ניט קיין בעווייז, אז זיי מעגען איינגעשלונגען ווערען פון די פעלקער, וואס זענען מעהר שעפפעריש אין דער קולטור. די מענשהייט האלט נאך גאר ביים אנהויב פון איהר היסטארישען וועג. וועלכע פון די איצטיגע „פאסיווע“ פעלקער וועלען זיך פא־נאנדערבליהען אין פראכט און גלאנץ, וואס פאר א וואונדערבאר־שעהנע אריגינעלע פראדוקטען פון דער מענשליכער קולטור זיי וועלען נאך ארויסברענגען, — דאס קאן מען איצטער בשום אופן ניט פאראויס־זעהן. ממילא איז י ע ד ע ר פאלקס־ארגאניזם א קאנדידאט אויף א קולטור־בעשאפער, — אפשר אין טויזענד, אפשר אין צוואנציג טויזענד יאהר ארום. און שוין דערפאר אליין ליעגט אויף אונז דער חוב ניט צו דערלאזען, ער זאל פערשווינדען, און צו זארגען, אז ער זאל האבען אלע נויטיגע בעדינגונגען פאר א פרייען און זעלבסטשטענדיגען לעבען. און א חוץ דעם האט ער

אַ רעכט דערצו, אפילו ווען ער זאָל אייביג בלייבען „פּאַסיוו“, — ווי יעדער מענש האָט אַ רעכט אויף אַ פרייען זעלבסטשטענדיגען לעבען, אפילו ווען ער איז ניט קיין גרויסער גאון.

מען האָט געוויס אַ רעכט צו זיין שטאָלץ, ווען מען בעלאַנגט צו אַ רייכער שעפּפערישער ראַסע. און ווען די ראַסע ווערט נאָך געטראָטען מיט די פיס און אָראָבגעצויגען אין שמוץ, יעמאָלט האָט מען ניט נאָר אַ רעכט, נאָר אפשר אויך אַ חוב שטאָלץ אויפצוהייבען דעם קאָפּ און אויסצורעכענען איהר פּעקעל מעלות און פערדיענסטען פאַר דער מענשהייט. אָבער בעגרינדען דאָרויף — און נאָר דאָרויף אַליין — די פאָדערונג פון אַ זעלבסטשטענדיגען נאַציאָנאַלען לעבען, איז פּשוט אַ לאָגישער פעהלער. אדרבה! דוקא דערפאַר, וואָס די אידישע ראַסע איז אַזוי רייך אין שעפּפערישע כחות, וואָס זי איז „די זאַלץ פון דער מענשהייט“, איז אפשר דער גרעסטער יושר, מען זאָל זי פערטהיילען צו ביסלעך צווישען אַלע פעלקער אַזוי, אַז אַלע זאָלען קאָנען אויסנוצען איהר שאַפענדע קראַפט. אמת, די מענשהייט קאָן געפינען די „זאַלץ“ אַ ביסעל צו „געזאַלצען“ און זיך שעהן בעדאַנקען פאַר דער טובה... אָבער דאָס איז שוין אַ גאַנץ אַנדער אַרגומענט, וואָס האָט ניט צו טהאָן מיט דער פראַגע וועגען די מעלות פון דער אידישער ראַסע. וואָס העכער די דאָזיגע מעלות זענען, וואָס וויכטיגער זיי זענען פאַר דער מענשהייט, אַלץ מעהר אַרגומענטען קאָן דערפון ציהען דער אַסימילאַטאָר, וואָס קעמפּפט אַנטקעגען די אידישע „אָבזונדערונג“.

פיעל סאָלידער בעגרינדעט זענען משה העסס'עס אָנשויאונגען וועגען דעם שיקזאַל פונ'ם אידישען פאָלק אין גלות און איבערהויפּט זיין שטעלונג צו דער אָרטאָדאָקסיע און דעם רעפאָרמירטען יודענטום.

זיין טהעאָריע פונ'ם „יודענטום“, וואָס פערוואַנדעלט די אידישע רעליגיאָן אין אַ פאַנטעאיסטישע וועלט־אַנשויאונג און אַ סאָציאַליסטישען אידעאַל, האָט משה העסס געברויכט, ווי אַ כלי־זיין אינ'ם קאַמפּף מיט דעם אידישען אינטעליגענט, וועלכער האָט שוין אין גאַנצען פערלאָזען דאָס אידישע פאָלק און מעהר ניט געוואָלט וויסען פון איהם. דער פילאָסאָפישער סאָציאַליזם, וועלכען משה העסס טייטשט אַריין אינ'ם יודענטום, האָט געזאָלט דיענען

ווי א מאגנעט, וואס זאל צוציהען די הערצער פון דער אנטלאפענער אינטעליגענץ צו די פראבלעמען פון דער אידישער ווידערגעבורט.

אבער די אנטלאפענע אינטעליגענץ איז געווען ניט די איינציגע שיכט פון דעם אידישען פאלק, מיט וועלכער משה העסס האט געהאט צו טהאן. „אין דער היים" איז אויך אנגעגאנגען א גייסטיגער לעבען, און אויך ער האט זיך גענויטיגט אין א קריטיק. דער גייסטיגער לעבען „אין דער היים" איז אין אייראפא, אין משה העסס'עס צייטען, בעשטאנען נאר פון צוויי שטרעמונגען: די ארטאדאקסישע און רעפארמירטע, און אנטקעגען ביידע קעמפפט משה העסס אין זיין „רוים און ירושלים". עס איז אבער מערקווירדיג, אז אין דעם גייסטיגען קאמפף אנטקעגען זיי שפיעלט זיין פאנטעאיסטישער סאציאליזם שוין נאר א קליינע ראליע. ער שעצט ניט אב דעם אינהאלט פון זייערע גלויבונגען, אויף וויפיעל זיי געהען זיך צונויף אדער געהען זיך פאנאנדער מיט דעם פאנטעאיזם אדער דעם סאציאליזם. א גאנץ נייער מאסשטאב ווערט דא אנגעווענדט, — א מאסשטאב, וואס געהט, אמת, ניט להיפך צו זיין סאציאלער פילאסאפיע, אבער וואס האט א ברעקעל ניט צו טהאן מיט איהר. דא האבען מיר פאר אונז העסס דעם היסטאריקער, דעם אנטראפאלאג, דעם מאן פון פאזיטיווער וויסענשאפט און דעם מאדערנעם פרייען דענקען. דא טרעט צום ערשטען מאל ארויס זיין רעוואלוציאנערער געדאנק, מיט וועלכען ער האט אריבערגעיאגט זיין צייט אויף עטליכע דורות, — א געדאנק, צו וועלכען אפילו א קארל מארקס האט ניט געהאט קיין כח אויפצוהויבען זיך: אז דער תוך פון דעם אידישען זיין אויף דער וועלט איז לחלוטין אונאבהענגיג פון וועלכע עס איז רעליגיעזע אדער פילאסאפישע אנשויאונגען; לחלוטין אונאבהענגיג פון א וועלכער עס איז עקאנאמישער אדער סאציאלער לאגע, אין וועלכער דאס פאלק געפינט זיך (ווי דאס האט געמיינט קארל מארקס); אז עס איז דא נאר איין איינציגער פאקט, פון וועלכען עס פליסט ארויס די בעזונדערע עקזיסטענץ פון דעם אידישען פאלק, — דער פאקט, אז אידען זענען א בעזונדער נאציאן.

קלאר און בולט טרעט ארויס ביי העסס'ען דער דאזיגער געדאנק אין זיין אבשעצונג פון דעם רעפארם-יודענטום. געווים לאזט ער ניט דורך אהן קריטיק די אלגעמיינע גייסטיגע ארעמקייט פון

יענער כלומרשט פּראָגרעסיווער ריכטונג אין דעם אידישען רעלי־גיעזען געדאַנק. ער בעגיסט מיט שפּאָט די וואָלוועלע, אויבער־פלעכליכע „אפּיקורסות", די „אויפקלעהרעכץ" (ווי מיר וואָלטען זיך אויסגעדריקט), וואָס הערשט אין איהר פון משה מענדעל־סאָהן'ס צייטען אָן (ז. 78). ער קריטיקירט שאַרף די „מיסיאָנס־טהעאָריע" פון דעם רעפאָרמירטען יודענטום, וואָס זעהט נאָך איצטער אין דער אידישען מאָנאָטעאיזם אַן אידעאַל, וואָס דאַרף געפּרעדיגט ווערען צו די קריסטליכע פעלקער. צוליעב זייערע רעליגיעזע דאָגמען, זאָגט ער זעהר ריכטיג, האָבען ביידע רעלי־גיעס, — סיי די אידישע, סיי די קריסטליכע, — שוין לאַנג געמענגט פערשווינדען (ז. 86 און פריהער). אָבער דער הויפּט־פעהלער פון דעם רעפאָרם־יודענטום זעהט העסס אין דעם פאַלשען בליק, וואָס די רעפאָרמער האָבען אויף דעם תוך פון דעם אידישען זיין. זיי האָבען געמיינט, אַז אידען זענען ניט מעהר ווי אַ רע־ליגיעזע סעקטע, און אַז מיט דעם אויסבעסערען פון דעם רעליגיע־זען גלויבען קען מען פערענטפערען די אידישע פראַגע. אידען זענען אָבער אַ פאָלק, אַ נאַציאָן און זייער גאַנצער אונגליק בע־שטעהט אין דעם, וואָס זיי האָבען פערלאָרען זייער היים און וואַנ־דערען אַרום איבער דער גאַנצער וועלט (ז. 15, 44 און אַנדערע).

די גרונדלאַגע פון דעם אידישען פאָלק איז, לויט העסס, די אידישע ראַסע, אַ שטאַרקע, אָריגינעלע, „וואָס רעפּראָדוצירט זיך אין איהר גאַנצקייט להיפּך צו די קלימאַטישע איינפלוסען", ווע־מעס נאַציאָנאַלע שטריכען עס ווערען ניט אַבגעווישט אין יאַהר־טויזענדען. די איצטיגע אידען האָבען די זעלביגע געזיכטס־שטריכען, ווי יענע סעמיטישע פּנים'ער, וואָס זענען אויסגעמאָלט אויף די וואַנד פון די פּיראַמידען. אַזאַ ראַסע קען אפילו קיין שמד אין דער וועלט ניט פערטיליגען. אפילו אין געמישטע חתונות ווערען די אידישע שטריכען ווידער בולט אין דעם דריטען אָדער פערטען דור (ז. 26). די ראַסע האָט אַרויסגערופען דעם אידישען נאַציאָנאַלען בעוואוסטזיין, און די אַלטע אידישע רעליגיע איז ניט קיין אַנדער זאַך, ווי דער אויסדרוק פון דעם דאָזיגען אידישען נאַציאָנאַלען בעוואוסטזיין, וואָס קען אקוראַט אַזוי ווייניג אויס־געראָט ווערען, ווי די אידישע ראַסע גופא. די אידישע רעליגיע איז קודם כל אידישער פּאַטריאָטיזם (ז. 30). דער זין פון דעם

תלמוד און דעם שולחן־ערוך, ד. ה. פון אלע דינים און מנהגים פון דעם אידישען גלויבען, ליעגט ניט אין זייער רעליגיעזער בע־דייטונג, נאר אין זייער נאציאנאלער ראליע, אין זייער דיענסט פאר דעם קיום פון דעם אידישען פאלק. אלע יום־טובים און תעניתים, די גאנצע איבערגעבענהייט צו די אידישע טראדיציאנען ביז צו דעם הייליג־האלטען פון העברעאיש, דער גאנצער אידישער קולט און זיין אלץ בעהערשענדער איינפלוס אויף דעם טאג־טעג־ליכען לעבען, — דאס אלץ האט זיין בעגרינדונג אין דעם פאט־ריאטיזם פון דעם אידישען פאלק. אפילו ספינאזא, — דערמאהנט העסס, — בעטראכט נאך די אידען ווי א נאציאנאליטעט און מיינט, אז דער ווידער־אויפבוי פון א אידישער מדינה הענגט אב נאר פון דעם מוטה פון דעם אידישען פאלק (ז. 79 און 29).

דאס אלץ האט דאס רעפארם־יודענטום פערזעהן. וואלטען די רעפארמער פערשטאנען דעם נאציאנאלען זין פון דער אידישער ארטאדאקסיע, וואלט יעמאלט פאר זיי געווען קלאר, אז מען קען בשום אופן ניט פארטיג ווערען מיט איהר, כל זמן מען קען ניט בעפריעדיגען די נאציאנאלע בעדערפעניסען פון דעם אידישען פאלק. דער אלטער אידישער גלויבען איז געווען א פאנצער פאר דעם אידישען פאלק אין זיין קאמפף פאר נאציאנאלע עקזיסטענץ. א דאנק דעם תלמוד און דער ראבינישער געזעצגעבונג האט זיך דאס אידישע פאלק דערהאלטען אין גלות, און וואס מעהר מיר שעצען און ליעבען אונזער פאלק, אלץ מהייערער ווערט פאר אונז די אידישע ארטאדאקסיע אין איהר געשיכטליכער בעדייטונג, אלץ פארזיכטיגער מוזען מיר זיך בעגעהן מיט איהרע הייליגטימער. דערהויפט איז העסס אונצופריעדען, וואס די רעפארמער האבען פון זייער גאטעס־דיענסט ארויסגעווארפען די וויכטיגסטע אידישע תפלות. היים און איינניג ליעבט זיי העסס: „אין זיי קלינגט צו מיר", זאגט ער, „אן עכא פון טויזענד גענעראציאנען, וואס האבען זיי פון א צונויפגעפרעסטען הארץ ארויסגעשריען צום הימעל". און דאס ריהרענדסטע אין די תפלות איז גראד זייער נאציאנאלער כאראקטער. ווייל א פרומער איד איז קודם כל א אידישער פאט־ריאט (ז. 28).

מיר וועלען זיך דא ניט אבשטעלען באריכות אויף יענע איינ־צעלנע בעמערקונגען, וואס זענען צוזעעט איבער זיין גאנץ ווערק,

אין וועלכע העסס בעלייכט דעם נאַציאָנאַלען כאַראַקטער פון דער אידישער רעליגיע און וועלכע זענען אַלע דורכגעדרונגען פון דעם זעלביגען אידיש־פּאַטריאָטישען פייער, וואָס האָט אַרויסגעבראַכט די בעסטע אידישע תפילות און סליחות. משה העסס ל י ע ב ט דעם אַלטען אידישען גלויבען, אָבער ער ליעבט איהם ניט בלינד. טהייער איז איהם ניט די מעטאַפיזישע און רעליגיעזע שאַלעכץ, מיט וועלכער ער איז אַרומגערינגעלט, נאָר זיין אינווענינסטער קערן, — די איבערגעבענקייט צו דעם אידישען פאָלק און זיין געשיכטליכען גורל.

אין דער אידישער רעליגיע, אפילו אין יענער פאָרם, ווי זי האָט זיך אויסגעאַרבייט אין גלות, זעהט ער איינגעוויקעלט אַ גרויסען און הייליגען געדאַנק, אַז דער יחיד לעבט ניט צוליעב זיך, נאָר צוליעב זיין פאָלק, ריכטיגער צוליעב דער געשיכטליכער ענט־וויקעלונג פון זיין פאָלק. דאָס רופט העסס אָן דעם ג ע ש י כ ט ס־ק ו ל ט, און ער גלויבט, אַז ניט נאָר דאָס אידישע פאָלק, נאָר יעדעס אַנדער פאָלק אין דער וועלט דאַרף האָבען אַזאַ „געשיכטס־קולט“, וואו דאָס הייליגסטע פאַר יעדען יחיד זאָל זיין דאָס פאָלק, צו וועלכען ער געהערט, און די ראָליע, וועלכע זיין פאָלק שפּיעלט אָדער זאָל שפּיעלען אין דער ענטוויקעלונג פון דער גאַנצער מענש־הייט.

אָט דער הייליגער קערן פון דעם אידישען געשיכטס־קולט לעבט נאָך עד היום אין דער אידישער רעליגיאָן. אָבער איצטער, אין גלות, איז דער קערן צוגעדעקט מיט אַ האַרטער שאָלעכץ פון דינים און מנהגים, און עס וואָלט געווען אַ פעהלער צו גלויבען, מיינט העסס, אַז מען קען אויפרייסען די שאָלעכץ פון דרויסען דורך אויפקלעהרונג און קריטיק. ערשט ווען דאָס פאָלק וועט ווי־דער אויפגעלעבט ווערען נאַציאָנאַל, וועט די אידישע רעליגיאָן קענען רעפאָרמירט ווערען. דער פערגליווערטער אייז פון דעם אָרטאָדאָקסישען יודענטהום וועט צושמעלצען נאָר יעמאָלט, ווען דער נאַציאָנאַלער פונק, וואָס ליעגט אין איהם, וועט אויפגעבלאָזען ווערען צו אַ גרויסען פלאַקער (ז. 147). זיינע פערגליווערטע פאָר־מען, זאָגט ער אין אַן אַנדער אָרט, וואָס זענען דורכאויס בערעכטיגט ביז צו דער נאַציאָנאַלער ווידערגעבורט, וועלען פאַנאַנדערגעריסען ווערען אויף אַ נאַטירליכען אופן פון אינווענינג אַרויס, אַ דאַנק דער

שפּראָצונגס־קראַפט, וואָס ליגט אין דער לעבעדיגער זריעה פון דער אידישער נאַציאָנאַליטעט און פון איהר געשיכטס־קולט. ביז צו יענער צייט זענען אומזיסט אַלע רעפאָרמען. עס האָט זיך ביז אהער נאָך קיינעם ניט איינגעגעבען, אפילו אזא מייסטער־האַנד ווי מענדעלסאָהן׳ס, פון דורכצוברעכען יענע האַרטע שאָלעכץ, מיט וועלכער דער ראַביניזם האָט אַרומגערינגעלט דאָס יודענטהום, ווי מיט אַ פּאַנצער, און דערביי זאָל ניט צושטערט ווערען זיין אינוועניגסטער תוך, זיין נאַציאָנאַלער געשיכטס־קולט, און עס זאָל ניט געמאָרדעט ווערען אַ הייליגעם לעבען (ז. 43).

די איצטיגע אָרטאָדאָקסיע וועט פערשווינדען, ווען דאָס אידישע פאָלק וועט בעשאַפען אַ נייע תורה, און די נייע תורה וועט ער אַרויסברענגען, ווען עס וועט פערענטפערט ווערען זיין נאַציאָנאַלע פראַגע. ווי די אויסלייזונג פון מצרים האָט בעשאַפען די תורת משה, ווי די בעפרייאונג פון גלות בבל האָט אַרויסגעבראַכט די „תורה שבעל פה“, אזוי וועט דער אידישער רעליגיעזער זשעניע אַרויסברענגען אַ דריטע תורה, ווען ער וועט זיך בעפרייען פון דעם דריטען גלות (ז. 70—71). עס האָט דעריבער איצטער קיין זין ניט אַרויסצוטרעטען פון דער אידישער רעליגיעזער געמיינשאַפט אָדער אַריינצוטראָגען אין איהר וועלכע עס איז רעפאָרמען. דאָס איינציגע, וואָס העסס וואָלט פערלאַנגט, איז — אַ ביסעל מעהר עסטהעטיק אין דעם גאָטעס־דיענסט און אַ דייטשע איבערזעצונג פון די תפילות, כדי יעדער איד זאָל זיי קאָנען פערשטעהן (ז. 61).

די פריינדליכע שטעלונג, וועלכע העסס נעהמט אָן בנוגע צו דער אָרטאָדאָקסיע, דיקטירט העסס׳ען, דעם „יאַהודי“, אַ גאַנץ אַנדער שטעלונג צו די אידען אין די מזרח־לענדער. בעת די אויפגעקלעהרטע רעפאָרמער האָבען געזעהן אין זיי נאָר „פינסטערלינגע“ און „פאַנאַטיקער“, לויבט זיי העסס גראָד דערפאַר, וואָס זיי זענען געבליעבען טריי צו דעם אַלטען גלויבען און דורכדעם אָבגעהיט די אידישע נאַציאָנאַליטעט. „צו יענע מיליאָנען טרייע ברידער“, שרייבט ער, „וואָלט איך געוואָלט וואַנדערן און זיי צורופען: טראָג הויך דיין פאָהן, מיין פאָלק! אין דיר איז אָבגעהיט געוואָרען דער לעבעדיגער קערן, וואָס האָט, ווי די זריעה־קערנער אין די עגיפּטישע מומיען, טויזענדער יאָהרען געדרעמעלט און האָט ניט פערלאָרען זיין שפּראָצונגס־קראַפט. ער וועט נאָך ברענגען

פּירות, וויבאַלד די האַרטע שאָלעכץ, אין וועלכער ער איז געווען איינגעשלאָסען, וועט דורכגעבראָכען ווערען, ווי באַלד ער וועט אַריינגעפלאַנצט ווערען אין קולטיוו־ירטע ערד, וואו ליכט און לופט און דער טהוי פון הימעל וועלען איהם בעלעבען“. (ז. 42).

אין דעם קאַמפף צווישען רעפאָרם־יודענטהום און אָרטאָ־דאָקסיע שטעלט זיך העסס קלאָר און שאַרף אויף דעו זייט פון דער אָרטאָדאָקסיע. אָבער שוין פון די אַרגומענטען זיינע, וואָס מיר האָבען געבראַכט דאָ, זעהט מען איין, אַז טהייער איז איהם ניט די אָרטאָדאָקסיע, נאָר איהר נאַציאָנאַלער קערן. עס פרעגט זיך דעריבער די שאלה, וואָס אינטערעסירט אזוי שטאַרק אונזער היינטיגען דור: ווי איז, אַז איינער האָט אין זיך יענעם נאַציאָ־נאַלען קערן און פערבינדט איהם מיט אַן אַנדער רעליגיאָן, ניט דער אידישער? קאָן ער נאָך בעטראַכט ווערען ווי אַ איד און וואָס דאַרף זיין אונזער שטעלונג צו איהם?

דער ענטפער, וועלכען משה העסס גיט אויף דער שאלה, איז אזוי ראַדיקאַל און קאָנסעקוועגט, אַז ער רופט אַרוים בעוואונדערונג אין אונז, ווען מען דערמאָהנט זיך, אַז ער איז געגעבען געוואָרען מיט אַ האַלבען יאָהרהונדערט פאַר אונזער צייט. אויף דער הויך פון יענעם ענטפער קאָנען נאָך עד היום ניט אַרויפקלעטערען אַ סך, אַ סך פון אונזערע אויפגעקלעהרטע און ראַדיקאַלע.

די אידישע רעליגיע, לערענט אונז העסס, פערלאַנגט ניט קיין גלויבען, נאָר אַ פאָרשונג אין דער ערקענטניס פון גאָט. דאָס איז אַ „דבר המסור אל הלב“, אין וועלכער קיינער טאָר זיך ניט אַריינ־מישען. דער נאַטירליכער יסוד פון דער רעליגיע איז די אידישע נאַציאָן און צו איהר געהערט יעדער איד, א פ י ל ו ד ע ר מ ש ו מ ד, אָדער אַפילו דער, וועמעס עלטערען עס האָבען זיך גע׳שמד׳ט. „אויך דער געטויפטער איד“, זאָגט משה העסס, „בלייבט אַ איד, וויפיעל ער זאָל אנטקעגען דעם ניט פּראָטעסטירען. אין די היינטיגע טעג איז שווער צו געפינען אַן אונטערשייד צווי־שען דעם אויפגעקלעהרטען און דעם געטויפטען. מיין פריינד, אַרמאַן ל., וועמעס עלטער־עלטערן האָבען זיך שוין געטויפט, אינ־טערעסירט זיך מיט די פריידען און ליידען פון זיינע שטאַם־גע־נאָסען אַ סך לעבהאַפטער, איידער אַן אַנדערער גע„מל׳טער“ איד און האָט דעם גלויבען אין דער אידישער נאַציאָנאַליטעט טרייער אָב־

געהיט, איידער אונזערע אויפגעקלעהרטע ראבינער" (ז. 64—65).

עס איז דעריבער פון דעם שטאנדפונקט קיין נפקא מיניה ניט: גע'שמד'ט אדער ניט; קריסטליך אדער מאזאאיש. די הויפט־פראגע איז: נאציאנאל געזינט אדער אסימיליאטאריש. און א אידיש־נאציאנאל געזינטער קריסט דארף אונז, לויט משה העסס, זיין א סך טהייערער, איידער דער, וואס בלייבט אימער טריי צו דעם יודענטהום, אבער ביי וועמען דער נאציאנאלער גלויבען און די וועדערבעלעבונג פון דעם פאלק איז אדער פרינציפיעל ארויסגעווארפען געווארען פון הארצען (ווי ביי די רעפארמער) אדער אונבעוואוסט אבגעשטארבען (ווי ביי דאס רוב ארטאדאקסישע אידען).

אינטערעסאנט איז איבערהויפט די שטעלונג פון משה העסס צו דעם קריסטענטהום. די ערשטע פאר הונדערט יאהר פון דער קריסטליכער ענטוויקעלונג, ביז די קריסטען האבען זיך אין גאנצען אבגעריסען פון דעם אידישען פאלק, בעטראכט ער ווי איינע פון די פראגרעסיווסטע ערשיינונגען פון דעם אידישען גייסט. דאס קריסטליכע געבעט „אונזער פאטער אין הימעל" („פאטער נאסטער", „אבינו שבשמים") איז פאר איהם א ריין אידישע תפילה, וואס דריקט אוים די האפנונג אויף משיח (ז. 18). און אפילו שפעטער, ווען דאס קריסטענטהום האט זיך אבגעריסען פון דעם אידישען נאפעל, איז עס געווען א גרויסער שריט אויף דעם וועג צו יענעם ציעל, וועלכען די נביאים האבען געשילדערט אין זייערע זעהונגען וועגען די „ימות המשיח". אבער דאס קריסטענטהום איז געווען ניט מעהר ווי איין שריט, וואס האט געהאט זיין בערעכטיגונג ביז צו דער אמת'ער משיח־צייט. אין דער געשיכטע פון דער מענשהייט האט זיך די משיח־צייט אנגעהויבען מיט דער פילאסאפיע פון ספינאזא (ז. 41).

די דורכאוים סימפאטישע שטעלונג צום קריסטענטהום, וואס מיר געפינען דא, ווי אויך אין אנדערע שריפטען פון משה העסס, פערדיענט א בעזונדערע אויפמערקזאמקייט גראד אין אונזער צייט, ווען פאר א פולע פון אונזער דור איז פלוצלינג אויסגעוואקסען די דילעמע: יודענטהום אדער קריסטענטהום. עס פערשטעהט זיך, אז מיר האבען דא אין זינען ניט די פון זיי, וואס האלטען, ווי די

ציניינער, אַז יענע רעליגיע איז די בעסערע, פאַר וועלכע מען גיט
מעהר חזיר־שמאַלץ. פאַר זיי איז דער „טהעאָרעטישער" סכסוך
צווישען דעם אידישען און דעם קריסטליכען גלויבען שוין לאַנג
פערענטפערט געוואָרען צו גונסטען פון דעם קריסטענטהום. פאַר
קריסטענטהום גיט מען מעהר חזיר־שמאַלץ; ממילא איז זי די בע־
סערע רעליגיע, — קוואָד עראַט דעמאָנסטראַנדום! מיר האָבען דאָ
אין זינען נאָר יענע אויפגערודערטע נשמות פון אונזער דור, ביי וועל־
מען דאָס רעליגיעזע פּראָבלעם האָט אַ טיעפע און ערנסטע ר ע ל י־
ג י ע ז ע בעדייטונג. משה העסס'עס שטאַנדפּונקט אין דער פראַ־
גע קאָן, נאָך אונזער מיינונג נאָך, זיין דער ריכטיגער וועג־ווייזער
פאַר זיי. און דער שטאַנדפּונקט לערענט זיי, אַז דער סכסוך צווי־
שען די צוויי רעליגיאָנען קאָן האָבען אַ לעבעדיגען זין נאָר פאַר
די, פאַר וועמען יודענטהום און קריסטענטהום זענען נאָך לעבע־
דיגע, קעמפפענדע גייסטיגע קרעפטען, וואָס האָבען דעם כח צו
בעשטימען דעם אינהאַלט פון דער מענשליכער נשמה. מיט אַנדערע
ווערטער: פאַר די, וואָס האָבען נאָך ניט ד ו ר כ ג ע ל ע ב ט אין
זייער נשמה ספּינאָזאַ'ס פּאַנטעאיזם און (לאָמיר צולעגען פון אונ־
זער זייט) קאַנט'ס „קריטיק פון דעם ריינעם שכל". פאַר יענע
אָבער, וואָס האָבען ספּינאָזאַ און קאַנט, — די צוויי גרעסטע רע־
וואָלוציאָנערען פון דעם מאָדערנעם געדאַנק, — ניט נאָר דורכגע־
לייענט, נאָר אין דעם בוכשטעבליכען זין פון דעם וואָרט ד ו ר כ־
ג ע ל ע ב ט, — פאַר זיי קאָן שוין קיין קאָנפליקט צווישען יודענ־
טהום און קריסטענטהום ניט זיין: דיביידע רעליגיאָנען רוהען
בשלום אויף דעם בית־עולם פון דעם מענשליכען געדאַנק, אָדער
אַנדערש אויסגעדריקט: זיי ל ע ב ע ן אין רוה און פריעדען אין
דעם אייביגקייטס־פּאַלאַץ פון דער מענשליכער געשיכטע.

יעדער איינער שעצט לויט זיין אנשויאונג אָב, וואָס יודענ־
טהום און קריסטענטהום האָבען — יעדעס אויף זיין אָרט — אויפ־
געטהאָן פאַר דעם פּראָגרעס פון דער מענשהייט. פאַר העסס'ען
שטעהט אין דעם צענטער פון זיין בעטראַכטונג די ס אָ צ י אַ ל ע
זייט פון דער מענשליכער ענטוויקעלונג: דער קאַמפּף צווישען
מענש און מענש, צווישען פאָלק און פאָלק און די ה אַ ר מ אָ נ י ע,
וואָס מוז, לויט זיינע פילאָסאָפישע אנשויאונגען, זיין דער רעזול־
טאַט פון יענעם קאַמפּף. אַלץ מעסט ער אויס מיט יענער מאָס,

וואָס איהם ניט אין די הענד דער פּראָפּעטישער אידעאַל פון די ימות המשיח, און נאָר פון דעם נביאים'שען שטאַנדפּונקט בע־שטימט ער דעם ווערטה פונ'ם קריסטענטהום פאַר דער מענשליכער פערגאַנגענהייט. פאַר דער געגענוואַרט האָט ער אין הארצען נאָר די טיעפסטע ברודער־ליעבע סיי צו דעם גלויביגען אידען, סיי צו דעם גלויביגען קריסטען, אויב אין זייערע נשמות לעבט נאָך, — ווי ביי זיין קריסטליכען פריינד, ארמאַן ל., — די איבערגעבענקייט צו די אינטערעסען פון דעם אידישען פאָלק.

מיט ספּינאָזאַ'ס פילאָסאָפיע האָט זיך, לויט משה העסס, אָנ־געהויבען די משיח'ס צייט. אָבער נאָר אין דער אַטמאָספערע פון דעם מענשליכען געדאַנק. אין דעם געזעלשאַפטליכען לעבען איז איהר ערשטער קלאָרער שריט געמאַכט געוואָרען אין דער פראַנ־צויזישער רעוואָלוציאָן און דער צווייטער, נאָך וויכטיגערער שריט, אין די 60ער יאהרען פונ'ם פאָריגען יאָהרהונדערט, ווען די אונטער־דריקטע פעלקער האָבען ווידער אויפגעוואַכט צו אַ זעלבסטשטענ־דיגען היסטאָרישען לעבען. דאָס איז פאַר העסס'ען די אמת'ע צייט פון „תחית המתים".

„דאָס תחית המתים", שרייבט ער, „דאַרף אונז מעהר ניט חידוש'ען אין אַ צייט, ווען גריעכענלאַנד און רוים ווערען ווידער אויפגעוואַכט; ווען פוילען הויבט אויפ'ס־ניי אָן צו אָטהעמען; ווען אונגאַרן בעוואָפענט זיך צום לעצטען קאַמפף און ווען עס גרייט זיך אין דער זעלביגער צייט דער אויפשטאַנד פון אַלע יענע אונ־טערדריקטע ראַסען, וואָס זענען כסדר מיסברויכט, מיסהאַנדעלט און אויסגעזויגען געוואָרען פון דער אַזיאַטישער באַרבאַריי און פון דער אייראָפּעאישער ציוויליזאַציאָן, פון דעם סטופּידען פאַנאַטיזם און פון דער ראַפינירטער אויסרעכענונג. אין דעם נאָמען פון אַ העכערען רעכט גהען זיי קעמפפען אַנטקעגען דעם הערשער־רעכט, וואָס די הערשענדע ראַסען האָבען זיך גענומען אין אַ באַרבאַרישען אָדער ציוויליזירטען מוטהווילען". (ז. 4).

דער וויכטיגסטער סמן פון דער משיח'ס צייט און דעם תחית המתים, וואָס בעלעבט אויך ביי דעם אידישען פאָלק די האָפענונג אויף דער גאולה, איז „די ווידערגעבורט פון דעם איטאַליענישען פאָלק אויף די חורבות פון רוים" (ז. 42). „כל זמן די עסטרייכער האָבען געהערשט אין איטאַליען און די טערקען אין דעם היילינגען

לאַנד פון אונזערע אבות, האָבען דאָס איטאַליענישע און דאָס אי־דישע פאָלק", שרייבט העסס, „ניט געקאָנט ווידער אויפוואַכען צום לעבען. אָבער די סאָלדאַטען פון דער מאָדערנער ציוויליזאַציע, די פראַנצויזען, ברעכען די הערשאַפט פון די באַרבאַרען, קייקלען אַראָב מיט זייערע הערקולעס־אָרעמס די מצבות פון די קברים, און די פעלקער ווערען ווידער וואַך". (ז. 42).

סמנים פון דער משיח־צייט בעמערקט העסס אויך אין דעם אינוועניגסטען לעבען פון דעם אידישען פאָלק: די אויפבליהונג פון דער אידישער וויסענשאַפט אין דייטשלאַנד, די גרינדונג פון דער חברה „כל ישראל חברים" אין פאַריז, „וואָס קאָן האָבען זעהר גרויסע און ווייט־טראָגענדע פאָלגען, ווען זי וועט בעהערשט ווערען פון אַ העכסט־אידישען נאַציאָנאַלען גייסט" (ז. 48) און די ווידער־בעלעבונג פון דער העברעאישער ליטעראַטור (ז. 75), — אַלץ קאַרג־ליכע סמנים, אמת, גאָר ניט צו פערגלייכען מיט יענע שטורמדיגע אַרויסרייסונגען פון דער אידישער נאַציאָנאַלער ענערגיע, וואָס האָבען שפּעטער, אין אַ דריי־פיער דורות אַרום, בעשאַפען די ציונים־טישע בעוועגונג, די אידישע סאָציאַליסטישע און רעוואָלוציאָנערע שטרעמונגען און די אידישע ליטעראַטור. אָבער פאַר משה העסס'ען זענען זיי געווען גענוג, כדי צו קרעפטיגען אין איהם זיינע אידישע האָפענונגען.

משה העסס האָט ניט געקענט האָבען אין געדאַנק נאָך אַ סמן, אפשר דעם וויכטיגסטען, פון דער אידישער ווידערבעלעבונג פון יענער צייט, און דאָס איז — די ערשיינונג פון אַ מ ש ה ה ע ס ס. אַ טויט פאָלק קאָן ניט אַרויסברענגען אַזעלכע מענער, ביי וועמען די אָריגינאַליטעט און רייכקייט פון דעם גייסטיגען שאַפען זאָל זיין צונויפגעבונדען מיט אַזאַ פלאַמענדער ליעבע צו דעם פאָלק, מיט אַזאַ טיעפען גלויבען אין דעם פאָלק'ס צוקונפט. נאָר אַ דאַנק אָט דער פלאַמענדער ליעבע און דעם טיעפען גלויבען האָט העסס געקאָנט, אויף דעם גרונד פון די פאַר נאַציאָנאַל־פּאָ־ליטישע, זעהר ניט וויכטיגע סמנים, נביא'יש איינזעהן, אַז „מיט דער בעפרייאונג פון דער אייביגער שטאָדט אויף דעם טיבער, הויבט זיך אָן אויך די בעפרייאונג פון דער אייביגער שטאָדט אויף דעם „הר המוריה"; מיט דעם ווידערגעבורט פון איטאַליען — דאָס „תחית המתים" פון דעם לאַנד יהודה (ז. 3.).

אין די צייטען פון משה העסס האָבען פאַר אַ אידישען נאַציאָנאַליסט קיין אַנדערע נאַציאָנאַלע אידעאַלען ניט געקאָנט זיין, זוי נאָר דער ציוניסטישער, און וועגען קיין אַנדער ציוניזם האָט מען ניט געקאָנט דענקען, ווי נאָר וועגען דעם, וואָס מען רופט איצטער אָן דער בירגערליכער, אָדער דער „אַלגעמיינער". עס זענען נאָך ניט געווען קיין אידישע אַרבייטער, קיין אידישע דעמאָקראַטיע איבערהויפּט, נאָך ניט געווען קיין שטרעבען — אויסצופּרואווען אין גלות די אייגענע נאַציאָנאַלע כחות, אַ שווים טהאָן אַנטקעגען דעם שטראָם פון אַסימילאַציע, און דאָס אַלץ טהאָן אָהן דער הילף פון דער אידישער רעליגיע, פערלאָזענדיג זיך נאָר אויף דער אייגענער פּראָגרעסיוו - נאַציאָנאַלער ענערגיע. עס איז דעריבער העסס'ען געווען פערשפּאָרט די פּיין און מיה — צונויפצוברענגען אין אַ האַרמאָנישען אַקאָרד די לעצטע ציוניסטישע ציעלען, וואָס זענען ביז אהער געווען אָבגעהיט פון דער אידישער רעליגיע, מיט די שטרעבונגען פון דעם ראַדיקאַלען גלות-נאַציאָנאַליזם, וואָס גראָבט אונטער די יסודות פון דעם אַלטען גלויבען, — אַ פּיין און אַ מיה, פון וועלכע קיין מאָדערנער, ערנסט דענקענדער ציוניסט קען ניט זיין בעפרייט.

אין זיין צייט האָט פאַר איהם געקאָנט זיין נאָר איין קאָנפליקט: דער צונויפשטויס פון ציוניזם און סאָציאַליזם. אָבער העסס איז געווען בעוואָרענט פון דעם דורך זיין גאַנצער סאָציאַליסטישער וועלט-אנשויאונג, וואָס האָט שוין יעמאָלט אין זיך אריינגענומען דעם אינטער-נאַציאָנאַלען, פעלקער-בעלעבענדען אידעאַל. „מיין משיח גלויבען", שרייבט ער, „איז געוועזען יעמאָלט ווי אויך איצטער דער גלויבען אין דער ווידערגעבורט פון די היסטאָרישע קולטור-פעלקער דורכדעם, וואָס די געזונקענע וועלען אויפגעהויבען ווערען צו דער זעלביגער מדרגה ווי די העבער-שטעהענדע" (ז. 41). געהאָלפען אין דעם קאָנפליקט האָט איהם אויך יענער טיעפער היסטאָרישער בליק, וואָס בעטראַכט די מענשליכע ענטוויקעלונג ווי איין איינציגען, ניט צורייסבאַרען פּראָצעס. ער בעמערקט, אַז פאַר דעם, וואָס האָט ניט קיין זין פאַר געשיכטליכע ענטוויקלונג, מאַכט, פערשטעהט זיך, ניט אויס מיט אַ נאַציאָן מעהר, אָדער מיט אַ נאַציאָן וועניגער. דער וואָס פיהלט אָבער דאָס בעדערפניס צו שאַפען פריי, מוז שטעהן אין

פערבינדונג מיט אַלע פריי שאַפענדע גייסטער פון דער פערגאַנגענהייט, ד. ה. מיט דער גאַנצער געשיכטליכער ענטוויקעלונג וואָס עקזיסטירט נאָר אין דער פאָרם פון **פעלקער**־געשיכטען (פערגלייך ז. 80).

די בעפרייאונג פון דעם אידישען פאָלק איז פאַר העסס'ען געוועז א **וועלט־געשיכטליכער** אַקט, אין וועלכען די מענשהייט דאַרף זיין אַקוראַט אַזוי פעראינטערעסירט, ווי דאָס אידישע פאָלק גופא. **די ענטוויקעלונג פון דער מענשהייט** איז דעריבער געוועזן, אַזוי צו זאָגען, א פּראָגראַם־פונקט פון זיין ציוניזם, ווייל דאָס ענדציעל קאָן, נאָך זיין מיינונג נאָך, פערווירקליכט ווערען נאָר מיט דער צושטימונג און דער הילף פון די פעלקער. „וואָס דער ברודער האָט ניט געקאָנט דערגרייכען פון דעם ברודער, א מענש פון א מענשען, דאָס וועט א פאָלק ארויסבעקומען פון א פאָלק, א נאַציאָן פון א נאַציאָן", זאָגט ער גאָר אין אָנהויב פון זיין „רוים און ירושלים" (ז. 5).

עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט, וואָס זיין אידישער נאַציאָנאַליזם האָט איהם, ווי ער פערזיכערט אונז, א האָר ניט געשטערט, זיך אויך ווייטער צו בעטהייליגען אין דער סאָציאַליסטישער בעוועגונג פון זיין צייט (ז. 19), און אין דער אמת'ען זעהען מיר, אַז א פּאָר יאָהר נאָך דער ערשיינונג פון זיין „רוים און ירושלים" ווענדט זיך לאַסאַל צו העסס'ען מיט דער ביטע צו פערפאַסען א סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדאַ־שריפט פאַר די דייטשע ארבייטער, און העסס נעהמט אָן לאַסאַל'ס פּאָרשלאָג. (וואָס פון דער לעצטער סאָציאַליסטישער שריפט פון משה העסס איז געווארען, איז אונז לײדער ניט בעקאַנט). איבערהויפּט איז ביי העסס'ען, זינט ער האָט זיך געשטעלט אויף זיין נאַציאָנאַל־אידישען שטאַנדפּונקט, שוין קיינמאָל ניט געוועזן קיין געגענזאַץ צווישען זיין איבערגעבענקייט צו דעם אידישען פאָלק און דער ליעבע צו יענעם „פרעמדען" פאָלק, צווישען וועלכען ער האָט געוואוינט און געאַרבייט. גאָר פשוט דערפאַר, ווייל פאַר א סאָציאַליסט זענען ניטאָ קיין „פרעמדע" פעלקער. עס זענען נאָר דאָ **אַנדערע**, אײדער מיין אייגען פאָלק, מיט וועלכע איך מוז זיך בעגעהן ווי מיט מיינע **ברידער**. „איך" און „מיינע ברידער", — דאָס איז די פאָרמעל, וואָס פערבייט ביי דעם סאָציאַליסט די אַלטע שאָוויניס־

טישע פאָרמעל פון „אייגען“ און „פרעמד“. דער גאַנצער פעהלער פון דעם כלומרשט „אינטערנאַציאָנאַלען“, אין אמת'ען אָבער אסימיליאטאָרישען סאָציאַליזם, וואָס האָט ביז אהער געהערשט ביי דער אידישער אינטעליגענץ, איז בעשטאַנען אין דעם, וואָס זיי האָבען צוליעב די „ברידער“ פערגעסען אויף דעם „איך“. אגב, גלויבט העסס, אַז די צונויפגיסונג פון אידישען נאַציאָנאַליזם און די ליעבע צו דעם גלות־פאָטערלאַנד איז ניט קיין נייס אין דער אידישער געשיכטע און אין דעם אידישען בעוואוסטזיין. די שפּאַניש־אידישע קולטור־פעריאָדע האָט, נאָך זיין מיינונג נאָך, בעוויעזען, ווי אזוי מען קאָן אין דערזעלביגער צייט זיין א פרומער נאַציאָנאַלער איד און פון דעסטוועגען ליעבען דאָס צווייטע פאָטערלאַנד און ענטוויקלען איהר קולטור (ז. 76).

„סאָציאַליסט פאַר די גוים — ציוניסט פאַר די אידען“, — אזוי אַן ערך לויטעט העסס'עס פאָרמעל פאַר דער פּ ר א ק ט י ש ע ר צונויפגיסונג פון נאַציאָנאַליזם און סאָציאַליזם. מיר דארפען איצטער זיך ניט אָבשטעלען אויף דער קריטיק פון דער דאָזיגער פאָרמעל. איהרע טהעאָרעטישע און פּראַקטישע פעהלער זענען שוין לאַנג קלאָר געוואָרען אין דער טעאָריע און אין דער פּראַקטיק פון דער אידיש־סאָציאַליסטישער בעוועגונג. פערגעסען דארף מען אָבער ניט, אַז העסס'ען מעג מען יענע פעהלער מוחל זיין דערפאַר ווייל אין זיין צייט איז באמת ניט געווען קיין מעגליכקייט צו פעראייניגען דעם נאַציאָנאַליזם מיט דעם סאָציאַליזם אין דער פּ ר א ק ט י ש ע ר ארבייט פאַר דער אידישער וויעדערבעלעבונג. אין זיין צייט האָט העסס גאַנץ געוויס נאָך געהאַט א רעכט צו גלויבען, אַז אין גלות זענען די אידען „פערשאָלטען צו לעבען א לעבען פון פּאַראַזיטען“ און אַז ערשט ווען מיר וועלען ארויס פון גלות, וועט דאָס אידישע פאָלק זיך קאָנען בעטייליגען אין די פּראָגרעסיווע בעוועגונגען פון דער מענשהייט. (ז' 137—136).

וואָס זשע זאָל מען טהאָן אין דער היים? ווי זאָל פערווירקליכט ווערען דער ענדציעל פון די אידישע האָפנונגען? — גרינדען אידישע געזעלשאַפטען פאַר אקערבוי, אינדוסטריע און האנדעל אין ארץ־ישראל לויט „תורת משה“, „ד. ה. לויט סאָציאַליסטישע גרונדגעזעצען“ (ז. 142), בויען קאָלאָניעס אין ארץ־ישראל, אויפהאַלטען די האָפנונג אויף דער פּאָליטישער וויעדערבעלעבונג, און —

ווארטען. עס וועט זיך מאַכען אַ וועלט־היסטאָרישע געלעגענהייט, — און די פעלקער וועלען אונז וויעדער אָוועקגעבען אונזער לאַנד. (ז. 114). קיין אַנדער פּראָגראַם האָט משה העסס ניט געקאָנט געבען פאַר'ן ציוניזם, און — ווער ווייס? — אפשר איז פאַר דעם ציוניזם קיין אַנדער פּראָגראַם ניטאָ.

פאַר דער דורכפיהרונג פון דעם פּראָגראַם האָפט העסס זעהר וועניג אויף די אַלטע אידען, „ווייל צווישען זיי הערשט נאָך די עגיפּטישע פינסטערניס" (ז. 74)· דערפאַר גלויבט ער, אַז די אידישע יוגענד אין די מזרח־לענדער, „וואָס גיט אַוועק איהר לעבען פאַר אַלץ, וואָס איז ערהאַבען און הייליג", וועט זיך באַלד אָנצינדען מיט ליעבע צו דעם נאַציאָנאַלען אידישען אידעאַל (ז. 56).

די נבואה העסס'עס, ווי נאָך איינינגע פון זיינע נביאות, איז שוין איצטער מקוים געוואָרען: די אידישע יוגענד אין די מזרח־לענדער א י ז אָנגעצונדען מיט ליעבע צו דעם נאַציאָנאַלען אידישען אידעאַל. אָבער דורך דעם גופא האָט זי אַריינגעבראַכט אַזוי פיעל נייע פּראָבלעמען פון דעם נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלען געדאַנק, וועגען וועלכע משה העסס האָט אפילו קיין אהנונג ניט געקאָנט האָבען...

מוסטערט מען נאָך אַ מאָל דורך די אַנשויאונגען פון משה העסס, דעם פילאָסאָף, דעם סאָציאַליסט, דעם איד, וועלכע מיר האָבען געפּרובט שילדערען אויף דעם גרונד פון זיינע אייגענע רייד, האָט מען געוויס אַ רעכט צו בעטראַכטען איהם, ווי דעם וויכטיג־סטען פאָרלויפער פון דעם מאָדערנעם אידיש־סאָציאַליסטישען גע־דאַנק: אַ פאָרלויפער, וואָס איז דורכגעלאָפען זיין גאַנצען געביעט און האָט ריכטיג פעסטגעשטעלט זיינע וויכטיגסטע טעאָרעטישע יסודות. דער פאַקט, וואָס דער מאָדערנער אידישער סאָציאַליזם איז אויפגעבויט געוואָרען דירעקט אָהן דער השפעה פון משה העסס'עס טעאָריען, איז נאָך מעהר אַ בעוויז פאַר דער ריכטיגקייט פון זיינע גרונד־פּרינציפּען. ער איז אַ בעוויז, אַז יענע פּרינציפּען זענען ניט קיין סוביעקטיווע פאַנטאַזיעס פון אַ רייכען זשעניע, נאָר אַ לאָגישער פועל־יוצא פון דעם נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישען געדאַנק גופא. ו ו ע ר עס זאָל איהם ניט אָנווענדען, — אויב מען טראַכט זיך נאָר טיעפער אַריין אין זיין מהות, — מוז קומען כמעט צו דיזעלבינע שליסע, וואָס משה העסס, און די גאַנצע געשיכטע פון

דעם אידישען פאָלק מוז ערשיינען כמעט אין דעמזעלבינגען ליכט, אין וועלכען משה העסס האָט זי צום ערשטען מאָל אוועקגעשטעלט.

וויפיעל מיר זאָלען קריטיש ניט אראָבדינגען פון זיינע נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע אנשויאונגען, בלייבט נאָך גענוג, וואָס זואָלט געגעבען משה העסס'ען דאָס רעכט צוצולעגען צו זיין שטאָלצען טיטעל „אַלט־פאַטער דעם דייטשען קאָמוניזמוס" דעם טיטעל „טעאָרעטישער פאָטער פון דער אידיש־סאָציאַליסטישער בעוועגונג". ליידער האָט איהם דער שיקזאַל אין זיין בלינדער אונגערעכטיגקייט דעם טיטעל ניט פערגונען. ווי איך האָב אויבען בעמערקט, איז דער אידישער סאָציאַליזם דערגאַנגען אונאָבהענגיג פון העסס צו דיזעלביגע גרונד־יסודות, וועלכע ער האָט, אין אַ צייט וואָס איז געוועזן אַ סך וועניגער מסוגל דערצו, אַרויסגעבראַכט מיט דער קראַפט פון זיין אייגענעם זשעניע, מיט דער נביאים'שער זעהונג פון זיין ווארעמען אידישען האַרצען.

אָבער איין טיטעל מעג גאַנץ געוויס פערבונדען ווערען מיט זיין נאָמען, — אַ טיטעל, אויף וועלכען מען מעג אפשר נאָך מעהר שטאָלץ זיין, איידער אויף דעם „אַלט־פאַטער דעם דייטשען קאָמוניזמוס". דאָס איז דער טיטעל פון אַ ווירדיגען תלמיד פון אונזערע הייליגע נביאים, וואָס האָבען צום ערשטען מאָל אוועקגעשטעלט פאַר דער מענשהייט איהר העכסטען אידעאַל: די פערברידערונג פון אלע פעלקער צו איין מענשהייט.

ד״ר. מאקס נארדוי און דער פאליטישער ציוניזם

דר. מאַקס נאָרדוי און דער פּאָליטישער ציוניזם.

(צו דעם 60־יעהריגען יובילעאום פון דר. מאַקס נאָרדוי). *

דר. מאַקס נאָרדוי איז דער געבילדעטער וועלט בעקאַנט מעהר ווי אַ דענקער איבער אַלגעמיין־מענשליכע פּראָבלעמען, און אַ קריטיקער פון דער אַלגעמיין־מענשליכער ליטעראַטור און קולטור, איידער ווי אַ טעאָרעטיקער פון דער אידישער פראַגע און אַ בעגרינדער, — וועניגסטענס, אַ מיט־בעגרינדער, — פון׳ם פּאָליטישען ציוניזם. עס וואָלט דעריבער געוועןנאַטירליך, ווען מיר וואָלטען צו זיין 60־יעהריגען יובילעאום קודם כל זיך אָבגעשטעלט אויף זיינע פילאָסאָפישע און ליטעראַטור־קריטישע ווערק, שילדערן זיין וועלט־און־לעבען־אַנשויאונג און אָבשעצען, וואָס נאָרדוי איז געוועןאון איז נאָך עד היום פאר דער געשיכטע פון דער אַלגעמיין־מענשליכער אויפקלעהרונג.

לײדער, מוז איך זיך אָבזאָגען פון דער אויפגאַבע. איך מוז, צו מיין אמת׳ן עגמת נפש, מודה זיין, אַז איך בין מיט דער אַלגעמיינער פּאָרשונגס־און אויפקלעהרונגס־אַרבייט פון אונזער יובילאַר זעהר וועניג בעקאַנט. אמת, אין מיין פריהער יוגענד האָב איך געהאַט די געלעגענהייט דורכצובלעטערען זיינע „קאָנווענציאָנעלע ליגען דער מענשהייט“, און די „פּאַראַדאָקסען“ און אַריינצוקוקען אין איינינע קאַפּיטלען פון זיי. אָבער די פריהע יוגענד האָט שוין געהאַט יענע פּעריאָדע הינטער זיך, ווען דער דאָרשטיגער גייסט זוכט איינצושלינגען אַלץ, אויף וואָס עס פאַלט נאָר דער נייגעריגער בליק. זי איז שוין געשטאַנען אָנגעלאָדען מיט ערנסטע, קלאָהר פאָרמולירטע פראַגען און זי האָט זיך אויסגעלערענט צו זיין עקאָנאָמיש און אויסקלייבעריש מיט דעם לייענען. נאָרדוי׳ס ווערק

---

*) די הויפּט־געדאַנקען פון דעם אַרטיקעל האָב איך אַרויסגעזאָגט אין אַ רעדע, געהאַלטען אויף דעם אבענד לכבוד נאָרדוי׳ס יובילעאום אין קופּער יוניאָן אינסטיטוט.

האָבען ניט אַרויסגערופען דעם איינדרוק אין מיר, אז איך מוז זיי לייענען. ס'איז פאר מיר יעמאָלט געווען קלאָר, אז זייער מחבר געהערט ניט צו יענע גרויסע גייסטער פון אונזער קולטור, וואָס שטעהען יעדען איינעם אין וועג און וואָס זאָגען צו יעדען איינעם: „איידער דו געהסט ווייטער א שריט, זיי מוחל, ברודער, און שליעס אָב קודם כל דיין רעכנונג מיט אונז!" מיר האָט זיך געדוכט, אז אין דער וויסענשאַפט איז נאָרדוי ניט מעהר ווי א פּאָפּולאַריזאַטאָר, — ווען אַפילו דורכאויס ניט קיין וואָלוועלער, און אין דער פילאָסאָפיע — העכסטענס, א זונטאָגס-נמרוד אויף קליינע חיות און עופות, ווען אַפילו מיט א פיינעם שראָט-ביקס, א זיכערער האַנד און ניט קיין שלעכטען אויג. אין גאַנצען פרעמד איז מיר געווען זיין שפּיעלען מיט פּאַראַדאָקסען, זיין זשאָנגלירען מיט געדאַנקען. דאָס האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון א פייערווערק. גראַציעז און זיכער טהוט די ראַקעטע א פליה אַרויף אין די העכסטע רעגיאָנען, צושיט זיך אין א גאַנצען פאַנטאַן פיעל-פאַרביגע פייערס, וואָס ווערען מיט גרויס האַרמידער דאָרטען גופא פערלאָשען... זינט יענער צייט האָב איך אין קיין איין אַרטיקעל, אין קיין איין ווערק פון נאָרדוי ניט אַריינגעבליקט.

איך זאָג דאָס איצטער מיט א אמת'ען עגמת-נפש.

אַך, די גילדערנע יוגענד! איך האָב שוין לאַנג אויפגעהערט מיך צו פערלאָזען אויף איהרע בקיאות און חריפות, אויף איהר מאַסשטאַב און איהר משפּט! וויפיעל פינקלענדע ברילליאַנטען, וואָס זי האָט געזאַמעלט, האָבען זיך דערנאָך אַרויסגעוויזען געשליפענע טויטע גלעזלעך. און, צוריק, וויפיעל פון דעם, וואָס איך האָב געהאַלטען פאר אייביג טויט, האָט זיך דערנאָך אַרויסגעשטעלט — א מקור פון אייביגען לעבען. עס קאָן זיין, אז אויך אין דער אָבשעצונג פון נאָרדוי האָבען מיר געהאַט א טעות, און ערשט די שפּעטערע אונטערזוכונגען וועלען אַרויסברענגען זיין בעדייטונג, ווי א זעלבסטשטענדיגער דענקער. אבער ווי די מעשה איז, וואָס נאָרדוי זאָל ניט זיין ווערטה פאר דער מענשהייט, — זוי הויך אָדער ווענינער הויך מען זאָל ניט מוזען אָבשאַצען זיין אַרבייט פאר איהר, — פאר אונז, אידען, איז ער געוויס א פיגור, וואָס פערדיענט די גרעסטע אויפמערקזאַמקייט.

נאָרדוי געהערט צו יענע ווענינע מענשען, וואָס זענען בלי

ספק געשטאַנען און שטעהען נאָך אויף דער שפּיץ פון דער וויסענ־שאַפט און בילדונג פון אונזער צייט און וואָס האָבען אַזוי ראַדיקאַל צוריסען די היסטאָרישע אידעען־פערבינדונג פון פּראָגרעסיווען דענקען און קאַמפּף אַנטקעגען דעם אידישען נאַציאָנאַליזם. נאָרדוי איז איינער פון די ערשטע און גלענצענדסטע פערטרעטער פון דעם אידישען נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלען געדאַנק. ווי האָט ער דאָס, סוף־כּל־סוף, צונויפגעבונדען זיין ראַדיקאַלען געדאַנק מיט די אידעאַלען פון דער אידישער ווידערבעלעבונג? וועלכע נייע וועגען האָט ער אויסגעפונען, וואָס פיהרען פון דער מאָדערנער ציוויליזאַציע קיין ציון? מען קאָן דאָך ניט איינשמועסען, אַז אַזאַ נשמה, ווי נאָר־דוי׳ס, קאָן צוריסען ווערען אין צווייען: אין אַ ראַדיקאַלע נשמה, וואָס האָט קיין ברעקעל שייכות ניט צו די פּראָבלעמען פון דעם אידישען זיין אויף דער וועלט, און אַ אידישע נשמה, וואָס גליהט מיט עהרליכער איבערגעבענקייט צו דעם אידישען פּאָלק און וויל גאָר נישט וויסען פון איהר ראַדיקאַלען צווילינג. ווי שטאַמט ארויס נאָרדוי, דער ציוניסט, פון נאָרדוי, דעם ראַדיקאַלען דענקער? דאָס איז דערווייליגע נאָך אַ רעטעניש פאַר אונז...

אויף דעם יוביליאומס־אָבענד אין קופּער יוניאָן האָבען מיר אויסגעהערט אַ העכסט אינטערעסאַנטע רעדע פון הערן ה א ר־ו ו י י, דעם אַמעריקאַנער תּלמיד נאָרדוי׳ס און זיין איבערזעצער, וועגען דער וועלט־און לעבענס־אַנשויאונג פון זיין לעהרער. נאָך זיינע רייד קומט אויס, אַז איינער פון די וויכטיגסטע רעזולטאַטען, צו וועלכע נאָרדוי איז געקומען אין זיינע אונטערזוכונגען, איז דער געדאַנק פון „זעלבסט־רעאַליזירונג“, — ד. ה. דער ד ר אַ נ ג פון יעדעם לעבעדיגען וועזען ארויסצוברענגען אין דרויסען אַלץ, וואָס אין איהם ווערט בעשאַפען און ליעגט פערבאָרגען אינווענינ; דער ח ו ב פון יעדעם פערנינפטיגען וועזען ארומצורינגלען זיך מיט אַזעלכע תּנאים פון לעבען, וואָס זאָלען איהם געבען די מעגליכקייט אין גאַנצען צו רעאַליזירען זיך גופא. עס קאָן זיין, אַז אין דעם געדאַנק ליעגט דער וועג, וואָס פיהרט פון נאָרדוי׳ס וועלט־און־לעבענס־אַנשויאונג צו זיין ציוניזם. אַ פאָלק איז דאָך אויך אַ לע־בעדיג וועזען און אַ פערנינפטיג וועזען. אויך אין איהם קאָן גע־מאָלט זיין אַ דראַנג צו זעלבסט־רעאַליזאַציע; אויך פאַר איהם

קאָן אויפגעשטעלט ווערען דער חוב צו בעשאַפען אַזעלכע לע־בענס־בעדינגונגען, וואָס זאָלען ניט שטערען דעם אַרויסגוס פון זיין אינוועניגסטען לעבען אין דרויסען. און איז דען דאָס אידישע פאָלק ניט קיין פאָלק? און איז דען דאָס זעלבסטשטענדיגע לעבען אין אַן אייגענעם לאַנד ניט די בעסטע בעדינגונג פאַר די זעלבסט־רעאַליזירונג פון אַ פאָלקס־נשמה?

מיר ווילען האָפען, אַז, ניט קוקענדיג וואָס נאָרדוי איז אַ בן־ששים, איז זיין גייסט נאָך יונג און שאַפענס־לוסטיג און ער וועט אונז, ווען עס איז, אַליין אַנטפּלעקען זיין וויסענשאַפטליכע און פילאָסאָפישע בעגרינדונג פונ׳ם ציוניסטישען אידעאַל. זיינע „ציוניסטישע שריפטען", וועלכע דער ציוניסטישער אַקציאָנס־קאָמיטעט האָט לכבוד נאָרדוי׳ס יובילעאום אַרויסגעגעבען, דער־צעהלען אונז ליידער כמעט גאָר נישט פון יענעם יסוד, אין וועלכען עס האָבען זיך ביי איהם צונויפגעשמאָלצען טעאָריע און פּראַקטיק, וועלט־פּראָבלעמען און אידישע לעבענס־נויטען *). זיי זענען איבערהויפּט אָרעם אין אַלגעמיין־טעאָרעטישע פערטיעפונג. אַ חוץ נאָרדוי׳ס טעאָריע פון דעם אַנטיסעמיטיזם, — וואָס איז נאָך מיין מיינונג נאָך זעהר שוואַך פערטיידיגט און לאָזט זיך ניט אַראָב ביז צו דעם גרונט פון דעם פּראָבלעם, — און אַ חוץ זיין געדאַנקען־בליץ, אַז ניט די אידען זענען עקספּלאָאַטאָטאָרס, נאָר, אדרבה, זיי ווערען אין גלות עקספּלאָאַטירט (דעם זעלביגען געדאַנק האָבען אייניגע טעאָרעטיקער פון דער „וואָזראָזשדעניע" געוואָלט אויס־בויען צו אַ גאַנצען סיסטעם), געפינען מיר אין דעם ווערק כמעט גאָר נישט, וואָס זאָל דערמאָהנען דעם בעריהמטען טעאָרעטיקער. און דאָס איז אויך קיין חדוש ניט! אין זיינע פּראָגראַם־רעדען, אַרטיקלען און פעליעטאָנען, אין וועלכע ס׳האָט זיך אויסגעגאָסען נאָרדוי׳ס עפענטליכע אַרבייט פאַר׳ן ציוניזם, רעדט צו אונז דער קעמפּפער און דער אַגיטאַטאָר. צונויפגעקליבען אין איינעם, זענען זיי אַ רייכער אַרסענאַל פון כלי־זין, געשמידט און געשליפען פון איינעם פון די שאַרפסטע קעפּ פון אונזער צייט, — כלי־זין, וואָס האָבען נאָך עד היום ניט פערלאָרען זייער שלאָג־קראַפט. זיין

*) דר. מאַקס נאָרדוי׳ס ציוניסטישע שריפטען, קעלן און ליפּציג 1909 (אין דייטש).

אויפגאַבע איז געווען נאָר איינע — אויפבויען, בעלייכטען און פערטיידיגען די גרונד־יסודות פונ׳ם פּאָליטישען ציוניזם, און פאר וועלט־פּראָבלעמען איז דאָ פּשוט קיין אָרט ניט געווען.

עס קאָן אָבער אויך זיין, אז נאָרדוי האָט מיט אַ כיון אויס־געוויכט די העכערע ספערען, כדי ניט אריינצושלעפען אין דער דיסקוסיע פראגען, וואָס זענען נאָך אַזוי פערפּלאָנטערט און אַזוי פרעמד דעם גאַנצען אידישען פאָלק. עס קאָן זיין, ער האָט זיך מיט אַ כיון אָבגעהיט פון צו פערבינדען פאַר דעם עולם זיין ציוניזם מיט זיין וועלט־און לעבענס־אַנשויאונג, ווייל דער פּאָליטישער ציוניזם מוז, לויט דעם עצם מהות זיינעם, בלייבען פריי פון יעדער פילאָסאָפישער דאָגמע, פון יעדעם בליק אויף וועלט און לעבען, כדי ער זאָל קאָנען ארומנעהמען מענשען מיט אַלערליי פילאָסאָפישע דאָגמען און אַלערליי געדאַנקען וועגען גאָט, וועלט און מענשהייט.

איך וועל דעריבער אין גאַנצען לאָזען אָן אַ זייט נאָרדוי, דעם דענקער, און זיך אָבשטעלען אויף זיין פּאָליטישען ציוניזם. דערצו טרייבט מיך אויך אַ פערזענליכער טעם: ווי אייניגע אַנדערע פון מיין דור און גייסטעס־ריכטונג, שטעה איך איצטער אויף דעם שוועל פון דעם ציוניזם. מיר קאָנען נאָך ניט אריינגעהן גאַנץ, צוליעב אַ סך און אַ סך טעמים, וואָס ניט דאָ איז דער אָרט זיי אויסצורעכענען און צו בעלייכטען. ווי לאַנג מיר וועלען זיין גע־צוואונגען צו שטעהן אויפ׳ן שוועל, ווייס איך ניט. איך ווייס נאָר, אַז פאר אונז איז ניטאָ קיין „צוריק״. אנגעגרייט צוזושטעהן צו דער ציוניסטישער בעוועגונג, בעמערקען מיר, אַז די הערשענדע דאָקטרין אין איהר איז דער פּאָליטישער ציוניזם. ס׳איז דעריבער אַ בעדערפניס פאַר אונז, זיך נעהנטער צוצוקוקען צו די גרונד־פעסטען פון דער דאָקטרין. נאָרדוי׳ס „ציוניסטישע שריפטען״ גיבען אונז די מעגליכקייט טיעפער אריינצובליקען אין די נאַטור פון פּאָליטישען ציוניזם און אויסגעפינען זיין ווערטה אויך פאַר דער איצטיגער צייט.

אויב ס׳איז אמת, וואָס ספינאָזא האָט געזאָגט, אַז „אָמניס דעטערמינאַציאָ עסט נעגאַציאָ״ („יעדע בעשטימונג איז אַ פער־ניינונג״), איז זעלטען צו געפינען אַן ענין, אויף וועלכען עס זאָל אַזוי גוט פּאַסטען דער כלל, ווי אויף דעם פּאָליטישען ציוניזם. ווער

עס וויל וויסען, וואָס דער פּאָליטישער ציוניזם איז, מוז זיך מעתה פאַר אַלץ קלאָר מאַכען, וואָס ער איז ניט.

קודם כל איז ער ניט קיין פּילאַנטראָפּישער ציוניזם. ס'איז געווען א צייט, ווען א היבשע צאָהל מערב־אייראָפּעאישע אידען זיינען צונעשטאַנען צו די יעמאָלדיגע „חובבי ציון" אוים רחמנות צו די ארעמע, פערפאָלגטע אידישע מאַסען פון די מזרח־אייראָפּעאישע לענדער. מיט שטאָלץ האָט דער פילאַנטראָפּישער ציוניזם געקאָנט אויפווייזען אויף די גרויסע חסדים, וואָס דער פּאַריזער ראָטשילד האָט בעוויזען צו די אָרעמע קאָלאָניסטען פון ארץ ישראל. דער ציוניסטישער פילאַנטראָפּ טהוט א טובה דעם נויטבעדערפטיגען אידען, ער ווארפט איהם צו פון זיין טאש א נדבה, א קלייניגקען טייל פון דעם רייכטום, וואָס ער בעזיצט. ער אליין נויטיגט זיך ניט אין דער ארבייט, וואָס ער טהוט צוליעב דעם אָרעמאַן. פאַר איהם, דעם געבילדעטען עמאַנסיפּירטען וועסט־אייראָפּעער, איז ניטא קיין „יודען־פראַגע" און אויב זי איז דאָ, ווערט זי פערענטפערט דורך די וויטערע פערשפּרייטונג פון בילדונג און ציוויליזאַציע און דורך די נאַציאָנאַלע צונויפגיסונג פון די אידען מיט די ארומיגע פעלקער. אָבער גראָד דאָ איז געלעגען דער גרונד־פעהלער פון דעם פילאַנטראָפּישען ציוניזם. נאַרדוי לאָזט ניט דורך קיין געלעגענהייט צו בעווייזען, אז דער רייכער ברודער פון וועסט־אייראָפּא איז אַקוראַט אַזאַ'ן אָרעמאַן, ווי דער, וועמען ער וויל העלפען, אַז דער פילאַנטראָפּ ליידט פון דיזעלבע אידישע יסורים, וואָס דאָס גאַנצע אידישע פאָלק אויף דער גאַנצער וועלט. אויב אין וועסט־אייראָפּא איז אפשר ניטא די מאַטעריעלע אידישע נויט, וואָס טרייבט צו א ציוניסטישען ענטפער, איז דערפאַר דאָרטען ניט וועניגער און נאָך אפשר גרעסער די מאָראַלישע נויט, וואָס שטאַמט פון דעם פּסיכאָלאָגישען און געזעלשאַפטליכען אנטיסעמיטיזם. דעם געבילדעטען, „אַסימילירטען" אידען קומט אוים צו לעבען אין אן אַטמאָספערע, וואָס איז אנגעשטעקט מיט חשד און פעראַכטונג צו דעם נאָמען איד, און יעדער וואָס האָט נאָר אין זיין הארצען א ברעקעל זעלבסט־אַכטונג, א פונק פון עהרגעפיהל, מוז ליידען אין דער אַטמאָספערע ניט וועניגער, ווי דער ניט אסימילירטער איד פון א מגושמ'דיגען פּאָגראָם. דער ציוניזם איז ניט א נדבה, וואָס דער גליקליכער שענקט זיין ארעמען

ברודער. ס׳איז די זעלבסט־הילפע פון דעם גאַנצען פאלק, די אַנ־שטרענגונג פון אַלעמען צוליעב אַלעמען׳ס בעפרייאונג. „א פּאָלק גיט מען ניט קיין צדקה", זאגט נאָרדוי. „א לאנד איז ניט קיין נדבה. דער ציוניזם קאָן גאָר ניט שענקען דעם אידישען פּאָלק און וויל גאר ניט שענקען דעם איינצעלנעם אידען. ער פליסט זיך אויפצואוועקען, פּאַנאַנדערוויקלען, מוסטירען און זאמלען יענע קראַפט, וואס מיט איהר זאל דאָס אידישע פאלק זיך ארויסרייסען פון דער צווייטוויזענדיעהריגער טומפּער הכנעה, כדי צו פערשאַפען פאר זיך אַן אייגענעם באָדען, נאַטירליכע בעדינגונגען פאר זיין זיין אויף דער וועלט און א גליק, וואס ער וועט זיך אליין שמיעדען" *)

דער פילאַנטראָפּישער ציוניזם איז איצטער כמעט אין גאַנצען אבגעשטאָרבען אין איינעם מיט דער אלטער „חובבי־ציון" בעווע־גונג. אָבער שיריים פון זיין פּסיכאָלאָגיע טראָגען זיך נאָך עד־היום ארום אין דער ציוניסטישער אַטמאָספערע. ווי קעז ארום הייסע מילך, געהען פיעלע ארום נאָך עד־היום ארום פערשיידענע רייכע פילאַנטראָפּישע אנשטאַלטען, ווי צ. ב. דעם באַראָן־דע־הירש־פאָנד, און בעלעקען זיך פון דעם געדאַנק, וואָס אַזוינס עס וואלט געוואָרען, ווען מען וואָלט אַרויסבעקומען די הירש׳שע מיליאָנען פאר דעם ציוניסטישען צוועק. אנשטאט „אויפצואוועקען, פּאַנאַנדערוויקלען, מוסטירען און זאמלען" די נאַציאָנאַלע ענערגיע פון דעם אידישען פאלק, טראָגט מען זיך עד־היום ארום מיט פּלענער, ווי אריין צו שלעפּען, מיט גוטען אָדער מיט בייזען, אין דער בעוועגונג דעם אָדער יענעם גביר, די אדער יענע פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציע. אזא מין ארבייט, אזא מין פּסיכאָלאָגיע איז דעם נאָרדוי׳שען פּאָליטישען ציוניזם דורך־און־דורך פרעמד, ווייל ער איז אויפגעבויט אויף דעם גלויבען אין דאָס אידישע פאלק און אויף די „זעלבסט־אכטונג, עהרגעפיהל און קראַפט־בעוואוסטזיין" פון דעם אידישען נאַציאָ־נאַליזם.

דער פּאָליטישער ציוניזם האָט אבסאָלוט ניט וואס צו טהאָן

---

*) אוים דער האַאַגער קאָנגרעס־רעדע פון 1907. „ציונ. שריפטען", ז. 175.

טיט פילאנטראָפּיע און פילאנטראָפּישע אינסטיטוציעס. ער וויל קיינעם גאר נישט ניט שענקען און בעט זיך ניט, מען זאל איהם וואָס עס איז שענקען.

דערנאָך איז דער פּאָליטישער ציוניזם נ י ט רעליגיעז. דאָס איז אויך זעהר א וויכטיגער „ניט״: א „נעגאציאָ״, וואָס פיהרט צו א קאָלאָסאל בעדייטענדער „דעטערמינאציאָ״.

דער גרונד־געדאנק און דער ענדצוועק פונ׳ם ציוניזם איז ניט קיין נייעס אין דעם לעבען פון דעם אידישען פאלק. זיין גאנצע געשיכטע אין גלות קאָן אריין געבראכט ווערען אין וו. זשאבאָטינ־סקי׳ס שעהנע פארמעל: „א קרייז־בעוועגונג פון ציון צו ציון״. די גאנצע נשמה פון דעם אידישען פאלק איז תמיד געווען דורכגע־נומען מיט דעם צענטראל־געדאנק פון זיין צוריקקעהר אהיים. אָבער אָט דער צענטראל־געדאנק האָט זיך ביי איהם געשיכטליך פער־בונדען מיט דער אידעע פון א מיסטישען משיח, אן איבערנאטיר־ליכען וואונדער־רעטער. עס האָט זיך אויסגעארבייט א פעסטע היסטאָרישע אידעען־פערבינדונג פון ציוניזם, אידישען נאציאָנא־ליזם בכלל און אידישע רעליגיע. א פריידענקער, וואָס וויל גאָרנישט ניט האָבען צו טהאָן מיט רעליגיע, האָט זיך געמוזט אבזאגען פון דעם נאציאָנאלען געדאנק, און פון יעדען, וואָס האָט אָנגענומען דעם אידישען נאציאָנאלען געדאנק, האָט מען ערווארט, אז ער זאָל אין א וואסערען עס איז וויכטיגען פונקט נאָכגעבען דער אידישער רעליגיע. די היסטאָרישע אידעען־פערבינדונג איז טעאָרעטיש שוין לאנג פאנאנדערגעפאלען, אפילו ביי די ערשטע חובבי־ציון. פון דעסטוועגען האָבען זיי ניט געוואָלט קלאָר און שאַרף אַרויסשטעלען זייער רעליגיעז־פרייען שטאנדפונקט. אדרבה, זיי האָבען מיט א ביון געלאזען אין א בין־השמשות־ליכט זייער שטעלונג צו דער אי־דישער רעליגיע, געריעדט האלבע ווערטער און ניט זעלטען געמאכט חן׳דלאָך דער אלטע אָרטאָדאָקסער אידישער וועלט. ערשט דער פּאָליטישער ציוניזם האָט אפען און עהרליך ערקלעהרט, אז ער וויל קיין ברעקעל מגע ומשא ניט האָבען מיט דעם אידישען רעליגיעזען געדאנק. ד. ה.: רעליגיע איז ניט זיין זאך, און יעדער ציוניסט איז פריי אליין צו בעשטימען דעם גלויבען צו וועלכען ער וויל געהערען.

אפילו זיך אבזאגען פון יעדער אמונה. „דער ציוניזם האָט קיין ברע־קע מגע ומשא ניט מיט דער טהעאָלאָגיע“, זאגט נאָרדוי.*)

דאָס בעטייט א גאנצע רעוואלוציע ניט נאָר פאר די מוחות פון די מאסען, נאָר אויך פאר א גרויסען טייל פון דער אידישער־ראדיקאלער אינטעליגענץ, וואס פערשטעהט דעם געדאנק מיט'ן קאָפּ, האָט איהם אָבער נאָך ניט אין גאנצען אריין גענומען אין פליש און בלוט, און דעריבער פערשטעהט ער איהם נאָך ניט גאנץ. אין גאנצען פריי זיין פון רעליגיע און איבערלאזען יעדעם איינצעלנעם אויסצוקלייבען וועלכע רעליגיע ער וויל, הייסט פשוט און קלאר, אז ס'איז ניטא אויף דער וועלט קיין איין איינציגע אמונה, אויף וועלכער דער ציוניזם האָט א רעכט ארויפצולעגען א פערבאָט אין דעם נאָמען פון דעם אידישען פאָלק. דאָס איז דער טיעפסטער פאנאנדערשניט פון רעליגיע און נאציע. אָבער אפילו דער נאציאָנאל־ראדיקאלער דענקען איז אין דעם פּרט נאָך עד היום פערהויקערט, אויסגעלונקען און קאָן ניט דורכפיהרען דעם געדאנק אין זיין גאנצער פרייהייט און טיעף. א נאציאָנאלער איד, א ציוניסט און צו דערזעלביגער צייט רעליגיעז א קריסט איז א פארשטעלונג, וועלכער אויך ער קאן ניט רעאליזירען אין זיין געדאנק, און פיהרט מען איהם ארויף אויף איהם, דערשפּירט ער א וועהטאָג, ווי א האנט מיט א פעראלטעטען לונק שפּירט א וועהטאָג, ווען מען צווינגט זי אויסצופיהרען א נאָרמאלע בעוועגונג, וואָס געהט להיפך צו איהר ניט נאָרמאלער שטעלונג. וואָס עס זאלען ניט זיין די אורזאכען, וואס האָבען פערהויקערט און אויסגעלונקען דעם אידישען דענקען אין דעם פּונקט, ווי גרויס עס זאל ניט זיין דער וועהטאג פון דער אבגעוועהנטער נאָרמאלער בעוועגונג, מוז מען, מיט דער אכזריות פון א חירורג, ארייַנשטעלען דעם אידישען נאציאָנאלען דענקען אין זיין ריכטיגען געלענק. איך האָב שוין געהאט ניט איין מאָל אין מיין לעבען די געלעגענהייט צו־צו־ריהרען זיך צו דעם וועהטאָגדיגען אָרט און צו־צוהערען זיך צו די שמערצליכע אויסגעשרייען, און איך

---

*) „דער ציוניזם האט ניכט דאס גרינגסטע מיט דער טהעאָלאָגיע צו טהון“. ד. ג., ז. 4. פערגלייך אויך ז. 22, 175 א. א.

וואָלט געוואָלט, אז מען זאָל מיר קודם כל גלויבען, אז מיין אכזריות שטאמט ניט פון א וועלכער עס איז פערזענליכער, ווען אפילו רעליגיעזער פניה. איך גלויב אין יעזוס קריסטוס אקוראט אזוי פיעל ווי אין דעם אידישען משיח; אין ביידע ניט מעהר, ווי אין דער גריכיש־רוימישער ווענוס־אפראָדיטע. אלע דריי זיינען פאַר מיר ניט מעהר, — אדער ריכטיגער: ניט ווייניגער, — ווי געטליכע געשטאלטען, וואָס האָבען דורכגעמאכט זייערע לעבענס־פעריאָדען פון קדושה, טומאה, כף הקלע, און אויפגעשטאנען תחית המתים אין גן עדן פון דער מענשליכער פאעזיע.*) אויף וויפיעל איך קאן מיר פארשטעלען דאָס צוקונפטיגע רעליגיעזע לעבען פון דער מענשהייט, וועט דאָס זיין א פּאָעטישע רעליגיע אָהן א ברעקעל איבערנאטירליכע מיסטיק און טהעאָלאָגישע דאָגמען, א בעוואוסט־פּאָעטישע רעליגיע, וואָס וועט ארייננעהמען אין זיך אלע הייליגע לעגענדעס פון דער רעליגיעזער מענשהייט, אָבגערייניגטע פון זייער צייטליכען און ארטליכען שטויב, שטראהלענדע אין זייער טיעפען מענשליכען געפיהל. זי וועט איינשליסען אין איהר הארצען אלע הייליגע פון דער מענשהייט, ירמיהו אזוי גוט ווי „ניקיטא פוסטאָסוויאט“. אָבער דאָס איז מיין פערזענליכע רעליגיע. איהר מעגט אייך גלויבען אין משיח׳ן אָדער קריסטוס׳ען אויף דעם אלטען שטייגער, ניט פּאָעטיש, נאָר טהעאָלאָגיש: דאָס איז אייער גוטעם רעכט. דאָס וויל ביי אייך קיינער נישט נעהמען. וואָס מען וויל און מען מוז ביי אייך צו נעהמען איז — אייער חצוף׳ע העזה ארויפצולעגען דעם שטעמפעל פון אייער רעליגיעזען געפיהל אויף די הערצער פון דעם גאנצען פאָלק, אויסצוטיילען פאטענטען, אין וועלכע רעליגיע דאָס אידישע פאלק מעג און אין וועלכע עס טאָהר ניט גלויבען. די גרויסע טראגעדיע פון דעם אידישען פאלק אין גלות איז געוועזן, וואָס ער האָט געמוזט פערלאנגען פון יעדען יחיד א בעשטימטען גלויבען אדער ווענינגסטענס זיך אבזאגען פון א בעשטימטען אנדער גלויבען. עס איז ארויסגעוואקסען די אידישע אינקוויזיציע, וואָס האָט געמוזט נעה־

---

*) בערגלייך מיין ארטיקעל: „מוט און העלדענגעבורט פון געמער און רעליגיאָנען“ אין דעם פערטען באַנד פון דער איצטיגער אויסגאבע.

פען זיך פאר דער פערפלוכטער ארבייט אריין צו קריכען מיט די „שטיוואלעס" אין דעם אנדערען'ס הארץ אריין און קאנטראָלירען זיין רעליגיעזען געוויסען, ארוים שטויסען דעם איינצעלנעם פון זיין פאלק, אויב ער האָט אין זיין רעליגיע אריבער געטראטען געוויסע גרענעצען. דער ציוניזם איז אבער, — אזוי וויל איך פּאַראפראזירען הערצל'ס א ווערטעל, — דער ציוניזם איז די בעפרייאונג פון דער גלות־פסיכאָלאָגיע, איידער דער בעפרייאונג פון גלות. ער איז די אויסלייזונג פון יענער אידישער טראגעדיע, די בעפרייאונג פון יעדער נאציאָנאל־פאטענטירטער רעליגיע.

און דאָס קאן גאר אנדערש ניט זיין!

שטעלט אייך פאר, אונזער אידעאל איז מקוים געווארען: מיר לעבען אין אונזער פרייען לאַנד, אין ארץ ישראל. דאָרטען זענען דאָ קריסטען, דאָרטען זענען דאָ מאהאָמעדאנער. שטעלט אייך פאר, אז זיי גיט זיך איין דורך פּראַ-אגאנדע אריבער צו ציהען צו זיך געוויסע טיילען פון דעם אידישען פאלק. וואָס וועט איהר מיט דיעזע טיילען טהאָן? ארויסטרייבען פון ארץ ישראל? בעשאפען פאר זיי א תחום המושב? ארויסגעבען שפּעציעלע געזעצען פאר זיי? פערווערען זיי „על פי דין" צו רופען זיך א טייל פון דעם אידישען פאלק? און אויב אָט די טיילען וועלען ווערען די מאיאָריטעט? וועט איהר זיי ערלויבען, זיי זאלען פאר אייך בעשאפען א תחום המושב? אייך פערוועהרען „על פי דין" אָנצורופען זיך א טייל פון דעם אידישען פאלק? ס'איז גענוג אוועקצושטעלען די פראגען כדי איינצוזעהן, אז פאר דעם אידישען שטאַאט און דער אידישער נאציאָן אין ארץ ישראל איז ניטא קיין אנדער וועג, סיידען דער, אויף וועלכען עס געהען אלע פּראגרעסיווע שטאַאטען און נאציאָנען: דער וועג פון דעם ראדיקאלסטען פאנאנדערשייד צווישען רעליגיאָן און שטאַאט, צווישען רעליגיאָן און נאציאָן. און דער פּאָליטישער ציוניזם איז די בעוועגונג פון דער אידישער נ א צ י ע אין גלות, ניט פון דער מאָזאַאישער רעליגיע: ער מוז אויך אין זיין פּראָגראם און אין זיין ארגאניזאציע אנווענדען די כללים פון דעם מאָדערנעם דעמאקראטישען שטאַאט. אָט פאר וואס ער „האָט קיין ברעקעל מגע ומשא ניט מיט דער טהעאָלאָגיע". אָט פאר וואס ער מוז זיין טאָלעראנט צו יעדער רעליגיאָן. די רעליגיעזע טאָלעראנץ איז דער וויכטיגסטער און פעסטעסטער גרונד־

שטיין פון דעם פּאָליטישען ציוניזם, און אָן דעם שטיין ווערען צו־בראָכען די גייסטיגע קעיטען פון דעם אידען אין גלות. „ניט האָבען קיין ברעקעל מגע ומשא מיט דער טהעאָלאָגיע" איז דער טייטש: ניטאָ מעהר קיין פערבאָטענע וועגען פאַר דעם אידישען געדאַנק! ניטאָ מעהר קיין פערבאָטענע געטער פאַר דאָס אידישע הארץ! ניטאָ מעהר קיין בעגרעניצטע האָריזאָנטען פאַר דעם אידישען בליק!

דאָס און ניט קיין קלענערע זאַך בעטייט דער צווייטער „ניט" פון דעם פּאָליטישען ציוניזם, דער ניט־זיין־רעליגיעז.

דער דריטער „ניט" איז אַ קולטור־פילאָסאָפישער. דאָס גע־שיכטליכע לעבען פון דעם אידישען פאָלק אויף דער וועלט איז ניט קיין גלייכגילטיגער קוואַל פאַר די קולטורעלע ענטוויקלונג פון דער גאַנצער מענשהייט. געטראָגען פון אַ שאַרף אויסגעדריקטער נאַ־ציאָנאַלער אייגענאַרט, האָט דער קוואַל פון דער אידישער קולטור אריין געגאָסען אַ סך וויכטיגע עלעמענטען אין דעם אַלגעמיינעם שטראָם פון דער מענשליכער ציוויליזאציע. די שאַפונגס־קראַפט זיינע האָט ניט אויפגעהערט אויך אין גלות, ווען אפילו די פּראָ־דוקטען פון איהר שאַפען זענען שוין געווען פון אַ קלענערען ווערטה פאַר דער מענשהייט. אין גינסטיגערע בעדינגונגען, קאָן זיין, וועט די שאַפונגס־קראַפט ווידער יונג ווערען און וועט ווידער בע־רייכערען די וועלט מיט נייע אויפרודערנדע געדאַנקען און בילדער, ווי זי האָט דאָס געטהאָן אַמאָל אין די אַ ל ט ע ציימען. עס ליעגט אזוי נאָהענט צו פערבינדען דעם ציוניסטישען אידעאַל מיט דער געשיכטליכער ראָלע פון דעם אידישען פאָלק אין דער פער־גאַנגענהייט און אין דער צוקונפט, מיט זיין געטליכער „מיסיע" פאַר דעם אַלוועלטליכען פּראָגרעס. אָבער נאָרדוי וויל האַלטען זיין ציוניזם פריי אויך פון אַזעלכע טעאָרעטישע געבייען. פאַר נאָרדוי'ס פּאָליטישען ציוניזם איז ניטאַ קיין „שאלת היהדות", נאָר אַ „שאלת היהודים". מיט דער גאַנצער ענערגיע פון זיין גייסט קעמפּפט ער אנטקעגען דעם געדאַנק, אַז דאָס אידישע פאָלק דאַרף אַ וועלכע ס'איז מיסיע דורכפיהרען, דאַרף וועמען עס איז נוצען ברענגען. „וואו האָט מען ווען עס איז געהערט", פרעגט ער, „אַז אַ פאָלק זאָל צו וואָס עס איז דיענען? אַ פאָלק איז אַ זעלבסטצוועק.

עס לעבט פאר זיך, ניט כדי צו העלפען דעם אנדערן.... עס האָט ניט נויטיג וועמען עס איז נוטצען צו ברענגען".*) און אין אַן אנדער ארט: „איך לייקען לגמרי, אז א פאלק האָט איבערהויפּט אַ וועלכע עס איז מיסיע. דאָס איז אַ פּאַפּירענער פּראָפעסאָרען־געדאנק.... פעלקער, ווי אינדיווידוען האָבען קיין אנדער מיסיע ניט, אַ חוץ צו לעבען, ווי מעגליך לאנג, ווי מעגליך אינטענסיוו צו לעבען".**)

און נאָך אויף אַ פּערטען „ניט" מוזען מיר זיך אבשטעלען, כדי קלאָרער צו מאכען דאָס בילד פון'ם פּאָליטישען ציוניזם. ער איז ניט סאָציאַל־עטהיש. ער פּערשמעלצט ניט זיין אידעאַל מיט אַ וועלכען עס איז סאָציאַלען סיסטעם, אַ סאָציאַליסטישען אדער אַ האַלב סאָציאַליסטישען, אַ לאַ אָפּענהיימער'ס „זיעדלונגס־גענאָ־סענשאפט", אָדער גאר אַ בורזשואזען. וועגען דעם פּונקט האָט נאָרדוי געהאט וועניג געלעגענהייט זיך ארויס צו זאגען. אבער ער קלינגט דורך גאנץ דייטליך אין זיין אַמסטערדאמער פּאָרטראָג פון 1899.

אויף דעם ערשטען בליק מאכט דער פּאָרטראָג אַ ריין סאָציאַליסטישען איינדרוק. עס טהוט נאָרדוי וועה דאָס האַרץ, וואס דער אידישער ארבייטער איז נאָך ניט צוגעשטאנען צום ציוניזם. „ס'איז פאראן אן אבלייקענונג פון ציוניזם, וואס פערוואונדעט דאָס האַרץ", זאגט ער. „דאָס איז דער אידישער אר־בייטער, דער אידישער פּראָלעטאַריער. אויב אויך זיי הויבען זיך אויף אנטקעגען אונז, אויב אויך זיי דערקלערען, אז זיי ווילען גאר־נישט וויסען פון'ם ציוניזם, יעמאָלט איז צו אונזער אויפגאבע באמת אן עק — אַ סוף. יעמאָלט וועט פאר אונז גאר נישט בלייבען, סיי־דען אראָפּלאָזען דעם קאָפּ, צו דערקלערען, אז מיר זענען בעזיעגט, און ארומקוקען זיך, אפשר וועלען מיר, נאָך דער טראַגישער ענ־טוישונג, געפינען, פאר דעם רעסט פון אונזערע טעג, אַ נייעם אידעאַל, וואס זאָל אונז מאכען ווערטה דאָס לעבען. וויילע, זאלען מיר אויך פאר דאָס אידישע פּראָלעטאריאט ניט ארבייטען, יעמאָלט

*) ד. ג., ז. 126.

**) ד. ג., ז. 266.

זעה איך באמת ניט איין, פאר וועמען דען איינענטליך זאל נאָך דער ציוניזם ארבייטען און פון וועלכע עלעמענטען זאלען מיר זאמלען דאָס אידישע פאָלק אינ'ם לאַנד פון זיינע אבות".*)

נאָרדוי ווענדט דעריבער אן די גאנצע ענערגיע פון זיין דיאַלעקטיק צו בעווייזען די נאָהענטע שייכות צווישען ציוניזם און סאָציאליזם. ער ווייזט אויף, אז סאי די מאטעריעלע, סאי די מאָראלישע שטרעבונגען פון'ם סאציאליזם געהען ניט להיפך צום ציוניזם. וואָס זאָג איך: ניט להיפך? „זיי זענען אין'ם ציוניזם בפועל ממש פערווירקליכט", זאָגט ער. „אלץ, וואָס עס איז אין'ם סאָציאליזם אַן אידעאל פאר דער צוקונפט, איז אין יודענטהום געווען אַ געשיכטליכע רעאַליטעט און קאָן אויפ'ן שטעל ווידער ווערען אַ רעאַליטעט, ווען דאָס אידישע פאלק וועט אויפ'ם ניי בעקומען זיין זעלבסטבעשטימונגס־רעכט".**)

אמת, אין דער אויסרעכנונג, וואָס אזוינס זיינען די וויכטיגסטע פונקטען פונ'ם סאָציאליזם און אין וואָס איז בעשטאַנען די סאָציאליסטישע רעאַליטעט אין'ם לעבען פון'ם אידישען פאָלק גיט אונז נאָרדוי אַ צו סכעמאטישען, צו בלאַסען בילד. אָבער גערעכט בלייבט ער פארט. ניט נאָר דער סאציאליזם, דער אמת'ער ריינער ארבייטער־קאמוניזם איז אמאָל ביי די אידען געווען אַ געשיכטליכע רעאליטעט — אין דעם לעבען פון די „איסיים, די „עססענער".

„גלויבט איהר דען", פרעגט ער ווייטער, „ס'איז אַ צופאַל, וואָס ביי דער וויעג פון'ם היינטיגען סאציאליזם שטעהען די אידען מארקס און לאסאל? וואָס די אידען נעהמען נאָך איצטער איין אַן ערשטען פלאַץ צווישען די טעארעטיקער פון דעם סאָציאליזם? אלע אָט די מענער מעגען איהר יודענטהום אבלייקענען, אין זיי הערשט, אונבעוואוסט פאַר זיי גופא, אַ אידישער אטאַוויזם".***) די אידישע סאָציאליסטען האָבען אבער גאר נישט וואס צו האָפען פאר זייער פאלק, ווען דער סאָציאליזם וועט זיגען. „דער סאציאליזם", זאגט נאָרדוי שטראָף־נביאות, „וועט איך ברענגען דיזעלבינע ענטוישונג,

*) ד. ג., ז. 244—245 און נאָך אין אַנדערע שטעלען.
**) ד. ג., ז. 263.
***) ד. ג., ז. 267.

זוי די רעפאַרמאַציע, ווי די אויפקלערונג, ווי די פּאָליטישע פרייהייטס־בעוועגונג. אויב מיר זאָלען דערלעבען, אַז די סאָציאַליסטישע טעאָריע זאָל אַריבער געהן אין דער פּראַקטיק, וועט איהר זיך חדוש'ען, ווען איהר וועט ווידער געפינען אין דער נייער אָרד־נונג אייער אַלטען בעקאַנטען: דעם אַנטיסעמיטיזם. עס וועט אייך גאַרנישט העלפען, וואָס מאַרקס און לאַסאַל זיינען געוועזען אידען. אפשר מעג מען פערגלייכען קליינס מיט גרויס, מיט דעם גרעס־טען: דער בעגרינדער פון דער קריסטליכער רעליגיע איז אויך געוועזען א איד; עס איז מיר אָבער ניט בעקאַנט, אַז די קריסטענ־שאַפט זאָל זיך בנוגע צו אידען פיהלען פערפליכטעט צו דאַנק דערפאַר". „די אידישע פּראָלעטאַריער, ווי די אידישע טהעאָ־רעטיקער פון'ם סאָציאַליזם וועלען געפינען פאַר אַלע זייערע גע־רעכטע בעשטרעבונגען א ווייטען, פרייען רוים אין'ם ציוניזם".*)

ווי סאָציאַליסטיש עס זאָל ניט קלינגען די גאַנצע מערק־ווירדיגע אַמסטערדאַמער פּאַרלעזונג, דאַרף מען אָבער ניט פערגע־סען, אַז זי איז געהאַלטען געוואָרען אין אַמסטערדאַם, אין דער שטאָדט פון דער גרויסאַרטיגער סאָציאַליסטישער בעוועגונג פון די אידישע דימענט־שלייפער. איהר הערט אין יעדעם וואָרט זיינעם, אַז פון נאָרדוי רעדט דאָ ניט דער סאָציאַליזם, נאָר דער נשמות־פאַנגער, וואָס וויים, אַז ער האָט א רעכט צו רופען אין זיין טעמ־פעל אויך די סאָציאַליסטען, ווייל זיין טעמפעל האָט א „ווייטען פרייען רוים" פאַר אַלע גרונדריכטונגען און שאַטירונגען פון דעם היינטיגען סאָציאַל־עטהישען געדאַנק; ווייל זיין טעמפעל איז א בית המקדש פאַר דער גאַנצער נאַציע, אַלץ איינס פון וועלכען גלויבען און וועלכער וועלט־אַנשויאונג איהרע איינצעלנע מיטגליעדער זאָלען ניט זיין.

אָט דאָס זיינען די פיער פונדאַמענטאַלע „ניט'ען", וואָס אויף זיי איז אויפגעבויט דער טעמפעל פון דעם פּאָליטישען ציוניזם: ניט פילאַנטראָפּיש, ניט רעליגיעז, ניט קולטור־פילאָזאָפיש, ניט סאָציאַל־עטהיש.

וואָס זשע איז ער יע?

*) ד. ג., ז. 270.

ער איז ריין **פּאָליטיש**. ער איז אוער זאָל זיין די ארגאניזאציע פון׳ם גאנצען אידישען פאלק און די פאדערונג פון׳ם גאנצען אידישען פאלק צו די פּאליטישע הערשער פון דער גאנצער וועלט בכלל און צו דעם פּאָליטישען אויבערהארר פון ארץ ישראל, אז מען זאל אידען אומקעהרען דאס לאנד פון זייערע אבות דורך אן עפענטליך־רעכטליכען, ד. ה. פּאָליטישען אקט, דורך א „טשארטער״, אויף וועלכען עס זאלען זיין אונטערגע׳חתמ׳עט א פּאַר וויכטיגע „נאום׳ס״ ווי עדות און ערבים, אז דאָס לאנד ווערט אוועקגעגעבען דעם אידישען פאלק אונטער בעדינגונגען, וואס מאכען מעגליך זיין זעלבסט־שטענדיגע פרייע ענטוויקלונג..... „נאום ענגלאנד, עד. ונאום דייטשלאנד, עד״.

וואָס זשע זאָל מען טהאָן ביז צו דעם טשארטער? זאָל מען אפשר פּרובען ביסלעכווייז קאָלאָניזירען דאָס לאנד, ביסלעכווייז אריינגעהמען דאָס לאנד אָהן א „נאום״ אין אידישע הענד?

בשום אופן ואופן ניט! — ענטפערט אויף דערויף נאָרדוי. די הויפּט־ארבייט דאַרף זיין די אָרגאַניזאציע פון דעם אידישען פּאָלק אין גלות און די **דיפּלאָמאטישע** געשעפטס־פיהרונג מיט דער טערקישער רעגיערונג. „אלץ וואָס מיר ווילען״, זאָגט ער, „איז, די גרויס־מעכטע זאָלען אונז אָפיציעל צונויפפיהרען מיט דעם סולטאַן און... ביי דעם שלום־געשפּרעך זאָלען די זעלביגע גרויס־מעכטע זיין ווי טייל־נעהמער, עדות און ערבים פאַר אונזערע אָבמאַכונגען. טאָמער וועט זיך אָבער ארויסווייזען, אז עס איז אונמעגליך צו קומען צו א פּשרה מיט זיין מאַיעסטעט דעם סולטאַן, יעמאָלט... מוזען מיר בלייבען פעסט שטעהן מיט ביידע פיס אויף דעם באָדען פונ׳ם באַזעלער פּראָגראַם, האָבען געדולד און ווארטען״. ס׳איז שווער צו ווארטען אין גלות, ווען מיר גלויבען ניט אין אונזער צוקונפט. האָבען מיר אָבער א קלאָרען פּלאַן און א פעסטע פאָדערונג, „יעמאָלט זענען מיר ווידער דער עם־עולם״, וואָס קאָן אויפציהען, „ביז עס וועט אין דער וועלט־פּאָליטיק אריינטרעטען אזא לאגע, וואָס וועט מאכען ווינשענסווערטה פאַר די מעכטען, זיי זאָלען אונז אויסהערען״. *)

---

*) ד. ג., ז. 147—148.

איך בין אין מיין היינטיגען ארטיקעל ניט אויסען א פאלשטענדיגען אנאליז און א קריטיק פון נארדוי'ס פאליטישען ציוניזם. ער האט געווים געשפיעלט און שפיעלט נאך עד היום א מעכטיגע ראלע און ער איז זיכער ניט דער לעצטער פונקט אין דער ענטוויקעלונג פונ'ם ציוניסטישען געדאנק. נייע אומשטענדען און פאסירונגען רוקען ארוים נייע אויפגאבען פאר דער וויעדער־בעלעבונג פונ'ם אידישען פאלק אין גלות און אין ארץ־ישראל. מען קאן איצטער ניט אויסקומען בלויז מיט יענע טעאריעס און פלענער, וואס האבען געהערשט פון דעם ערשטען באזעלער קאנגרעס אן ביז צו דער טערקישער רעוואלוציאן. די פאלשטענדיגע געשיכטע פון דעם פעריאד צייט, די אייגענטליכע געשיכטע פון הערצל־נארדוי'ס פיהרערשאפט, ווארט נאך אויף היסטאריקער און אויף אן אונפארטייאישע אבשעצונג.

איך וויל מיך דא בעגנוגענען נאר מיט צוויי בעמערקונגען.

די ערשטע שאלה איז וועגען די גרונד־„ניט'ען", וואס אויף זיי רוהט הער פאליטישער ציוניזם. קאן מען דען דעם ציוניסטישען ענדצוועק באמת האלטען אונטער א גלעזערנעם גלאס, אבשליסען איהם פון דער גאנצער מאדערנער גייסטיגער אטמאספערע אזוי, אז ער זאל זיך בעמיש ניט צונויפמישען מיט די וויכטיגסטע געדאנקען וועגען רעליגיע, געשיכטס־פילאסאפיע און סאציאלעטהיק? איז דאס מעגליך, א ציוניסט זאל פערנאנדערשפאלטען זיין גייסט און פיהרען איין חשבון פאר זיין וועלט־אנשויאונג און איין אנדער חשבון פאר זיין ציוניזם? ניין! קיין ציוניסט קאן דאס ניט און טאר דאס ניט. אבער דאס, וואס פאר דעם איינצעלנעם ציוניסט וואלט געווען א פערברעך אנטקעגען דער אייגענער נשמה, איז פאר דעם ציוניזם, ווי א פארטיי, — אן א י ז ע ר נ ע ר מ ו ז. דעם מענשענס גייסט דארף זיין גאנץ און אייגהייטליך. אזא וויכטיגער פונקט אין דער וועלט־און לעבענסאנשויאונג, ווי דער ציוניזם, דארף זיין צונויפגעגאסען מיט אלע אנדערע פונקטען אין איין הארמאנישע איינהייט. דאס איז אמת, אבער דאס איז נאר אמת פאר דעם ציוניסטישען י ח י ד. דער ציוניסטישער אידעאל קאן זיך צונויפשמעלצען אין איין הארמאנישע איינהייט מיט די פערשיידענסטע וויסענשאפטליכע, סאציאלעטהישע, געשיכטס־פילאסאפישע, רעליגיעזע און ריין־פילאסא־

שע אַנשויאונגען, און אויף קיין איינער פון זיי קאָן מען ניט זאָ־גען, אַז זי פּאַסט מעהר אָדער ווענינער צו דעם ציוניזם. ס׳איז אַ פּשוט׳ע לאָגישע פערבלענדעניש, ווען איינער מיינט, אַז ווייבאַלד איינער איז אַ ציוניסט, איז „דער שכל מחייב“, ער זאָל גלויבען אין דער אָדער יענער רעליגיע, האַלטען פון דער אָדער יענער מעטאַפיזישער סברא. און אויב איינער פּרובט אויסאַרבייטען אַ „ציוניסטישע וועלט־און לעבענס־אַנשויאונג“, ברענגט ער דערמיט אַרויס ניט מעהר, ווי אַ „היסטאָרישע אידעען־פערבינדונג“, וואָס האָט אין זיך אַ צווינגענד־לאָגישע קראַפט נאָר פאַר זיין אייגענעם געדאַנקען און פאַר די וואָס דענקען ווי ער, וואָס קאָן אָבער בשום אופן ניט אַרויסטרעטען מיט דער פּרעטענזיע צו זיין לאָגיש־צווינגענד פאַר אַלעמען. „די וועלט־אַנשויאונג איז אַ פּריוואַט־זאַך“, — דאָס איז דער זין פון די פיעלע „ניט׳ען“, אויף וועלכע דער פּאָליטישער ציוניזם איז געבויט.

אין דעם פּרט איז דער פּאָליטישער ציוניזם אַרויסגעטראָטען פּונקט פערקעהרט, ווי דאָס האָט געטהאָן דער מאָדערנער סאָציאַ־ליזם. דער מאָדערנער סאָציאַליזם האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר דער וועלט אין אַ „קאָמוניסטישען מאַניפעסט“, וואָס האָט אַרויפגע־צוואונגען אויף דעם עולם ניט נאָר אַ בעשטימטען ענד־ציעל, נאָר אויך אַ בעשטימטע וועלט־אַנשויאונג, דעם „מאַרקסיזם“, אָדער דעם „דיאַלעקטישען מאַטעריאַליזם“. און וויפיעל גייסטעס־קרעפ־טען האָט געקאָסט דעם סאָציאַליסטישען געדאַנק, ביז דער מאַרק־סיזם איז ביי די ענטוויקעלטערע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען גע־וואָרען אַ „פּריוואַט־זאַך“! פון אַלע אַזעלכע קעמפּפען, וואָס האָבען איינגעשלונגען אַזוי פיעל גייסטיגע ענערגיע, וואָס האָבען געשטערט דעם נאַטירליכען ענטוויקעלונגס־גאַנג פון דעם סאָציאַ־ליסטישען געדאַנק, איז דער פּאָליטישער ציוניזם לכתחילה גע־בליבען פערשוינט, אַ דאַנק דעם ריכטיגען בליק אויף די ראָלע פון אַ וועלט־אַנשויאונג אין אַ פּאָליטישער פּאַרטיי, אויף דעם „רשות הרבים“ און דעם „רשות היחיד“ אין דער פּאַרטייאישער גע־דאַנקען־וועלט. אַ פּאַרטיי פערלאַנגט פון דעם איינצעלנעם מעהר נישט, ער זאָל איינשטימען אין דעם ענדציעל און מסכים זיין מיט יענע וועגען, וועלכע די פּאַרטיי שלאָגט פאָר, כדי איהם צו דער־גרייכען. דאָס איז דער „רשות הרבים“ און מעהר ווי דאָס גע־

הערט ניט צו דעם „רשות הרבים“. פּ אַ ר וואָס איך בין מסכים אויף דעם ענדציעל און די פּראַקטישע וועגען, וועלכע די פּאַרטיי שלאָגט פאָר, דאָס איז שוין מ י י ן זאַך, דער „רשות היחיד“, אויף וועלכע די פּאַרטיי טאָר קיין ברעקעל דעה ניט האָבען. די פערשיידענע „ניט׳ען“, אַלץ, וואָס ווערט אויסגעשלאָסען פון רשות הרבים, זענען, פערשטעהט זיך, „לא תעשה׳ס“ נאָר פאַר דער פּאַרטיי. פאַר דעם א י י נ צ ע ל נ ע ם קאָנען זיי ווערען „מצות עשה׳ס“, וועלכע ער פיהרט אוים אויף זיין אייגענער אחריות, ניט געפרעגט ביי דער פּאַרטיי און ניט צוגעלאָזען איהר פּראָטעסט.

פרייהייט פאַר דעם אינדיווידיאום און אייגהייטליכקייט פון דער פּאַרטיי זענען צוויי ערשיינונגען, וואָס שליסען אָפּט איינע די אַנדערע אוים. וואָס רייכער די פּאַרטיי איז אין פעסטע, פאַר אַלעמען צווינגענדע דאָגמען און אַנשויאונגען, אַלץ מעהר געפּענ־טעט איז דען געדאַנקען־גאַנג פון יעדעם איינצעלנעם. קוים טרעט ער אריבער אַ וועלכען ס׳איז סעיף פון דער פּאַרטיי׳ס „ראשית חכמה“, אַזוי איז ער גענויטיגט אַרויסצוטרעטען פון דער פּאַרטיי. צוריק, וואָס ווייניגער דאָגמען די פּאַרטיי האָט, וואָס מעהר פריי־הייט זי גיט דעם אינדיווידיאום׳ס געדאַנק, אַלץ מעהר מענשען און טהוער קאָנען צושטעהן צו איהר, אַלץ וויכטיגער ווערט פאַר אַלעמען דער „רשות הרבים“, אַלץ שטאַרקער ביי יעדעם איינעם די העכסטע מדה טובה פון דעם מענשליכען גייסטיגען לעבען, די טאָלעראַנץ צו דעם אַנדערען׳ס וועלט־און־ לעבען־אַנשויאונג.

דער פּאָליטישער ציוניזם האָט ביז אַהער, אין זיין טעאָריע און אין זיין פּראַקטיק, כמעט אין גאַנצען פערווירקליכט דעם אידעאַל פון טאָלעראַנץ, און עס וואָלט געווען אַ שאָדען פאַר דער ווייטערדיגער ענטוויקלונג, אויב די בעוועגונג וואָלט געוואָרען אונטריי אָט דעם הייליגסטען פון אַלע הייליגע פּרינציפּען.

גאַנץ אַנדערש מוז איך מיך שטעלען צו דעם צווייטען עלע־מענט פון דעם פּאָליטישען ציוניזם: די פאָרמולירונג פון דעם ענדציעל און די וועגען, וועלכע דער פּאָליטישער ציוניזם האָט אויסגעקליבען, כדי איהם צו פערווירקליכען.

אָבער איידער איך וועל מיר דערלויבען צו זאָגען מיין מיי־נונג וועגען דעם פּונקט, וויל איך דערמאָהנען דעם לעזער, אַז איך שטעה נאָך אויפ׳ן ש וו ע ל פון׳ם ציוניזם. מען קאָן ניט זאָגען,

אַז אזא לאַגע איז זעהר אַ בעקוועמע, אָבער זי האָט פון דעסטווענען איהרע מעלות. איין מעלה איהרע איז, וואָס איך בין נאָך ניט פעראַנטוואָרטליך פאַר'ן ציוניזם און דער ציוניזם איז נאָך ניט פעראַנטוואָרטליך פאַר מיר. פריי פון יעדער אחריות, קאָן איך ארויסזאָגען פריי מיינע מיינונגען, נישט מורא צו האָבען, טאָמער שטער איך דערמיט דעם ציוניסטישען חשבון פאַר דעם היינטיגען פאָליטישען טאָג; נישט מורא צו האָבען, טאָמער וועט מען די ציוניסטען אויפוואַרפען: זעהט, וואָסערע מיינונגען, וועלענישען און גֶעלוסטען עס לאָזען זיך הערען אינ'ם ציוניסטישען לאַגער. איך געהער נאָך ניט צו דעם ציוניסטישען לאַגער און מיינע מיינונגען, וועלענישען און געלוסטען זענען דערווייל אין גאַנצען מיין „רשות היחיד".

איך שטעה נאָך אויפ'ן שוועל. אָבער אויב עס וועט מעגליך זיין פאַר מיר אריינצוגעהן, וועל איך אריינגעהן ווי דער, וואָס איך בין, ווי דער וואָס איך בין אלע מאָל געווען, זינט איך בין אַ בעוואוסט־נאַציאָנאַלער איד: אַ תלמיד פון ישעיה הנביא, אַ ז ע ל אָ ט (קנאי) און אַן ע ס ס ע נ ע ר (איסיי) (אָבגעקירצט: אַן „עס־ער").

ווי אַ ז ע ל אָ ט, קאָן איך מיך ניט צופריעדען שטעלען מיט אַן „עפענטליך־רעכטליך געזיכערטער היים", אַן אויטאָנאָמע פראָווינץ פון דער טירקיי, מיט אַ פרעמדען מלכות אויף אונזער קאָפּ. „עבדים אתם לד' ולא עבדים לעבדים", קנעכט זענט איהר צו גאָט, אָבער ניט קנעכט צו קנעכט, זאָגט דער זעלאָט. אַ פ ר י י ע ז ע ל ב ס ט ש ט ע נ ד י ג ע א י ד י ש ע ר ע פ ו ב ל י ק אין ארץ־ישראל איז מיין זעלאָטיש „וועלעניש" און „געלוסט".

און ווי אַן עססענער (איסיי) איז מיין היסעסטער גלויבען און וואונש, אַז אָט די פרייע אידישע רעפובליק זאָל זיין אַ ס אָ צ י אַ ל י ס ט י ש ע.

און ווי אַ תלמיד פון ישעיה הנביא, ווייס איך, אַז דאָס זענען ניט קיין ווייסטע חלומות און אומאָפּיען. קומען וועט אַ צייט, ווען עס וועט בעשאַפען ווערען אַ נייע ערד (ווייל די אַלטע איז שוין צו פיעל אָנגעזעטיגט מיט אונשולדיג בלוט). און עס וועט בעשאַפען ווערען אַ נייער הימעל (ווייל דער אַלטער איז שוין אין גאַנצען דורכגעלעבערט דורך די געשרייען פון די אונטערדריקטע),

און די פעלקער וועלען פון זייערע שווערדען מאַכען אַקער־אייזענס און פון זייערע שפּיזען — שנייד־מעסערס. עס וועט ניט אויפהויבען אַ פאָלק אויף אַ פאָלק זיין שווערד און מען וועט ניט לערנען קיין קריעג, און די ערד וועט ווערען פול מיט וויסענשאַפט ווי וואַסער אין דעם ים...

די אַלטע אייביגע נבואה! דער אַלטער, אייביג יונגער אידישער אידעאַל פון פעלקער־פרייהייט און פעלקער־פערברידערונג! עס בייטען זיך פּראָגראַמען און טאַקטיקען. עס ווערען פערוואָרפען אַלטע וועגען און אויסגעפונען נייע — אָבער ער בלייבט פאַר אונז די צענטראַל־זון, אַרום וועלכער עס דרעהען זיך אַלע געדאַנקען, אַלע סיסטעמען. אַט דעם אידעאַל מוז מען תמיד האַלטען אין זיין גאַנצער ריינקייט...

אַט דער אידעאַל איז דער אייגענטליכער ענד־ציעל פונ'ם ציוניזם, ניט דער אָפיציעל־פאַרטיינער, וואָס איז געבוירען געוואָרען אונטער איין פּאָליטישער קאָנסטעלאַציע און וועט אָבשטאַרבען אונטער אַן אַנדערער. אָבער אויך די וועגען צו זיין פערווירקליכונג מוזען אין זייער חשיבות שטעהן ניט ניעדריגער פאַר דעם אידעאַל גופא. און איך בין שטאַרק מסופק אויב דיפּלאָמאַטישע אָבמאַכונגען מיט דעם טערקישען סולטאַן, אונטערגעחתמה'ט מיט אַ פּאָר „נאום'ס“ פון געקרוינטע הויפען, זענען דער חשוב'סטער וועג פאַר די תלמידים פון ישעיה הנביא...

מען האָט נאָרדוי אַ נאָמען געגעבען דעם ירמיהו פון אונזער יאָהרהונדערט. מיט אַ סך זייטען פון זיין טהעטיגקייט, — דער הויפּט מיט זיינע קאָנגרעס־בעריכטען וועגען דער לאַגע פון דעם אידישען פאָלק, — האָט ער דעם טיטעל אפשר פערדיענט.

אָבער אַ ביסעל מעהר „ישעיה“ וואָלט איהם געווים ניט געשאַדט...

אַ ביסעל מעהר „ישעיה“ איז איצטער [illegible] אַלעמען נויטיג. עס מעג בלאָזען ווי קאַלט דער שאַרפער שניידענדער ווינד, עס מעג ווערען ווי געדיכט דער חושך אַרום און אַרום, — ליכט און וואַרימקייט שטראַהלען עד היום פון ישעיה'ס נבואה, און ביי וועמען זי לעבט אין האַרצען, יענער קאָן אויסשטעהן די פראָסטיגסטע קעלט, יענעם וועט ניט שרעקן די פינסטערסטע נאַכט.